Schnirele, Perele, gilderne Fohn,
Moschiach ben-Dowid sitzt eiben on;
Halt er a Becher in rechten Hand,
Macht er a Broche iber die ganze Land.

Omein w'omein dos is wohr,
Moschiach wet kummen haintigen Johr.
Wet er kummen zuraiten,
Welen mir hoben gute Zaiten.
Wet er kummen zufohren,
Welen mir hoben gute Johren.
Wet er kummen zugeihn,
Welen mir alle in Erez-Jissroel ain-steihn.

Д. Г. Гальпернъ (Виленск. губ.).

№ 12.

Варіантъ:

מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד זִיצְט אוֹיבְּן אָן,
אִין גָאלְד אוּנ אִין זִילְבֶּער אָנְגֶעטָאהְן.

עֶר הַאלְט אַ בֶּעכֶער אִין דִי רֶעכְטֶע הַאנְד,
מַאכְט עֶר אַ בְּרָכָה אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע לַאנְד.

אָמֵן וְאָמֵן דָאס אִיז וָואהְר:
דִי גְאוּלָה וֶועט קוּמֶען הַיינְטִיגֶען יָאהְר;

וֶועט זִי קוּמֶען צוּ רַייטֶען,
וֶועלֶען מִיר הָאבֶּען גוּטֶע צַייטֶען.

וֶועט זִי קוּמֶען צוּ פָאהְרֶען,
וֶועלֶען מִיר הָאבֶּען גוּטֶע יָאהְרֶען.

Moschiach ben Dowid sitzt eibn on,
In Gold un in Silber ongethon.

Er halt a Becher in die rechte Hand,
Macht er a Broche iber die ganze Land.

Omein w'omein, dos is wohr:
Die G'ule wet kummen haintigen Johr.

Wet sie kummen zuraiten,
Welen mir hoben gute Zaiten.

Wet sie kummen zufohren,
Welen mir hoben gute Johren.

№ 12.

װעט זי קומען צו געהן,	Wet sie kummen zugeihn,
װעלען די מתים אויף שטעהן.	Welen die Meissim aufsteihn.
מיר װעלען קיין ארץ ישראל געהן	Mir welen kain Erez-Jissroel geihn,
ובא לציון גואל ונאמר אמן!	Uwo l'Zion Geieil w'neimar omein!

А. Д. Пикъ и В. М. Кассель. (Ковенск. губ.).

№ 13.

Второй варіантъ:

אמן ואמן, דאס איז װאהר:	Omein w'omein, dos is wohr:
משיח װעט קומען הײנטיגען יאהר.	Moschiach wet kummen haintigen Johr.
משיח װעט קומען צו רײטען,	Moschiach wet kummen zu raiten,
װעלען זײן גוטע צײטען.	Welen sain gute Zaiten.
משיח װעט קומען צו פאהרען,	Moschiach wet kummen zufohren,
װעלען זײן גוטע יאהרען.	Welen sain gute Johren.
משיח װעט קומען אויף א װײסען פערד,	Moschiach wet kummen auf a waissen Ferd,
װעלען אלע מתים אויפשטעהן פון דער ערד.	Welen alle Meissim aufsteihn vun der Erd.
משיח װעט קומען צו געהן,	Moschiach wet kummen zugeihn,
װעט תחית המתים אויפשטעהן.	Wet Tchiass-hameissim aufsteihn.

А. Рейзинъ (Ковна).

№ 14.

אין מיט'ן װעג שטעהט א בוים	In mitten Weg steiht a Beim
און האט זיך איין געבויגען;	Un hot sich aingebeigen;
פאהרט איין איד קיין ארץ ישראל	Fohrt ain Jid kain Erez-Jissroel
מיט פערװײנטע אויגען.	Mit verweinte Eigen.
גאט מײן גאט, גאט מײן גאט!	Gott main Gott, Gott main Gott!
לאמיר דאװנען מנחה, —	Lomir dawnen Minche,—
בשעת מיר װעלען פאהרען קיין ארץ ישראל	Bischass mir welen fohren kain Erez-Jissroel,
װעט זײן א גרויסע שמחה!	Wet sain a greisse Ssimche!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 15.

אַבְרָהָם-וּנְיוּ, אַבְרָהָם-וּנְיוּ, אַבְרָהָם-וּנְיוּ,	Awrohom-unju, Awrohom-unju, Awrohom-unju,
סְטַארוּשֶׁעק 1) טִי נַאשׁ,	Staruschek [1]) ty nasch,
יִצְחָק-וּנְיוּ, יִצְחָק-וּנְיוּ, יִצְחָק-וּנְיוּ	Jizchok-unju, Jizchok-unju, Jizchok-unju,
דְיֶעדוּשֶׁעק 2) טִי נַאשׁ,	Djeduschek [2]) ty nasch,
יַעֲקֹב-וּנְיוּ, יַעֲקֹב-וּנְיוּ, יַעֲקֹב-וּנְיוּ	Jakow-uuju, Jakow-unju, Jakow-unju,
אָיְטְיֶעץ 3) טִי נַאשׁ, —	Oitjeż [3]) ty nasch,—
טְשֶׁעוָואזְשׁ ווִי נְיֶע פְּרָאסִיטְיֶע,	Tschewo-ż wy nje prossitje,
טְשֶׁעוָוא-זְשׁ ווִי נְיֶע פְּרָאסִיטְיֶע,	Tschewo-ż wy nje prossitje,
טְשֶׁעוָוא-זְשׁ ווִי נְיֶע פְּרָאסִיטְיֶע	Tschewo-ż wy nje prossitje
פַּאנַא בּוּגַא זַא נַאס?	Pana Buga sa nas?
זְשֶׁעבּ-נַאשׁוּ חַאטְקוּ ווִיסְטְרָאִילִי,	Żeb naschu Chatku wystroili,
נַאשׁוּ-בְּ זֶעמְלְיוּ ווִיקוּפִּילִי, 4)	Naschu-b Semlju wykupili, [4])
נַאס בִּי וְו' זֶעמְלְיוּ אָטְוָואדִילִי	Nas by w'Semlju otwodili,
וְו'-נַאשׁוּ זֶעמְלְיוּ נַאס, 5)	W'naschu Semlju nas, [5])
וְו'-נַאשׁוּ זֶעמְלְיוּ נַאס!	W'naschu Semlju nas!
משֶׁה-נְיוּ, משֶׁה-נְיוּ, משֶׁה-נְיוּ,	Moische-nju, Moische-nju, Moische-nju,
פַּאסְטוּשֶׁעק טִי נַאשׁ,	Pastuschek ty nasch,
אַהֲרֹן-נְיוּ, אַהֲרֹן-נְיוּ, אַהֲרֹן-נְיוּ,	Ahron-unju, Ahron-unju, Ahron-unju,
פַּאסְטִיר טִי נַאשׁ,	Pastyr ty nasch,
שְׁמוּאֵל-וּנְיוּ, שְׁמוּאֵל-וּנְיוּ, שְׁמוּאֵל-וּנְיוּ,	Schmuel-unju,Schmuel-unju,Schmuel-unju,
פְּרָאווִידְיֶעץ טִי נַאשׁ,	Prowidjez ty nasch,—
טְשֶׁעוָוא-זְשׁ ווִי נְיֶע פְּרָאסִיטְיֶע א. ז. וו.	Tschewo-ż wy nje prossitje etc.
דָוִד-וּנְיוּ, דָוִד-וּנְיוּ, דָוִד-וּנְיוּ,	Dowid-unju, Dowid unju, Dowid-unju,
קְרוּלִיק, 6) טִי-נַאשׁ.	Krulik [6]) ty nasch,
שְׁלֹמֹה-וּנְיוּ, שְׁלֹמֹה-וּנְיוּ, שְׁלֹמֹה-וּנְיוּ,	Schloim-unju, Schloim-unju, Schloim-unju,
מָאנְדְרִי טִי-נַאשׁ,	Mondry ty nasch,
. . . .	. . . .
טְשֶׁעוָוא-זְשׁ ווִי נְיֶע פְּרָאסִיטְיֶע א. ז. וו.	Tschewo-ż wy nje prossitje etc.

Варiанты:

1) דְיֶעדוּשֶׁעק.	[1]) Djeduschek.
2) סְטַארוּשֶׁעק.	[2]) Staruschek.
3) בַּאטְשְׁקָא.	[3]) Batschka.
4) נַאשׁוּ מַאטְקוּ אָסְווָאבָּאדִילִי.	[4]) Naschu Matke oswobudili.
5) לְאַרְצֵנוּ נַאשׁוּ.	[5]) L'arzeinu naschu.
6) פֶּעוְואוּשֶׁעק.	[6]) Pewuschek.

№ 15.

סינאק, סינאק, סינאק, סינאק,
חאטקא בענדא וויסטראיענא,
זעמלא בענדא וויקופיענא,
טי-זש וו' זעמליו אטוועדיעני,
באנדז מאנדר,
טשעקאי קאנצו, —
ונשירה שירה חדשה הללויה! 7)

Ssynok, Ssynok, Ssynok, Ssynok,
Chatka benda wystrojena,
Semlja benda wykupjena,
Ty w'Semlju otwedjeny,
Bondz mondr,
Tschekai konzu,
W'noschiro Schiro chadoscho Hallu-
joh! [7])

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).
И. Ю. Нейфахъ (Минскъ).

№ 16.

Варіантъ:

אברהם 1), אברהם, באטיקא נאש!
טשעם ניע חאדיש, טשעם ניע מאליש באגא
זא נאס, 2)
ליבא נאס וויפראסיטי, ליבא נאס וויזוואליטי,
ליבא נאס וויקופיטי 3)
לארצנו נאשו, לארצנו נאשו! 4)

יצחק, יצחק, מאליטיעל נאש 5)!
טשעם ניע חאדיש, טשעם ניע מאליש באגא
זא נאס,
ליבא נאס וויפראסיטי, ליבא נאס וויזוואליטי,
ליבא נאס וויקופיטי,
לארצנו נאשו, לארצנו נאשו!
יעקב, יעקב, פאסטוך נאש! 6)
טשעם ניע חאדיש, טשעם ניע מאליש באגא
זא נאס א. ז. וו.

Awraham, [1]) Awraham, Batjka nasch!
Tschem nje chodisch, tschem nje
molisch Boga sa nass, [2])
Libo nass wyprossity, libo nass wy-
swolity, libo nass wykupity [3])
L'arzeinu naschu, l'arzeinu naschu! [4])

Jizchok, Jizchok, Molitjelj [5]) nasch!
Tschem nje chodis, tschem nje mo-
lisch Boga sa nass.
Libo nass wyprossite, libo nass wy-
swolity, libo nass wukupity
L'arzeinu naschu, l'arzeinu naschu!
Jakow, Jakow, Pastuch [6]) nasch!
Tschem nje chodisch, tschem nje mo-
lisch Boga sa nass etc.

---

7) אך טי סינאק, סינאק, סינאק,
ניע פעטשאל-זשע סוואיע סערדצע!
מאטקא בענדזיע וויקופיאנא,
חאטקא בענדזיע וויסטראיאנא
ונאמר לפניו שירה חדשה הללויה!

Ach ty Ssynok, Ssynok. Ssynok,
Mje petschal-że swoie Sserdze!
Matka bendzie wykupiana,
Chatka bendzie wystrojana,
W'neimar lfonow Schiro chadoscho Hallujoh!

Варіанты:

1) אברהם־וניו.
2) פאטשעמו ניע פראסיש, פאטשעמו ניע פראסיש באגא
זא נאס?
3) אליבא נאס וויקופיטי, אליבא נאס וויפראסיטי.
4) לארצנו נאס, לארצנו נאס!
5) באטיקא.
6) באטיקא.

[1]) Awrohom-unju.
[2]) Potchemu nje prossisch, potschemu nje pro-
ssisch Boga sa nass?
[3]) Aljbo nas wykupiti, aljbo nas wyprossiti.
[4]) L'arzeinu nas, l'arzeinu nas!
[5]) Batjka.
[6]) Batjka.

№ 16.

רחל, רחל, מאטי נאשא !
טשעם ניע חאדיש, טשעם ניע פראסיש
באגא זא נאס א. ז. וו.

Rachilj, Rachilj, Matj nascha!
Tschem nje chodisch, tschem nje-
molisch Boga sa nass etc.

В. Юсинъ (Подольск. губ.).
С. М. Дубновъ (Одесса).

№ 17.

אך טי רבונו של עולם,
זאטשעם טי ניע סמאטריש,
זאטשעם טי ניע ווידיש
מר גלותנו, מר גלותנו !
— מר גלותנו פערעבודיעם, } BIS
לארצנו פארט פאידיאם ! }
פאידיאם לארצנו,
ושם נאידיאם אדוננו,
ושם נאידיאם בוראנו,
ושם נאידיאם גואלנו !
— סינקו, סינקו, ניע ביעדוי,
סוואיע סערדצע ניע זאפסוי !
בענדזע מאטקא וויקופליאנא,
בענדזע חאטקא וויבודאוואנא,
באנדזי מאנדרי, פאטשאי קאנצא !

Ach Ty Ribeinei schel Eilom,
Satschem Ty nje smotrisch,
Satschem Ty nje widisch
Mar Golusseinu, Mar Goulsseinu!
—Mar Golusseinu—perebudjem,(bis
L'arzeinu fort poidjom! (
Poidjom l'arzeinu,
W'schom naidjom Adeineinu,
W'schom naidjom Beir'einu,
W'schom naidjom Geialeinu!
—Ssynku, Ssynku, nje bjedui,
Sswoje Sserdze nje sapssui!
Bendsje Matka wykupliana,
Bendsje Chatka wybudowana,
Bondsj mondry, patschai Końza!

אך טי רבונו של עולם,
זאטשעם טי ניע סמאטריש,
זאטשעם טי ניע ווידיש
מר גלותנו, מר גלותנו !
— מר גלותנו פערעבודיעם, } BIS
לארצנו פארט פאידיאם ! }
פאידיאם לארצנו,
ושם נאידיאם דודנו,
ושם נאידיאם הדרתנו,
ושם נאידיאם ועודנו !
— סינקו, סינקו א. ז. וו.

Ach Ty Ribeinei schel Eilom,
Satschem Ty nje ssmotrisch,
Satschem Ty nje widisch
Mar Golusseinu, Mar Golusseinu!
—Mar Golusseinu perebudjem,(bis
L'arzeinu fort poidjom! (
Poidjom l'arzeinu,
W'schom najdjom Dejdejnu,
W'schom naidjom Hadrosseinu,
W'schom naidjom Wiudeinu!
—Ssynku, Ssynku etc.

אך טי רבונו של עולם א. ז. וו.
— מר גלותנו א. ז. וו.
פאידיאם לארצנו,
ושם נאידיאם זבולנו,
ושם נאידיאם חכמינו,
ושם נאידיאם טהרנו !
— סינקו, סינקו א. ז. וו.

Ach ty Ribeinei schel Eilom etc.
—Mar Golusseinu etc.
Poidjom l'arzeinu,
W'schom naidjom Swuleinu,
W'schom naidjom Chachomeinu,
W'schom naidjom Tohoreinu!
—Ssynku, Ssynku etc.

№ 17.

אַךְ טִי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם א. ז. וו.
— מַר גָּלוּתֵנוּ א. ז. וו.
פָּאִידְיָאם לְאַרְצֵנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם יְעוּדֵנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם כְּבוֹדֵנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם לִמּוּדֵנוּ !
סִינְקוּ , סִינְקוּ א. ז. וו.

אַךְ טִי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם א. ז וו.
— מַר גָּלוּתֵנוּ א. ז. וו.
פָּאִידְיָאם לְאַרְצֵנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם מַלְכֵּנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם נִזְרֵנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם סְגוּלָּתֵנוּ !
— סִינְקוּ , סִינְקוּ א. ז. וו.

אַךְ טִי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם א. ז. וו.
— מַר גָּלוּתֵנוּ א. ז. וו.
פָּאִידְיָאם לְאַרְצֵנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם עֻזֵּנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם פְּאֵרֵנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם צִדְקָתֵנוּ !
— סִינְקוּ , סִינְקוּ א. ז. וו

אַךְ טִי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ,
נַאטְשֶׁעם טִי נְיֶע סְמָאטְרִישׁ ,
נַאטְשֶׁעם טִי נְיֶע ווִידִישׁ
מַר גָּלוּתֵנוּ , מַר גָּלוּתֵנוּ !

BIS { — מַר גָּלוּתֵנוּ פֶּערֶעבּוּדְיֶעם ,
לְאַרְצֵנוּ פָאְרט פָּאִידְיָאם !

פָּאִידְיָאם לְאַרְצֵנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם קְדֻשָּׁתֵנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם רוֹעֵנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם שֹׂגְבֵנוּ ,
וְשָׁם נַאִידְיָאם תִּפְאַרְתֵּנוּ !
סִינְקוּ , סִינְקוּ , נְיֶע בְּיֶעדוּי ,
סְוָואיֶע סֶערְדְצֶע נְיֶע זַאפְּסוּי !
בֶּענְדְזֶע מַאטְקָא ווִיקוּפְּלְיַאנַא ,
בֶּענְדְזֶע חַאטְקָא ווִיבּוּדָאוַואנַא ,
בָּאנְדְז מָאנְדְרִי , פַּאטְשַׁאי קָאנְצַא !

Ach Ty Ribeinei schel Eilom etc.
—Mar Golusseinu etc.
Poidjom l'arzeinu,
W'schom naidjom Jeiudeinu,
W'schom naidjom Kweideinu,
W'schom naidjom Limudeinu!
—Ssynku, Ssynku etc.

Ach Ty Ribeinei schel Eilom etc.
—Mar Golusseinu etc.
Poidjom l'arzeinu,
W'schom naidjom Malkeinu,
W'schom naidjom Nisreinu,
W'schom naidjom Sgulosseinu!
—Ssynku, Ssynku etc.

Ach ty Ribeinei schel Eilom etc.
—Mar Golusseinu etc.
Poidjom l'arzeinu,
W'schom naidjom Useinu,
W'schom naidjom Peeireinu,
W'schom naidjom Zidkosseinu,
—Ssynku, Ssynku etc.

Ach Ty Ribeinei schel Eilom etc.
Satschem Ty nie ssmotrisch,
Satschem Ty nje widisch
Mar Golusseinu, Mar Golusseinu!
—Mar Golusseinu perebudjem, (bis
L'arzeinu fort poidjom! (
Poidjom l'arzeinu,
W'schom naidjom Kduschosseinu,
W'schom naidjom Reieinu,
W'schom naidjom Ssigweinu,
W'schom naidjom Tifarteinu!
—Ssynku, Ssynku, nje bjedui,
Swoje Sserdze nje sapsui!
Bendsie Matka wykupliana,
Bendsie Chatka wybudowana,
Bonds mondri, patschai Końza!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ).

№ 18.

אדיר אלהינו, אדירה התורה,
אדירה התורה שקבלו ישראל,
שקבלו ישראל מפי הגבורה
עורו נא, עורו נא אחינו,
שמחת התורה מאדונינו!
על זאת אנו מחכים,
ועל זאת אנו מצפים,
ועל זאת אנו מקוים.
ווען זשע וועט דאס זיין?
במהרה בימינו!
דורך וועמען וועט דאס זיין?
דורך משיח צדקנו!
וואס וועט ער אונז מבשר זיין?
יבוא בן דוד גואלנו!
וואס וועט דאמאלס זיין?
ונשוב לירושלים עיר קדשנו!

היינט וואס וועט דאמאלס זיין?
יום גילה, יום דיצה, יום רנה!
טא שרייט זשע, ברידערלעך:
גילה, דיצה, חדוה רנה,
הללויה!

Adir Eleiheinu, adiro ha-Teiro,
Adiro ha-Teiro schekiblu Jissroeil,
Schekiblu Jissroeil mipi ha-Gwuro
Uru no, uru no, Acheinu,
Simchas ha-Teiro mei-Adeineinu!
Al seis onu mchakim,
W'al seis onu mzapim,
W'al seis onu mkawim,
Wenn-że wet dos sain?
Bimheiro bejomeinu!
Durch wemen wet dos sain?
Durch Moschiach Zidkeinu!
Wos wet er uns mwasseir sain?
Jowei ben-Dowid Geialeinu!
Wos wet damols sain?
W-noschuw l'Jruscholaim Ir-Kodscheinu!

Haint wos wet damols sain?
Jeim Gilo, Jeim Dizo, Jeim Rino!
To schrait-że, Briderlach:
Gilo, Dizo, Chedwo, Rino,
Hallujoh!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 19.

אמר ה' ליעקב,
— יע, פאטער, יע!
אל תירא עבדי יעקב.
— ניין פאטער ניין,
איך האב פאר קיינעם קיין מורא ניט,
נאר פאר גאט אליין! 1)

אמר ה' ליעקב,
— טאק, טאק, טאק!
אל תירא עבדי יעקב,
ניע פוגאיסא, בארין יעקב.
— ניעט, ניעט, ניטשעווא,
ניע באיוסא ניקאווא,
טאלקא באגא אדנאווא!

Omar Adeinoi l'Jakow,
—Je, Voter, je!
Al tiro Awdi Jakow.
—Nein, Voter, nein,
Ich hob var keinem kein Meire nit,
Nor var Gott allein! 1)

Omar Adeinoi l'Jakow,
—Tak, tak, tak!
Al tiro Awdi Jakow,
Nje pugaissja, Barin Jakow.
—Njet, njet, nitschewo,
Nje bojussja nikowo,
Toljko Boga odnowo!

---

1) איך האב ניט מורא ניט פאר קיינעם.
נאר פאר גאט איינעם,
נאר פאר גאט אליין!
ניעט, ניעט, ניטשעווא,
ניע באיוס יא ניקאווא,
טאלקא באגא אדנאווא!

1) Ich hob nit Meire nit var keinem,
Nor var Gott einem,
Nor var Gott allein!
Njet, njet, nitschewo,
Nje bojuss ja nikowo,
Toljko Boga odnowo!

№ 19.

בָּחַר ה׳ בְּיַעֲקֹב ,	Bochar Adeinoi b'Jakow,
— יֶע , פָּאטֶער , יֶע !	—Je, Voter, je!
אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב	Al tiro Awdi Jakow,
— נַיין , פָּאטֶער , נַיין א. ז. וו.	—Nein, Voter, nein etc.
בָּחַר ה׳ בְּיַעֲקֹב א. ז. וו.	Bochar Adeinoi b'Jakow etc.
נְיֶע פּוּגַאִיְסַא א. ז. וו.	Nje pugaissja etc.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
А. Козьбо (Шкуды, Ковенск. губ.).

№ 20.

פַאר וָואס זָאלְען מִיר זָארְגֶען ,	Far wos sollen mir sorgen,
וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְז מָארְגֶען ?	Wos wet sain mit uns morgen?
לָאמִיר בֶּעסֶער פַארְרֶעכְטֶען,	Lomir besser varrechten,
וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט נֶעכְטֶען !	Wos mir hoben gesindigt nechten!
נִישְׁט זָארְגֶען אוּנ נִישְׁט טוּהְן אַ קְרֶעכְץ,	Nischt sorgen un nischt thun a Krechz,
נָאר גָאט דִינֶען, וֶועלֶען מִיר נִישְׁט וִויסֶען פוּן שְׁלֶעכְט !	Nor Gott dienen, welen mir nischt wissen vun Schlecht's!

А. Л. Ліонъ (Коцкъ, Сѣдл. губ.).

№ 21.

וְואוּ נֶעמְט מֶען קַארְגֶע מֶעהְל,	Wu nehmt men karge Mehl,
אַף צוּ בַּאקֶען בְּרוֹיט ?	Af zu backen Breit?
וָוער וֶועט בָּארְגֶען,	Wer wet borgen,
וֶוער וֶועט לַייהֶען,	Wer wet laihen,
וָוער וֶועט קְנֶעטֶען,	Wer wet kneten,
וֶוער וֶועט בַּאקֶען ? —	Wer wet backen?—
עֶס אִיז נִיטָא קֵיין גֶעלְד !	Es is nito kein Geld!
אַי, מִי וֶועט בָּארְגֶעז,	Ai, mi wet borgen,
מִי וֶועט לַייהֶען,	Mi wet laihen,
מִי וֶועט קְנֶעטֶען,	Mi wet kneten,
מִי וֶועט בַּאקֶען, —	Mi wet backen,—
עֶס אִיז דָא אַ גָאט,	Es is do a Gott,
וָואס וֶועט גֶעבֶּען גֶעלְט,	Wos wet geben Geld,
אוּנ גְרוֹיפֶּען אוֹיךְ !	Un Graupen auch!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 22.

אַתָּה הוּא,
גֶעלױבְּט בִּיזְסְטוּ!
נִיט צוּ קֶענֶען (BIS)
דֶעם מֶענְטְשֶׁען, (BIS)
װֶער עֶס נֶעמְט דָאס צוּ.
גָאט אִיז אַ הַארְר,
דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ נַארְר.
אַז עֶס גֶעהְט אִיהְם נִיט (BIS)
זַיין פַּרְנָסָה, (BIS)
אִיז עֶר זִיךְ מְצַעֵר. (BIS)
גֶעהְט עֶר אִין גַאס,
שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ זָארְגֶען.
גֶעהְט עֶר (BIS)
צְװִישֶׁען דִי קְרָאמֶען, (BIS)
קְרִיגְט עֶר נִיט צוּ בָּארְגֶען.
קוּמְט עֶר אַ הֵיים,
זָאגְט עֶר אַזױ:
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם,
אָדֶער גִיבּ מִיר נַחַת,
אָדֶער גִיבּ מִיר פְרֵייד,
אָדֶער גִיבּ מִיר
אַ גְרִינְגֶען לֶעבֶּען,
אָדֶער אַ זִיסֶען טוֹידְט!

Ato hu,
Geleibt bistu!
Nit zu kennen (bis)
Dem Mentschen, (bis)
Wer es nehmt dos zu. (bis)
Gott is a Harr,
Der Mentsch is a Narr.
As es geiht ihm nit (bis)
Sain Parnosse, (bis)
Is er sich 'mzár. (bis)
Geiht er in Gass,
Stellt er sich sorgen.
Geiht er (bis)
Zwischen die Kromem, (bis)
Kriegt er nit zu borgen. (bis)
Kummt er aheim,
Sogt er asei:
Ribeinei-schel-Eilom,
Oder gib mir Nachas,
Oder gib mir Freid,
Oder gib mir
A gringen Leben,
Oder a sissen Teit!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.)

№ 23.

װֶער מִיר זַיינֶען, זַיינֶען מִיר,
אָבֶּער אִידֶען זַיינֶען מִיר;
װָאס מִיר טוּהֶען, טוּהֶען מִיר,
אָבֶּער אֶתְרוֹג בֶּענְטְשֶׁען מִיר.

Wer mir sainen, sainen mir,
Ober Jiden sainen mir;
Wos mir thuen, thuen mir,
Ober Essroig bentschen mir.

װֶער מִיר זַיינֶען, זַיינֶען מִיר,
אָבֶּער אִידֶען זַיינֶען מִיר;
װָאס מִיר טוּהֶען, טוּהֶען מִיר,
אָבֶּער בְּרָכוֹת זָאגֶען מִיר.

Wer mir sainen, sainen mir,
Ober Jiden sainen mir;
Wos mir thuen, thuen mir,
Ober Broches sogen mir.

װֶער מִיר זַיינֶען, זַיינֶען מִיר,
אָבֶּער אִידֶען זַיינֶען מִיר;
װָאס מִיר טוּהֶען, טוּהֶען מִיר,
אָבֶּער גָאט דִינֶען מִיר.

Wer mir sainen, sainen mir,
Ober Jiden sainen mir;'
Wos mir thuen, thuen mir,
Ober Gott dienen mir.

װֶער מִיר זַיינֶען א. ז. װ.
װָאס מִיר טוּהֶען א. ז. װ.
אָבֶּער דַאװְנֶען, דַאװְנֶען מִיר.

Wer mir sainen etc.
Wos mir thuen etc.
Ober Dawnen, dawnen mir.

№ 23.

וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶּער הוֹשַׁעְנוֹת זָאגֶען מִיר.	Ober Heischanes sogen mir.
וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶּער וִדוּי זָאגֶען מִיר.	Ober Widui sogen mir.
וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶּער זְמִירוֹת זִינְגֶען מִיר.	Ober Smires singen mir.
וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶּער חֲנֻכָּה-לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען מִיר.	Ober Chanuke-licht bentschen mir.
וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶּער טַלֵּיתִים טְרָאגֶען מִיר.	Ober Taleissim trogen mir.
וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶּער יוֹם כִּפּוּר פַאסְטֶען מִיר.	Ober Jom-kipur fasten mir.
וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶּער כַּפָּרוֹת שְׁלָאגֶען מִיר.	Ober Kapores schlogen mir.
וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶּער לֶערְנֶען, לֶערְנֶען מִיר.	Ober lernen, lernen mir.
וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶּער מַצָּה עֶסֶען מִיר.	Ober Maze essen mir.
וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶּער נְדָבוֹת גִיבֶּען מִיר.	Ober Ndowes giben mir.
וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶּער אִין סֻכָּה זִיצֶען מִיר;	Ober in Ssuke sitzen mir.
וָוער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc,
אָבֶּער עֲרָבוֹת, הַאלְטֶען מִיר.	Ober Arowes halten mir.

№ 23.

ווֶער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶער פֶּסַח הִיטֶען מִיר.	Ober Peissach hitten mir.
ווֶער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶער צִיצִית טְרָאגֶען מִיר.	Ober Zizis trogen mir.
ווֶער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶער קְדוּשָׁה זָאגֶען מִיר;	Ober Kduscho sogen mir.
ווֶער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶער רֹאשׁ-הַשָּׁנָה הַאלְטֶען מִיר.	Ober Rosch-haschono halten mir.
ווֶער מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wer mir sainen etc.
וָואס מִיר טוּהֶען א. ז. וו.	Wos mir thuen etc.
אָבֶער שַׁבָּת רוּהֶען מִיר.	Ober Schabes ruhen mir.
ווֶער מִיר זַיינֶען, זַיינֶען מִיר.	Wer mir sainen, sainen mir,
אָבֶער אִידֶען זַיינֶען מִיר;	Ober Jiden sainen mir;
וָואס מִיר טוּהֶען, טוּהֶען מִיר,	Wos mir thuen, thuen mir,
אָבֶער תְּפִלִּין טְרָאגֶען מִיר.	Ober Tfilin trogen mir.

М. З. Левинъ (Новоалекс., Ковенск. губ.).

№ 24.

Варіантъ:

וָואס מִיר זַיינֶען, זַיינֶען מִיר,	Wos mir sainen, sainen mir,
אָבֶער אִידֶען זַיינֶען מִיר;	Ober Jiden sainen mir;
וָואס מִיר טוּהֶען, טוּהֶען מִיר	Wos mir thuen, thuen mir,
אָבֶער אִידֶעשְׁקֵייט הַאלְטֶען מִיר.	Ober Jidischkait halten mir.
וָואס מִיר זַיינֶען, זַיינֶען מִיר,	Wos mir sainen, sainen mir,
אָבֶער אִידֶען זַיינֶען מִיר;	Ober Jiden sainen mir;
וָואס מִיר טוּהֶען, טוּהֶען מִיר,	Wos mir thuen, thuen mir,
אָבֶער בְּרָכוֹת בֶּענְטְשֶׁען מִיר.	Ober Broches bentschen mir.
וָואס מִיר זַיינֶען, זַיינֶען מִיר,	Wos mir sainen, sainen mir,
אָבֶער אִידֶען זַיינֶען מִיר;	Ober Jiden sainen mir;
וָואס מִיר טוּהֶען, טוּהֶען מִיר,	Wos mir thuen, thuen mir,
אָבֶער גְּמָרָא לֶערְנֶען מִיר.	Ober Gemore lernen mir.

№ 24.

וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער דַאוְונֶען, דַאוְונֶען מִיר,	Wos mir sainen etc. Ober dawnen, dawnen mir,
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער הוֹשַׁעְנוֹת שְׁלָאגֶען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Heischanes schlogen mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער וִדּוּי זָאגֶען מִיר;	Wos mir sainen etc. Ober Widui sogen mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער זְכִיּוֹת הָאבֶּען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Sochjes hoben mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער חֶסֶד טוּהֶען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Chessed thuen mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער טוֹבוֹת טוּהֶען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Teiwes thuen mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער יַשְׁרָנוּת צֵייגֶען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Jaschronus zaigen mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער כַּפָּרוֹת שְׁלָאגֶען מִיר.	Wos mir sainen, sainen mir, Ober Kapores schlogen mir,
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער לוּלָב שָׁאקְלֶען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Lulow schoklen mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער מִצְוֹת קֵויפֶען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Mizwes keifen mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער נְדָבוֹת גֶעבֶּען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Ndowes geben mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער אִין סֻכָּה זִיטְצֶען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober in Ssuke sitzen mir.
. . . .	. . . .
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער צִיצִית קוּשֶׁען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Zizis kussen mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער קִדּוּשׁ מַאכֶען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Kidusch machen mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער רֹאשׁ-הַשָּׁנָה הַאלְטֶען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Rosch-haschono halten mir.
וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו. אָבֶּער שַׁבָּת הַאלְטֶען מִיר.	Wos mir sainen etc. Ober Schabes halten mir.

№ 24.

וָואס מִיר זַיינֶען א. ז. וו.	Wos mir sainen etc.
אָבֶּער תּוֹרָה לֶערְנֶען מִיר . (1	Ober Teire lernen mir. [1])

Д. Г. Гальпернъ (Газенпотъ, Курляндск. губ.).

См. юмористическую передѣлку этой пѣсни, помѣщ. подъ № 366.

№ 25.

לָאמִיר אָנְהֵייבֶּען צוּ דֶערְצֵיילֶען	Lomir onheiben zuderzeilen
דִי מַעֲלוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע אִידֶען .	Die Maile vun unsere Jiden.
דִי עֶרְסְטֶע מַעֲלָה אִיז :	Die erste Maile is:
אוֹם אֲנִי חוֹמָה .	Eim ani Cheimo.
דִי צְוֵוייטֶע מַעֲלָה אִיז :	Die zweite Maile is:
בָּרָה כַּחַמָּה .	Boro ka-Chamo.
אַי, חָאטְשׁ, חָאטְשׁ, חָאטְשׁ	Ai, chotsch, chotsch, chotsch
גּוֹלָה וְסוּרָה,	Geilo w'ssuro,
פָּארְט, פָּארְט, פָּארְט	Fort, fort, fort
דָּמְתָה לְתָמָר .	Domsso l'Ssomor.
אָבֶּער אַ מַעֲלָה, ווידֶער אַ מַעֲלָה :	Ober a Maile, wieder a Maile:
הֲרוּגָה עָלֶיךָ וְנֶחֱשֶׁבֶת כְּצֹאן טִבְחָה .	Harugo olecho w'nechschewes k'-Zein Tiwcho.
חָאטְשׁ, חָאטְשׁ מִיר זַיינֶען דָאךְ	Chotsch, chotsch mir sainen doch
זְרוּעָה בֵּין מַכְעִיסֶיהָ ,	Sruo bein Mach'isseho,
דָאךְ, דָאךְ זַיינֶען מִיר דָאךְ	Doch, doch sainen mir doch
חֲבוּקָה וּדְבוּקָה בָּךְ .	Chawuko udwuko boch.
אָבֶּער אַ מַעֲלָה, ווידֶער אַ מַעֲלָה א. ז. וו.	Ober a Maile, wieder a Maile etc.
אַי חָאטְשׁ, חָאטְשׁ א. ז. וו.	Ai, chotsch, chotsch etc.
פָּארְט, פָּארְט א. ז. וו.	Fort, fort, etc.
פוּן וֶועמֶען שְׁטַאמֶען זַיי ?	Vun wemen stammen sei?
פוּן קְהִלּוֹת יַעֲקֹב !	Vun Khilos Jakow!
ווִי חַתְמֶ'ענֶען זַיי ?	Wie chasmenen sei?
רְשׁוּמִים בְּשִׁמְךָ !	Rschumim bischmecho!
וָואס שְׁרַייעֶן זַיי ?	Wos schraien sei?
שׁוֹאֲגִים הוֹשַׁע נָא !	Scheiagim heischano!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
І. Л. Раввинскій (Годячъ, Полтавск. губ.).

---

[1]) Кромѣ приведеннаго, существуетъ нѣсколько другихъ варіантовъ этой пѣсни; последняя въ нѣкоторыхъ мѣстностяхъ распѣвается при סיום, а также въ праздникъ שמחת תורה.

№ 26.

ניט קיין אידעשקייט, ניט קיין געלד,
וואס-זשע לעבט מען אף דער וועלט?
ניט קיין ברכות, ניט קיין געלט,
וואס-זשע ברויכט מען גאר די וועלט?

Nit kain Jidischkait, nit kain Geld,
Wos-że lebt men af der Welt?
Nit kain Broches, nit kain Geld,
Wos-że braucht men gor die Welt?

ניט קיין גדלות, ניט קיין געלד,
וואס-זשע גײהט מען אף דער וועלט?
ניט קיין דעת, ניט קיין געלד,
וואס-זשע דארף מען די וועלט?

Nit kain Gadl'us, nit kain Geld,
Wos-że geiht men af der Welt?
Nit kain Daas, nit kain Geld,
Wos-że darf men die Welt?

ניט קיין הכנסות, ניט קיין געלד,
וואס-זשע הארעוועט מען אף דער וועלט?
ניט קיין ודוי, ניט קיין געלד,
וואס-זשע וואלגערט מען זיך אף דער וועלט?

Nit kain Hachnosses, nit kain Geld,
Wos-że horewet men af der Welt?
Nit kain Widui, nit kain Geld,
Wos-że walgert men sich af der Welt?

ניט קיין זכיות, ניט קיין געלד,
וואס-זשע זארגט מען אף דער וועלט?
ניט קיין חכמות, ניט קיין געלד,
וואס-זשע חאפט מען די וועלט?

Nit kain S'chijöis, nit kain Geld,
Wos-że sorgt men af der Welt?
Nit kain Chochmes, nit kain Geld,
Wos-że chapt men die Welt?

ניט קיין טהרות, ניט קיין געלד,
וואס-זשע טוהט מען אף דער וועלט?
ניט קיין יושר, ניט קיין געלד,
וואס-זשע יאגט מען זיך אף דער וועלט?

Nit kain Taharus, nit kain Geld,
Wos-że thut men af der Welt?
Nit kain Jeischer, nit kain Geld,
Wos-że jogt men sich af der Welt?

ניט קיין כשרות, ניט קיין געלד,
וואס-זשע קיילעט מען זיך אף דער וועלט?
ניט קיין למדנות, ניט קיין געלד,
וואס-זשע לעבט מען אף דער וועלט?

Nit Kaschrus, nit kain Geld,
Wos-że keilet men sich af der Welt?
Nit kain Lamdonus, nit kain Geld,
Wos-że lebt men af der Welt?

ניט קיין מדות, ניט קיין געלד,
וואס-זשע מאטערט'ן זיך אף דער וועלט?
ניט קיין נדבנות, ניט קיין געלד,
וואס-זשע נארט מען זיך אף דער וועלט?

Nit kain Mides, nit kain Geld,
Wos-że mattert'n sich af der Welt?
Nit kain Nadwonus, nit kein Geld,
Wos-że narrt men sich af der Welt?

ניט קיין סבלנות, ניט קיין געלד,
וואס-זשע סארוועט מען זיך אף דער וועלט?

Nit kain Ssawlonus, nit kain Geld?
Wos-że Ssarwert men sich af der Welt?

ניט קיין עשר, ניט קיין געלד,
וואס-זשע עסק'ט מען אף דער וועלט?

Nit kain Eischer, nit kain Geld,
Wos-że eissekt men af der Welt?

ניט קיין פרות, ניט קיין געלד,
וואס-זשע פראוועט מען אף דער וועלט?
ניט קיין צדקה, ניט קיין געלד,
וואס-זשע צאפעלט מען זיך אף דער וועלט?

Nit kain Peires, nit kain Geld,
Wos-że prawet men af der Welt?
Nit kain Zdoke, nit kain Geld,
Wos-że Zappelt men sich af der Welt?

№ 26.

נִיט קֵיין קְדֻשָׁה, נִיט קֵיין גֶעלְד,	Nit kain Kdusche, nit kain Geld,
וָואס-זְשֶׁע קְוֶועלְט מֶען זִיךְ אַף דֶער וֶועלְט?	Wos-że quält men sich af der Welt?
נִיט קֵיין רַחֲמָנוּת, נִיט קֵיין גֶעלְד,	Nit kain Rachmones, nit kain Geld,
וָואס-זְשֶׁע רַייסְט מֶען זִיךְ אַף דֶער וֶועלְט?	Wos-że raisst men sich af der Welt?
נִיט קֵיין שֵׂכֶל, נִיט קֵיין גֶעלְד,	Nit kain Sseichel, nit kain Geld,
וָואס-זְשֶׁע שְׁמַייעֶט מֶען אַף דֶער וֶועלְט?	Wos-że schmajet men af der Welt?
נִיט קֵיין תּוֹרָה, נִיט קֵיין גֶעלְד,	Nit kain Teire, nit kain Geld,
וָואס-זְשֶׁע טוֹיג גָאר דִי וֶועלְט?	Wos-że teig gor die Welt?

Д. Г. Гальпернъ (Газенпотъ, Курляндск. губ.)

№ 27.

גֶעוַואלְד-זְשֶׁע, בְּרִידֶער,	Gewalt-że, Brider,
וָואס שְׁלָאפְט אִיהר?	Wos schloft ihr?
אֵיינְס-צְוַויי-דְרַיי-פִּיר;	Eins—zwei—drai—vier;
גֶעוַואלְד זְשֶׁע, בְּרִידֶער,	Gewalt-że, Brider,
וָואס שְׁלָאפְט אִיהר?	Wos schloft ihr?
אֵיינְס-צְוַויי-דְרַיי-פִּיר.	Eins—zwei—drai—vier.
סְ'אִיז שוֹין צַייט	Es is schoin Zait
צוּ גֵעהְן אִין מִקְוָה,	Zu geihn in Mikwe,
אֵיינְס-צְוַויי-דְרַיי-פִּיר.	Eins—zwei—drai—vier.
סְ'אִיז שוֹין צַייט	's is schoin Zait
צוּ גֵעהְן אִין מִקְוָה,	Zu geihn in Mikwe,
אֵיינְס-צְוַויי-דְרַיי-פִּיר.	Eins—zwei—drai—vier.
נִיט קֵיין מִקְוָה,	Nit kein Mikwe,
נָאר גֶעשְׁלָאפֶען;	Nor geschlofen;
טוּ וָואס זְשֶׁע טוֹיגְט אִיהְר	Tu wos-że teigt ihr
אַף דֶער וֶועלְט?	Af der Welt?
מִיט וָואס טְ'אִיהְר קוּמֶען	Mit wos't ihr kummen
אַף יֶענֶער וֶועלְט?	Af jener Welt?
גֶעוַואלְד זְשֶׁע בְּרִידֶער (bis)	Gewalt-że, Brider, (bis)
וָואס שְׁלָאפְט אִיהר? (bis)	Wos schloft ihr? (bis)
אֵיינְס-צְוַויי-דְרַיי-פִּיר.	Eins—zwei—drai—vier.
סְ'אִיז שוֹין צַייט (bis)	's is schoin Zait (bis)
צוּ זָאגֶען תְּהִלִּים, (bis)	Zu sogen Thilim, (bis)
אֵיינְס-צְוַויי-דְרַיי-פִּיר.	Eins—zwei—drai—vier.

ניט ־קיין תְּהִלִּים,	Nit kein Thilim,
ניט קיין מִקְוָה,	Nit kein Mikwe,
ניט קיין מִקְוָה,	Nit kein Mikwe,
נָאר גֶעשְׁלָאפֶען;	Nor. geschlofen;
טוּ וָואס זְשֶׁע טוֹיגט אִיהר	Tu wos-że teigt ihr
אַף דֶער וָועלְט?	Af der Welt?
מִיט וָואס טְ'אִיהְר קוּמֶען	Mit wos't ihr kummen
אַף יֶענֶער וָועלְט?	Af jener Welt?
גֶעוַואלְד זְשֶׁע בְּרִידֶער א. ז. וו.	Gewalt—że, Brider, etc,
bis { ס'אִיז שׁוֹין צייט	's is schoin Zait (bis
צוּ גֶעהְן דאוְונֶען, }	Zu geihn dawnen, (
אֵיינְס-צְוַויי-דְרַיי-פִיר.	Eins—zwei—drai—vier.
ניט קיין דאוְונֶען,	Nit kein Dawnen,
ניט קיין תְּהִלִּים,	Nit kein Thilim,
ניט קיין תְּהִלִּים א. ז. וו.	Nit kein Thilim etc.
גֶעוַואלְד זְשֶׁע בְּרִידֶער א. ז. וו.	Gewalt-że, Brider, etc.
bis { ס'אִיז שׁוֹין צייט	's is schoin Zait (bis
צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא }	Zu lernen Mikre, (
אֵיינְס-צְוַויי-דְרַיי-פִיר.	Eins—zwei—drai—vier
ניט ־קיין מִקְרָא,	Nit kein Mikre,
ניט ־קיין תְּהִלִּים,	Nit kein Thilim,
ניט קיין תְּהִלִּים א. ז. וו.	Nit kein Thilim etc.
גֶעוַואלְד זְשֶׁע בְּרִידֶער א. ז. וו.	Gewalt-że, Brider, etc.
bis { ס'אִיז שׁוֹין צייט	's is schoin Zait (bis
צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָה }	Zu lernen Mischne, (
אֵיינְס-צְוַויי-דְרַיי-פִיר.	Eins—zwei—drai—vier.
ניט ־קיין מִשְׁנָה,	Nit kein Mischne,
ניט ־קיין מִקְרָא,	Nit kein Mikre,
ניט קיין מִקְרָא,	Nit kein Mikre,
ניט ־קיין תְּהִלִּים א. ז. וו.	Nit kein Thilim etc.
גֶעוַואלְד זְשֶׁע בְּרִידֶער א. ז. וו.	Gewalt-że, Brider, etc.
bis { ס'אִיז שׁוֹין צייט	's schoin Zait (bis
צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא }	Zu lernen Gemore, (
אֵיינְס-צְוַויי-דְרַיי-פִיר;	Eins—zwei—drai—vier

№ 27.

ניט קיין גמרא,	Nit kein Gemore,
ניט קיין משנה,	Nit kein Mischne,
ניט קיין משנה,	Nit kein Mischne,
ניט קיין מקרא,	Nit kein Mikre,
ניט קיין מקרא,	Nit kein Mikre,
ניט קיין תהלים א. ז. וו.	Nit kein Thilim etc.
bis { געוואלד זשע ברידער,	Gewalt-że, Brider, } bis
וואס שלאפט איהר?	Wos schloft ihr?
איינס-צוויי-דריי-פיר.	Eins—zwei—drai—vier.
bis { ס'איז שוין צייט	's is schoin Zait } bis
צו טרינקען בראנפען,	Zu trinken Branfen,
איינס-צוויי-דריי-פיר.	Eins—zwei—drai—vier.
ניט קיין בראנפען,	Nit kein Branfen,
ניט קיין גמרא,	Nit kein Gemore,
ניט קיין גמרא,	Nit kein Gemore,
ניט קיין משנה,	Nit kein Mischne,
ניט קיין משנה,	Nit kein Mischne,
ניט קיין מקרא,	Nit kein Mikre,
ניט קיין מקרא,	Nit kein Mikre,
ניט קיין דאווענען,	Nit kein Dawnen,
ניט קיין דאווענען,	Nit kein Dawnen,
ניט קיין תהלים,	Nit kein Thilim,
ניט קיין תהלים,	Nit kein Thilim,
ניט קיין מקוה,	Nit kein Mikwe,
ניט קיין מקוה,	Nit kein Mikwe,
נאר געשלאפען, —	Nor geschlofen,—
טו וואס-זשע טויגט איהר	Tu wos-że teigt ihr
אף דער וועלט?	Af der Welt?
מיט וואס ט'איהר קומען	Mit wos 't ihr kummen
אף יענער וועלט?	Af jener Welt?

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ).

№ 28.

ווי דער מענש ווערט געבארען,	Wie der Mensch wert geboren,
ווערט ער געבארען רויט.	Wert er geboren reith.
ווי ער קומט אריין אין די מיטעלע יאהרען,	Wie er kummt arain in die mittele Johren,
זוכט ער צו פארדינען ברויט.	Sucht er zu vardienen Breit.
ווי ער קומט אויף דער עלטער,	Wie er kummt af der Elter,
ריכט ער זיך אויפ'ן ביטערן טויט.	Richt er sich auf'n bittern Teit.

№ 28.

װי דער מענש װערט געבארען,
װערט ער געבארען מיט א קאפ.
װי ער קומט אריין אין די מיטעלע יאהרען,
שפרינגט ער גאר: האפ — האפ!
װי ער קומט אויף דער עלטער,
װיגט ער זיך שוין װי א סנאפ.

װי דער מענש א. ז. װ.
װערט ער געבארען מיט האר.
װי ער קומט א. ז. װ.
װיל ער איינהאבעװען גאר.
װי ער קומט א. ז. װ.
ריכט ער זיך צו געבען פון דער װעלט
א פאהר.

װי דער מענש א. ז. װ.
װערט ער געבארען מיט א שטערן.
װי ער קומט א. ז. װ.
טוט ער זיך צו אלסדינג קעהרן.
װי ער קומט א. ז. װ.
קען ער זיך פון קיינעם ניט װעהרען.

װי דער מענש א. ז. װ.
װערט ער געבארען מיט ברעמען.
װי ער קומט א. ז. װ.
טוט ער זיך מיט קיין זאך ניט שעמען.
װי ער קומט א. ז. װ.
ריכט ער זיך מ'זאל איהם פון דער װעלט
צונעהמען.

װי דער מענש א. ז. װ.
װערט ער געבארען מיט אויגען.
װי ער קומט א. ז. װ.
טוט ער אלסדינג טויגען.
װי ער קומט א. ז. װ.
געהט ער שוין איינגעבויגען.

װי דער מענש א. ז. װ.
װערט ער געבארען מיט א נאז.
װי ער קומט א. ז. װ.
שפרינגט ער װי א האז.
װי ער קומט א. ז. װ.
האט ער מורא פון א װינט פאר א בלאז.

Wie der Mensch wert geboren,
Wert er geboren mit a Kop.
Wie er kummt arain in die mittele Johren,
Springt er gor: hop-hop!
Wie er kummt af der Elter,
Wiegt er sich schoin wie a Snop.

Wie der Mensch etc.
Wert er geboren mit Hor.
Wie er kummt etc.
Will er ainhobewen gor.
Wie er kummt etc.
Richt er sich zu geben vun der Welt a Fohr.

Wie der Mensch etc.
Wert er geboren mit a Stern.
Wie er kummt etc.
Thut er sich zu all's-ding kehren.
Wie er kummt etc.
Kenn er sich vun keinem nit wehren.

Wie der Mensch etc.
Wert er geboren mit Bremen.
Wie er kummt etc.
Thut er sich mit kein Sach nit schämen.
Wie er kummt etc.
Richt er sich m'soll ihm vun der Welt zu nehmen.

Wie der Mensch etc.
Wert er geboren mit Eigen.
Wie er kummt etc.
Thut er zu all's ding teigen.
Wie er kummt etc.
Geiht er schoin aingebeigen.

Wie der Mensch etc.
Wert er geboren mit a Nos.
Wie er kummt etc.
Springt er wie a Hos.
Wie er kummt etc.
Hot er Meire vun a Wind var a Blos.

№ 28.

ווי דער מענש א. ז. וו.	Wie der Mensch etc.
ווערט ער געבארען מיט ליפען .	Wert er geboren mit Lippen.
(אז ער האט געדארפט חתונה האבען	(As er hot gedarft Chassene hoben,
האט ער גענומען א ווייב ציפען.)	Hot er genummen a Waib Zippen.)
ווי ער קומט א. ז. וו.	Wie er kummt etc.
טוט'ן פון איהם לאכען אונ היפען .	Thut'n vun ihm lachen un hipen.
ווי דער מענש א. ז. וו.	Wie der Mensch etc.
ווערט ער געבארען מיט א מויל .	Wert er geboren mit a Maul.
ווי ער קומט א. ז. וו.	Wie er kummt etc.
מיינט ער ס'איז מיט איהם א גרויל .	Meint er es is mit ihm a Graul.
ווי ער קומט א. ז. וו.	Wie er kummt etc.
קייקעלט ער זיך ווי א קנויל .	Kaikelt er sich wie a Knaul.
ווי דער מענש א. ז. וו.	Wie der Mensch etc.
ווערט ער געבארען מיט א צונג .	Wert er geboren mit a Zung.
ווי ער קומט א. ז. וו.	Wie er kummt etc.
גיט ער אין דער לופטען א שפרונג .	Git er in der-Luften a Sprung.
ווי ער קומט א. ז. וו.	Wie er kummt etc.
זעהט ער, אז ער איז שוין ניט יונג .	Seht er, as er is schoin nit jung.
ווי דער מענש א. ז. וו.	Wie der Mensch etc.
ווערט ער געבארען מיט א גומען .	Wert er geboren mit a Gumen.
ווי ער קומט א. ז. וו.	Wie er kummt etc.
וויל ער צונויפקלייבען א סך מזומן .	Will er zuneifklaiben a Ssach msumen.
ווי ער קומט א. ז. וו.	Wie er kummt etc.
טוהן די קינדער אויף איהם שרייען אונ ברומען .	Thun die Kinder auf ihm schraien un brummen.
ווי דער מענש א. ז. וו.	Wie der Mensch etc.
ווערט ער געבארען אהן ציינער .	Wert er geboren ohn Zeiner,
ווי ער קומט א. ז. וו.	Wie er kummt etc.
מיינט ער — ס'איז ניטא צו איהם נאך איינער.	Meint er 's is nito zu ihm noch Einer.
ווי ער קומט א. ז. וו.	Wie er kummt etc.
ברעכט איהם שוין די ביינער .	Brecht ihm schoin die Beiner.
ווי דער מענש א. ז. וו.	Wie der Mensch etc.
ווערט ער געבארען מיט א מארדע .	Wert er geboren mit a Morde.
ווי ער קומט א. ז. וו.	Wie er kummt etc.
ווערט'ס ביי איהם אין שטוב איינגעארדעט .	Wert's bai ihm in Stub aingeordert.
ווי ער קומט א. ז. וו.	Wie er kummt etc.
געהט ער איינגעקארצעט אונ געהארבעט.	Geihter aingekorzet un gehorbet.

№ 28.

ווי דער מענש א. ז. וו.
ווערט ער געבארען מיט א האלז.
ווי ער קומט א. ז. וו.
וויל ער אריינחאפען אלץ.
ווי ער קומט א. ז. וו.
האט ער שוין ניט אויף זיך קיין מוק שמאלץ.

Wie der Mensch etc.
Wert er geboren mit a Hals.
Wie er kummt etc.
Will er arainchapen All's.
Wie er kummt etc.
Hot er schoin nit auf sich kein Muk Schmalz.

ווי דער מענש א. ז. וו.
ווערט ער געבארען מיט א הארצען.
ווי ער קומט א. ז. וו.
וויל ער אלס בעסער אין שטוב דערשטארצען.

Wie der Mensch etc.
Wert er geboren mit a Harzen.
Wie er kummt etc.
Will er All's besser in Stub der starzen.

ווי ער קומט א. ז. וו.
טוט ער עסען און......;

Wie er kummt etc.
Thut essen un...

ווי דער מענש א. ז. וו.
ווערט ער געבארען מיט הענד.
ווי ער קומט א. ז. וו.
ווערט ער מיט אלעמען בעקענט.
ווי ער קומט א. ז. וו.
ווייס ער שוין, אז ס'וועט ווערען פון איהם אן-ענד.

Wie der Mensch etc.
Wert er geboren mit Händ.
Wie er kummt etc.
Wert er mit allemen bakennt.
Wie er kummt etc.
Weiss er schoin, as 's wet weren vun ihm a-n-End.

ווי דער מענש ווערט געבארען,
ווערט ער געבארען מיט פיס.
ווי ער קומט אין די מיטעלע יאהרען,
איז ער לעבעדיג און פריש.
ווי ער קומט אויף דער עלטער,
האט ער שוין קיין ציינער צו קנאקען ניס.

Wie der Mensch wert geboren,
Wert er geboren mit Fiss.
Wie er kummt in die mittele Johren,
Is er lebedig un frisch.
Wie er kummt auf der Elter,
Hot er schoin kein Zeiner zu knaken Niss.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ).

№ 29.

אהיים, אהיים מוז מען געהן,
עס העלפט קיין יאמער און קיין געוויין!
בייזע מחשבות טוהט דער מענש אוועק ווארפען,
בשעת דער מלאך המות טוהט דעם חלף שארפען.
....

Aheim, aheim mus men geihn,
Es helft kein Jommer un kein Gewein!
Beise Machschowes thut der Mensch awekwarfen,
Bisch'as der Malech-hamowess thut dem Chalef scharfen.
....

ווען די בייזע קאפעליע טוהט אין האלז שפיעלען.
....

Wenn die beise Kapelje thut in Hals spielen.
....

Л. А. Рабиновичъ (Виленск. губ.).

№ 30.

—וואס הערט זיך אויף יענער וועלט, גוטער ברודער?
—אי שלעכט, ברודער, שלעכט!
מען שמייסט און מען שלאגט;
קומט דער מלאך הדומה און נעמט ארויס די אויגען! (bis)
—פאר וואסער חטא איז דאס, גוטער ברודער,
פאר וואסער זינד איז דאס, גוטער ברודער?
—על חטא שחטאנו לפניך בעינים רמות!

ועל כלם אלוה סליחות סלח לנו, מחל לנו, כפר לנו!

—וואס הערט זיך אויף יענער וועלט, גוטער ברודער?
—אי שלעכט, ברודער, שלעכט!
מען שמייסט און מען שלאגט;
קומט דער מלאך מיכאל און גיט א קלאפ אין שטערן. (bis)
—פאר וואסער חטא איז דאס, גוטער ברודער,
פאר וואסער זינד איז דאס, גוטער ברודער?
על חטא שחטאנו לפניך בעזות מצח!
ועל כלם אלוה סליחות סלח א. ז. וו.

—Wos hert sich auf jener Welt, guter Bruder?
—Oi schlecht, Bruder, schlecht!
Men schmaisst un men schlogt;
Kummt der Mal'ach hadeime un nehmt araus die Eigen! (bis)
—Far wosser Chet is dos, guter Bruder,
Far wosser Sind is dos, guter Bruder?
— Al Chet schechotonu lfonecho b'Einaim romeis!
W'al Kulom Eleiha Slicheis slach lonu, mchal lonu, kapeir lonu!

—Wos hert 'sich auf jener Welt, guter Bruder?
—Oi schlecht, Bruder, schlecht!
Men schmaisst un men schlogt;
Kummt der Mal'ach Michoeil nn git a Klap in Stern! (bis)
—Far wosser Chet is dos, guter Bruder?
Far wosser Sind is dos, guter Bruder?
— Al Chet schechotónu lfonecho b'Asus Meizach!
W'al kulom Eleiha Slicheis slach etc.

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 31.

ברוך אלהינו, אונזער גוטער פריינד!
שבת קדש איז דאך בא אונז היינט.
שבת האט דאך א פנים פון יענער וועלט,
שבת טאר מען ניט האלטען פייער און געלד.

שבת אין הימעל איז פייער פיעל,
האבען די מלאכים זייער שפיעל —
טאנצען און שפרינגען און לויבען גאט,
וואס ער האט בעשאפען אונזער געבאט;

Boruch Eleiheinu, unser guter Fraind!
Schabes keidesch is doch ba uns haint.
Schabes hot doch a Ponim vun jener Welt,
Schabes tor men nit halten Faier un Geld.

Schabes in Himmel is Faier viel,
Hoben die Malochim seiher Spiel—
Tanzen un springen un leiben Gott,
Wos er hot beschafen unser Gebot.

М. З. Левинъ (Витебск. губ).

№ 32. *)

גָאט פוּן אַבְרָהָם, פוּן יִצְחָק אוּנ יַעֲקֹב,	Got vun Awrohom, vun Jizchok un Jakow,
דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת גֵעהְט שׁוֹין אַוֶועק;	Der heiliger schabes geit schoin awek;
אַזוֹי זָאלְלֶען אוּנְזֶערֶע צָרוֹת הָאבֶּען אַנְ-עֶק,	Asei sollen unsere Zores hoben a-n-Eck,
אוּנ מִיר אַלְלֶע, קִינְד אוּנ קַייט,	Un mir alle, Kind un Keit,
זָאלְלֶען הָאבֶּען נַחַת אוּנ פְרַייד;	Sollen hoben Naches un Freid;
אוּנ אַלְלֶע אִידֶען, גְרוֹיס אוּנ קְלֵיין,	Un alle Jiden, greiss un klein,
זָאלְלֶען זַיין בַּיי גָאטט נוֹשְׂאֵי חֵן.	Sollen sain bai Gott neissei-Chein.
אֵלִיָהוּ הַנָבִיא שְׁטֵעהְט אוֹיף אַ גְרוֹיסֶען לֵייטֶער	Elijohu ha-Nowi steiht auf a greisser Leiter
אוּנ וֶועט טְהוּן אַ גְרוֹיסֶען טְרָאמֵייטֶער:	Un wet thun a greissen Tromeiter:
«אַ הֵיים אִין אַייעֶר לַאנְד—וֶועט עֶר זָאגֶען—	„Aheim in aier Land—wet er sogen—
הֶערְט אוֹיף יָאמְמֶערְן אוּנ קְלָאגֶען!»	Hert auf jommern un Klogen!“

А. Л. Ліонъ (Ц. Польск.).

№ 33.

פֶּסַח צוּם סֵדֶר בִּין אִיךְ פְרֵיילֶעךְ,	Peissach zum Sseider bin ich freilech,
דִי וַוייבּ אַ מַלְכָּה אוּנ אִיךְ—אַ מֶלֶךְ,	Die Waib a Malke un ich—a Meilech,
דֶער זוּהְן—דֶער נַאסְלֶעדְנִיק אִין קוּרְצֶען פְרַאק,	Der Suhn—der Nasljednik in kurze Frack,
אוּנ אִיךְ מַאךְ מִיר: הָאפּ-צִיק-צַאק!	Un ich mach mir: hop-zik-zak!
. . . .	. . . .

г-жа Б. Б. Гинзбургъ (Могилевск. губ.).

№ 34.

. . . .	. . . .
הַיינְט אִיז פּוּרִים, מָארְגֶען אִיז אוֹיס, —	Haint is Purim, morgen is aus,—
גִיט מִיר אַ גְרָאשֶׁען אוּנ טְרַייבְּט מִיךְ אַרוֹיס!	Git mir a Groschen un warft mich araus!

А. С. Танeнбаумъ (Гродненск. губ.).

№ 35.

גוּט פּוּרִים, גוּט פּוּרִים, מַיינֶע לִיעבֶּע לַייט!	Gut Purim gut Purim, maine liebe Lait!
וֵוייסְט אִיהְר, וָואס פּוּרִים בַּאטַייט?	Weisst ihr, wos Purim batait?
פּוּרִים בַּאשְׁטֵייט, מֶע זָאל טְהֵיילֶען אָרֶעמֶע-לַייט!	Purim batait, me soll theilen oreme, Lait!

N. N. 1. (Ковенск. губ.).

---

*) См. варіантъ настоящей пѣсни, напеч. д-ромъ С. Вейсенбергомъ въ журн. „Globus“ 1900 г. т. IXXVII, № 8.

№ 36.

גוט פּוּרים, גוט פּוּרים, מײַנע ליעבּע לײַט!
װײסט איהר, װאָס דער פּוּרים בּעטײַט?
דער פּוּרים בּעטײַט קרעפּלאך צו עסען
אוּן אָן מיר ניט צו פערגעסען!
—אַך, אֲדוֹני קעניג, געטרײַער קעניג,
איך קום בּעטען אוּן רײַדען,
אַז דוּ זאָלסט מיר פוּן די אידען אָבּשײַדען!
—אַך, אֲדוֹני קעניג, געטרײַער קעניג,
איך קום רײַדען אוּן בּעטען,
אַז דוּ זאָלסט אוּנז פוּן הָמָן הָרָשָׁע רעטען!

Gut Purim, gut Purim, maine liebe Lait!
Weisst ihr, wos der Purim betait?
Der Purim betait Kreplach zu essen
Un on mir nit zu vergessen!
—Ach, Adeini Kenig, getraier Kenig,
Jch kumm beten un reiden,
As du sollst mich, wen die Jiden obscheiden!
—Ach, Adeini Kenig, getraier Kenig,
Jch kumm reiden un beten,
As du sollst uns vun Homon ha-Roscho retten!

Д. Г. Гальпернъ (Газенпотъ, Курляндск. губ.).

№ 37.

אײַ, זאָגט ער, «פֶּה לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ» —
אַ מויל האָבּען זײ אוּן קענען ניט רעדען.

אַז אָך אוּן װעה איז צוּ זײ,
טוידטע געטטער האָבּען זײ,
זײ האָבּען מאַילער אוּן רעדען ניט!
אָבּער, זאָגט ער, מיר — «וֵאלֹהֵינוּ בַשָּׁמָיִם»,
אוּנזער גאָטט אין הימעל,
אײ, «כֹּל אֲשֶׁר חָפֵץ עָשָׂה», —
אײ, װאָס ער װיל טוּהט ער,
אײ, װעמען ער װיל גיט ער!

«עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ» —
אויגען האָבּען זײ אוּן קענען ניט זעהען.
אַז אָך אוּן װעה איז צוּ זײ,
בּלינדע געטטער האָבּען זײ.
זײ האָבּען אויגען אוּן זעהען ניט,
זײ האָבּען אַ מויל אוּן רעדען ניט!
אָבּער, זאָגט ער, מיר א. ז. װ.

Ai, sogt er, „Peh lohem w'lei jdabeiru"—
A Maul hoben sei un kennen nit reiden.

As och un weih is zu sei,
Teidte Getter hoben sei,
Sei hoben Mailer un reiden nit!
Ober, sogt er, mir— w'Eloiheinu baschomaïm",
Unser Gott in Himmel,
Oi, „Kol ascher chofeiz osso,"—
Oi, wos er will thut er,
Oi, wemmen er will git er!

„Einaïm lohem w'lei jir'u„—
Eigen hoben sei un kennen nit sehen.
As och un weih is zu sei,
Blinde Getter hoben sei,
Sei hoben Eigen un sehen nit,
Sei hoben a Maul un reiden nit!
Ober, sogt er, mir—etc.

«אזנים להם ולא ישמעו» —	„Osnaïm lohem w'lei jischmou" —
אויערען האבען זיי אונ קענען ניט הערען.	Eihern hoben sei un kennen nit heren.
אז אך אונ וועה איז צו זיי,	As och un weih is zu sei,
טויבע געטטער האבען זיי.	Teibe Getter hoben sei,
זיי האבען אויערען אונ הערען ניט,	Sei hoben Eiheren un heren nit,
זיי האבען אויגען אונ זעהען ניט,	Sei hoben Eigen un sehen n.t,
זיי האבען א מויל אונ רעדען ניט!	Sei hoben a Maul un reiden nit!
אבער, זאגט ער, מיר א. ז. וו.	Ober, sogt er, mir—etc.
«אף להם ולא יריחון»...	„Af lohem w'lei jrichun"...
«ידיהם ולא ימישון»...	„Jdeihem w'lei jmischun"...
«רגליהם ולא יהלכו»...	"Ragleihem w'lei jhaleichu"...

Д-ръ М. Л. Крепсъ (Херсонск. губ.).

№ 38.

געטשינקע, וואס דו מאך? (bis)	Getschinke, wos du mach? (b:s)
דו האסט הארעלעך	Du host Härelech
אונ קענסט זיי ניט קאמ[ע]ן,	Un kenst sei nit kämen,
דו האסט האנטעלעך	Du host Häntelech
אונ קענסט זיי ניט נעהמען, —	Un kenst sei nit nehmen,
געטשינקע, וואס דו מאך?	Getschinke, wos du mach?
אז אך אונ וועה	As och un weih
איז צו זיי,	Is zu sei,
א ליימענעם גאט	A leimenem Gott
האבען זיי!	Hobn sei!
דו האסט א מוח'ל	Du host a Meiach'l
אונ קענסט ניט קלערען,	Un kenst nit klären,
דו האסט אויערלאך,	Du host Eiherlach
אונ קענסט ניט הערען!	Un kennst nit heren!
אז אך אונ וועה	As och un weih
איז צו זיי,	Is zu sei!
א טויבען גאט	A teiben Gott
האבען זיי!	Hoben sei!
דו האסט אייגעלאך	Du host Eigelach
אונ קענסט ניט קוקען,	Un kennst nit kuken,
האסט קניעלעך	Host Knielach
אונ קענסט זיך ניט בוקען!	Un kennst sich nit bucken!
אז אך אונ וועה	As och un weih
איז צו זיי,	Is zu sei,
א בלינדען גאט	A blinden Gott
האבען זיי!	Hoben sei!

דו האָסט אַ נעזעלע
און קענסט ניט שמעקען,
דו האָסט אַ ליפּעלע,
און קענסט ניט לעקען!
אַז אָך און וועה א. ז וו.

Du host a Näsele
Un kennst nit Schmecken,
Du host a Lippele
Un kennst nit lecken!
As och un weih etc.

Л. А. Рабиновичъ (Гродненск. губ).

№ 39.

פורים עסט מען המן טאַשען
און מען ליידיגט אויס אַללע פלאַשען,
און אַללע זיינען שכּור.
פורים איז דער עיקר,
צו פערבייסען, קרעפּלאַך הייסע
און דער צו קיטקעס גרויסע.
אַך ווי וויל און אַך ווי גוט
איז דאָך צו זיין אַ איד! } bis

Purim esst men Homon-taschen
Un men leidigt aus alle Flaschen,
Un alle sainen schiker.
Purim is der Iker,
Zu verbaissen Kreplach heisse
Un derzu Kitkes greisse.
Ach wie weil, ach wie gut
Is doch zu sain a Jid! } bis

פּסח עסט מען מצה קניידלאַך,
און ביי'ם טיש זיטצען מיידלאַך.
פּסח האָט אונז אַ נס געטראָפען,
אַז מיר זיינען פון פּרעה'ן אַנטלאָפען:
צו ליעב אונז האָט מען דעם ים געשפּאַלטען
און די מצרים דאָרט בעהאַלטען.
אַך ווי וויל. א. ז. וו.

Peischach esst men Maze-kneidlach,
Un bai'm Tisch sitzen Meidlach.
Peissach hot uns a Nes getrofen,
As mir sainen vun Par'en antlofen.
Zulieb uns hot men dem Jam gespalten
Un die Mizrim dort behalten.
Ach wie weil etc.

שבועות עסט מען פוטער קוכען,
ווער עס האָט ניט, — מוז דאָס זוכען.
שבועות האָבען מיר די תורה מקבל געווען,
און אויפ'ן באַרג סיני וואונדער געזעהען.
דאַרום מאַכט יעדער גרויס פּאַטראַווע:
בלינצעס, באַבקעס, ווייסע קאַווע.
אַך ווי וויל א. ז. וו.

Schwues esst men Putter-kuchen,
Wer es hot nit,—mus dos suchen.
Schwues hoben mir die Teire mkabeil gewen,
Un auf'n Barg Sinai Wunder gesehn.
Darum macht jeder greiss Patrawe:
Blinzes, Babkes, waisse Kawe.
Ach wie weil etc.

תשעה באב טוהט מען פאַסטען
און צו עסען טוהט ניט פּאַסען.
מען פערפאַסט די בייגעל מיט אַש
און מען פאַסט אָפּ מיט אַ פולע פלאַש.
ביז דריי אוהר טוהט מען קינות זאָגען,
דערנאָך פערלייגט מען דעם הונגעריגען מאָגען.
אַך ווי וויל א. ז. וו.

Tische-b'Ow thut men fasten
Un zu essen thut nit pasten.
Men varfast die Beigel mit asch
Un men fast op mit a vulle Flasch.
Bis drai Uhr thut men Kines sogen,
Dernoch verleigt men dem hungerigen Mogen.
Ach wie weil etc.

ראש הַשָּׁנָה דַאווענט מֶען מִיט גְרויס כַּוָּנָה

און אִיבֶּער פֵּרוֹת מַאכְט מֶען „שֶׁהֶחֱיָנוּ״ .

ראש הַשָּׁנָה מוז א חַזָּן בַּיים עָמוּד זִינְגֶען

און „הַמּוֹצִיא״ מִיט הָאנִיג אַיינְטִינְקֶען .
בִּיז דְרַיי אוּהְר דַאוְונֶען מִיר בִּנְעִימוֹת ,
דֶערְנָאךְ עֶסְסֶען מִיר דֶעם הֵייסֶען צִימֶעס .
אַךְ וִוי וֵוייל א. ז. וו.

יוֹם כִּפּוּר אִיז פַאר אִידֶען אַגְרויסֶע סְבָרָא ,
יֶעדֶער מוז קוילֶענֶען אַ כַּפָּרָה .
יוֹם כִּפּוּר גִ׳ט גָאט אַוֶועק זַיין מְחִילָה ,
בִּפְרַט וֶוער עֶס קויפְט פְּתִיחָה צו נְעִילָה .
אַגַאנְצֶען טָאג טוּהְט מֶען שְׁטֵעהְן אִין זָאקֶען ,

און פַארְנַאכְט פֶערְקְלַאפְּט מֶען אִין סֻכָּה אַ פְלָאקֶען .

אַךְ וִוי וֵוייל א. ז. וו.

סֻכּוֹת לָאזְט זִיךְ קֵיינֶער נִיט שְׁטויסֶען ,
יֶעדֶער מוז עֶסֶען אויף דְרויסֶען .
אויף סֻכּוֹת גְרֵייט מֶען אָן אַ הִיבְּשֶׁע בִּיסֶעל :

אַיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן קוּקְט אַרַיין אִין שִׁיסֶעל .

צו לִיעב דֶעם אֶתְרוֹג טוּהְט מֶען זִיךְ רַייסֶען ,

וַוייל דִי מֵיידְלַאךְ מִיט דִי וַוייבְּלַאךְ טוּהֶען זִיךְ פְלַייסֶען .

אַךְ וִוי וַוייל א. ז. וו.

שִׂמְחַת תּוֹרָה וֶוערְן בְּלֵייךְ אַלֶלֶע פְלַאשֶׁען ,

מֶען וֶועלְגֶערְט זִיךְ אִיבֶּער זֵיי אִין אַלֶלֶע גַאסֶען .

מֶעהְר פוּן אַלֶלֶע טְרִינְקֶען דִי גַבָּאִים ,
וַוייל דֶעם גַאנְצֶען עוֹלָם גִיבֶּען זֵיי עֲנוּיִים .

אַלֶלֶע מֶענְטְשֶׁען , נַארִישֶׁע און קְלוּגֶע ,
וֶוערֶען פוּן דִי מַשְׁקֶה מְשֻׁגָּע .
אַךְ וִוי וַוייל א. ז. וו.

Rosch-ha-Schono dawent men mit greiss Kawone
Un iber Peires macht men „schehechionu“.
Rosch-ha-Schono mus a Chason bai'm Omed singen
Un „hameizi“ mit Honig aintinken.
Bis drai Uhr dawnen mir bin'imes,
Dernoch essen mir dem heissen Zimes·
Ach wie weil etc.

Jom-kipur is far Jiden a greisse Swore,
Jeder muss keilenen a Kapore.
Jom-kipur git Gott awek sain Mechile,
Bifrat wer es keift Psiche zu „N'ıle“.
A ganzen Tog thut men steihn in Socken,
Un var-Nacht varklappt men in Ssuke a Flocken.
Ach wie weil etc.

Ssukes lost sich keiner nit steissen,
Jeder muss essen auf draussen.
Auf Ssukes greit men sich on a hibsche bissel:
Einer dem andern kuckt arain in Schissel.
Zu lieb dem Esroig thut men sich raissen,
Wail die Meidlach un die Waiblach thuen sich flaissen.
Ach wie weil etc.

Ssimchas-Teire weren bleich alle Flaschen,
Men wälgert sich iber sei in alle Gassen.
Mehr vun alle trinken die Gaboïm,
Wail dem ganzen Eilom giben sei Inuïm.
Alle Mentschen, narrische un kluge,
Weren vun die Maschke mschuge.
Ach wie weil etc.

חנכה בענטשט מען ליכטלאך אכט,	Chanuke bentscht men Lichtlach acht,
דער פאר ווערן גוטע לאטקעס געמאכט.	Dervar weren gute Latkes gemacht.
א גאנצע וואך טוהט מען הלל זאגען,	A ganze Woch thut men „Halel“ sogen,
און בחורים און נערות טוהען זיך איבער די קארטען שלאגען.	Un Bachurim un N'oreis thuen sich iber die Korten schlogen.
אך ווי וויל א. ז. וו.	Ach wie weil etc.

Д. Г. Гальпернъ (Витебск. губ.).
М. З. Левинъ (Новоалекс., Ковенск. губ).

№ 40.

Варіантъ:

דער טאג פון פסח איז קיין קליינינקייט,	Der Tog vun Peissach is kein Kleinigkait,
ווען גאט האט אונז פון מצרים באפרייט,	Wenn Gott hot uns vun Mizraïm bafrait,
פרעה'ס הארץ מיט מכות באשמירט	Par'eh's Harz mit Makes baschmiert
און אונז דעם ים אריבער געפיהרט.	Un uns dem Jam aribergefihrt.
אי ווי שיין, אי ווי גוט,	Oi wie schein, oi wie gut,
איז דאך צו זיין א איד!	Is doch zu sain a Jid!
דערפאר עסען מיר מצה-קניידלאך	Derfar essen mir Maze-kneidlach
און ביי'ן סדר זיצען גאנצע רעדלאך;	Un bai'n Sseider sitzen ganze Reidlach,
פון ארבע כוסות ווערט מען פרעהלאך,	Vun arba Keisses wert men freilach,
און יעדער איד איז ביי זיך א מלך.	Un Jeder Jid is bai sich a Meilach.
אי ווי שיין א. ז. וו.	Oi wie schein etc.
שבועות איז דאך אפארגעניגען, כ'לעבען,	Schwues is doch a Vargenigen, 'chleben,
ווען גאט האט אונז די תורה געגעבען.	Wenn Gott hot uns die Teire gegeben.
דערפאר עסען מיר קרעפלאך און פוטערקוכען,	Derfar essen mir Kreplach un Putterkuchen,
און יעדער מוז דערפון פארזוכען.	Un jeder mus dervun varsuchen.
אי ווי שיין א. ז. וו.	Oi wie schein etc.
ראש השנה בלאזט מען שופר,	Rosch-ha-Schono blost men Scheifer,
און פון די עליות ווערט יעדער איד א קויפער.	Un vun die Alies wert jeder Jid a Keifer.
מ'געהט זיך אפשאקלען ביי דעם טייך	M'geiht sich obschoklen bai dem Tach
פון די עברות וואס מ'האט א סך.	Vun die Aweires wos m'hot a Ssach.
אי ווי שיין א. ז. וו.	Oi wie schein etc.

ערב יום כפור מאכט מען וואקסענע ליכט,
אין דעם טאג פון יום כפור ווערען אלע געריכט.
א גאנצען טאג געהען אלע אין זאקען,
און בא דער נאכט שלאגט'ן אריין אין סכה א פלאקען.
אי ווי שיין א. ז. וו.

Erew Jom-Kipur macht men wachsene Licht,
In dem Tog van Jom-Kipur weren alle gericht.
A ganzen Tog geihen alle in Socken,
Un bai der Nacht schlogt'n arain in Ssuke a Floken.
Oi wie schein etc.

סכות כ'לעבען אפארגעניגען,
ווען מאנן און ווייב הערן זיך אויף צו קריגען:
זי גיט איהם עסען ניט קיין ביסעל,
ווייל דער שכן קוקט אריין אין שיסעל,
אי ווי שיין א. ז. וו.

Ssukes, 'ch-leben a Vargenigen,
Wenn Mann un Waib heren sich auf zu kriegen:
Sie git ihm essen nit kein bissel,
Weil der Schoch'n kukt arain in Schissel.
Oi wie schein etc.

די וואך פון חנכה איז א וועלט,
ווען אלע געהען קלייבען חנכה געלט.
קבצנים פארדריפענען זיך איבער די קניעס,
פרעג איך, — צי דאס איז מאוס!
אי ווי שיין א. ז. וו.

Die Woch vun Chanuke is a Welt,
Wenn Alle geihen klaiben Chanuke-geld.
Kabzonim vardripenen sich iber die Knies,
Fräg ich,—zi dos is mies!
Oi wie schein etc.

דער טאג פון פורים איז קיין חיות —
אפען גאס זעהט מען אלץ אנייעס:
דא פרייהט מען זיך מיט דער קהלה,
דא שלאגט מען המנ'ען ביי דער מגלה.
אי ווי שיין א. ז. וו.

Der Tog van Purim is kein Chaies—
Af'n Gass seht men all's a naies:
Do freit men sich mit der Kehile,
Do schlogt men Homon'en bai der Megile.
Oi wie schein etc.

И. У. Глахенгаузъ (Братолюбовка, Херс. г.).
Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 41.

קאגדא או יעוו-רייעוו פסח נאסטופאיעט,
וסיע יעווריי מצות נאפעקאיוט.
סלאוונאיא וויערא יעווריסקאיא! (bis)

Kogda u Jewrejew Peissach nastupajet,
Wssje Jewreji Mazes napekajut.
Slawnaja Wjera jewreiskaja! (bis)

קאגדא או יעווריייעוו שבעות נאסטופאיעט,
וסיע יעווריי בלינצעס נאפעקאיוט.
סלאווגאיא וויערא יעווריסקאיא! (bis)

Kogda u Jewrejew Schwues nastupajet,
Wssje Jewreji Blinzes napekajut.
Slawnaja Wjera jewreiskaja! (bis)

קאגדא או יעווריייעוו ראש השנה נאסטופאיעט
וסיע יעווריעי דרוג דרוגא פאזדראוולייאיוט.
סלאווגאיא וויערא יעווריייסקאיא! (bis)

קאגדא או יעווריייעוו יום—כפור נאסטופאיעט.
וסיע יעווריעי פלאטשוט אי רידאיוט.
סלאווגאיא וויערא יעווריייסקאיא! (bis)

קאגדא או יעווריייעוו סכות נאסטופאיעט,
וסיע יעווריעי לולבים קאטשאיוט.
סלאוונאיא וויערא יעווריייסקאיא! (bis)

קאגדא או יעווריייעוו פורים נאסטופאיעט.
וסיע יעווריעי המן-טאשען נאפעקאיוט.

סלאוונאיא וויערא יעווריייסקאיא! (bis)

Kogda u Jewrejew Rosch-ha-Schono
nastupajet,
Wssje Jewrei drug druga posdrawlajut.
Slawnaja Wjera jewreiskaja! (bis)

Kogdau Jewrejew Jom-kipur nastupaet,
Wssje Jewreji platschut i rydajut.
Slawnaja Wjera jewreiskaja! (bis)

Kogda u Jewrejew Ssukes nastupajet,
Wssje Jewreji Lulowim katschajut.
Slawnaja Wjera jewreiskaja! (bis)

Kogda u Jewrejew Purim nastupajet,
Wssje Jewreji Homon-taschen na-
pekajut.
Slawnaja Wjera jewreiskaja! (bis)

В. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

II.

Пѣсни историческаго содержанія.

№ 42.

ווער לעבט זיך אזוי פריי,
ווי דער זעמליעדיעליעץ מיט זיין פלוג?
ער איז זיין געזעלען,
זיין אמת'ר דרוג!

ווען די זונן געהט נאר אויף,
שטעהט ער אויף שוין גאנץ פריה,
א געזונדער, א פרישער,
אפגערוהט פון זיין מיה!

דער שלאף איז איהם זיס,
געשמאק איז דער עסן,
אן צרות אונ אן ליידן
טהוט ער פארגעסן.

געבענשט איז דער קיסר,
דער קיסר ניקאלאי,
וואס האט אונז געגעבען פראוועס
אונ האט אונז געמאכט אזוי פריי!

Wer lebt sich asei frai,
Wie der Semljedjeljez mit sain Plug?
Er is sain Geselen,
Sain emesser Drug!

Wie die Sunn geiht nor auf,
Steiht er auf schoin ganz frih,
A Gesunder, a frischer,
Opgeruht vnn sain Mih!

Der Schlof is ihm siss,
Geschmak is der Essn,
On Zores un on Leidn
Thut er vargessn.

Gebentscht is der Keisser,
Der Keisser Nikolai,
Wos hot uns gegeben Prawes
Un hot uns gemacht asei frai!

И. І. Глахенгаузъ (Братолюбовка, Херс. губ.).

אַז אַלֶכְּסַנְדֶר פַּאווְלָאוויטְש איז מֶלֶךְ גֶעוָאָרֶען, 1)	As Aleksander Pawlowitsch is Meilech geworen, [1])
זַיינֶען יוּדִישֶׁע הֶערְצֶער פְרֵיילֶעךְ גֶעוָואָרֶען.	Sainen jidische Herzer freilech geworen.
אָי וַועה, אָי וַועה!	Oi wei, oi weih!
אַז נִיקָאלַיי פַּאווְלָאוויטְש	As Nikolai Pawlowitsch. . . , .
. . . .	. . . .
דֶער עֶרְשְׁטֶער אוּקַאז איז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אויף יוּדִישֶׁע זֶעלְנֶער,	Der erster Ukas is arobgekummen auf jidische Selner,
זַיינֶען זִיךְ אַלֶע צוּ לָאפֶען אִין דִי פּוּסְטֶע וָועלְדֶער	Sainen sich alle zulofen in die puste Walder.
אָי וַועה, אָי וַועה!	Oi weih, oi weih!
אִין אַלֶע פּוּסְטֶע וֶועלְדֶער זַיינֶען מִיר צוּ לָאפֶען,	In alle puste Walder sainen mir zulofen,
אִין פּוּסְטֶע גְרִיבֶּער זַיינֶען מִיר פַארְלָאפֶען.	In puste Griber sainen mir varlofen.
אָי וַועה, אָי וַועה!	Oi weih, oi weih!
בִּין אִיךְ גֶעלֶעגֶען אִין גְרוּבּ אַטָאג מִיט דְרַיי מֵעת-לֵעת,	Bin ich gelegen in Grnb a Tog mit drai Mes-les,
בִּין אִיךְ גֶעוָואָרֶען טוֹידְט וִויא אַמֵת.	Bin ich geworen teit wie a Mes.
אָי וַועה, אָי וַועה!	Oi weih, oi weih!
טוּה אִיךְ אַ קוּק: שְׁטֵעהְט אַ שְׁטִיבֶּעלֶע פוּן דֶער וַוייטֶען,	Thu ich a kuk: steiht a Stibele vun der waiten,
אִיז נִישְׁט דָא קֵיין שׁוּם לַייטֶען.	Is nischt do kein schum Laiten.
אָי וַועה, אָי וַועה!	Oi weih, oi weih!
גֶעה אִיךְ צוּ, צוּ דֶער טִיהר,	Geih ich zu, zu der Thir,
זָאג אִיךְ בַּעַל-הַבַּיִת'טֶע, עֶפִינְט מִיר!	Sog ich: Bal-haboste, effent mir!
אָי וַועה, אָי וַועה!	Oi weih, oi meih!
דִי בַּעַל-הַבַּיִת'טֶע הָאט אַ קוּק גֶעטָאהְן אויף מִיר:	Die Bal-haboste hot a kuk gethon auf mir:
בִּין אִיךְ זֶעהְר טוֹידְט, —	Bin ich seihr teit,—
גִיט זִי מִיר פַאר רַחֲמָנוּת אַ שְׁטִיקֶעלֶע בְּרוֹיט.	Git sie mir var Rachmones a stikele Breit.
אָי וַועה, אָי וַועה!	Oi weih, oi weih!

*) Содержаніе пѣсенъ №№ 43—50 относится къ рекрутчинѣ прежняго времени (до введенія всеобщей воинской повинности 1874 г.)

1) См. варіантъ настоящей пѣсни, напечат. г. Л. Винеромъ въ ст. «Popular Poetru ot the Rusjian Jews» «Americana Germanica», 1898 vol II № 2).

צום שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט דַארְף מֶען זִיךְ וַואשֶׁען ,

אונ דִי חַאפֶּערְס גֵעהֶען אַרוּם אִין אַלֶע גַאסֶען .

אָי וֵועה , אָי וֵועה !

קוּמְט אַרַיין דֶער חַאפֶּער מֵאִיר ,
טְרָאג אִיךְ אִיהם אַרַיין דֶעם וַוייסֶען צְוֵויֶיער .

אָי וֵועה , אָי וֵועה !

דֶעם וַוייסֶען צְוֵוייֶער צוּ גֶענוּמֶען , צוּ גֶענוּמֶען ,

אונ מִיךְ פַאר קֵיין רֶעקְרוּט נִיט גֶענוּמֶען .

אָי וֵועה , אָי וֵועה !

קוּמְט אַרַיין דֶער חַאפֶּער מֶענְדִיל ,
טְרָאג אִיךְ אִיהם אַרַיין דָאס רוֹיטֶע רֶענְדִיל .

אָי וֵועה , אָי וֵועה !

דָאס רוֹיטֶע רֶענְדִיל צוּ גֶענוּמֶען , צוּ גֶענוּמֶען ,

אונ מִיךְ פַאר אַיין רֶעקְרוּט מִיטְגֶענוּמֶען .
אָי וֵועה , אָי וֵועה !

לֵייגְט מֶען מִיךְ אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואגֶען ,
זָאג אִיךְ : אָי , מַאמֶענְיוּ , בֶּעסֶער זָאלְסְטוּ מִיךְ
בֶּעגְרָאבֶּען !
אָי וֵועה , אָי וֵועה !

פִיהְרְט מֶען מִיךְ צוּם פְּרִיָאם , צוּם פְּרִיָאם ,

זָאג אִיךְ : אָי , מַאמֶענְיוּ , בֶּעסֶער מַאךְ מִיר
אַ צָאם !
אָי וֵועה , אָי וֵועה !

פִיהְרְט מֶען מִיךְ אַרַיין אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער טִיהר ,

שְׁטֵייעֶן סָאלְדַאטֶען אונ קוּקֶען אוֹיף מִיר .
אָי וֵועה , אָי וֵועה !

פִיהְרְט מֶען מִיךְ אַרַיין אִין דֶער צְוֵוייטֶער טִיהר ,

שְׁטֵייעֶן זְשַאנְדַארֶען אונ קוּקֶען אוֹיף מִיר .
אָי וֵועה , אָי וֵועה !

Zum stickel Breit darf men sich waschen,
Un die Chapers geihen arum in alle Gassen.
Oi weih, oi weih!

Kummt arain der Chaper Meier,
Trog ich ihm arain dem waissen Zweier.
Oi weih, oi weih!

Dem waissen Zweier zugenummen, zugenummen,
Un mich far kein Rekrut nit genummen.
Oi weih, oi weih!

Kummt arain der Chaper Mendel,
Trog ich ihm arain dos reithe Rendel.
Oi weih, oi weih!

Dos reithe Rendel zugenummen, zugenummen,
Un mich far ain Rekrut mitgenummen.
Oi weih, oi weih!

Leigt men mich arauf auf dem Wogen
Sog ich: Oi, Mamenju, besser sollstu mich begroben!
Oi weih, oi weih!

Fihrt men mich zum Prijom, zum Prijom,
Sog ich: Oi, Mamenju, besser mach a Zom!
Oi weih, oi weih!

Fihrt men mich arain in der erster Thir,
Steihen Soldaten un kuken auf mir.
Oi weih, oi weih!

Fihrt men mich arain in der zweiter Thir,
Steihen Żandaren un kuken auf mir.
Oi weih, oi weih!

פִיהרְט מֶען מִיךְ אַרַיין אִין דֶער דְרִיטֶער טִיהר ,	Fihrt men mich arain in der dritter Thir,
שְׁטֵעהֶען דָאקְטוֹירִים אוּנ קוּקֶען אוֹיף מִיר .	Steihen Dokteirim un kuken auf mir.
אָי וַיעה , אָי וַיעה !	Oi weih, oi weih!
עֶר טוּהְט מִיר אַ קוּק אִין דִי אוֹיגֶען , אִין דִי אוֹיגֶען :	Er thut mir a kuk in die Eigen, in die Eigen:
— פַאר אַ סָאלְדַאט וֶועט עֶר טוֹיגֶען !	—Far a Soldat wet er teigen!
אָי וַיעה , אָי וַיעה !	Oi weih, oi weih!
עֶר טוּהְט מִיר אַ קוּק אוֹיף דִי פִּיס , אוֹיף דִי פִּיס :	Er thut mir a kuk auf die Fiss, auf die Fiss:
פַאר אַ סָאלְדַאט בִּין אִיךְ צוּקֶער-זִיס !	Far a Soldat bin ich zucker-siss!
אָי וַיעה , אָי וַיעה !	Oi weih, oi weih!
זַייט זְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְד , מַיינֶע פָאטֶער אוּנ מוּטֶער ,	Sait-że mir gesund, maine Voter un Mutter,
אִיךְ גֵעה שׁוֹין אַוֶועק פַאר אַיין מָאסְקְווִיטֶער !	Ich geih schoin awek far a Moskwiter!
גָאט זָאל אַייךְ גֶעבֶּען גֶעזוּנְד אוּנ לֶעבֶּען ,	Gott soll aich geben Gesund un Leben,
אוּנ מִיר אַיין גְלִיקְלִיכֶען וֶועג !	Un mir ain glicklichen Weg!
וָואס זְשֶׁע וֶועט אַייךְ הֶעלְפֶען אַייעֶר גֶעוַויין ?	Wos-że wet aich helfen aier Gewein?
אִיךְ גֵעה זִיךְ נִיט אַלֵיין !	Ich geih sich nit allein!

Л. М. Шрайбштейнъ (Новоградволынскъ, Волынской губ.).

№ 44.

אֵיינֶער אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁטוּבּ זִיךְ בַּאהַאלְטֶען ,	Einer is arain in a Stub sich bahalten,
הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אַ מַאנְן אַנְ-אַלְטֶען .	Hot er gefunen a Mann a-n-alten.
«הֶערְט צוּ , אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגֶען אַ וָוארְט ,	„Hert zu, ich wel aich sogen a Wort,
אַז פַאר אַייךְ אִין שְׁטוּבּ אִיז נִיט קַיין זִיכֶערֶער אָרְט .	As far aich in Stub is nit kein sicherer Ort.
עֶס טוּהְט דָא אִין שְׁטוּבּ פַאר אַייךְ צוּ בַּאהַאלְטֶען נִיט טוֹיגֶען ,	Es thut do in Stub far aich zu bahalten nit teigen,
סְ'וֶועט אַייךְ נָאךְ קֶענֶען דֶערְזֶעהְן זַייטִיגֶע אוֹיגֶען .	's wet aich noch kennen dersehn saitige Eigen.
סְ'וֶועט נִיט הֶעלְפֶען קַיין יָאמֶערְן אוּנ קַיין קְלָאגֶען ,	's wet nit helfen kein jommern un kein klogen,
זָאל מֶען נֶעמֶען עֶטְלִיכֶע רוּבְּל אוּנ דִי קָהָל'ס-לַייט נִיט זָאגֶען .	Soll men nehmen etliche Rubl un die Kohols-lait nit sogen.
קוּמְט אַרוֹיס מִיט מִיר פוּן שְׁטוּבּ ,	Kummt araus mit mir vun Stub,
כְּ'וֶועל אַייךְ וַוייזֶען אַנְ-אָרְט אִין אַ גְרוּבּ !»	'ch wel aich waisen a-n-Ort in a Grub!“
אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ מִיטְ'ן אַלְטֶען ,	Is er araus vun Stub mit'n Alten,
הָאט עֶר גֶעזֶעהֶען אַ גוּטֶע גְרוּבּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטֶען .	Hot er gesehen a gute Grub sich zu bahalten.

ווי ער איז אין גרוב אַראָפּגעקראָכען ,
איז איהם אַ שקרוך איבער'ן לייב אַריבער-געלאָפען .
איז ער דאָרטען אָפּגעלעגען דריי מעת-לעת ,
האָט ער שוין אויסגעוויזען ווי אַ מת .

האָט מען אָן איהם דאָרט גאָר פאַרגעסען ,
און מ'האָט איהם ניט געגעבען ניט טרינקען און ניט עסען .
וואָס וועט ער זיך אַליין פאַרדאַרבען ? —
קיינער וועט ניט וויסען , אַז ער וועט שטאַרבען !
איז ער פון גרוב אַרויסגעקראָכען ,
האָט ער דערזעהן די בעל'הבית'טינקע רחל'ען .

«בעל'הבית'טינקע , בעל'הבית'טינקע , וואָס ט'איהר אָן מיר פאַרגעסען ?
דריי מעת לעת ט'איהר מיר ניט געגעבען טרינקען און עסען !»
זי האָט געגעבען אַקוק , אַז ער איז טויד'ט ,
האָט זי אַפ'ן טיש אַרויף געלייגט אַ לעבעלע ברויט .
נעהמט ער די קענדיל און וויל זיך געהן וואַשען ,
דוכט זיך איהם , אַז די חאַפּערס געהען אַרום אין די גאַסען .
געהט ער צו צום האַנטעך זיך ווישען ,
דוכט זיך איהם די קייטען צו שליסען .

געהט ער צו די ברויט און וויל „המוציא" מאַכען ,
דוכט זיך איהם , אַז מ'טוהט די שטוב פאַרוואַכען .
ווי ער האָט ג'נומען דעם ערסטען וואָרט בענטשען ,
זיינען אַריינגעקומען אַפולע שטוב מענטשען .

«אידען , כ' וויים , איהר זייט געקומען ניט נאָך ווייץ און ניט נאָך קאָרן !
איהר זייט דאָך געקומען נאָך מיינע יונגע יאָהר'ן !

Wie er is in Grub aropgekrochen,
Is ihm a Skruch iber'n Laib ariber-gelofen.
Is er dorten obgelegen drai Mes-les,
Hot er schoin ausgewiesen wie a Mes.

Hot men on ihm dort gor vargessen,
Un m'hot ihm nit gegeben nit trinken un nit essen.
Wos wet er sich allein vardarben?—
Keiner wet nit wissen, as er wet starben!
Is er vun Grub arausgekrochen,
Hot er dersehn die Bal-habostinke Roche'n.

„Bal-habostinke, Bal-habostinke, wos 't ihr on mir vargessen?
Drai Mes-les t' ihr mir nit gegeben trinken un essen!"
Sie hot gegeben a kuk, as er is teit,
Hot sie af'n Tisch arufgeleigt a Läbele Breit.
Nehmt er die Kendel un will sich geihn waschen,
Ducht sich ihm, as die Chapers geihen arum in die Gassen.
Geiht er zu zum Handtech sich wi-schen,
Ducht sich ihm die Keiten zu schlies-sen.

Geiht er zu die Breit un will „Hameizi" machen,
Ducht sich ihm, as m'thut die Stub varwachen.
Wie er hot g'nummen dem ersten Wort bentschen,
Sainen araingekummen a vulle Stub Mentschen.

„Jiden, 'ch weiss, ihr sait gekummen nit noch Weiz, un nit noch Korn,
Ihr sait doch gekummen noch maine junge Johrn!

כ'הָאב ניט קיין גֶעלְט פון אַייךְ זיךְ אויסְצו-
קויפֶען ,
די וֶועגֶען ט'איהְר מיר פַארְשְׁטֶעלְט , כ'הָאב
ניט וואו צו אַנְטְלויפֶען !
מ'הָאט איהְם אַוֶועק גֶעלֵייגְט אַף דְ'רְ'עֶרְד
אין קֵייטֶען צו שְׁלִיסֶען ,
די לֶעצְטֶע קאפָּאטְקֶע הָאט מֶען איהְם
פְּ'בְּרֶעקֶעלֶעךְ צוּרִיסֶען ,
מ'הָאט איהְם אין וָואגֶען אַרֵיינְגֶעהֵייבֶען ,
דֶעסְיאטְנִיקֶעס הָאבְּ'ן זיךְ אַרום גְ'זֶעצְט , ווִי
בֶּערְן אונ ווִי לֵייבֶען .
מ'הָאט איהְם שוין אין שְׁטָאדְט גֶעבְּרַאכְט
צו פִיהְרֶען ,
אַ גְלִיד פון יְסוּרִים הָאט עֶר ניט גְ'קֶענְט
רִיהְרֶען .
די מוּטֶער אִיז צו די קָהָל'ס-לייט גְּלֵייךְ
גֶעלָאפֶען ,
הָאט זִי פַאר צָרות די טִיהְר ניט גֶעטְרָאפֶען .

—וָואס הָאט אִיהְר אַ גַאנְצֶע אָטְשֶׁערֶעד
צוּנ-אויפְגֶעקְלִיבֶען ,
אונ מַיין אַיינְצִיגֶעס קִינְד צו פִיר בְּרִידֶער
צו גֶעשְׁרִיבֶען ?
וָואס אִי'דָאס פַאר אַזָא וֶועלְט .
אַז מְ'נֶעמְט אָן אַנְ-אֵיינְצִיגֶעס קִינְד אונ
מְ'פַארְקויפְט פַאר גֶעלְד !
—וַוייבֶּעל , וַוייבֶּעל , זָאלְסְט ניט מַאכֶען קֵיין
לַארְם אַף דֶער וֶועלְט ,
שְׁווַייג שְׁטִיל , וֶועסְט קְרִיגֶען אַ סַךְ גֶעלְט !

'ch hob nit kein Geld vun aich sich
auszukeifen,
Die Wegen 't ihr mir varstellt, 'ch
hob nit wu zu antleifen!"
M'hot ihm awekgeleigt af d'r Erd
in Keiten zu schliessen,
Die lezte Kapotke hot men ihm f'
Brekelech zurissen.
M'hot ihm in Wogen araingeheiben,
Djessjatnikes hobn sich arumgesetzt,
wie Bärn un wie Leiben.
M'hot ihm schoin in Stodt gebracht
zufihren,
A Glied vun Jssurim hot er nit ge-
kennt rihren.
Die Mutter is zu die Kohols-lait
glaich gelofen,
Hot sie var Zores die Thir nit ge-
troffen.
—Wos hot ihr a ganze Otschered
zuneifgekliben,
Un main einziges Kind zu vier Bri-
der zugeschrieben?
Wos i' dos var asa Welt,
A m'nehmt on a n-einziges Kind un
m'varkeift fər Geld!
—Waibel, Waibel, sollst nit machen
kein Ljarm af der Welt,
Schwaig still, west kriegen a ssach
Geld!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.)

№ 45 *).

גֵעה איךְ אַרויף
אַפְ'ן גאס ,
פְרֶעגְטְ'ן בַּיי מִיר :
וואו אִיז מַיין פַּאס ?

Geih ich aruf
Af'n Gass,
Frägt'n bai mir:
Wu is main Pass?

*) См. варіантъ этой пѣсни напеч. г. Л. Винеромъ въ ст. «Populur Poetry of the Russian Jews» (loc. cit.).

מַיין פַּאס , מַיין פַּאס
הָאבּ אִיךְ גֶעטְהָאן פַארְלִירֶען ,
מִי טוּהְט מִיר אִין פְּרִיָאם
אַרַיין פִיהְרֶען .
מִי שְׁטֶעלְט מִיר אַוֶועק
אוּנְטֶערְ'ן מָאס , —
דֶערְלַאנְגְטְ'ן אַ גֶעשְׁרַיי :
„סָאלְדַאט חָארָאשׁ !" ,
פִיהְרְט מֶען מִיר אַרוֹיס
פוּן שׁוּל שְׁוֶוערֶען , ווִי אַחָתָן ,
אִיךְ דֶערְלַאנְג אַ קוּק , —
שְׁטֵעהֶען אַרוּם מִיר
אַ רָאטֶע סָאלְדַאטְ'ן גֶעשְׁלָאסְּםְ'ן .
בְּשְׁעַת אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צֶעהְן יָאהְר אַלְט ,

הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י ;
אוּנ אִיצְטֶער דַארְף אִיךְ עֶסֶען ,
פוּן קֶעסֶעל דִי קַאשֶׁע .
בְּשְׁעַת אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פִינְף יָאהְר אַלְט ,
הָאט מֶען גֶעטְהָאן מִיר אִין חֶדֶר פִיהְרֶען ;
אוּנ אִיצְטֶער דַארְף אִיךְ
אַפְ'ן פֶערְד שְׁפַּאצִירֶען .
. . . .
. . . .
. . . .
. . . .
בֶּעסֶער וָואלְט אִיךְ גֶעלֶעגֶען
צֶעהְן אֵיילֶען אִין דֶער עֶרְד ,
אֵיידֶער צוּטְרָאגֶען
דֶעם . . . . שְׁוֶוערְד .
בֶּעסֶער וָואלְט אִיךְ גֶעלֶעגֶען ,
צֶעהְן אֵיילֶען אִין בְּלָאטֶע ,
אֵיידֶער צוּ טְרָאגֶען
דִי נַייֶע קַאפָּאטֶע ,
. . . .
. . . .
בֶּעסֶער צוּ זָאגֶען „הַמֵּאִיר לָאָרֶץ" ,
אֵיידֶער צוּ עֶסֶען חֲזִיר ווִי אַ פָּרִיץ .
בֶּעסֶער צוּ זָאגֶען תְּהִלִּים אַ קַאפִּיטֶעל ,
אֵיידֶער צוּ טְרָאגֶען דִי סָאלְדַאטְסְקֶע הִיטֶעל .

Main Pass, main Pass
Hob ich gethon varlieren,
Mi thut mir in Prijom
Arainfihren.
Mi stellt mir awek
Unter'n Moss,—
Derlangt'n a Geschrei:
„Soldat choroschl"
Fihrt men mich araus
Vun Schul schweren, wie a Choss'n,
Ich derlang a kuk,—
Steihen arum mir
A Rote Soldatn geschlossen.
Bisch'as ich bin gewen zehn Johr alt,
Hob ich gelernt Chumesch mit Raschi;
Un izter darf ich essen
Vun Kessel Kasche.
Bisch'as ich bin gewen finf Johr alt,
Hot men gethon mir in Cheider fihren;
Un izt darf ich
Af'n Ferd spazieren.
. . . .
. . . .
. . . .
. . . .
Besser wolt ich gelegen
Zehn Eilen in der Erd,
Eider zn trogen
Dem . . . . Schwert.
Besser wollt ich gelegen
Zehn Eilen in der Blote,
Eider zu trogen
Die naie Kapote.
. . . .
. . . .
Besser zu sogen „Hamejïr lo-Orez",
Eider zu essen Chaser wie a Porez.
Besser zu sogen Thilim a Kapitel,
Eider zu trogen dem soldatsken Hitel.

בעסער צו לערנען א ביסעלע משניות,
איידער צו עסען דעם סאלדאטסקען
כזית.

בעסער גאט'ס תורה צו וויסען,
איידער מיט'ן ביקס צושיסען.

Besser zu lernen a bissele Mischnaïs,
Eider zu essen dem soldatsken Ka-
saïs.
Besser Gott's Teire zu wissen,
Eider mit'n Bichs zu schiessen.

М. З. Левинъ (Двинскъ, Витебской губ.).

№ 46.

ס'איז א גזר מן השמים, אז ס' געהען זיך גרויס
און קליין. (BIS)
זייט-זשע מיר געזונד, שוועסטער און
ברידער,
איך געה זיך שוין אוועק!
גאט זאל אייך געבען גוטע זווגים,
און מיר א גליקליכען וועג!
וואס זשע וועט אייך העלפען אייער געוויין?
איך געה זיך ניט אליין!
ס'איז א גזר מן השמים א. ז. וו.

's is a Gsar min ha-Schomajim, as
's geihen sich greiss un Klein. (bis)
Sait-że mir gesund, Schwester un
Brider,
Ich geih sich schoin awek!
Gott soll aich geben gute Siwugim,
Un mir a glicklichen Weg!
Wos-że wet aich helfen aier Gewein?
Ich geih sich nit allein!
's is a Gsar min ha-Schomajim etc.

זייט זשע מיר געזונד, פעטערס, מומעס,
איך געה זיך שוין אוועק!
גאט זאל מיר געבען א גליקליכען וועג!
זייט זשע געזונד, מיינע זיידעס און באבעס,
איך געה זיך שוין אוועק!
גאט זאל אייך געבען א גוטע עלטער,
און מיר א גליקליכען וועג!
וואס וועט אייך העלפען אייער געוויין?
איך געה זיך ניט אליין!
ס'איז א גזר מן השמים א. ז. וו.

Sait-że mir gesund, Vetters, Muhmes,
Ich geih sich schoin awek!
Gott soll mir geben a glicklichen Weg!
Sait że gesund, maine Seides un Babes,
Ich geih sich schoin awek!
Gott soll aich geben a gute Aelter,
Un mir a glicklichen Weg!
Wos wet aich helfen aier Gewein?
Ich geih sich nit allein!
's is a Gsar min ha-Schomajim etc.

זייט זשע ניט געזונד, מיינע דעפוטאטען,
איך געה זיך שוין אוועק!
גאט זאל אייך געבען קרענק צום לעבען,
און מיר א גליקליכען וועג!
ס'איז א גזר מן השמים א. ז. וו.

Sait-że nit gesund, maine Deputaten,
Ich geih sich schoin awek!
Gott soll aich geben Kreink zum Leben,
Un mir a glicklichen Weg!
's is a Gsar min ha-Schomajim etc.

Л, М, Шрайбштейнъ (Новоградволынскъ, Волынской губ.).

№ 47.

אסורנו—אסור דרבנים ,	Issureinu-Issur d'Rabonim,
לאמיר זינגען א ליד פון די אידעשע יונים ;	Lomir singen a Lied vun 'die jidesche Iwonim.
באָרד און פאות טוהט מען אונז אפשערען ,	Bord un Peies thut men uns opscheren,
שבתים, יום-טובים טוהט מען אונז פערשטערען,	Schabossim, Jom-teiwim thut men uns varsteren.
גאר די וועלט טוהט גרויס קלאגען ,	Gor die Welt thut greiss Klogen,
אז מיר דארפען שעטנז טראגען .	As mir darfen Schatnes trogen.
דאקטוירים טוהען אויף אונזערע לייבער קוקען ,	Dokteirim thuen auf unsere Laiber kuken,
און צו .... מוזען מיר זיך בוקען .	Un zu . . . . musen mir sich bucken.
היינטיגע וועלט זיינען מיר געבארען געוואָרען,	Haintige Welt sainen mir geboren geworen,
די וועלט און יענע וועלט האבען מיר אן געוואָרען .	Die Welt un jene Welt hoben mir ongeworen.
וואס זאלען מיר וויינען און שרייען ,	Wos sollen mir wejnen un schraien,
אז דאס איז א גזר מן השמים !	As dos is a Gsar min ha-Schomajim!
זיבען טעג האבען מיר אין סכה געטהאן זיצען ,	Sieben Täg hoben mir in Ssuke gethon sitzen,
און היינט דארפען מיר סאלדאטסקע ברויט ניצען .	Un haint darfen mir soldatske Breit nitzen.
חזנים און רבנים טוהען אונז טרייבען צו דער שבועה ,	Chasonim un Rabonim thuen uns traiben zu der Schwue,
און צו אונזער גזירה איז ניטא קיין רפואה.	Un zu unser Gseire is nito kein Rfue.
טייכען טרערען האט פון אונזערע מוטערס געטהאן רינען ,	Taichen Thraren hot vun unsere Mutters gethon rinnen,
איידער זיי האבען אונז געטאן געווינען .	Eider sei hoben uns gethon gewinnen.
יה , גאט, קוק אראפ , —	Joh, Gott, kuk arop,—
ווי די אידעשע יונים קומען אפ .	Wie die jidesche Jwonim kumen op!

М. З. Лев:инъ (Новоалександровскъ, Ковенской губ.).

№ 48.

נעבען וואסער וואקסען בוימער ,	Neben Wasser wachsen Beimer,
און אויף די בוימער וואקסען צווייגען ;	Un auf die Beimer wachsen Zwaigen;
אז מ' האט אונז דא אין קאראולקע אריינגעפיהרט ,	As m'hot uns do im Karaulke araingefihrt,
מוזען מיר דאך גאר שטיל שווייגען .	Musen mir doch gor still schwaigen.

נעבען וואסער וואקסען בוימער,	Neben Wasser wachsen Beimer,
אונ אויף די בוימער וואקסען צווייגען,	Un auf die Beimer wachsen Zwaigen,
אונ אויף די צווייגען בלעטער;	Un auf die Zwaigen Blätter;
אז מ׳ האט אונז דא אין קאראולקע אריינגעפיהרט,	As m' hot uns do im Karaulke araingeführt,
מוזען מיר שלאפען אויף די היילע ברעטער.	Musen mir schlofen auf die heile Bretter.
נעבען וואסער וואקסען בוימער,	Neben Wasser wachsen Beimer,
אונ אויף די בוימער וואקסען צווייגען,	Un auf die Beimer wachsen Zwaigen,
אונ אויף די צווייגען וואקסען בלעטער,	Un auf die Zwaigen wachsen Blätter,
אונ אויף די בלעטער וואקסען ניס;	Un auf die Blätter wachsen Niss;
אונ אז מ׳האט אונז גענומען פאר רעקרוטען,	Un as m' hot uns genummen far Rekruten,
טוהט מען אונז שליסען די הענד מיט די פיס.	Thut men uns schliessen die Händ mit die Fiss.
נעבען וואסער וואקסען בוימער,	Neben Wasser wachsen Beimer,
אונ אויף די בוימער וואקסען צווייגען,	Un auf die Beimer wachsen Zwaigen,
אונ אויף די צווייגען וואקסען בלעטער,	Un auf die Zwaigen wachsen Blätter,
אונ אויף די בלעטער וואקסען עפעל;	Un auf die Blätter wachsen Epel;
אז מ׳האט אונז שוין אין פריאם אריינגעפיהרט,	As m' hot uns schoin im Prijom araingeführt,
גאלט מען דאך אונז אפ א האלבע קעפעל.	Golt men uns doch op a halbe Kepel.
נעבען וואסער וואקסען בוימער,	Neben Wasser wachsen Beimer,
אונ אויף די בוימער וואקסען צווייגען,	Un auf die Beimer wachsen Zwaigen,
אונ אויף די צווייגען וואקסען בלעטער,	Un auf die Zwaigen wachsen Blätter,
אונ אויף די בלעטער וואקסען דוילען;	Un auf die Blätter wachsen Doilen;
אז מ׳גיט אונז אפ פאר סאלדאטען,	As m' git uns op far Soldaten,
לערנט מען אונז דאך שיסען מיט גרויסע קוילען.	Lernt men uns doch schissen mit greisse Koilen.
אז מ׳ פיהרט אונז שוין ארויס פון דער היים,	As m' fihrt uns schoin araus vun der Heim,
טוהען דאך פאטער אונ מוטער אונ שוועסטער אונ ברידער שרייען;	Thuen doch Volter un Mutter un Schwester un Brider schraien;
אך! אונז טוהט מען דאך לערנען שיסען	Ach! uns thut men doch lernen schiessen
מיט אלערליי כלי זין.	Mit allerlei Klei saïn.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 49.

אָי, אַב הָרַחֲמִים, שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים,

דוּ בִּיסְט אַפָאטֶער אִיבֶּער אַלֶע יְתוֹמִים!
בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י,
אֵיידֶער צוּ עֶסֶען דִי סָאלְדַאטְסְקֶע קַאשֶׁע.
בֶּעסֶער צוּ לִיגֶען אוֹיף הֵיילֶע בְּרֶעטֶער,
אֵיידֶער צוּ רוּפֶען דֶעם יָוָן „פֶעטֶער“.
בֶּעסֶער צוּ טְרָאגֶען טַלִית אוּנ קִיטֶעל,
אֵיידֶער צוּ טְרָאגֶען דִי סָאלְדַאטְסְקֶע הִיטֶעל.
בֶּעסֶער צוּ עֶסֶען הְרֶעצֶענֶע הַאלְקֶעס,
אֵיידֶער צוּ לַיידֶען אַמָאל פַּאלְקֶעס.
בֶּעסֶער לֶערְנֶען צְוַאנְצִיג יָאהְר גְּמָרָא,
אֵיידֶער צוּ הָאבֶּען אוֹיף זִיךְ דִי צָרָה.
בֶּעסֶער לֶערְנֶען צְוַאנְצִיג יָאהְר תּוֹסְפוֹת אוּנ מַהַרְשָׁ״א,
אֵיידֶער צוּ שְׁטֵעהְן נַא טְשַׁאסַאךְ אַ הַאלְבּ שָׁעָה.

. . . .

. . . .

Oi, Aw horachamim, scheichein bamreimim,

Du bist a Voter iber alle Jsseimim!
Besser zu lernen Chumesch mit Raschi,
Eider zu essen die soldatske Kasche.
Besser zu liegen auf heile Bretter,
Eider zu rufen dem Jown „Vetter“.
Besser zu trogen Talis un Kittel,
Eider zu trogen die soldatske Hitel.
Besser zu essen hrezene Halkes,
Eider zu laiden amol Palkes.
Besser lernen zwanzig Johr Gemore,
Eider zu hoben auf sich die Zore.
Besser zu lernen zwanzig Johr Teisfeis un Maharscho,
Eider zu steihn na Tschassach a halb Scho.

. . . .

. . . .

I. Л. Раввинскій (Гадячъ, Полтавск. губ.).

№ 50.

טְרֶעהְרֶען גִיסֶען זִיךְ אִין דִי גַאסְסֶען,
אִין קִינְדֶערְשֶׁע בְּלוּט קֶענְן מֶען זִיךְ וַואשֶׁען.

גֶעוַואלְד, וָואס אִיז דָאס פַאר אַ קְלָאג, —
צִי דֶען וֶועט קֵיין מָאל נִיט וֶוערֶען טָאג?

קְלֵיינֶע עוֹפֶעלֶעךְ רַייסְט מֶען פוּן חֶדֶר,

מֶען טוּהְט זֵיי אָן יְוָנִישֶׁע קְלֵיידֶער.
אוּנְזֶערֶע פַּרְנָסִים, אוּנְזֶערֶע רַבָּנִים
הֶעלְפֶען נָאךְ אָפְּצוּגֶעבֶּען זֵיי פַאר יְוָנִים.

בַּיי זוּשֶׁע רַאקָאוֶוער זַיינֶען דָא זִיבֶּען בָּנִים,

אִיז פוּן זֵיי נִיט אֵיינֶער אִין יְוָנִים;
נָאר לֵאָה דִי אַלְמָנָה׳ס אֵיינְצִיגֶע קִינְד
אִיז אַ כַּפָּרָה פַאר קָהָל׳שֶׁע זִינְד.

Thrären giessen sich in die Gassen,
In kindersche Blut kenn men sich waschen.

Gewald, wos is dos far a Klog,—
Zi denn wet kein mol nit weren Tog?

Kleine Eifelech raisst men vun Cheider,

Men thut sei on jwonische Kleider.
Unsere Parneissim, unsere Rabonim
Helfen noch opzugeben sei far Jwonim.

Bai Susche Rakower sainen do sieben Bonim,

Is vun sei nit einer in Jwonim;
Nor Leie-die-Almone's einzige Kind
Is a Kapore far koholsche Sind.

עס איז א מצוה אפצוגעבען פראסטאקעס ,—	Es is a Mizwe opzugeben Prostakes,—
שוסטער , שניידער זיינען דאך ליידאקעס ;	Schuster, Schnaider sainen doch Laidakes;
קרעציגע חייציקלעך פון א משפחה א שיינער	Krätzige Chaiziqlech vun a Mischpoche a scheiner
טאהר ביי אונז ניט אוועק געהן ניט איינער ;	Tor bai uns nit awekgeihn nit einer.

Ю. М. Нейфахъ (Минск. губ.).

№ 51 *).

וועלכעס מיידעל ס׳נעמט א זעלנער ,	Welches Meidel 's nehmt a Selner,
איז זי ניט ווערט קיין פרוטה .	Is sie nit wert kein Pryte.
געהן , געהן קיין סעוואסטאפאל ,	Geihn, geihn kain Sewastopol,
ווי אן-אקס צו דער שחיטה !	Wie ain Ochs zu der Sch'chite!
וועלכעס מיידעל ס׳נעמט א זעלנער ,	Welches Meidel 's nehmt a Selner,
איז זי ניט ווערט קיין דרייער .	Is sie nit wert kein Draier.
געהן , געהן קיין סעוואסטאפאל	Geihn, geihn kain Sewastopol
אין דאס ערשטע פייער !	In dos erste Faier!
. . . .	. . . .

Л. Гросгликъ (Варшава).

№ 52.

א זוהן מיט א טאטען	A Suhn mit a Taten
טהוט אויס די חאלאטען ,	Thut aus die Chalaten,
די טייערע בגדים	Die thaiere Bgodim
מיט די כשר׳ע פאדים	Mit die koschere Fodim,
מיט די פאסמעס און מיט די קנאפען ! 1)	Mit die Tassmes un mit die Knopen![1])
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
לאמיר וויינען , לאמיר שרייען	Lomir weinen, lomir schraien
צו דעם קייסר ניקאלייען !	Zu dem Keisser Nikolai'en!
. . . .	. . . .

М. Д. Рывкинъ (Витебск. губ.).

---

*) См. пѣсню аналогичнаго содержанія, напеч. г. Л. Перецомъ въ журналѣ «Urquell», т. II, вып. 1—2 (стр. 29).

1) Указомъ 1 мая 1850 г. воспрещено повсемѣстно съ 1 января 1851 г., употребленіе особой еврейской одежды. (В. П. С. З., т. XXV, № 24127).

№ 53.

אַ נאַיע גזרה מיט די ראזריאדען , 1)
ליו -ליו—ליו !
אַ צרה, אַ גזרה מיט די ראזריאדען ,
ליו—ליו—ליו !
—לויף צו ראמאנאווסקען ,
זאג-דו ביסט אַ וואסערטרעגער ,
זאג-דו ביסט אַ האלצענזעגער ,
זאג , זאג , ווער דו ביסט ,
ווער דו ביסט, ווער דו ביסט ,
נאר ניט בלייב אַ פּראזדנאשאטאיושציאסיאַ !
. . . .
. . . .

A naie Gseire mit die Rasrjaden, 1)
Lju-lju-lju!
A Zore, a Gseire mit die Rasrjaden,
Lju-lju-lju!
—Leif zu Romanowsken,
Sog—du bist a Wasserträger,
Sog—du bist a Holzenseger,
Sog, sog, wer du bist,
Wer du bist, wer du bist,
Nor nit blaib a prasdnoschatajuschzijssja!
. . . .
. . . .

С. М. Дубновъ (Одесса).

№ 54. *)

ניט קיין שטיין ,
ניט קיין ביין
. . . .
. . . .
ווער עס ווייס ניט, וואס דאס איז,
דער איז דאס אליין .
זאללען מיר אזוי פּטור ווערן פון אידעשען גלות ,
ווי גיך מע וועט צוטרייבען פון די שקאלעס !

Nit kein Stein,
Nit kein Bein
. . . .
. . . .
Wer es weiss nit, wos dos is,
Der is dos allein.
Sollen mir asei potur wern vun jideschen Golus,
Wie gich me wet zutraiben vun die Schkoles!

---

1) „Временными правилами о разборѣ евреевъ", 23 ноября 1851 г., повелѣно было раздѣлить еврейское населеніе, въ губерніяхъ гдѣ ему позволено постоянное жительство, на пять разрядовъ: 1) купцовъ, 2) земледѣльцевъ, 3) ремесленниковъ, 4) мѣщанъ осѣдлыхъ и 5) мѣщанъ неосѣдлыхъ. Всѣмъ евреямъ предписано объявить, до 1 апрѣля 1852 г.,—къ которому изъ четырехъ первыхъ разрядовъ они должны быть причислены; не исполнившіе того въ указанный срокъ подлежать зачисленію въ пятый разрядъ (п. II-й правилъ). За первыми четырьмя разрядами сохранены всѣ права и преимущества, коими они пользовались до того, на основаніи общихъ узаконеній о евреяхъ (п. 2-й); что же касается пятаго разряда, то согласно п. 3-му правилъ, „мѣщане неосѣдлые, *какъ неимѣющіе производительнаго труда*, подвергаются, на основаніи особаго о томъ положенія, разнымъ въ правахъ состоянія ограниченіямъ, и въ томъ числѣ усиленной рекрутской повинности".—Изданіе правилъ о „разрядахъ", въ связи съ возвѣщанными ими строгими мѣрами относительно „мѣщанъ неосѣдлыхъ", породило въ тогдашнемъ еврейскомъ населеніи рядъ тревожныхъ слуховъ и опасеній, отголоски которыхъ звучатъ въ настоящей пѣснѣ.

*) По сообщенію лица, доставившаго настоящую пѣсенку, послѣдняя распѣвалась въ нѣкоторыхъ мѣстахъ, во время поѣздокъ д-ра Лиліенталя въ 40-хъ гг. по чертѣ еврейской осѣдлости по дѣлу устройства училищъ для евреевъ.

№ 55.

אונ אקציזנע (1 יונגע לייט	Un akzisne [1]) junge Lait
זיינען פארשייט :	Sainen varschait:
גאלען די בערדעלאך	Golen die Bärdelach
אונ פאהרען אויף פערדעלאך ,	Un fohren auf Ferdelach,
געהעו אין קאלאשען	Geihen in Kalaschen
אונ עסן אונגעוואשען .	Un essn ungewaschen
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .

А. С. Таненбаумъ (Крынки, Гродн. губ.).

№ 56.

Варіантъ:

די-אקציזנע לייט	Die akzisne Lait
זיינען , זיינען זייער פארשייט :	Sainen, sainen seiher varschait:
געהען אין די גאסען	Geihen in di Gassen
אונ פרעסען אונגעוואסען ;	Un fressen ungewassn.
זיי געהען אין די טראקטירען	Sei geihen in die Traktiren
. . . .	. . . .
טרינקען טיי ,	Trinken Thei,
אונ דער וייב איז ווינד אונ ־ וועה .	Un der Waib is wind un weih.
. . . .	. . . .

М. Д. Рывкинъ (Витебск. губ.).

№ 57. *)

דאס הערץ , דאס הערץ שרעקט אין מיר ,	Dos Herz, dos Herz schrekt in mir,
מען קלאפט מיר אן האסטיג אין טיהר .	Men klappt mir on hastig in Thir.
עס געהען אריין חיל ,	Es geien arain Chajil,
מיט היילע דעגען	Mit heile Degen
אונ מיט די שפיזען	Un mit die Spiesen
מיר אנטקעגען .	Mir antkegen.

---

[1]) „Акцизные" т. е. служившіе по винному откупу, какъ извѣстно, представляли собою одну изъ первыхъ по времени категорій „культуртрегеровъ" среди еврейскаго населенія въ Россіи; своимъ свободнымъ отношеніемъ къ религіознымъ постановленіямъ и обычаямъ они вызывали недовольство со стороны еврейской массы.

*) Настоящая пѣсня, по воспоминаніямъ лица, со словъ котораго она записана, относится ко времени послѣдняго польскаго возстанія.

און איך ווייס ניט ,	Un ich weiss nit,
וואס און ווען ;	Wos un venn;
וואס בעדייט דאס ,	Wos bedait dos,
פערשטעהן ניט קענן .	Versteihn nit kenn.
איך ריכט זיך , איך ריכט זיך	Ich richt sich, ich richt sich
אויף דאס געוויסע , —	Auf dos Gewisse,—
מען וועט מיך געהמען	Men wet mich nehmen
געוויס אין תפיסה !	Gewiss in Tfisse!
דאס הערץ זאגט מיר אליין :	Dos Herz sogt mir allein:
גיב א קוק דרויסען , וואס טוהט שטעהן .	Gib a kuk draussen, wos thut steihn.
קאנאוואיען מיט די שווערדען	Konowoijen mit die Schwerten
און זשאנדארמען אויף די פערדען .	Un Żandarmen auf die Ferden.
מען פיהרט מיך ארויס פון טיהר ,	Men fibrt mich araus vun Thir,
דער גלח שטעהט קעגען מיר .	Der Galach steiht kegen mir.
פרעג איך איהם , מיט מיר וואס מען טוהט ,—	Fräg ich ihm, mit mir wos men thut,—
זאגט ער : מיט דיר איז גריילין ניט גוט !	Sogt er: Mit dir is grailich nit gut!—
מען ברייננט מיך אין מארק צופיהרען	Men breingt mich in Mark zufihren
און מען שטעלט מיך צווישען אפיציערען .	Un men stellt mich zwischen Offizieren.
מען לייענט מיר מיין דעקרעט —	Men lient mir main Dekret—
אי , א סוף פון מיין חטא !	Oi, a Ssof vun main Chet!
ווילנא , ווילנא קלאג צו מיין קלאג ,	Wilno, Wilno, klog zu main Klog,
איך זעה דאך דיר דעם לעצטען טאג !	Ich seh doch dir dem letzten Tog!
זעהט , זעהט , א העלד , א גבר —	Seht, seht, a Held, a Gwar—
מען גיט א קלאפ : טאר—טאר—טאר !	Men git a klap: tar—tar—tar!
דאס הערץ צוגעהט , דאס בלוט צומישט ,	Dos Herz zu geiht, dos Blut zumischt,
נאך אמאל—מען שיסט , מען שיסט !	Noch amol—men schiesst, men schiesst!
מען ברייננט מיך צופיהרען צום ווייסען סלופ ,	Men breingt mich zufihren zum waissen Slup,
ערשט אין קבר פיר איין טרופ (?) .	Erst in Keiwer fir ain Trup (?).
א סמערטעלנע העמד פארגעשטעלט , —	A smertelne Hemd vorgestellt, —
דאס איז דיין העמד פון יענער וועלט !	Dos is dain Hemd vun jener Welt!
דאס איז דיין קלייד , דאס איז דיין שטוב ,	Dos is dain Kleid, dos is dain Stub,
דאס איז דיין פינסטערע גרוב !	Dos is dain finstere Grub.

А. Рейзинъ (Виленск. губ.).

№ 58 *).

אִין קִיעֶוו אַפְ'ן גַאס , 1)	In Kiew af'n Gass, [1])
דִי אוֹיגֶען נַאס ,	Die Eigen nass,
זִיצְט אַ מֵיידֶעל אַ שֵׁיינֶע .	Sitzt a Meidel a scheine.
אִיהְר שֵׁיינֶע פִיגוּר ,	Ihr scheine Figur,
אִיהְר אֵיידֶעלֶע נַאטוּר .	Ihr eidele Natur
פַּאסְט נָאר פַאר אַ קְצִינָה .	Passt nor var a Kzine.
—זָאג-זְשֶׁע מִיר , מֵיידֶעל ,	—Sog-że mir, Meidel,
וָואס בִּינְסְטוּ אַזוֹי אֵיידֶעל ,	Wos binstu asei eidel,
וָואס הָאסְטוּ אַזָא טְרוֹירִיגֶע מִינֶע ?	Wos hostu asa traurige Miene?
—אַךְ , מֶענְשׁ , עֶרְבַּארְם ,	—Ach, Mensch, erbarm,
שְׁטְרֶעק אוֹיס דַיין אַרְם	Streck aus dain Arm
אוּנ שֵׁיינְק אַ נְדָבָה אַ קְלֵיינֶע !	Un scheink a Ndowe a kleine!
אִין קִיעֶוו גֶעבָּארְן , —	In Kiew geborn, —
אֵיידֶעל דֶערְצֵייגֶען גֶעוָוארְן	Eidel derzeigen geworn
מִיטְ'ן שֶׁענְסְטֶען שְׁטַאט .	Mit'n schensten Stat.
דֶער אוּמְגְלִיק אִיז גֶעקוּמֶען	Der Umglick is gekummen
אוּנ אַלְץ אַוֶועקְגֶענוּמֶען ,	Un allz awekgenummen,
אַלְץ וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעהַאט ,	Allz wos mir hoben gehat.
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
וִוי גְרוֹיס אִיז דִי שַׁאנְד	Wie greiss is die Schand
צוּ שְׁטְרֶעקֶען דִי הַאנְד	Zu strecken die Hand
אוּנ צוּ בֶּעטְ'ן גֶעלְט !	Un zu betten Geld!
אַךְ , גָאט , עֶרְבַּארְם ,	Ach, Gott, erbarm,
שְׁטְרֶעק אוֹיס דַיין אַרְם	Streck aus dain Arm
אוּנ נֶעם מִיר שׁוֹין צוּ פוּן דֶער וֶועלְט !	Un nehm mir schoin zu vun der Welt!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
М. З. Левинъ (Двинскъ).
д-ръ М. Шварцъ (Виленск. губ.).
М. Ш. Берляндъ (Зиньковъ, Под. губ.).
А. И. Богомольный (Тульчинъ, Под. губ.).
М. П. Когенъ (Шаргородъ, Под. губ.).

---

*) Настоящая пѣсня, повидимому, представляетъ собою продуктъ литературнаго творчества; но по значительной ея распространенности и обилію существующихъ варіантовъ ея она можетъ быть отнесена къ категоріи народныхъ пѣсенъ.

1) אִין מִיטְ'ן דֶער גַאס In mitt'n der Gass.

№ 59.

Варіантъ:

אין קיעוו אויף דער גאס	In Kiew auf der Gass
איז פינסטער און נאס,	Is finster un nass,
דארט זיצט זיך א מיידעל אשיינע.	Dort sizt a Meidel a scheine.
זיא זיצט פארזאגט,	Sie sizt varzogt,
פאריאמערט און פארקלאגט,	Varjommert un varklogt,
און בעט א נדבה א קליינע. 1)	Un bet a Ndowe a kleine. [1]
—אי, דו שיין מיידעל,	—Oi, du schein Meidel,
וואס ביסטו אזוי, איידעל,	Wos bistu asei eidel,
מיט דיין שיינער מינע,	Mit dain scheine Miene,
דיין שיינע פיגורע,	Dain scheine Figure,
דיין איידלע נאטורע,—	Dain eidle Nature,—
עס פאסט דיר צו זיין א גראפיניע!	Es passt dir zu sain a Grafinje!
—אז וועה צו מיין שאנד,	—As weih zu main Schand,
צו שטרעקען די האנד,	Zu strecken die Hand,
צו בעטען א נדבה א קליינע!	Zu beten a Ndowe a Kleine!
אין קיעוו געבוירען	In Kiew geboiren
און איידעל דערצויגען	Un eidel derzoigen
גאר פון א משפחה א שיינע.	Gor vun a Mischpoche a schäine.
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
אשוועסטער האב איך געהאט,	A Schwester hob ich gehat,
איז זי ארויס אין גאס,	Is sie araus in Gass,
געמאכט א גרויס גערודער.	Gemacht a greiss Geruder.
נישטא קיין פאטער,	Nischto kein Voter,
נישטא קיין מוטער,	Nischto kein Mutter,
נישטא קיין שוועסטער און ברודער.	Nischto kein Schwester un Bruder.
ווי ביטער איז דא	Wie bitter is do
צו לעבען אין גאס	Zu leben in Gass
און בעטען ביי לייטען ברויט!	Un beten bai Laiten Breit!
אי, גאטט, דערבארם,	Oi, Gott, derbarm,
שטרעק אויס דיין ארם	Streck aus dain Arm
און שיק שוין אויף מיר דעם טויט!	Un schik schoin auf mir dem Teit!

1) א געמיינע — a gemeine

אָי, ווִי בִּיטֶער אִיז דָא	Oi, wie bitter is do
צוּ לֶעבֶּען אוֹיף דֶער גַאס	Zu leben auf der Gass
אוּנ בֶּעטֶען בַּיי לַייטֶען גֶעלְד!	Un beten bai Laiten Geld!
אָי, גָאטט, דֶערְבַּארְם,	Oi, Gott, derbarm,
שְׁטְרֶעק אוֹיס דַיין אַרְם	Streck aus dain Arm
אוּנ נֶעם מִיךְ שׁוֹין צוּ פוּן דֶער וֶועלְט! 1)	Un nehm mich schoin zu vun der Welt! [1]

Г. Г. Перловъ (Вороновица, Подольск. губ.).

Въ нѣкоторыхъ мѣстностяхъ пѣсня заканчивается слѣд. припѣвомъ:

דוּ יוּנְגֶע קִינְד,	Du junge Kind,
דוּ הָאסְט קֵיין זִינְד,	Du host kein Sind,
דוּ בִּיסְט פוּן אַדֶעל גֶעבָּארֶען.	Du bist vun Adel geboren.
אַךְ, גָאט, הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת	Ach, Gott, hob schoin Rachmones
אִיבֶּער אִיהְר עֶלֶענְד	Iber ihr Elend
אוּנ שֵׁיינְק אִיהְר גְלִיקְלִיכֶע יָאהְרֶען!	Un scheink ihr glickliche Johren!

[1]) См. др. варіантъ той же пѣсни, помѣщ. „Mittheil d. Gesellsch. für jüd. Volkskunde“ вып I. стр. 64 (Hamburg 1898).

III.

Колыбельныя пѣсни.

№ 60.*)

אונטער דעם קינד'ס וויגעלע
שטייהט אַ גילדען ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָהרען האַנדלען,
וואָס איז דיא בעסטע סחורה?
דאָס קינד וועט לערנען תורה;
תורה וועט ער לערנען, ספרים וועט ער שרייבען,
אַ גוטער יוד וועט ער בלייבען.

Unter dem Kind's Wigele
Steiht a gilden Ziegele.
Dos Ziegele is gefohren handlen,
Wos is die beste S'cheire?
Dos Kind wet lernen Teire;
Teire wet er lernen, Sforim wet er schraiben,
A guter Jid wet er blaiben.

В. Юсинъ (Подольск. губ.).

№ 61.

אונטער דעם קינד'ס וויגעלע
שטעהט אַגילדען ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָהרען האַנדלען,
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען —
דאָס איז די בעסטע סחורה.
דאָס קינד וועט לערנען תורה;
פלעצעלעך מיט פּוטער וועט'ן איהם שמירען,
אין חדר אַריין וועט מען איהם פיהרען.
ספרים וועט ער שרייבען,
איין גוטער און איין פרומער יוד
וועט ער אי"ה בלייבען.
שלאָף, מיין קינד,
פריש און געזונד!
אַ שלאָף אויף דיר אַ גוטער,
ווי פאַר-טאָג אויף דעם היטער!

Unter dem Kind's Wiegele
Steiht a gilden Ziegele.
Dos Ziegele is gefohren handlen,
Rożinkes mit Mandlen—
Dos is die beste S'cheire.
Dos Kind wet lernen Teire;
Plezelech mit Putter wet'n ihm schmieren,
In Cheider arain wet men ihm fihren.
Sforim wet er schraiben,
Ain guter un ain frummer Jid
Wet er 'm-irze-Schem blaiben.
Schlof, Main Kind,
Frisch un gesynd!
A Schlof auf dir a gyter,
Wie var-Tog auf dem Hiter!

М. Ш. Берляндъ (Зиньковъ, Подольск. губ.).

*) См. варіанты настоящей и др. колыбельныхъ пѣсенъ, напеч. д-ромъ С. Вейсенбергомъ въ „Globus", 1900 г., т. L XXVII № 8, стр. 131; г. Л. Винеромъ въ „Mittheil. d. Gesellschaft f. jüd. Volkskunde", вып. II (1898 г.), стр. 45 и сл. и въ ст. „Popular Poetry of the Russian Jews" („Americana Germanica", 1898 г Vol II № 2); также „Mittheil Gesellsch. f. jüd. Volkskunde", вып. I (1898 г.), стр 50—52.

№ 62.

אוּנְטֶער מַיין אִינְגֶעלֶע'ס וויגֶעלֶע	Unter main Jingele's Wiegele
שְׁטֵעהְט אַ וַייסֶע צִיגֶעלֶע .	Steiht a waisse Ziegele.
דִי צִיגֶעלֶע אִיז גֶעפָאהְרֶען הַאנְדְלֶען ,	Die Ziegele is gefohren handlen,
בְּרַיינְגֶען רָאזִינְקֶעס מִיט מַאנְדְלֶען .	Breingen Rosinkes mit Mandlen.
רָאזִינְקֶעס אוּנ מַאנְדְלֶען זִינְד צוּקֶער-זִיס ,	Rosinkes un Mandlen sainen zucker-siss,
מַיין אִינְגֶעלֶע וֶועט זַיין גֶעזוּנְד אוּנ פְרִישׁ .	Main Jingele wet sain gesund un frisch.
גֶעזוּנְד אוּנ פְרִישׁ אִיז דִיא בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה ,	Gesund un frisch is die beste S'cheire,
מַיין אִינְגֶעלֶע וֶועט קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה .	Main Jingele wet kennen lernen Teire.
תּוֹרָה לֶערְנֶען , סְחוֹרָה קוֹיפֶען ,	Teire lernen, S'cheire keifen,
כְּסֵדֶר לֶערְנֶען , אִין חֵדֶר לוֹיפֶען !	K'sseider lernen, in Cheider leifen!

Д. Г. Гальпернъ (Туккумъ, Курляндск. губ.).

№ 63.

אַיילֶעלְיוּלְיֶע , שְׁלָאף ,	Ailje—ljulje, schlof,
מַיין לִיבֶּעס קִינְד !	Main liebes Kind!
מַאךְ-זְשֶׁע צוּ דִי אוֹיגֶעלֶעךְ	Mach-że zu die Eigelach
אוּנ שְׁטֵעה אוֹיף גֶעזוּנְד .	Un steih uf gesund.
מַאךְ זַיי צוּ	Mach sei zu
אוּנ מַאךְ זַיי אָפֶען ,	Un mach sei offen,
גֶעזוּנְטִיקֶער-הַייט	Gesuntiker-heit
זָאלְסְטוּ שְׁלָאפֶען !	Solstu schlofen!
דַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶעלֶעךְ	Daine junge Johrelech
בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵּא .	Bin ich dir m'kane.
וֶועסְט דָאךְ זַיין אַ גְרוֹיסִינְקֶער ,	West doch sain a greissinker,
וֶועסְט דָאךְ זַיין אַ תַּנָּא ;	West doch sain a Tane;
וֶועסְט דַיינֶע עֶלְטֶערְן	Westu daine Eltern
בַּאצִיעֶרֶען אוּנ בַּאשַׁיינֶען , —	Bazieren un bascheinen,—
פַּאסְט דָאךְ נִיט פַאר דִיר ,	Passt doch nit far dir,
זָאלְסְט פִּישְׁטְשֶׁענֶען אוּנ וַויינֶען .	Sollst pistschenen un weinen.
פִּיֶעשְׁטְשֶׁעסְט זִיךְ אוּנ וַויינְסְט	Pjestschest sich un weinst
אוּנ שְׁלָאפֶען ווִילְסְטוּ נִיט ;	Un schlofen willstu nit;
מַאכְסְט דָאךְ אָן דַיין מוּטֶער	Machst doch on dain Mutter
שְׁמֶערְצֶען מִיט דֶער מִיט .	Schmerzen mit dermit.
זִינְגֶען אוּנ וִויעגֶען	Singen un wiegen
אִיז דַיין גַאנְצֶער גְרוּנְד ;	Is dain ganzer Grund;
שְׁלָאף-זְשֶׁע מַיין קִינְד ,	Schlof-że, main Kind,
שְׁלָאף זְשֶׁע גֶעזוּנְד !	Schlof-że gesund!

די באבעס מיט די דזיאדעס	Die Bobes mit di Dsiades
טוהען אין דרויסען זיצען ,	Thuen in draussen sitzen,
מיט די ברויטע שווערדען ,	Mit die breite Schwerten,
מיט די לאנגע שפיצען .	Mit die lange Spitzen.
א אינגעלע , וואס האט זיך	A Jingele, wos hot sich
וויינענדיג געפונען , —	Weinendig gefunen,—
האט מען איהם געחאפט	Hot men ihm gechapt
און אריינגעווארפען אין ברונען .	Un araingeworfen in Brunnen.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.)

№ 64.

גם שמחה עטרת בעלה ,	Gam Ssimcho ateres Bálo,
לאמיר שפילען א קליינע ווײלע .	Lomir spielen a kleine Waile.
א קליינע ווײלע וועלען מיר שפילען ,	A kleine waile welen mir spielen,
א גאנצען רעדעל וועלען מיר פיהרען .	A ganzen Redel welen mir fihren.
פאטשע-פאטשע , קינדעלעך ,	Patsche-patsche, Kindelech,
וועלין מיר קויפען שיכעלעך ;	Welen mir keifen Schichelech;
שיכעלעך וועלען מיר קויפען ,	Schichelech welen mir keifen,
אין חדר וועלען מיר לויפען .	In Cheider welen mir leifen.
תורה וועלען מיר לערנען מיט גוטע מעלות ,	Teire welen mir lernen mit gute Mailes,
צו דער חתונה וועלען מיר פסק'ענען שאלות ;	Zu der Chassene welen mir paskenen Schailes;
שאלות וועלען מיר פסק-ענען ,	Schailes welen mir paskenen,
א דרשה וועלען מיר דרש'ענען .	A Drosche welen mir darschenen.
די דרשה וועט געפעללען די גאנצע וועלט ,	Die Drosche wet gefällen die ganze Welt,
בפרט אז די קינד קאסט אזוי פיל געלד ;	Bifrat as die Kind kost asei viel Geld;
אזוי פיל געלד איז מ'זל מיט ברכה :	Asei viel Geld is Masol mit Broche:
די קינד קומט ארויס פון א שיינע משפחה .	Die Kind kummt araus vun a scheine Mischpoche.

М. З. Левинъ (Витебск. губ).

אַז כ'וָואלְט גֶעהַאט דֶעם קֵיסַרס אוֹצְרוֹת מִיט זַיין גַאנְצֶע מְלוּכָה ,
וָואלְט דָאס גָאר נִיט זַיין בַּיי מִיר אַזוֹי גְרוֹים נִיחָה ,
וִוי דוּ בִּינְסְט בַּיי מִיר נִיחָה , מַיין לִיכְט , מַיין שַׁיין !
אַז אִיךְ דֶער זֶעה דִיר מַיין אִיךְ—דִי גַאנְצֶע וָועלְט אִיז מַיין !
שְׁלָאף , מַיין קִינְד , שְׁלָאף , מַיין קִינְד ,
זָאלְסְט מִיר רוּהֶען אוּנ זַיין גֶעזוּנְד !

As 'ch wollt gehat dem Keissers Eizres mit sain ganze Melyche,
Wollt dos gor nit sain bai mir asei greis niche,
Wie du binst mir niche main Licht, main Schain!
As ich derseh dir, mein ich—die ganze Wellt is main!
Schlof, main Kind, schlof main Kind,
Sollst mir ruhen un sain gesund!

אַלֶע בְּרִילְיַאנְטֶען אוּנ אַלֶע אַנְטִיקֶען
קֶענֶען דָאךְ מַיין הַארְץ אַזוֹי פִיל נִיט עֶרְקְוִויקֶען ,
וִוי פִיל דוּ טוּהְסְט עֶרְקְוִויקֶען , מַיין לִיכְט , מַיין שַׁיין ,
מִיט דִיר וִויל אִיךְ מֵיינֶען , אַז דִי גַאנְצֶע וָועלְט אִיז מַיין !
שְׁלָאף, מַיין קִינְד א. ז. וו.

Alle Brilljanten un alle Antiken
Kennen doch main Harz asei viel nit erquicken,
Wie viel du thust erquicken, main Licht, main Schain,
Mit dir will ich meinen, as die ganze Welt is main!
Schlof, main Kind etc.

אַז דוּ לִיגְסְט אוּנ שְׁלָאפְסְט אִין דַיין וִויגֶעל ,
שְׁטֵעהֶען גוּטֶע מַלְאָכִים אוּנ בַּאדֶעקֶען דִיר מִיט זֵייעֶר פְלִיגֶעל .
דוּ , מַיין קִינְד , בִּינְסְט מַיין לִיכְט , מַיין שַׁיין ,
מִיט דִיר וִויל אִיךְ מֵיינֶען – דִי גַאנְצֶע וָועלְט אִיז מַיין !
שְׁלָאף, מַיין קִינְד א. ז. וו.

As du liegst un schlofst in dain Wiegel,
Steihen gute Malochim un badecken dir mit seier Fligel.
Du, main Kind, binst main Licht, main Schain,
Mit dir will ich meinen—die ganze Welt is main!
Schlof, main Kind etc.

דֶער טַאטֶע הָאט דָאס קִינְד נִיט גֶעלֶערְנְט ,
וָואס גָאט הָאט גֶעבָּאטֶען ,
וֶועט מֶען אִיהְם אוֹיף יֶענֶער וָועלְט בְּרֶענֶען אוּנ בְּרָאטֶען ;
אוּנ דוּ , מַיין לִיבּ קִינְד , מִיט דַיינֶע צְדָקוֹת זָאלְסְט זִיךְ מִיהֶען
דַיין טַאטֶען פוּן גֵיהִנוֹם אַרוֹיס צוּ צִיהֶען .
שְׁלָאף, מַיין קִינְד א. ז. וו.

Der Tate hot dos Kind nit gelernt, wos Gott hot geboten,
Wet men ihm auf jener Welt brennen un broten;
Un du, main lieb Kind, mit daine Zidkes sollst sich mihen
Dain Taten vun Geh'nem arauszuziehen.
Schlof, main Kind etc.

אז איך וועל א מאל דארפען אויף יענער וועלט געהן ,	As ich wel amol darfen auf jener Welt geihn,
וועלען די טיהרען פון גן עדן אפען שטעהן .	Welen die Thiren vun Gan-eiden offen steihn.
דו מיין קינד , זאלסט מיר זיין א פרומער אונ א גוטער ,	Du, main Kind, sollst mir sain a frummer un a guter,
וועט מען זאגען אויף יענער וועלט : לאזט אריין דעם צדיקס מוטער !	Wet men sogen auf jener Welt: Lost arain dem Zadik's Mutter!
שלאף, מיין קינד , שלאף, מיין קינד ,	Schlof, main Kind, schlof, main Kind,
זאלסט מיר רוהען אונ זיין געזונד !	Sollst mir ruhen un sain gesynd!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 66.

איליו-ליו-ליו , ליו-ליו-ליו !	Ai-lju-lju-lju, lju-lju-lju!
אונטער דאס קינד'ס וויגעלע	Unter dos kind's Wiegele
שטעהט א קליין פיין ציגעלע .	Steiht a klein fain Ziegele.
די ציגעלע איז געפאהרען האנדלען ,	Die Ziegele is gefohren handlen,
די בעסטע סחורה איז ראזינקעס מיט מאנדלען .	Die beste S'cheire is Rosinkes mit Mandlen.
תורה , תורה אין קעפעלע ,	Teire, Teire in Kepele,
קאשע קאכען אין טעפעלע ,	Kasche kochen in Tepele,
ברייט מיט פוטער שמירען ;	Breit mit Putter schmieren;
דער טאטע מיט די מאמען	Der Tate mit die Mamen
וועלען דאס קינד צו דער חפה פיהרען .	Welen dos Kind zu der Chupe fihren.
ציגעלע-מיגעלע , וואקס אין קריגעלע ,	Ziegele-Miegele, Wachs in Krigele,
רויטע פאמעראנצען ;	Reithe Pomeranzen;
אז דער טאטע שלאגט דער מאמען	As der Tate schlogt der Mamen
לויפען די קינדער טאנצען .	Leifen die Kinder tanzen.

М. З. Левинъ (Витеб. губ.).

№ 67.

אונטער (שרה'לעס) וויגעלע	Unter (Ssoreles) Wiegele
שטעהט א קלאר-ווייס ציגעלע.	Steiht a klor-waiss Ziegele.
דאס ציגעלע איז געפאהרען האנדלען .	Dos Ziegele is gefohren handlen.
ראזינקעס מיט מאנדלען ,	Rosinkes mit Mandlen,
וואס איז די בעסטע סחורה .	Wos is die beste S'cheire.
שרה'לעס חתן וועט לערנען תורה ;	Ssorele's choss'n wet lernen Teire;
תורה וועט ער לערנען ,	Teire wet er lernen,
ספרים וועט ער שרייבען ;	Sforim wet er schraiben;
א גוטע אונ א פרומע	A gute un a frumme
וועט (שרה'לע) בלייבען .	Wet (Ssorele) blaiben.

А. А. Чигпринскій (Кіевъ).

№ 68.

שלאף , טאכטער'ל דו שיינע , דו פיינע ,
אין דיין וויגעלע ;
איך וועל מיר זעטצען לעבען דיר
אונד זינגען א לידעלע .
אי ליוליע , אי ליוליע ,
מאך צו דיינע פיינע אויגעלאך גיך און
געשווינד !

וואס ווארפסטו זיך ארום ,
וואס ליגסטו קרום ?
פאלג מיר , ליג בעסער גראד ;
דו מעגסט מיר גלויבען —
אללע ווערן דיר לויבען
פאר א שיינע ערליכע מאד !
אי ליוליע א. ז. וו.

אז מען שלאפט , געהט די נשמה ארויף

און שרייבט די עברות אין די ביכער ;
און דו מיין קינד ,
האסט קיין זינד ,
קענסט שלאפען רוהיג אונד זיכער !
אי ליוליע א. ז. וו.

גענוג שאן וויינען ,
איך וועל דיר פערייניגען ,
איך וועל דיר קויפען בייגעלאך .
גענוג שאן דיר וויגען ,
לאז מיר א ווייל ליגען ,
מאך צו דיינע כשרע אויגעלאך !
אי ליוליע א. ז. וו.

אז איך וואלט וויסען ,
ווער עס קומט אהער ,
וואס ווילען אן-עין-הרע געבען ,—
אראפ פון דיין גוף ,
אויף זיי ארויף ,
זאל זיין ביי זיי צייט זייער לעבען !
אי ליוליע א. ז. וו.

Schlof, Tochter'l du scheine, du faine,
In dain Wigele;
Ich wel mir setzen leben dir
Und singen a Liedele.
Ai ljulje, ai ljulje,
Mach zu daine faine Eigelach gich
un geschwind!

Wos warfstu sich arum,
Wos liegstu krumm?
Folg mir, lieg besser grad;
Du megst mir gleiben—
Alle wern dir leiben
Far a scheine, erliche Mad!
Ai ljulje etc.

As men schloft, geiht die Nschome
aruf

Un schraibt die Aweires in die Bicher;
Un du, main Kind,
Host kain Sind,
Kennst schlofen ruhig un sicher!
Ai ljulje etc.

Genug schon weinen,
Ich wel dir vereinen,
Ich wel dir keifen Beigelach.
Genug schon dir wigen,
Los mir a Waile liegen,
Mach zu daine koschere Eigelach!
Ai ljulje etc.

As ich wollt wissen,
Wer es kummt aher,
Wos willen a-n-Ain-hore geben,—
Arop vun dain Guf,
Auf sei aruf,
Soll sain bai sei zait seier leben!
Ai ljulje etc.

Е. Нуровъ (Туккумъ, Курляндск. губ.).

№ 69.

אַיילְיֶע—לְיוּלְיֶע, שְׁלָאף,	Ailje-ljulje, schlof,
מַיין לִיבָּעס קִינְד !	Main liebes Kind!
מַאךְ-זְשֶׁע צוּ דִי אוֹיגֶעלֶעךְ	Mach-że zu die Eigelach
אוּנ שְׁטֵעה אוּף גֶעזוּנְד.	Un steih uf gesynd.
מַאךְ זֵיי צוּ	Mach sei zu
אוּנ מַאךְ זֵיי אָפֶּען,	Un mach sei offen,
גֶעזוּנְטִיקֶער-הֵייט	Gesuntiker-heit
זָאלְסְטוּ שְׁלָאפֶען !	Sollstu schlofen!
פִּיעשְׁטְשֶׁעסְט זִיךְ אוּנ וֵויינְסְט	Pjestschest sich un weinst
אוּנ שְׁלָאפֶען ווִילְסְטוּ נִיט, —	Un schlofen willstu nit,—
מַאכְסְט דָאךְ אָן דַיין מוּטָער	Machst doch on dain Mutter
שְׁמֶערְצֶען מִיט דֶערְמִיט.	Schmerzen mit dermit.
זִינְגֶען אוּנ וִויגֶען	Singen un wiegen
אִיז דַיין גַאנְצֶער גְרוּנְד ;	Is dain ganzer Grund;
שְׁלָאף-זְשֶׁע, מַיין קִינְד,	Schlof--że, main Kind,
שְׁלָאף-זְשֶׁע גֶעזוּנְד !	Schlof-że gesund!
זְשַׁאבָּעס מִיט בֶּערֶען	Żabes mit Bären
אָהֶען אַף דְרוֹיסֶען זִיצֶען,	Ohen af draussen sitzen,
מִיט דִי הוֹיכֶע שְׁטֶעקֶענְס,	Mit die heiche Steckens,
מִיט דִי לַאנְגֶע שְׁפִּיצֶען	Mit die lange spitzen.
אַ מֵיידֶעלֶע, וָואס וֵויינְט	A Meidele, wos weint
אוּנ ווִיל נִיט רוּהִיג זַיין,	Un will nit ruhig sain,
נֶעהְמֶען זֵיי אִיהְר צוּ	Nehmen sei ihr zu
אוּנ וַוארְפֶען אִין טָארְבֶּע אַרַיין !	Un warfen in Torbe arain!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 70.

שְׁלָאף, מַיין קִינְד, אִין פְּרֵיידֶען,	Schlof, main Kind, in Freiden,
דוּ וֶועסְט פַארְגֶעסְסֶען דַיינֶע לֵיידֶען,	Du west fargessen daine Leiden,
דֶער וַוײלֶע שְׁלָאף גֶעזוּנְד !	Derwaile schlof gesynd!
דוּ וֶועסְט לֶעזֶען בִּיכֶעלֶעךְ,	Du west lesen Bichelech,
דוּ וֶועסְט שְׁטְרִיקֶען טִיכֶעלֶעךְ, —	Du west stricken Tichelech,—
דֶערְ וַוײלֶע שְׁלָאף, מַיין קִינְד !	Derwaile schlof, main Kind!
דָארְט אִין אַ זַאל	Dort in a Sál
וֶועט זַיין אַ מָאל אַ בַּאל,	Wet sain amol a Ball,
דוּ'סְט מַאכֶען מִיט דַיין קְלֵיידֶעלֶע אַ ווִינְד !	Du'st machen mit dain Kleidele a Wind.
שְׁלָאף-זְשֶׁע, שְׁלָאף-זְשֶׁע, מַאמֶעלֶע,	Schlof-że, schlof-że, Mamele,
דוּ וֶועסְט זַיין אַ מָאל אַ דַאמֶעלֶע, —	Du west sain amol a Damele,—
דֶערְוַוײלֶע שְׁלָאף גֶעזוּנְד !	Derwaile schlof gesynd!
. . . .	. . . .

г-жа Б. Іофе (Гродненск. губ.).

№ 71.

שְׁלָאף אִין פְֿרַייִדֶען ,	Schlof in Freiden,
דוּ וַוייסְט נִיט קֵיין לֵיידֶען ,	Du weist nit kein Leiden,
שְׁלָאף , מַיין טַייֶערֶע קִינְד !	Schlof, main thaiere Kind!
שְׁלָאף , מַיין פֵֿייגֶעלֶע ,	Schlof, main Veigele,
מַאךְ צוּ דַיין אֵייגֶעלֶע ,	Mach zu dain Eigele,
שְׁלָאף , מַיין טַייֶערֶע קִינְד !	Schlof, main thaiere Kind!
דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִן הַשָּׁמַיִם	Daine Eltern min-hastame
זַיינֶען טְרַייֶע טַאטֶע–מַאמֶע ,	Sainen traie Tate-Mame,
װָאלְטֶען װֶעלֶען פוּן דִיר גוּטְ'ס דֶערְלֶעבֶּען ;	Wollten wellen vun dir Gut's derleben;
װָאלְטֶען גֶערְן זֶעהְן אַ טְרִיטֶעלֶע	Wollten gern sehn a Trittele
פוּן דַיין גֶעטְרַייֶע פִיסֶעלֶע ,	Vun dain getraie Fissele,
װָאלְטֶען זַיי גֶעווִיס צְדָקָה גֶעבֶּען .	Wollten sei gewiss Zdoke geben.
װֶעסְט זַיין גֶעלַאדֶען אוֹיף דִי בַּאלֶען	West sain geladen af die Ballen,
װֶעסְט טַאנְצֶען אִין דִי זַאלֶען ;	West tanzen in die Salen;
װֶעסְט זִיךְ דְרֵייהֶען אַ הֶער אוּנ אַ הִין ,	West sich dreihen aher un ahin,
װֶעסְט גֶעפֶֿעלֶען װֶערֶען	West gefällen weren
צְווִישֶׁען אַלֶע הֶערֶען , —	Zwischen alle Herren,—
דֶערְוַויל שְׁלָאף זִיךְ אוֹיס , מַיין קִינְד !	Derwail schlof sich aus, main Kind!
װֶעסְט אוֹיפְשְׁטֵעהְן אִין דֶער פְרִיה ,	West aufsteihn in der-frih,
װֶעסְטוּ הָאבֶּען אַרְבֶּעט אַ סַךְ .	Westu hoben Arbet a ssach
. . . .	. . . .
װֶעסְט שְׁטְרִיקֶען טִיכֶעלֶעךְ	West stricken Tichelech
אוּנ לֶעזֶען פוּן דִי בִּיכֶעלֶעךְ , —	Un lesen vun die Bichelech,—
דֶערְוַויל שְׁלָאף זִיךְ אוֹיס , מַיין קִינְד !	Derwail schlof sich aus, main Kind!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ).

№ 72.

שְׁלָאף , שְׁלָאף , שְׁלָאף !	Schlof, schlof, schlof!
דֶער טַאטֶע װֶעט פָֿאהְרֶען אִין דָארְף ,	Der Tate wet fohren in Dorf,
װֶעט עֶר בְּרֵיינְגֶען אַ נְ-עֶפֶּעלֶע ,	Wet er breingen a-n-Epele,
װֶעט זַיין גֶעזוּנְד דִי קֶעפֶּעלֶע .	Wet sain gesund die Kepele.
שְׁלָאף , שְׁלָאף א. ז. וו.	Schlof, schlof etc.
װֶעט עֶר בְּרֵיינְגֶען אַ נִיסֶעלֶע ,	Wet er breingen a Nissele,
װֶעט זַיין גֶעזוּנְד דִיא פִיסֶעלֶע .	Wet sain gesund die Fissele.
שְׁלָאף , שְׁלָאף א. ז. וו.	Schlof, schlof etc.
װֶעט עֶר בְּרֵיינְגֶען אַ נְ-עֶנְטֶעלֶע ,	Wet er breingen a-n-Entele,
װֶעט זַיין גֶעזוּנְד דִי הֶענְטֶעלֶע .	Wet sain gesund die Häntele.

שְׁלָאף , שְׁלָאף א. ז. ו.	Schlof, schlof etc.
וֶועט עֶר בְּרֵיינְגֶען אַ יַיכֶעלֶע ,	Wet er breingen a Jaichele,
וֶועט זַיין גֶעזוּנְד דֶער בַּייכֶעלֶע .	Wet sain gesund der Baichele.
שְׁלָאף , שְׁלָאף א. ז. ו.	Schlof, schlof etc.
וֶועט עֶר בְּרֵיינְגֶען אַ פֵֿייגֶעלֶע ,	Wet er breingen a Veigele,
וֶועט זַיין גֶעזוּנְד דִי אֵייגֶעלֶע .	Wet sain gesund die Eigele.
שְׁלָאף , שְׁלָאף א. ז. ו.	Schlof, schlof etc.
וֶועט עֶר בְּרֵיינְגֶען אַ הֶעזֶעלֶע ,	Wet er breingen a Häsele,
וֶועט זַיין גֶעזוּנְד דֶער נֶעזֶעלֶע .	Wet sain gesund der Näsele.

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 73.

שְׁלָאף , מַיין קִינְד , שְׁלָאף !	Schlof, main Kind, schlof!
דֶער טַאטֶע וֶועט בְּרֵיינְגֶען אַנְ-עוֹף .	Der Tate wet breingen a-n-Of;
דִי מַאמֶע וֶועט בְּרֵיינְגֶען אַנְ-עֶפֶּעלֶע ,	Die Mame wet breingen a-n-Epele,
וֶועט זַיין גֶעזוּנְד דִי קֶעפֶּעלֶע .	Wet sain gesund die Kepele.
שְׁלָאף , מַיין קִינְד שְׁלָאף !	Schlof, main Kind, schlof!
דֶער טַאטֶע וֶועט בְּרֵיינְגֶען אַנְ-עוֹף ;	Der Tate wet breingen a-n-Of;
דִי מַאמֶע וֶועט בְּרֵיינְגֶען אַ יַיכֶעלֶע ,	Die Mame wet breingen a Jaichele,
וֶועט זַיין גֶעזוּנְד דִי בַּייכֶעלֶע .	Wet sain gesund die Baichele.
שְׁלָאף , מַיין קִינְד א. ז. ו.	Schlof, main Kind etc.
דִי מַאמֶע וֶועט בְּרֵיינְגֶען אַ עֶנְטֶעלֶע ,	Die Mame wet breingen a-Entele,
וֶועט זַיין גֶעזוּנְד דִי הֶענְטֶעלֶע .	Wet sain gesund die Häntele.
שְׁלָאף , מַיין קִינְד א. ז. ו.	Schlof, main Kind etc.
דִי מַאמֶע וֶועט בְּרֵיינְגֶען אַ שִׁיסֶעלֶע ,	Die Mame wet breingen a Schissele,
וֶועט זַיין גֶעזוּנְד דִי פִּיסֶעלֶע .	Wet sain gesund die Fissele.
. . . .	. . . .

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 74.

שְׁלָאף , שְׁלָאף אִין דַיין רוּה ,	Schlof, schlof in dain Ruh,
מַאךְ דִי כָּשֵׁרְ'ע אֵייגֶעלַאךְ צוּ ;	Mach die koschere Eigelach zu;
מַאךְ זַיי צוּ אוּנ מַאךְ זַיי אָפֶּען	Mach sei zu un mach sei offen
אוּנ וֶוער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אַנְשְׁלָאפֶּען !	Un wer gesunter-heit ainschlofen!
. . . .	. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Виленск. губ.).

№ 75.

די לבנה פאסט אויף די שטערן,
ווי דער פאסטוך זיינע שאף,
זיי זאלען חלילה ניט געמינערט ווערן, —
שלאף, מיין עופ׳עלע, שלאף!
. . . .

Die Lwone passt auf die Stern,
Wie der Pastuch saine Schof,
Sei sollen cholile nit geminert wern, —
Schlof, main Eifele, schlof!
. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 76.

שלאף-זשע, מיין קינד,
גיך און געשווינד,
אין דיין שיינינקע וויגעלע!
איך וועל זיך מיר זעצען לעבען דיר
און זינגען א שיינינקע לידעלע.

וואס איז דאס פאר א שטייגער, —
עס איז שוין צוועלף א זייגער
און דו שלאפסט נאך ניט איין!
עס איז קיין אנדער סברה,
אז דו האסט אן-עין הרע,
שלאף-זשע איין, מיין קינד!

ווען עס וואלט ניט זיין שפעט,
וואלט איך אראפ פון בעט
און וואלט אן-עין הרע׳לע אפשפרעכען.
אראפ פון דיין גוף,
ביז די ווייבער זיינען נאך ניט אוף.
וואס האלסטו אזוי די קעפעלע פארווארפען?
. . . .

Schlof-że, main Kind,
Gich un geschwind,
In dain scheininke Wiegele!
Ich wel sich mir setzen leben dir
Un singen a scheininke Liedele.

Wos is dos far a Steiger,—
Es is schoin zwelf a Seiger
Un du schlofst noch nit ain!
Es is kein ander Swore,
As du host a-n-Ain-hore.
Schlof-że ain, main Kind!

Wenn es wollt nit sain spät,
Wollt ich arop vun Bett
Un wollt a-n-Ain-hore'le opsprechen
Arop vun dain Guf,
Bis die Waiber sainen noch nit uf.
Wos halstu asei die Kepele varworfen?
. . . .

М. З. Левинъ (Витебск. и Екатеринославск. г).

№ 77.

איילע-ליוליע,
שלאף, מיין גדולה!
מאך צו דיינע
אייגעלעך די פיינע
גאנץ גיך און געשווינד
און שטעה אויף ווידער
מיט געזונדע גליעדער,
מיין ליעב-זיסעס קינד!

Ailje-ljulje,
Schlof, main Gdule!
Mach zu daine
Eigelech die faine
Ganz gich un geschwind
Un steih auf wieder
Mit gesunde Glieder,
Main lieb - sisses Kind!

Д. Г. Гальпернъ (Ковна).

№ 78.

. . . .

אין מארק דארף מען לויפען ,
בייגעלעך דארף מען קויפען ;
מיט פוטער דארף מען שמירען ,
דער טאטע און די מאמע
זאלען דיך צו דער חפה פיהרען .

. . . .

In Mark darf men leifen,
Beigelech darf men keifen;
Mit Putter darf men schmieren,
Der Tate mit der Mame
Sollen dich zu der Chupe fihren.

г-жа Б. Б. Гинзбургъ (Могилевск. губ.).

№ 79.

דאס קינד ליגט אין וויגעלע מיט אויסגעוויינטע אויגען ,
די מאמע ליגט אויף ד'ערד , די פיס אויסגעצייגען .
נישא קיין מאמע ,
נישא קיין נחמה !

דאס קינד ליגט אין וויגעלע און חלשט זויגען ,
די מאמע ליגט אין קבר מיט שארבענס אויף דיא אויגען .
נישא קיין מאמע א. ז. וו.

ווער וועט דיר , מיין קינד , גלעטען און קאמען ,
ווער וועט דיר , מיין קינד , די וויגעלע אויסראמען ?
נישא קיין מאמע א. ז. וו.

ווער וועט דיר , מיין קינד פוצען און גלעטען ,
ווער וועט דיר , מיין קינד , די וויגעלע אויסבעטען ?
נישא קיין מאמע א. ז. וו.

ווער וועט דיר , מיין קינד , פוצען און ציערען ,
ווער וועט דיר , מיין קינד , אין חדר פיהרען ? 1)
נישא קיין מאמע א. ז. וו.

Dos Kind liegt in Wiegele mit ausgeweinte Eigen.
Die Mame liegt auf der Erd, die Fiss ausgezeigen.
Nito kein Mame,
Nito kein Nchome!

Dos Kind liegt in Wiegele un chalesht seigen,
Die Mame liegt in Keiwer mit Scharbens auf die Eigen.
Nito kein Mame etc.

Wer wet dir, main Kind, glätten un Kammen,
Wer wet dir, main Kind, die Wiegele ausramen?
Nito kein Mame etc.

Wer wet dir, main Kind, putzen un glätten,
Wer wet dir, main Kind, die Wiegele ausbetten?
Nito kein Mame etc.

Wer wet dir, main Kind, putzen un zieren,
Wer wet dir, main Kind, in Cheider fihren? 1)
Nito kein Mame etc.

Варіанты:

1) ווער וועט דיר , מיין קינד , מאכען פאר א מענשען .
און ווער וועט דיר , מיין קינד , אונטער דער חפה בענטשען ?

Wer wet dir, main Kind, machen far a Mentschen.
Un wer wet dir, main Kind, unter der Chupe bentschen?

כ'בין אויסגעגאנגען אין אלע אפטייקען ,
כ'האב געמיינט , דער מלאך המות וועט ניט
קומען די מאמען טייטען .
ניטא קיין מאמע א. ז. וו.

כ'בין אויסגעפאהרען אין אלע שיפען און
אלע ים'ען ,
כ'האב געמיינט , כ'וועל קריגען קויפען פארן
יתום'ל א מאמען . 1)
ניטא קיין מאמע א. ז. וו.

אין דעם יתום'ס וויגעלע האט זיך אריינגעכאפט
א פייער ,
ווי אוי'ן פרייען פעלד אין די שטריי פון
א שייער. 2)
ניטא קיין מאמע א. ז. וו.

'ch bin ausgegangen in alle Apteiken,
'ch hob gemeint, der Mal'ch-ha-Mowes
wet nit Kummen die Mamen teiten
Nito kein Mame etc.

'ch bin ausgefohren in alle Schiffen
un alle Jamen,
'ch hob gemeint, 'ch wel kriegen
keifen far'n Jossem'l a Mamen.[1])
Nito kein Mame etc.

In dem Jossem's Wiegele hot sich
araingechapt a Faier,
Wie auf'n fraien Feld in die Strei
vun a Schaier.[2])
Nito kein Mame etc.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
М. З. Левинъ (Витебск. губ.).
Ю. М. Нейфанъ (Минск. губ.).

№ 80.

ער האט מיר צו געזאגט , ער האט מיר
צו געזאגט ,
ער האט מיר צו געזאגט צו געהמען. (bis)
ער געהט אוועק צו אנ-אנדער מיידעל,
טוהט מיין הארץ קלעמען .
שלאף , מיין קינד, שלאף ,
אין דיין טייערן שלאף !
ווען גאט וועט איהם באצאלען
פאר די פאלשע ליבע ,
דאס וועט שוין זיין זיין שטראף !

ס'אי' גאר ניטא קיין עפעלע ,
וואס זאל ניט זיין קיין ווארם אין ד'רינען ;

ס'אי' גאר ניטא קיין מאנספערזאן ,
וואס זאל ניט האבען קיין פאלשען זינען .

אך שלאף , מיין קינד , שלאף
אין דיין טייערן שלאף א. ז. וו.

Er hot mir zugesogt, er hot mir
zugesogt,
Er hot mir zugesogt zu nehmen. (bis)
Er geiht awek zu a-n-ander Meidel,
Thut main Harz klemmen.
Schlof, main Kind, schlof
In dain thaiern Schlof!
Wen Gott wet im bazohlen
Far die falsche Liebe,
Dos wet schoin sain sain Strof!

's i' gor nito kein Epele,
Wos soll nit sain kein Worm in
drinnen;
's i' gor nito kein Mannsperson,
Wos soll nit hoben kein falschen
Sinnen.

Ach schlof, main Kind, schlof
In dain thaiern Schlof etc.

---

1) . . . איך וועל קריגען אנ-אנדער מאמען .
или :
2) . . . איך וועל קויפען פאר געלט דער מאמען .
אי , ווי איין מוטער איז צו קינדער טייער !

. . . ich wel kriegen a-n-ander Mamen.
. . . ich wel keifen far Geld der Mamen.
Oi, wie ain Mutter is zu Kinder thaier!

איך האב זיך גענעהט א קליידעלע ,	Ich hob sich geneiht a Kleidele,
פון פינף ארשין די ברייט ;	Vun finf Arschin die Breit;
קיין גוט'ס און קיין האב זאלען זיי ניט האבען ,	Kein Gut's un kein Hob sollen sei nit hoben,
די וואס האבען אונזער ליבע פונאנדער געשיידט !	Die wos hoben unser Liebe vunander-gescheidt!
שלאף , מיין קינד , שלאף	Schlof, main Kind, schlof
אין דיין טייערן שלאף א. ז. וו.	In dain thaiern Schlof etc.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 81. *)

שליס צו , מיין קינד , דיינע אייגעלעך	Schliess zu, main Kind, daine Eigelech
און נעהם מיין חיות ניט ארויס.	Un nehm main Chijus nit araus.
פון דיין גרויסען אונגליק מיין קינד ווייסטו ניט,	Vun dain greissen Umglick, main Kind, weisstu nit,
פון דעם וואס איך זאג דיר יעצט אויס. 1)	Vun dem, wos ich sog dir jetzt aus [1].
דער מלאך וועט דיך צו דעקען מיט זיין פליגעלע	Der Mal'ach wet dich zudecken mit sain Fligele
ביז מארגען קלאר ווייסען טאג ; 2)	Bis morgen klor-waissen Tog; [2])
לעב'ן דער עלינטער וויגעלע	Leb'n der elinter Wiegele
זיץ איך, דיין מוטער , און קלאג .	Sitz ich, dain Mutter, un klog.
איך קלאג , וואס איך האב דיך געבארען	Ich klog, wos ich hob dich geboren
אויף צרות, אויף אומגליק , אויף שמערץ .	Auf Zores, auf Umglick, auf Schmerz.
ווען איך האב דיין פאטער פארלארען ,	Wenn ich hob dain Voter varloren,
ביסטו געוועזן ביי מיר אונטערן הערץ.	Bistu gewen bai mir unter'n Herz.
ווען דו ביסט ארויס פון דיין בליהונג ,	Wenn du bist araus vun dain Blihung,
איז ער שוין בא אונז ניט געוועזן .	Is er schoin bai uns nit gewen.
קיין פאטער , מיין קינד האסטו ניט , —	Kein Voter, main Kind, hostu nit,—
ער האט דיך ניט דערלעבט צו זעהן .	Er hot dich nit derlebt zu sehn.
דיין פאטער האט מען גערופען אויפ'ן הימעל , 3)	Dain Voter hot men gerufen auf'n Himmel, [3])
ער וועט שוין קיין מאל ניט קומען צוריק .	Er wet schoin keinmol nit kummen zurick.
שלאף , מיין קינד , און דרימעל ,	Schlof, main Kind, un drimel,
דו פארשטעהסט ניט פון גרויסען אומגליק !	Du varsteihst nit vun greissen Umglick!

---

*) См. аналогичное по содержанію (но не по формѣ) стихотвореніе И. I Линецкаго „דאס וויקעלע" въ его сборникѣ „ביזער מארשעליק" ч. II стр. 17 (Варшава, 1879 г.).—

Варіанты:

1) פון דעם וואס מען זאגט דיר ניט אויס	Yun dem wos men sogt dir nit aus.
2 ביזק'ן קלאר-ווייסען טאג .	Bis'kn klor-waissen Tog.
3) גאט האט איהם גערופען אין הימעל .	Gott hot ihm gerufen in Himmel.

װֶען דוּ װֶעסְט אַ בִּיסֶעל עֶלְטֶער װֶערֶען , װֶעסְטוּ פַארְשְׁטֶעהן פוּן גְרױסֶען אוּמְגְלִיק ; דָאס װֶעט דִיךְ בַּאגִיסֶען מִיט טְרֶערֶען , אַזױ װִי דַיין מוּטֶער אַלֵיין .	Wenn du west a bissel älter weren Westu varsteihn vun greissen Umglick Dos wet dich begiessen mit Thrären Asei wie dain Mutter allein.
הָארֶעװֶען װֶעסְטוּ דַיין גַאנְצֶען לֶעבֶּען מִיט נױט 1) װֶעט דִיר אָנְקוּמֶען דַיין בְּרױט ;	Horewen westu dain ganzen Leben Mit Neith [1]) wet dir onkummen dain Breit;
בְּלוּט װֶעט פוּן דַיינֶע אױגֶען רִינֶען , װַייל דַיין פָאטֶער אִיז טױט . 2)	Blut wet vun daine Eigen rinnen, Wail dain Voter is teit. [2])
הָארֶעװֶען װָאלְטֶען מִיר בַּיידֶע צוּזַאמֶען , װָאלְט אוּנְז אַזױ שְׁלֶעכְט נִיט גֶעװֶען . אִין קַאלְטֶע װַאסֶער , מַיין קִינְד , װֶעסְטוּ שְׁװִימֶען ,	Horewen wollten mir beide zusammen, Wollt uns asei schlecht nit gewen. In kalte Wasser, main Kind, westu schwimmen,
אוּנ אִיךְ װֶעל זַיין גַאנְץ װַייט פוּן דִיר .	Un ich wel sain ganz wait vun dir.
אוּיף דַיין לֶעבֶּען װֶעסְטוּ אױפְ'ן יַם שְׁװִימֶען ,	Auf dain Leben westu auf'n Jam schwimmen,
דִיא חְװַאלֶען װֶעלֶען דִיךְ אַרוּם טְרָאגֶעי ; צוּ אַיין בְּרֶעג װֶעסְטוּ װֶעלֶין צוּקוּמֶען , אוּנ דוּ װֶעסְט זִיךְ נִיט קֶענֶען דֶערְשְׁלָאגֶען ;	Die Chwalen welen dich arumtrogen; Zu ain Breg westu wellen zukummen, Un du west sich nit kennen derschlogen.
יֶעדֶערֶער װֶעט דִיךְ אַװֶעק שְׁטױסֶען : מִי װֶעט דִיר זָאגֶען : גֶעה װַייטֶער , גֶעה ! דוּ בִּיסְט אוּנְזֶערֶער אַ פְרֶעמְדֶער . אַ יָתוֹם'ל בִּיסְטוּ , אָךְ װֵעה !	Jederer wet dich aweksteissen: Mi wet dir sogen: geih waiter, geih! Du bist unserer a fremder. A Jessem'l bistu, och weih!
פַאר דִי חֶבְרָה-קַדִישָׁא הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט אַ װֶעלְט : 3) זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ דִי הָעְזָה צוּ נֶעמֶען פַאר אַיין טױטֶען גֶעלְט .	Var die Chewre-kadische Hot sich geeffent a Welt: [3]) Sei hobn in sich die Hose Zu nehmen var a Teiten Geld.
אױפְ'ן בֵּית עוֹלָם שְׁטֶעהְט אַיין מַצֵּבָה'לֶע , -- אָפּ צוּ טְרֶעטֶען פוּן אִיהְר אַיין שְׁפַּאנְן , 4) דָארְטֶען זִיצְט אַיין יוּנְגֶע נְקֵבָה'לֶע , קְלָאגְט נָאךְ אִיהְר יוּנְגִיקֶען מַאנְן .	Auf'n Beiss-eilom steiht a Mazeiwele,— Opzutreten vun ihr a Spann, [4]) Dorten sitzt ain junge Nkeiwele, Klogt noch ihr junginken Mann.

---

1) שְׁװֵייס	Schweiss.
2) מַיין קִינְד , אַז דוּ װֶעסְט עֶלְטֶער װֶוערֶען , אַךְ , װִי שְׁװֶער װֶעט דִיר אָנְקוּמֶען דַיין בְּרױט ! דוּ װֶעסְט זֶעךְ בַּאגִיסֶען מִיט טְרֶערָען , דֶערְמָאנֶענְדִיג זֶעךְ אָנְ'ם טַאטֶענְ"ס טױט .	Main Kind, as du west älter weren, Ach, wie schwer wet dir onkummen dain Breit! Du west sech bagiessen mit Thränen, Dermohnendig sech on'm Taten's Teit.

Иногда вмѣсто послѣдних двухъ строкъ поется:

אַרִיבֶּער הַאלְז אִין װַאסֶער שְׁװִימֶען , װַייל דַיין פָאטֶער אִיז טױט .	Ariber Hals in Wasser schwimmen, Wail dain Voter is teit.
3) פַאר זֵיי אִיז שױן אַ װֶעלְט	Var sei is schoin a Welt.
4) דִי גְרױס אִיז זִי פוּן אַיין שְׁפַּאנְן	Die Greis is sie vun ein Spann.

זִי קְלָאגְט, וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען
אוּנ הָאט אִיהְר גֶעלָאזֶען אַיין קְלַיין קִינְד;
אִיהְר גַאנְצֶענֶעם לֶעבֶּען דַארְף זִי זַיין
פַארְדָארְבֶּען
אַזוֹי וִוי אָהְן אַיין פַּאסְטוּךְ דִי רִינְד 1)

Sie klogt, wos er is gestorben
Un hot ihr gelosen ain klein Kind;
Ihr ganzenem Leben darf sie sain vardorben,
Aṣei wie ohn ain Pastuch die Rind.[1])

О. Гефтъ (Жлобинъ, Могилевск. губ.).
И. І. Глахенгаузъ (Братолюбовка, Херс. губ.).
г-жа А. Гофштейнъ (Свенцяны, Виленск. г.).
В. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
М. З. Левинъ (Двинскъ, Витебской губ.).
А. Я. Портной (Глускъ, Минск. губ.).

№ 82.

שְׁלָאף, מַיין קִינְד, מַיין קְרֵיין, 2) מַיין שֵׁיינֶער,
שְׁלָאף-זְשֶׁע, לְיוּ-לְיוּ-לְיוּ!
שְׁלָאף, מַיין לֶעבֶּען, מַיין קַדִישׁ אֵיינֶער,
שְׁלָאף זְשֶׁע, זוּנְיוּנְיוּ!

Schlof, main Kind, main Krein,[2]) main scheiner,
Schlof-że, lju-lju-lju!
Schlof, main Leben, main Kadisch einer
Schlof-że, Suhn'ju-nju!

בַּא דַיין וִויגֶעל זִיצְט דַיין מַאמֶע
אוּנ זִינְגְט אַ לִיד אוּנ וַויינְט;
דוּ וֶועסְט אַ מָאל פֶערְשְׁטֵעהְן, מִסְתַּמֶא,
וָואס זִיא הָאט גֶעמֵיינְט,

Ba dain Wiegel sitzt dain Mame
Un singt a Lied un weint;
Du west amol versteihn, mistame,
Wos sie hot gemeint.

אִין אַמֶערִיקֶע אִיז דֶער טַאטֶע
דַיינֶער, לְיוּלְיוּלְיוּ!
דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ קִינְד לְעֵת-עַתָּה,
שְׁלָאף זְשֶׁע, זוּנְיוּנְיוּ!

In Amerike is der Tate
Dainer, lju-lju-lju!
Du bist noch a Kind l'eiss-ate,
Schlof-że, Suhn'ju-nju!

אִין אַמֶערִיקֶע אִיז פַאר יֶעדֶען,
זָאגְט מֶען, גָאר אַ גְלִיק,
אוּנ פַאר יֶעדֶען אַ גַן עֵדֶן,
גָאר עֶפֶּעס אַן-אַנְטִיק.

In Amerike is far jeden,
Sogt men, gor a Glick,
Un far jeden a Gan-eiden,
Gor epes a-n-Antik.

דָארְטֶען עֶסְט מֶען אוּם-דֶער-וָואכֶען
חַלָה, זוּנְיוּנְיוּ;
יַיכֶעלֶעךְ וָועל אִיךְ דִיר קָאכֶען,
שְׁלָאף זְשֶׁע, לְיוּלְיוּלְיוּ!

Dorten esst men um-der-Wochen
Chale, Suhn'ju-nju;
Jaichele wel ich dir kochen,
Schlof-że, lju-lju-lju!

---

1) זִי קְלָאגְט, וָואס עֶר הָאט זִי גֶעלָאזֶען,
זִי הָאט זִיךְ נִיט צוּ וֶועמֶען צוּ קֶערֶען.
גָאט, בָּרוּךְ הוּא, הָאב שׁוֹין רַחֲמָנוּת
אוּנ טוּה מִיר דֶעם זִווּג אוּמְקֶערֶען!

Sie klogt, wos er hot sie gelosen,
Sie hot sich nit zu wemmen zu kehren
Gott, boruch hu, hob schoin Rachmones
Un thu mir dem Siwug umkehren!

Варіанты:

2) טְרֵייסְט.

Treist.

גָאט װֶעט הַײסֶען , װֶעט עֶר שִׁיקֶען	Gott wet heissen, wet er schicken
בְּרִיװֶעלֶעךְ , זוּנְיוּנְיוּ ,	Briewelech, Suhn'ju-nju,
גָאר אִין גִיבֶען אוּנְז בֶּעגְלִיקֶען ,	Gor in gichen uns beglicken,
שְׁלָאף זְשֶׁע , לְיוּלְיוּלְיוּ !	Schlof-że, lju-lju-lju!
עֶר װֶעט שִׁיקֶען צְװַאנְצִיג דָאלְלֶער ,	Er wet schicken zwanzig Doller,
זַײן פָּארְטְרֶעט דֶערְצוּ ,	Sain Porträt derzu,
אוּנ װֶעט נֶעהְמֶען—לֶעבֶּען זָאל עֶר !—	Un wet nehmen—leben soll er!—
אוּנְז אַהִינְצוּ—צוּ , (1	Uns ahinzu-zu. [1])
עֶר װֶעט חַאפֶּען אוּנְז צוּ קִיסֶען ,	Er wet chapen uns zu kissen
טַאנְצֶען אַז פַאר פְרֵייד ;	Tanzen as vor Freid;
אִיךְ װֶעל קְװַאלֶען טְרֶערֶען גִיסֶען ,	Ich wel Quallen Thränen giessen,
װֵײנֶען שְׁטִילֶער הַײט .	Weinen stiller-heit.
בִּיז עֶס קוּמְט דָאס גוּטֶע קְװִיטֶעל ,	Bis es kummt dos gute Quittel,
שְׁלָאף—זְשֶׁע , לְיוּלְיוּלְיוּ !	Schlof-że, lju-lju-lju!
שְׁלָאפֶען אִיז אַ טַײעֶר מִיטֶעל ,	Schlofen is a thaier Mittel,
שְׁלָאף זְשֶׁע , זוּנְיוּנְיוּ !	Schlof-że, Suhn'ju-nju!

г-жа А. Гофштейнъ (Свенцяны]Виленск. губ.).
Б М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ).
М. З Левинъ (Витебск. губ.).
Ю. М. Нейфахъ (Минск. губ.).
І. Л. Раввинскій (Гадячъ, Полтавск. губ.).

№ 83.

אַ מָאל אִיז גֶעװֶען אַ מַעֲשֶׂה ,	Amol is gewen a Maisse,
דִי מַעֲשֶׂה אִיז גָאר נִיט פְרֶעהְלֶעךְ ;	Die Maisse is gor nit freilech;
דִי מַעֲשֶׂה הוֹיבְּט זִיךְ אָנ-עֶט	Die Maisse heibt sich on'et
מִיט אַ אִידִישֶׁען מֶלֶךְ .	Mit a Iidischen Meilech.
לְיוּלִינְקֶע , מַײן פֵײגֶעלֶע ,	Ljulinke, main Veigele,
לְיוּלִינְקֶע , מַײן קִינְד !	Ljulinke, main Kind!
כְ'הָאבּ אָנְגֶעװָארֶען אַזַא לִיעבֶּע ,	'ch hob ongeworen asa Liebe,
װֵעה אִיז מִיר אוּנ װִינְד !	Weih is mir un wind!

иногда за этимъ поется слѣдующій куплетъ:

1) עֶר װֶעט אַללֶעס אוּנְזֶערְט־װֶעגֶען	Er wet alles unsertwegen
שַׁאפֶען , זוּנְיוּנְיוּ ,	Schaffen, Suhn'ju-nju,
אוּנ װֶעט פָאהְרֶען אוּנְז אַנְטְקֶעגֶען ,	Un wet fohren uns antkegen,
שְׁלָאף־זְשֶׁע , לְיוּלְיוּלְיוּ !	Schlof-że, lju-lju-lju!

א מאל איז געוועזן א מלך,
דער מלך האט געהאט א מלכּה,
די מלכּה האט געהאט א וויינגארטען.
ליולינקע, מיין קינד!
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
כ'האב אנגעווארען אזא ליעבע,
וועה איז מיר אונ ווינד!

Amol is gewen a Meilech,
Der Meilech hot gehat a Malke,
Die Malke hot gehat a Waingorten.
Ljulinke, main Kind!
Ljulinke, main Veigele,
Ljulinke, main Kind!
'ch hob ongeworen asa Liebe,
Weih is mir un wind!

דער וויינגארטען האט געהאט א בוים,
דער בוים האט געהאט א צווייג,
דער צווייג האט געהאט א נעסטעלע.
ליולינקע, מיין קינד!
ליולינקע, מיין פייגעלע א. ז. וו.

Der Waingorten hot gehat a Beim
Der Beim hot gehat a Zwaig,
Der Zwaig hot gehat a Nestele.
Ljulinke, main Kind!
Ljulinke, main Veigele etc.

דער נעסט האט געהאט א פייגעלע,
די פייגעלע האט געהאט א פליגעלע,
די פליגעלע האט געהאט א פעדער'ל.
ליולינקע, מיין קינד!
ליולינקע, מיין פייגעלע א. ז. וו.

Der Nest hot gehat a Veigele,
Die Veigele hot gehat a Fligele,
Die Fligele hot gehat a Feder'l.
Ljulinke, main Kind!
Ljulinke, main Veigele etc.

דער פעדער'ל האט געהאט א קישעלע,
דער קישעלע האט געהאט א מלך,
דער מלך האט געהאט א מלכּה.
ליולינקע, מיין קינד!
ליולינקע, מיין פייגעלע א. ז. וו.

Der Feder'l hot gehat a Kischele,
Der Kischele hot gehat a Meilech,
Der Meilech hot gehat a Malke.
Ljulinke, main Kind!
Ljulinke, main Veigele etc.

דער מלך איז אפגעשטארבען,
די מלכּה איז געווארען פערדארבען;
דער בוים איז אפגעבראכען,
די פייגעלע פון נעסט אנטלאפען.
ליולינקע, מיין פייגעלע א. ז. וו.

Der Meilech is opgestorben,
Die Malke is geworen verdorben;
Der Beim is opgebrochen,
Die Veigele vun Nest antlofen.
Ljulinke, main Veigele etc.

וואו נעהמט מען אזא לייטער,
וואס זאל האלטען צעהן איילען?
וואו נעהם איך אזא מענטשען,
וואס זאל שטערען ציילען?
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
וואו נעהם איך אזא דאקטער,
וואס זאל מיינע וואונדען היילען?

Wu nehmt men asa Leiter,
Wos soll halten zehn Eilen?
Wu nehm ich asa Mentschen,
Wos soll Steren zeilen?
Ljulinke, main Veigele,
Ljulinke, main Kind!
Wu nehm ich asa Dokter,
Wos soll maine wunden heilen?

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

IV.

Дѣтскія и школьныя пѣсни.

№ 84. *)

אֲנִי הָלַכְתִּי בַּדֶּרֶךְ	Ani holachti ba-Derech
וּפָגַע בִּי אִישׁ חָזָק,	Upoga bi Isch chosok,
וּשְׁמוֹ קָאזַאק.	Uschmei Kosak.
נַאגַאיְקֶע בְּיָדוֹ,	Nagaike b'Jodei,
וְחֶרֶב בְּצִדּוֹ.	W'Cherew b'Zidei.
אָמַר אֵלַי:	Omar eilai:
דֶענְגִי דַאוַאי!	Djenjgi dawai!
אֵיינְס, צְוֵויי, דְרַיי —	Eins, zwei, drai—
דוּ גֵעהְסְט פְרַיי!	Du geihst frai!

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).
Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 85.

קַארֶעהָאד, קַארֶעהָאד,	Karehod, karehod,
עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם טְהֵייעֶר!	Effent auf dem Theier!
וֶוער פָאהְרְט, וֶוער פָאהְרְט?	Wer fohrt, wer fohrt?
דֶעם קֵיסֶרְ׳ס קִינְדֶער!	Dem Keisser's Kinder!

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 86.

אַרָאד אִין אַ רַאנֶע,	A Rod in a Rane,
אַ שְׁטְרֵייעֶנֶע פַּאנֶע,	A streiene Pane,
זִיבֶּען מָאל אַרוּם —	Sieben mol arum—
חַייְקֶע, קֶעהְר זִיךְ אוּם!	Chaike, kehr sich um!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

---

*) №№ 84—98 распѣваются преимуществвенно при различныхъ играхъ.— См. дѣтскія пѣсни, напеч. г. Л. Винеромъ въ «Mittheil. d. Gesellsch. f. jüd. Volkskunde», вып II (стр. 40 и слѣд.) и д-ромъ С. Вейсенбергомъ въ журн. «Globus» (1900 г. т. L. XXVII, № 8

№ 87.

אֵיין אָטְלֶער קָאטְלֶער	Ein Otler Kotler
הָאט גֶעבַארְפְט קֶעשֶׁעל כֵּלִים	Hot gedarft Keschel Keilim
צוּ בֶּעשְׁלָאגֶען ;	Zu beschlogen;
דֶער אַנְדֶערֶער וַוייס נִיט, וִויפִיעל	Der Anderer weiss nit, wieviel
שִׁינְדֶעל-נֶעגֶעל	Schindel-Nägel
מֶע דַארְף דֶערְצוּ הָאבֶּען .	Me darf derzu hoben.
נִיט אֵיינְס , נִיט צְוַויי, נִיט דְרַיי,	Nit eins, nit zwei, nit drai,
אָדֶער—לִידֶער—לַיי !	Oder—lider—lai!
אָקֶען בָּאקֶען ,	Oken boken,
בַּיידֶע גְלָאקֶען ,	Beide Glocken,
צִ׳רְ׳ל , פֶּערְ׳ל ,	Zir'l, Per'l,
דוּקְס אַרוֹיס !	Duks araus!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 88.

אֵיין—אַ מִילִינְג ,	Ein—a Miling,
צְוַויי—אַ צְווִילִינְג ,	Zwei—a Zwiling,
דְרַיי—מְזֻמָן ,	Drai—Msumon,
פִיער—רֶעדֶער ,	Vier—Rader,
פִינְף—פִינְגֶער ,	Finf—Finger,
זֶעקְס—זִינְגֶער ,	Sechs—Singer,
אַכְט—אַ טוֹיז,	Acht—a Taus,
נַיין—אַ הוֹיז ,	Nain—a Haus,
דְרַייצֶעהְן—	Draizehn—
מִיט דִי לַאנְגֶע בַּייצֶען ,	Mit die lange Baizen,
הַאלְבֶּע גוּלְדֶענְס אַרוֹיס !	Halbe Guldens araus!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 89.

קֶעסֶעלֶע , קֶעסֶעלֶע ,	Kessele, Kessele,
מַאק , מַאק , מַאק !	Mak, mak, mak!
מָאזְשְׁנָא לִינְקֶע ,	Możno linke,
מָאזְשְׁנָא טַאק !	Możno tak!
אֶ מִי סְוָאיֶע	A my swoje
פָּאמַאלִינְקֶע ,	Pomalinke,
סְיוּדַא טוּדַא	Ssjuda tuda
פָּאמַאלִינְקֶע .	Pomalinke.

הָאדְע דִי גָעלָע ,	Hode die gele,
הָאדְע דִי וָואס ,	Hode die wos,
שַׁאבְּסִי פַּאנִי	Schabsi pani
פַּאפִּירָאס !	Papiros!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 90.

אֵיינֶע קְלֵיינֶע	Eine kleine
וַייסֶע טַייבֶּעל	Waisse Taibel
פִיהְרְטֶע מִיךְ	Fihrte mich
אִין אֵיינְגֶעלַאנְד .	In Eingeland.
אֵיינְגֶעלַאנְד	Eingeland
אִיז צוּ גֶעשְׁלָאסֶען ,	Is zugeschlossen,
אוּנ דִי שְׁלִיסֶעל	Un die Schlissel
אִיז אָפְּגֶעבְּרָאכֶען .	Is opgebrochen.
אֵיינְס , צְוַויי , דְרַיי —	Eins, zwei, drai—
פּוֹילֶען אִיז פַארְבַּיי ;	Peilen is varbai;
רוּסס אִיז גֶעלָאפֶען	Russ is gelofen
מִיט אַלֶע הַארְמַאטֶען ,	Mit alle Harmaten,
פּוֹילֶען אִיז גֶעבְּלִיעבֶּען	Peilen is gebliben
אָהְן סָאלְדַאטֶען .	Ohn Soldaten.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 91.

יֶעחַאל פַּאן	Jechal Pan
פִיער מָאל הֶערֶען (?)	Vier mol heren, (?)
וֶוען'ט דִי קָאפֶע	Wenn 't die Koffe
פַארְטִיג וֶוערֶען ?	Fartig weren?
אוּהְר זֶעקְס —	Uhr sechs—
וֶוערְט גֶעבֶּעקְס ,	Wert Gebäcks,
אוּהְר זִיעבֶּען —	Uhr sieben—
וֶוערְט גֶערִיעבֶּען ,	Wert gerieben,
אוּהְר אַכְט —	Uhr acht—
וֶוערְט גֶעמַאכְט ,	Wert gemacht,
אוּהְר נַיין —	Uhr nain—
וֶועט דִי קָאפֶע	Wet die Koffe
פַארְטִיג זַיין !	Fartig sain.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 92.

אָקְס אַיילֶען ,	Ochs Eilen,
טִינְט אוּנ וַואסֶער,	Tint un Wasser,
פוּן וַואנֶען	Vun Wannen
זָאל אִיךְ לֶעבֶּען ?	Soll ich leben?
מַיין פָאטֶער אִיז	Main Voter is
אִין פוֹיפְיֶען ,	In Foifien,
עֶר פוֹיפְט	Er foift
אַלֶע מָארְיֶען ,	Alle Morjen
אַיין טְרִיפֶעל-טְרַאפֶעל	Ein Trifel-trafel,
אַלְטֶער דוּדֶעל-זַאק !	Alter Dudel-sack!

Б. М. Кассель и А. Д. Ипкь (Ковенск. губ.).

№ 93.

יֶעחַאל פַּאנִי	Jechal Pani
אִיז מַאלָאוֶוע .	Is Malowe,
דַאיֶע צַאפְּקֶע ,	Daje Zapke,
פִּיוַוא לָאוֶוע .	Piwa lowe.
אָסֶע קָאסֶע ,	Osse kosse,
שֶׁעסַאלֶע ,	Schessale,
דַאיֶע בָּאגֶע ,	Daje Boge,
בֶּעכַאלֶע ;	Bechale.
אִיךְ מִיק ,	Ik mik,
פָּאקַאזִיק ,	Pokasik,
עֶץ פְּרֶעץ ,	Ez prez,
דוּד קָאנְיֶעץ !	Dud kanjez!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 94.

אַיינֶע יוּדֶען	Eine Juden
קוּמֶען קוֹיפֶען ,	Kummen kaufen,
קוֹיפֶען זֵיי אַיין ,	Kaufen sei ain,
דִיעס אוּנ דַאס ;	Dies un das;
צֵיילֶען זֵיי אָפ	Zeilen sei op
דְרַיי אוּנ דְרַייסִיג .	Drai un draissig.
אַיינְס , צְוַויי , דְרַיי —	Eins, zwei, drai—
דוּ בִּינְסְט פְרַיי !	Du binst frai!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 95.

רוֹיטֶע פַאטְשֵׁיילֶע ,	Reithe Fatscheile,
גְרִין אוּנ בְּלוֹי ,	Grin un blau,
לָאמִיר פָאהְרֶען	Lomir fohren
(אִין) פָּאדַאלָאי !	(In) Podaloi!
פָּאדַאלָאי טְ׳גֶעהַאט אַ זוּהְן ,	Podaloi 't gehat a Suhn,
הָאט עֶר גֶעגֶעסֶען	Hot er gegessen
פּוּטֶער מִיט הוּהְן ;	Putter mit Huhn;
פּוּטֶער מִיט הוּהְן	Putter mit Huhn
הָאט עֶר גֶעגֶעסֶען , —	Hot er gegessen,—
דַאוְונֶען אוּנ בֶּענְטְשֶׁען	Dawnen un bentschen
הָאט עֶר פֶערְגֶעסֶען .	Hot er vergessen.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 96.

אַלְטֶער—קַאלְטֶער	Alter—kalter
מֶענְטְשֶׁעלֶע ,	Mentschele,
גֵעה מִיט דִי בָּאבֶּען	Geih mit die Boben
אַטֶענְצֶעלֶע !	A Tänzele!
אוּנְטֶערְשְׁלַאק ,	Unterschlak,
אוֹיבֶּערְשְׁלַאק ,	Eibershlak,
גִיבּ דִי בָּאבֶּען	Gib die Boben
אַ פַּאטְשׁ אִין בַּאק !	A Patsch in Bak!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 97.

הָמָן הָרָשָׁע	Homon ho-Roscho
הָאט גֶעוָואלְט	Hot gewellt
מָרְדְכֶ׳ן דֶערְלַאנְגֶען	Mordchen derlangen
אַ שְׁנֶעל אִין נָאז , —	A Schnäll in Nos,—
דֶערוּם אִיז עֶר	Derum is er
גֶעוָוארֶען אַ הָאז !	Geworen a Hos!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 98.

—שֶׁלִי שֶׁלָּךְ ?	—Scheli scheloch?
—אֲנִי עַמָּךְ .	—Ani Amoch
—שִׁיק דַיין פָאלְק	—Schik dain Volk!
—מַיין פָאלְק אִיז קְרַאנְק	—Main Volk is krank
. . . .	. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 99.

צִיגֶעלֶע , מִיגֶעלֶע , קָאטִינְקֶע ,	Ziegele, Miegele, Kotinke
רוֹיטֶע פָּאמֶערַאנְצֶען ;	Reithe Pomeranzen;
אַז דֶער טַאטֶע שְׁלָאגְט דִי מַאמֶען ,	As der Tate schlogt die Mamen,
גֶעהֶען דִי קִינְדֶער טַאנְצֶען .	Geihen die Kinder tanzen.
צִיגֶעלֶע , מִיגֶעלֶע , קָאטִינְקֶע ,	Ziegele, Migele, Kotinke,
חַיִים בָּרוּךְ שְׁפְּרִינְצֶעס ;	Chajim Boruch Sprinzes;
אַז דֶער טַאטֶע שְׁלָאגְט דִי מַאמֶען ,	As der Tate schlogt die Mamen,
עֶסֶען דִי קִינְדֶער בְּלִינְצֶעס .	Essen die Kinder Blinzes.

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).
С. Жвифъ (Одесса).

№ 100.

צִיגֶעלֶע , מִיגֶעלֶע , קָאטִינְקֶע ,	Ziegele, Miegele, Kotinke,
רוֹיטֶע פָּאמֶערַאנְצֶען ;	Reithe Pomeranzen;
אַז דִי קֶעפֶּעלֶע שִׁכּוֹר'ט זִיךְ אַיין ,	As die Kepele schikert sich ain,
גֶעהֶען דִי פִיסֶעלֶעךְ טַאנְצֶען .	Geihen die Fisselech tanzen.

М. Г. Каганъ (Столбцы, Минск. губ.).

№ 101.

— אַלְטֶער אִידֶעלֶע ,	—Alter Jidele,
קַאלְטֶער אִידֶעלֶע ,	Kalter Jidele,
קְרִיךְ אַרָאפּ פוּן אוֹיבֶען !	Kriech arop vun Eiwen!
אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרַאכְט ,	Ich hob dir gebracht,
אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרַאכְט	Ich hob dir gebracht
אַ הִיטֶעל צוּ פֶערְקוֹיפֶען !	A Hitel zu varkeifen!
— אִיךְ בִּין אַלְט	—Ich bin alt
אוּנ אִיךְ בִּין קַאלְט ,	Un ich bin kalt,
אוּנ אִיךְ וָועל דָאס נִיט קוֹיפֶען !	Un ich wel dos nit keifen!
— אַלְטֶער אִידֶעלֶע ,	—Alter Jidele,
קַאלְטֶער אִידֶעלֶע ,	Kalter Jidele,
קְרִיךְ אַרָאפּ פוּן אוֹיבֶען !	Kriech arop vun Eiwen!
אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרַאכְט ,	Ich hob dir gebracht,
אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרַאכְט	Ich hob dir gebracht
אַ קַאפָּאטֶע צוּ פֶערְקוֹיפֶען !	A Kapote zu varkeifen!
— אִיךְ בִּין אַלְט	—Ich bin alt
אוּנ אִיךְ בִּין קַאלְט ,	Un ich bin kalt,
אוּנ אִיךְ וָועל דָאס נִיט קוֹיפֶען !	Un ich wel dos nit keifen!

אַלְטֶער אִידֶעלֶע ,	Alter Jidele,
קַאלְטֶער אִידֶעלֶע ,	Kalter Jidele,
קְרִיךְ אַרָאפּ פוּן אוֹיבֶען !	Kriech arop vun Eiwen!
אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרַאכְט ,	Ich hob dir gebracht,
אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרַאכְט ,	Ich hob dir gebracht
אַ מֵיידֶעל צוּ פֶערְקוֹיפֶען !	A Meidele zu varkeifen!
— אִיךְ בִּין יוּנְג	—Ich bin jung
אוּנ אִיךְ טוּה אַשְׁפְּרוּנְג ,	Un ich thu a Sprung,
אוּנ אִיךְ װֶועל דָאס קוֹיפֶען !	Un ich wel dos keifen!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 102.

— אַלְיֶע-לְיוּלְיֶע , יָאסְטֶע ,	—Alje-ljulje, Joste,
װִיפִיעל פֵייגֶעלֶעךְ הָאסְטֶע ?	Wieviel Veigelech hoste?
— אִיךְ הָאבּ אַיין טוֹיבּ ,	—Ich hob ein Taub,
דִי טוֹיבּ בְּרֵיינְגְט מִיר קָארְן ;	Die Taub breingt mir Korn;
מִיט דִי קָארְן בַּאק אִיךְ בְּרוֹיְדט ,	Mit die Korn back ich Breit,
דִי בְּרוֹיְדט גִיבּ אִיךְ דִי הִינְדֶעלֶעךְ ;	Die breit gib ich die Hindelech;
דִי הִינְדֶעלֶעךְ לֵיינֶען מִיר אֵייעֶלֶעךְ ,	Die Hindelech leigen mir Eielech,
דִי אֵייעֶלֶעךְ פֶערְקוֹיף אִיךְ	Die Eielech verkauf ich
אוּנ דִי גֶעלְט פֶער זוֹיף אִיךְ !	Un die geld varsauf ich!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 103.

אַ רוֹיז אוֹיפְ'ן דַאךְ ,	A Rois auf'n Dach,
אַ לִיכְטִיגֶע נַאכְט ;	A lichtige Nacht;
טֶעלֶער אִין דִי גַאסֶען ,	Teller in die Gassen,
װַיין אִין דִי פְּלַאשֶׁען ;	Wain in die Flaschen;
מֶעד אִין דִי קְרִיגֶעלֶעךְ ,	Med in die Krigelech,
שֵׁיינֶע , פַיינֶע אִינְגֶעלֶעךְ	Scheine, faine Iingelech
זִיטְצֶען אִין דִי װִינֶעלֶעךְ .	Sitzen in die Wiegelech.
מָשְׁ'קֶע דֶער הֶעזְ'ל	Moschke der Häs'l
פָאהְרְט אִין בֶּערֶעזְ'ל ,	Fohrt in Beres'l,
קוֹיפְט עֶר אַ פִידֶעל ,	Keift er a Fiedel,
שְׁפִּילְט עֶר אַ לִיעדֶעל :	Spielt er a Liedel:
מֶע-מֶע-מֶע !	Me-me-me!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 104.

מאדאם פיטען	Madam Piten
איז געריטען ,	Is geritten
אפ'ן ווייסען ציגענבאק ;	Af'n waissen Ziegenbock;
הענע די גראבע ,	Hene die grobe
איז געגאנגען טאנצען ,	Is gegangen tanzen,
האט זי פארלארען דעם אונטערראק .	Hot sie varloren dem Unterrock.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 105.

מלכה די צאצקע ,	Malke die Zazke,
די בויך טהוט מיר וועה ,	Die Bauch thut mir weih,
קאך מיר אוף	Koch mir uf
א ביסעלע טהיי !	A bissele Theil
טהיי איז ביטער ,	Thei is bitter,
צוקער איז זיס ,	Zucker is siss,
קאך מיר אוף ,	Koch mir uf
א ביסעלע פיש !	Abissele Fisch!
פיש איז טרוקען ,	Fisch is trucken,
ברעך דעם רוקען ;	Brech dem Ruken;
פיש איז נאס ,	Fisch is nass,
ברעך דעם טאס !	Brech dem Tass!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 106.

זיטצט איין אלטע וויטווע-וויטווע	Sitzt ain alte Wittwe-Wittwe
אין רעגען אונ אין שניי ;	In Regen un in Schnei;
וואס זאל מען איהר עסען געבען ?	Wos soll men ihr essen geben?
פוטער מיט קאוויי !	Putter mit Kaweil
ציפען-צאפען ,	Zipen-Zapen,
פוטער קלאפען ,	Putter klappen,
היינגען זיי זיך אן .	Heingen sei sich on!

А. Рейзинъ (Минск. губ.)

№ 107.

זעה , טאטע , טאטע , טאטע ,	Seh, Tate, Tate, Tate,
וואס די מאמע האט געטאהן !	Wos die Mame hot gethon!
זי האט אויסגעקוילעט אלע הענער ,	Sie hot ausgekeilet alle Hähner,
אונ געלאזען דעם שווארצען האן .	Un gelosen dem schwarzen Hohn.
. . . .	. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 108.

מַאמֶעליגֶע , מַאמֶעלַיי ,	Mamelyge, Mamelai,
דֶער טַאטֶע איז גֶעפָאהרֶען אין וָואלֶעכַיי !	Der Tate is gefohren in Wolechai!
וָואס וֶועט עֶר בְּרֵיינְגֶען ? אַ קְרִיגֶעלֶע בִּיר !	Wos wet er breingen? A Krigele Bier!
וואוּ וֶועט מֶען עֶס שְׁטֶעלְלֶען ? אוּנְטֶער דֶער טְהִיר !	Wu wet men es stellen? Unter der Thir!
מִיט וָואס וֶועט מֶען עֶס צוּדֶעקֶען ? מִיט אַ בּויגֶען פַּאפִּיר !	Mit wos wet men es zudecken? Mit a Beigen Papier!
וֶוער וֶועט עֶס טְרִינְקֶען ? אִיךְ מִיט דִיר !	Wer wet es trinken? Ich mit dir!

С. Живфъ (Одесса).

№ 109.

Варіанты:

פֵייגֶעלֶע , פֵייגֶעלֶע !	Veigele, Veigele!
— פִּי-פִּי-פִּי !	—Pi-pi-pi!
וואוּ איז דֶער טַאטֶע ?	Wu is der Tate?
— דָא נִיט הִיא !	—Do nit hie!
וֶוען וֶועט עֶר קוּמֶען ?	Wenn wet er kummen?
— מָארְגֶען פְרִיה !	—Morgen frih!
וָואס וֶועט עֶר בְּרֵיינְגֶען ?	Wos wet er breingen?
— אַגְלֶעזֶעלֶע בִּיר !	—A Gläsele Bier!
וואוּ וֶועט עֶר שְׁטֶעלֶען ?	Wu wet er stellen?
— אוּנְטֶער דֶער טְהִיר !	—Unter Thir!
מִיט וָואס וֶועט עֶר צוּדֶעקֶען ?	Mit wos wet er zudeckeu?
— מִיט אַשְׁטִיקֶעל פַּאפִּיר !	—Mit a Stiekel Papier!
וֶוער וֶועט טְרִינְקֶען ?	Wer wet trinken?
— אִיךְ מִיט דִיר !	—Ich mit dir!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 110.

Второй варіантъ:

פֵייגֶעלֶע , פֵייגֶעלֶע !	Veigele, Veigele!
— פִּי-פִּי-פִּי !	—Pi—pi—pi!
וואוּ איז דִיא מַאמֶע ?	Wu i' die Mame?
— נִיטָא הִי !	—Nito hie!
וָואסְ'ט זִי בְּרֵיינְגֶען ?	Wos 't sie breingen?
— אַ חָתָ'עלֶע פַאר דִיר !	—A Chossele far dir!
וָואסְ'ט דֶער חָתָ'עלֶע בְּרֵיינְגֶען ?	Wos 't der Chossele breingen?
— אַ גְלֶעזֶעלֶע בִּיר !	—A Gläsele Bier!
וואוּ-סְטוּ שְׁטֶעלֶען ?	Wu 'stu stellen?
— אוּנְטֶערְ'ן טְהִיר !	—Unter'n Thir!
מִיט וֶועמֶען-'סְטוּ טְרִינְקֶען ?	Mit wemen 'stu trinken?
— אִיךְ מִיט דִיר !	—Ich mit dir!

טִינְט אוּן פֶּעדֶער	Tint un Feder
אוּן פַּאפִּיר, —	Un Papier,—
מַזָל טוֹב,	Mas'l—tow,
טָאכְטֶער, דִיר!	Tochter, dir!
צוּגֶענוּמֶען,	Zugenummen,
אַוֶועק גֶעלֵייגְט —	Awekgeleigt—
אַ וַוארֶע גֶעמַאכְט:	A Ware gemacht:
דֶער חָתָן גַעהְט.	Der Choss'n geiht,
אַ וַוארֶע גֶעמַאכְט,	A Ware gemacht,
דֶעם חָתָן גֶעבְּרַאכְט;	Dem Choss'n gebracht;
אָפְּגֶעהוּלֶעט,	Opgehuljet
אַ גַאנְצֶע נַאכְט.	A ganze Nacht.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 111.

Третій варіантъ:

אִי—פִּי!	I-fi!
וואוּ דֶער טַאטֶע?	Wu der Tate?
נִיטָא הִי!	Nito hie!
וָואס'ט עֶר בְּרֵיינְגֶען?	Wos't er breingen?
דָאנֵיצֶעם מִיט קִיה!	Doneizes mit Kih!
וֶוערְט עֶס עֶסֶען?	Wer't es essen?
זִי אוּן עֶר,	Sie un er,
שְׁווִיגֶער אוּן שְׁוֶוער.	Schwieger un Schwer.
רָחְ'קֶע דִי נַאוְקֶע	Rochke die Nawke
גֶעלָאפֶען אִין יַאטְקֶע,	Gelofen in Iatke,
גֶעחַאפְּט אַ בַּארַאנְקֶע,	Gechapt a Baranke,
גֶעוָוארֶען אַ צִיגַאנְקֶע.	Geworen a Ziganke.
אַ רֶעדֶעל דְרֵעהְט זִיךְ,	A Räd'l dreiht sich,
חָתָן-כַּלָה פְרֵייט זִיךְ;	Choss'n-Kale freit sich;
אַ רֶעדֶעל נֵייגְט זִיךְ,	A Räd'l neigt sich,
חָתָן-כַּלָה שְׁלָאגְט זִיךְ.	Choss'n-Kale schlogt sich.

Б. М Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 112.

אויפ'ן הויכען בארג,	Auf'n heichen Barg,
אויפ'ן גרינעם גראז	Auf'n grinem Gros
שטעהען א פאר טייטשען,	Steihen a Por Taitschen,
מיט די לאנגע בייטשען;	Mit die lange Baitschen;
הויכע מאנען זיינען זיי,	Heiche Mannen sainen sei,
קורצע קליידער טראגען זיי.	Kurze Kleider trogen sei.
אבינו—מלך,	Owinu-Meilech,
ס'הארץ איז מיר פריילעך.	's Harz is mir freilech.
פריילעך וועלין מיר זיין,	Freilech welen mir sain,
טרינקען וועלין מיר וויין, 1)	Trinken welen mir Wain, [1])
קרעפלעך וועלין מיר עססען,	Kreplech welen mir essen,
אן דעם לעבעדיגען 2) גאט,	On dem lebedigen [2]) Gott
וועלין מיר ניט פארגעסען!	Welen mir nit vargessen!

М. Ш. Берляндъ (Зиньковъ, Подольск. губ.).
С. М. Дубновъ (Волынск. губ.).
С. Жвифъ (Одесса).
В. Юсинъ (Подольск. губ.).

№ 113.

Варіантъ:

שטייען אפאר טייטשען, טייטשען,	Steihen a Por Taitschen, Taitschen,
מיט די לאנגע בייטשען;	Mit die lange Baitschen;
הויכע מאנען זיינען זיי,	Heiche Mannen sainen sei,
קורצע קליידער טראגען זיי,	Kurze Kleider trogen sei,
צעהן טאלער פערמאגען זיי.	Zehn Tholer vermogen sei.
פייגען אין די טאשען,	Faigen in die Taschen,
מעד אין די פלאשען,	Med in die Flaschen,
ביער אין די קריגעלאך,	Bier in die Krigelach,
קינדער אין די וויגעלאך,	Kinder in die Wiegelach,
זיי שרייען ווי די ציגעלאך;	Sei schraien wie die Ziegelach.
קומט חיים דער בלינדער,	Kummt Chajim der blinder,
מיט די צוועלף קינדער;	Mit die zwelf Kinder;
קומט משה-פלעכטער,	Kummt Meische-Flechter,
מאכט אן א געלעכטער;	Macht on a Gelächter;

Варіанты:

1) וויין וועלין מיר טרינקען,	Wain welen mir trinken,
ליעדער וועלין מיר זינגען.	Lieder welen mir singen
2) ליעבען	Lieben.

אָי חַא-חַא-חַא , אָי חַא-חַא-חַא !	Oi cha-cha-cha, oi cha-cha-cha!
קימְט דֶער טַאטֶע פוּן נִיט הִי ,	Kummt der Tate vun nit hie,
עֶר בְּרֵייגְנְט מִילְךְ פוּן דִי קִיה ,	Er breingt Milch vun die Kih.
וֶוער וֶועט טְרִינְקֶען ? אִיךְ אוּנ עֶר ,	Wer wet trinken? Ich un er,
שְׁווִיגֶער אוּנ שְׁוֶוער ,	Schwieger un Schwer,
אַבְרָהָם דֶער הוֹיכֶער ,	Awrohom der heicher,
יוּדְ'ל דֶער סוֹחֵר .	Jud'l der Sseicher.
פִיעדְל דִי קַאטְץ , פִיעדְל דִי מוֹיז , —	Fiedl die Katz, fiedl die Maus,—
דִי מַעֲשֶׂה אִיז אוֹיס !	Die Maisse is aus!

Д Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 114.

אַ שֵׁיינֶע מֵיידֶעלֶע בִּין אִיךְ ,	A scheine Meidele bin ich,
בְּלָאֶע זֶעקֶעלַאךְ טְרָאג אִיךְ ,	Bloe Seckelach trog ich,
טוֹיזֶענְד טָאלֶער פֶערְמָאג אִיךְ .	Tausend Tholer vermog ich.
טָאלֶער אִין דִי טַאשֶׁען ,	Tholer in die Taschen,
וַויין אִין דִי פְלַאשֶׁען ,	Wain in die Flaschen,
בִּיער אִין דִי קְרִיגֶעלַאךְ !	Bier in die Kriegelach!
קִינְדֶער אִין דִי וִויגֶעלַאךְ .	Kinder in die Wiegelach.

Д. Г. Гальпернъ (Туккумъ, Курляндск. губ).

№ 115.

הֵיי , הֵיי הֶעמֶערְ'ל ,	Hei, hei Hämmer'l,
קוּם צוּ מִיר אִין קֶעמֶערְ'ל ,	Kumm zu mir in Kämmer'l,
אִיךְ וֶועל דִיר וָואס וַויינִין —	Ich wel dir wos waisen—
שִׁיסֶעלַאךְ מִיט רֵייזְ'ן ,	Schisselach mit Rais'n,
טֶעפֶּעלַאךְ מִיט לוֹיטֶער גָאלְד , 1)	Tepelach mit lauter Gold, [1]
חָתָן-כַּלָּה הָאבִּין זִיךְ זֵעהֶער הָאלְט .	Choss'n—Kale hobn sich seiher holt.

[1]) Иногда за этою строфою слѣдуетъ:

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵעהֶער הָאלְט ,	Ich hob dich seiher holt.
גֵעה אִיךְ אַהִין ,	Geih ich ahin,
טְרֶעף אִיךְ אַ בִּין !	Treff ich a Bien;
גֵעה אִיךְ אַהֶער ,	Geih ich aher,
טְרֶעף אִיךְ אַ בֶּער !	Treff ich a Bär;
גֵעה אִיךְ אַ בִּיסֶעלֶע וַויטֶער ,	Geih ich a bissele waiter,
טְרֶעף אִיךְ אַ קוּה מִיט אַנְ-אַייטֶער ,	Treff ich a Kuh mit a-n-Aiter:

טהיר און טהייער אָפּ'ן ,	Thir un Theier offn,
חתן-כּלה שלאָפ'ן ;	Choss'n-Kale schlofn;
טהיר און טהייער פערמאַכט .	Thir un Theier vermacht.
חתן-כּלה פערטראַכט . (1	Chosson-Kale vartracht. [1]

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).
Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 116.

ציפּ , צאַפּ , עמער'ל ,	Zip, zap, Emer'l,
קום צו מיר אין קעמער'ל ,	Kummt zu mir in Kämmer'l,
װעל איך דיר עפּעס װײַזען —	Wel ich dir epes waisen—
שיסעלאַך פון אײַזען ;	Schisselach vun Aisen,
ביר אין די קריגעלאַך ,	Bier in die Krigelach,
קינדער אין די װיגעלאַך ,	Kinder in die Wiegelach,
אַי , אַי , אַי !	Ai, ai, ai!

С. Живфъ (Одесса).

№ 117.

Варіантъ:

הײ , הײ , העדעלע ,	Hei, hei, Hendele,
גײ די באָבען אַ שטענדעלע !	Neih[1] die Boben a Stendele!
אוף גענײט און אָנגעטאָהן ,	Ufgeneiht un ongethon,
און אַרויף געזעצט זיך אויבען אָן .	Un araufgesetzt sich eiben on.
האָלץ האַקען ,	Holz hacken,
בולקעס באַקען ,	Bulkes backen
באַ די באָבען אַף חתונקה .	Ba die Boben af Chassunke.
. . . .	. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Вильна.).

---

[1]) Варіантъ послѣдняго четверостишія:

אַ פּאָר רעדער דרעהען זיך ,	A Por Räder dreihen sich,
חתן-כּלה פרײען זיך !	Chosson-Kale freihen sich;
אַ פּאָר רעדער דרעהען זיך ,	A Por Räder dreihen sich
חתן-כּלה פרײען זיך .	Chosson-Kale freihen sich.

№ 118.

אַ מָאל איז גֶעוֶוען אַ פַּאסְטוּךְ פוּן שָׁאף ;
איז אויף איהם אָנְגֶעפַאלֶען אַ שְׁלָאף ;
הָאט עֶר זִיךְ אויפְגֶעחַאפְּט פוּן שְׁלָאף , —
עֶרְשְׁט עֶס איז נִיטָא דִי שָׁאף .
בְּיֶעדַא , בְּיֶעדוּי ,
נְיֶעמַא , נִיטָא !
יַאק יַא זַאווְטְרַא
דָא דָאמַא פְּרִידוּ ,
בֶּעז אָווְצַא ?

Amol is gewen a Pastuch vun Schof,
Is auf ihm ongefallen a Schlof;
Hot er sich aufgechapt vun Schlof,—
Erst es is nito die Schof.
Bjeda, bjedui,
Njema, nito!
Jak ja sawtra
Do doma pridu
Bes Owza?

גֶעה איךְ מִיר אַרויס אויפְ'ן שְׁלְיַאךְ ,
זֶעה איךְ : מֶען פִיהְרְט אַיין וָואגֶען מִיט דֶערְנֶעלַאךְ ;
הָאבּ איךְ גֶעמֵיינְט : דָאס איז פוּן מַיינֶע שָׁאף דִי הֶערְנֶעלַאךְ .
בְּיֶעדַא , בְּיֶעדוּי א. ז. וו.

Geih ich mir araus auf'n Schljach,
Seh ich: men fihrt ain Wogen mit Dernelach;
Hob ich gemeint: dos is vun maine Schof die Hernelach.
Bjeda, bjedui etc.

גֶעה איךְ מִיר אַרויס אויפְ'ן שְׁלְיַאךְ ,
זֶעה איךְ : מֶען פִיהְרְט אַ וָואגֶען מִיט עֶפֶּעלַאךְ ;
הָאבּ איךְ גֶעמֵיינְט-פוּן מַיינֶע שָׁאף דִי קֶעפֶּעלַאךְ .
בְּיֶעדַא , בְּיֶעדוּי א. ז. וו.

Geih ich mir araus auf'n Schljach,
Seh ich: men fihrt ain Wogen mit Epelach;
Hob ich gemeint—vun maine Schof die Kepelach.
Bjeda, bjedui etc.

גֶעה איךְ מִיר אַרויס אויפְ'ן שְׁלְיַאךְ ,
זֶעה איךְ : מֶען פִיהְרְט אַ וָואגֶען מִיט שְׁטֵיינְדֶעלַאךְ ;
הָאבּ איךְ גֶעמֵיינְט-פוּן מַיינֶע שָׁאף דִי בֵּיינְדֶעלַאךְ .
בְּיֶעדַא , בְּיֶעדוּי א. ז. וו.

Geih ich mir araus auf'n Schljach,
Seh ich: men fihrt a Wogen mit Steindelach;
Hob ich gemeint—vun maine Schof die Beindelach.
Bjeda, bjedui etc.

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 119.

זִיצְן, זִיצֶען זִיעבֶּען וַוייבֶּער
בַּיי'ן קְוַואל אוּנ בְּרוּנֶעם ,
בַּיי'ן קְוַואל אוּנ בְּרוּנֶעם ;
שְׁפְּרַאכְט אֵיינֶע צוּ דִי אַנְדֶערֶע :
—וָואלְט מַיין מַאנְן גֶעקוּמֶען ,
וָואלְט איךְ דִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט
פַאר אַ הָאז !
וָואלְט איךְ גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען
אִיבֶּער'ן גְרָאז ,
וָואלְט סִיר וַוייל בַּאקוּמֶען ,
וָואלְט מִיר וַוייל בַּאקוּמֶען !

Sitzen, sitzen sieben Waiber
Bai'n Quall un Brunnem,
Bai'n Quall un Brunem;
Spracht eine zu die andere:
—Wollt main Mann gekummen
Wollt ich sich varstellt
Far a Hos!
Wollt ich gesprungen
Iber'n Gros,
Wollt mir weil bakummen,
Wollt mir weil bakummen!

זִיצְעֶן זִיצְעֶן זִיעבֶּען וַוייבֶּער א. ז. וו.	Sitzen, sitzen sieben Waiber etc.
—וָואלְט איך זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט	—Wollt ich sich varstellt
פַאר אַבֶּער !	Far a Bär!
וָואלְט איך גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען	Wollt ich gesprungen
הִין אוּנ הֶער ,	Hin un her,
וָואלְט מִיר וַוייל בַּאקוּמֶען ! (bis)	Wollt mir weil bakummen! (bis)
זִיצְען זִיצְען זִיעבֶּען וַוייבֶּער א. ז. וו.	Sitzen, sitzen sieben Waiber etc.
—וָואלְט איךְ זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט	—Wollt ich sich varstellt
פַאר אַ קַאטְץ !	Far a Katz!
וָואלְט איךְ גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען	Wollt ich gesprungen .
אִיבֶּעְרְן פְּלַאטְץ ,	Iber'n Platz,
וָואלְט מִיר וַוייל בַּאקוּמֶען ! (bis)	Wollt mir weil bakummen! (bis)
זִיצְען , זִיצְען זִיעבֶּען וַוייבֶּער א. ז. וו.	Sitzen, sitzen sieben Waiber etc.
—וָואלְט איךְ זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט	—Wollt ich sich varstellt
פַאר אַ מויז !	Far a Maus!
וָואלְט איךְ גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען	Wollt ich gesprungen
אִיבֶּעְר'ן הויז ,	Iber'n Haus,
וָואלְט מִיר וַוייל בַּאקוּמֶען ! (bis)	Wollt mir weil bakummen! (bis)
זִיצְען , זִיצְען זִיעבֶּען וַוייבֶּער א. ז. וו.	Sitzen, sitzen sieben Waiber etc.
—וָואלְט איךְ זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט	—Wollt ich sich varstellt
פַאר אַ בִּין !	Far a Bien!
וָואלְט איךְ גֶעפְלוֹיגֶען	Wollt ich gesprungen
אַהֶער אוּנ אַהִין ,	Aher un ahin,
וָואלְט מִיר וַוייל בַּאקוּמֶען ! (bis)	Wollt mir weil bakummen! (bis)

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 120.

גָאט , גָאט , גִיבּ אַ רֶעגֶען ,	Gott, Gott, gib a Regen
פוּן די קְלֵיינֶע קִינְדֶעְר'ס וֶועגֶען ,	Vun die kleine Kinder's wegen,
אִי בַּא טָאג , אִי בַּא נַאכְט ,	I ba Tog, i ba Nacht,
אַלְלֶע לָאדֶען צוּגֶעמַאכְט ,	Alle Loden zugemacht,
נִיט קֵיין סַךְ , נִיט קֵיין בִּיסֶעל ,	Nit kain ssach, nit kain bissel,
נָאר אַ פוּלֶע שִׁיסֶעל !	Nor a vulle Schissel!

С. Жвифъ (Одесса).
А. С. Таненбаумъ (Гродненск. губ.).

№ 121.

גֵעה , מַיין קִינְד , גֵעה אִין חֵדֶר !	Geih, main Kind, geih in Cheider
לֶערְן תּוֹרָה , לֶערְן כְּסֵדֶר	Lern Teire, lern k'sseider
פוּן עִבְרִי בִּיז צוּם גְמָרָא ,	Vun Iwre bis zum Gemore,
דָאס וֶועט דיר הִיטֶען פוּן בֵּייז אוּנ צָרָה !	Dos wet dir hiten vun beis un Zore!

לויף, מַיין קִינְד, לויף צום רֶבִּי'ן,	Leif, main Kind, leif zum Reben,
עֶר וֶועט דַיין נְשָׁמָה'לֶע שְׁפַּייז גֶעבֶּען;	Er wet dain Nschomele Spais geben;
לויף צו אִיהם, לויף און לֶערְן	Leif zu ihm, leif un lern
און וִוי גָאט זָאלְסְטוּ אִיהְם עֶהרֶען.	Un wie Gott sollstu ihm ehren.
גָאטְ'ס מִצְוֹת זַיינֶען וִוי הָאנִיג זִיס,	Gott's Mizwes sainen wie Honig siss,
זַיין תּוֹרָה שִׁיטְצְט אונְז, וִוי וַואסְסֶער פִּישׁ;	Sain Teire schitzt uns, wie Wasser Fisch;
אִין אִיהר רֶעכְטֶע הַאנְד — לֶעבֶּען אויף דֶער וֶועלְט.	In ihr rechte Hand—Leben auf der Welt,
אִין דִי לִינְקֶע — כָּבוֹד און גֶעלְט.	In die linke—Kowed un Geld.
גֶעה, מַיין קִינְד, לֶערְן,	Geih, main Kind, lern,
לֶערְן מִיט חֵשֶׁק, —	Lern mit Cheischek,—
דָאס אִיז אויף דֶער וֶועלְט	Dos is auf der Welt
דֶער בֶּעסְטֶער עֵסֶק!	Der bester Eissek!

С. Найгаузенъ (Волковышки, Сувалкск губ.)

№ 122.

אָב — אַ פָאטֶער,	Ow—a Voter,
קֵדָר — אַ טָאטֶער,	Keidor—a Toter,
אַ טָאטֶער — קֵדָר,	A Toter—Keidor,
בְּגָדִים — קְלֵיידֶער,	Bgodim—Kleider,
קְלֵיידֶער — בְּגָדִים,	Kleider—Bgodim,
חוּט — אַ פָאדִים,	Chut—a Fodim,
אַ פָאדִים — חוּט,	A Fodim—Chut,
טוֹב — גוּט,	Teiw—gut,
גוּט — טוֹב,	Gut—teiw,
בֶּער — דֹב,	Bär—deiw,
דֹב — בֶּער	Deiw—Bär
לֶק (?) — אַ רֶער,	Lek (?)—a Rehr,
אַ רֶער — לֶק,	A Rehr—Lek,
עַתּוּדִים — בֶּעק	Atudim—Beck,
בֶּעק — עַתּוּדִים,	Beck—Atudim,
זַיילֶען — עַמּוּדִים,	Sailen—Amudim,
עַמּוּדִים — זַיילֶען,	Amudim—Sailen,
חִצִּים — פַיילֶען,	Chizim—Failen,
פַיילֶען — חִצִּים,	Failen—Chizim,
. . . .	. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 123.

Варіантъ:

אָב איז אַ פָאטֶער ,	Ow is a Voter,
קֵדָר איז אַ טָאטֶער ,	Keidor is a Toter,
אַ טָאטֶער איז אַ קֵדָר ,	A Toter is a Keidor,
בְּגָדִים איז קְלֵיידֶער .	Bgodim is Kleider,
קְלֵיידֶער איז בְּגָדִים ,	Kleider is Bgodim,
זַייד איז נִיט פָאדִים ,	Said is nit Fodim,
פָאדִים איז נִיט זַייד .	Fodim is nit Said.
נִיט וַוייט פוּן אַייךְ טוּה איךְ וַויינֶען ,	Nit wait vun aich thu ich weinen ,
טוּה איךְ וַויינֶען נִיט וַוייט פוּן אַייךְ ,	Thu ich weinen nit wait vun aich,
איךְ טוּה זִיצֶען לֶעבֶּען טַייךְ .	Ich thu sitzen leben Taich.
לֶעבֶּען טַייךְ טוּה איךְ זִיצֶען ,	Leben Taich thu ich sitzen,
אין בָּאד טוּה איךְ שְׁוִויצֶען ,	In bod thu ich schwitzen,
שְׁוִויצֶען טוּה איךְ אין בָּאד ,	Schwitzen thu ich in Bod,
אַ וָואגֶען איז צוּ מַיין רָאד .	A Wogen is zu main Rod.
אַ רָאד איז צוּ מַיין וָואגֶען ,	A Rod is zu main Wogen,
איךְ וֶועל אַייךְ עֶפֶּעס זָאגֶען ,	Ich wel aich epes sogen,
זָאגֶען וֶועל איךְ אַייךְ ,	Sogen wel ich aich,
אַז דֶער אַרֶענְדַאר איז רַייךְ ,	As der Arendar is raich,
רַייךְ איז דֶער אַרֶענְדַאר ,	Raich is der Arendar,
בַּייסֶען זָאל איהם אַ קָאמַאר !	Baissen soll ehm a Komar!
אַ קָאמַאר זָאל איהם בַּייסֶען .	A Komar soll ihm baissen,
פָאהרֶען זָאל עֶר אין פְּרַייסֶען ,	Fohren soll er in Praissen.
אין פְּרַייסֶען זָאל עֶר פָאהרֶען ,	In Praissen soll er fohren,
דַארוֹיף הָאבּ איךְ גֶעשְׁוָוארֶען ;	Darauf hob ich geschworen.
גֶעשְׁוָוארֶען דַארוֹיף הָאבּ איךְ ,	Geschworen darauf hob ich,
צוּ מַיין קִיסֶען אַ צִיךְ ,	Zu main Kissen a Zich,
אַ צִיךְ צוּ מַיין קִיסֶען ,	A Zich zu main Kissen,
אוּם ראֹש חֹדֶש נִיסָן .	Um Reisch-Gheidesch Nisson.
נִיסָן אוּם ראֹש חֹדֶש ,	Nisson um Reisch-Cheidesch,
אַ שַׁמָשׁ איז אַ כְּלִי-קֹדֶשׁ ,	A Schames is a Klei-keidesch,
אַ כְּלִי קֹדֶשׁ איז אַ שַׁמָשׁ ,	A Klei-keidesch is a Schames,
נָאמִיר שְׁפִּילֶען אין דַאמֶעס .	Nomir spielen in Dames.
אין דַאמֶעס נָאמִיר שְׁפִּילֶען ,	In Dames nomir Spielen,
דֶער עֶסֶען זָאל איהם קִיהְלֶען ,	Der Essen soll ihm kihlen,
קִיהְלֶען זָאל איהם דֶער עֶסֶען ,	Kihlen soll ihm der Essen,
גָאט זָאל איהם פַארְגֶעסֶען .	Gott soll ihm vargessen.
פַארְגֶעסֶען זָאל איהם גָאט ,	Vargessen soll ihm Gott,
שִׁכּוֹר זָאל עֶר וֶוערֶען ווִי לָאט .	Schiker soll er weren, wie Lot.
ווִי לָאט זָאל עֶר וֶוערֶען שִׁכּוֹר ,	Wie Lot soll er weren schiker,
אין מוֹיל זָאל איהם וֶוערֶען בִּיטֶער .	In Maul soll ihm weren bitter.

בִּיטֶער זָאל אִיהם וֶוערֶען אִין מוֹיל,
שִׁיסֶען זָאל אִיהם אַ קוֹיל,
אַ קוֹיל זָאל אִיהם שִׁיסֶען

Bitter soll ihm weren in maul,
Schissen soll im a Koil,
A Koil soll ihm schiessen

. . . .

М. З. Левинъ (Витеб. губ.).

№ 124.

אוּנ הֶבֶל אִיז הֲבָלִים,
אוּנ דִי וֶועלְט אִיז אַ חָלוֹם,
אוּנ אַ חָלוֹם אִיז דִי וֶועלְט,
אוּנ אַלְץ קוֹיפְט מֶען פַאר גֶעלְט.

Un Hewel is Hawolim,
Un die Welt is a Cholem,
Un a Cholem is die Welt,
Un Allz keift men far Geld.

אוּנ פַאר גֶעלְט קוֹיפְט מֶען בִּיר,
אוּנ וָואס דְרַיי אִיז נִיט פִיר,
אוּנ וָואס פִיר אִיז נִיט דְרַיי,
אוּנ וָואס אַלְט אִיז נִיט נַייא.

Un far Geld keift men Bier,
Un wos drai is nit vier,
Un wos vier is nit drai,
Un wos alt is nit nai.

אוּנ וָואס נַיי אִיז נִיט אַלְט,
אוּנ וָואס וַוארֶעם אִיז נִיט קַאלְט,
אוּנ וָואס קַאלְט אִיז נִיט וַוארֶעם,
אוּנ וָואס רַייךְ אִיז נִיט אַרֶעם.

Un wos nai is nit alt,
Un wos warem is nit kalt,
Un wos kalt is nit warem,
Un wos raich is nit arem.

אוּנ וָואס אַרֶעם אִיז נִיט רַייךְ,
אוּנ וָואס קְרוּם אִיז נִיט גְלַייךְ,
אוּנ וָואס גְלַייךְ אִיז נִיט קְרוּם,
דֶער וָואס רֶעדְט אִיז נִיט שְׁטוּם.

Un wos arem is nit raich,
Un wos krumm is nit glaich,
Un wos glaich is nit krumm,
Un wos redt is nit stumm.

אוּנ שְׁטוּם אִיז דָאךְ שְׁלֶעכְט,
אוּנ דֶער פּוֹיעֶר אִיז גֶערֶעכְט,
אוּנ גֶערֶעכְט אִיז דֶער פּוֹיעֶר,
אוּנ וָואס זִיס אִיז נִיט זוֹיעֶר.

Un stumm is doch schlecht
Un der Pauer is gerecht,
Un gerecht is der Pauer,
Un wos siss is nit sauer.

אוּנ וָואס זוֹיעֶר אִיז נִיט זִיס,
אוּנ וָואס שֵׁיין אִיז נִיט מִיאוּס,
אוּנ מִאוּס אִיז נִיט שֵׁיין,
אוּנ וָואס צוּם זִיצֶען אִיז נִיט צוּם שְׁטֵעהְן.

Un wos sauer is nit siss,
Un wos schein is nit mi's,
Un mi's is nit schein,
Un wos zum Sitzen is nit zum Steihn,

אוּנ וָואס צוּם שְׁטֵעהְן אִיז נִיט צוּם זִיצֶען,
אוּנ צוּם לַייבּ אִיז גוּט צוּ שְׁוִויצֶען,
אוּנ צוּ שְׁוִויצֶען אִיז גוּט צוּם לַייבּ,
אוּנ וָואס אַ מַאנְן אִיז נִיט קַיין וַוייבּ.

Un wos zum Steihn is nit zum Sitzen.
Un zum Laib is gut zu schwitzen,
Un zu schwitzen is gut zum Laib,
Un wos a Mann is nit kein Waib.

אוּנ וָואס אַ וַוייבּ אִיז נִיט קַיין מַאנְן,
אוּנ וָואס אַ טָאפּ אִיז נִיט קַיין פַאנְן,
אוּנ וָואס אַ פַאנְן אִיז נִיט קַיין טָאפּ,
אוּנ וָואס קִימְמֶעל אִיז נִיט קַיין קְרָאפּ;

Un wos a Waib is nit kein Mann,
Un wos a Top is nit kein Fann,
Un wos a Fann is nit kein Top,
Un wos Kimmel is nit kein Krop.

אוּן וָואס קְרָאפּ אִיז נִיט קֵיין קִימְמֶעל ,	Un wos Krop is nit kein Kimmel,
אוּן קֵיין עֶרְד אִיז נִיט קֵיין הִימְמֶעל ,	Un kein Erd is nit kein Himmel,
אוּן קֵיין הִימְמֶעל אִיז נִיט קֵיין עֶרְד ,	Un kein Himmel is nit kein Erd,
אוּן אַ בִּיקְס אִיז נִיט קֵיין שְׁוֶוערְד .	Un a Bichs is nit kein Schwert.
אוּן אַ שְׁוֶוערְד אִיז נִיט קֵיין בִּיקְס,	Un a Schwert is nit kein Bichs,
אוּן אַ פוּטֶער אִיז פוּן פִּיקְס ,	Un a Futter is vun Fichs,
אוּן פוּן פִּיקְס אִיז אַ פוּטֶער ,	Un vun Fichs is a Futter,
אוּן שְׁמַאלְץ אִיז נִיט קֵיין פוּטֶער .	Un Schmalz is nit kein Putter.
אוּן פוּטֶער אִיז נִיט קֵיין שְׁמַאלְץ ,	Un Putter is nit kein Schmalz,
אוּן מַצָּה בַּאקְט מֶען אָהן זַאלְץ ,	Un Maze backt men ohn Salz,
אוּן אָהן זַאלְץ בַּאקְט מֶען מַצָּה ,	Un ohn Salz backt men Maze,
אוּן אַ פֶערְד אִיז נִיט קֵיין קְלְיַאצֶע .	Un a Ferd is nit kein Kljaze.
אוּן אַ קְלְיַאצֶע אִיז נִיט קֵיין פֶערְד ,	Un a Kljaze is nit kein Ferd,
אוּן אַ פוֹיעֶר לִיגְט אִין דְ'רְ עֶרְד ,	Un a Pauer liegt in d'r Erd,
אוּן אִין דְ'רְ עֶרְד לִיגְט דֶער פוֹיעֶר ,	Un in d'r Erd liegt a Pauer,
אוּן עֶס אִיז אִיהם זִיס אוּן זוֹיעֶר .	Un es is ihm siss un sauer.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 125.

—וֶוער וֵויס אֵיינְס ?	—Wer weiss eins?
—אֵיינְס וֵויס אִיךְ :	—Eins weiss ich:
אֵיינְס אִיז אַ אִידֶענֶע ,	Eins is a Jidene,
נִיט זִי לֶעבְּט ,	Nit sie lebt,
נִיט זִי שְׁוֶועבְּט	Nit sie schwebt
אַף דֶער הִימְמֶעל אוּן דֶער עֶרְד .	Auf der Himmel un der Erd.
—וֶוער וֵויס צְוֵויי ?	—Wer weiss zwei?
—צְוֵויי וֵויס אִיךְ אוֹיךְ :	—Zwei weiss ich auch:
צְוֵויי עֶקְעֶן	Zwei Ecken
הָאט אַ שְׁטֶעקְעֶן ;	Hot a Stecken;
אֵיינְס אִיז אַ אִידֶענֶע ,	Eins is a Jidene,
נִיט זִי לֶעבְּט א. ז. וו.	Nit sie lebt etc.
—וֶוער וֵויס דְרַיי ?	—Wer weiss drai?
—דְרַיי וֵויס אִיךְ אוֹיךְ:	—Drai weiss ich auch:
דְרַיי עֶקְעֶן	Drai Ecken
הָאט אַ קְרֶעפֶּעל ;	Hot a Krepel;
צְוֵויי עֶקְעֶן	Zwei Ecken
הָאט אַ שְׁטֶעקְעֶן ;	Hot a Stecken;
אֵיינְס אִיז אַ אִידֶענֶע א. ז. וו.	Eins is a Jidene etc.

וער ווייס פיער ?	—Wer weiss vier?
—פיער ווייס איך אויך :	—Vier weiss ich auch:
פיער פיסלאך	Vier Fisslach
האט א בעטעל ;	Hot a Bettel;
דריי עקען	Drai Ecken
האט א קרעפעל ;	Hot a Krepel;
צוויי עקען	Zwei Ecken
האט א שטעקען ;	Hot a Stecken;
איינס איז א אידענע א. ז. וו.	Eins is a Jidene etc.
—וער ווייס פינף ?	—Wer weiss finf?
—פינף ווייס איך אויך :	—Finf weiss ich auch:
פינף פינגער	Finf Finger
איז א חאפ ; 1)	Is a Chap; 1)
פיער פיסלאך	Vier Fisslach
האט א בעטעל ,	Hot a Bettel;
דריי עקען	Drai Ecken
האט א קרעפעל ;	Hot a Krepel;
צוויי עקען .	Zwei Ecken
האט א שטעקען ;	Hot a Stecken;
איינס איז א אידענע ,	Eins is a Jidene,
ניט זי לעבט ,	Nit sie lebt,
ניט זי שוועבט	Nit sie schwebt
אף דער הימעל און דער ערד .	Auf der Himmel un der Erd.

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).
Левитанъ (Шавли, Ковенск. губ.)

№ 126.

האט השם יתברך אראפ געשיקט 2)	Hot ha-Schem jissborach aropgeschickt 2)
א בוימעלע אראפ , א בוימעלע אראפ , 3)	A Beimele arop, a Beimele arop, 3)
בוימעלע זאל בארעלעך וואקסען (bis)	Beimele soll Barelech 'wachen. (bis)
בוימעלע וויל ניט בארעלעך וואקסען „	Beimele will nit Barelech wachsen,
בארעלעך ווילען ניט פאלען . (bis)	Barelach willen nit fallen. (bis)

---

1) פינף ריטלאך	Finf rithlach
איז א הושע־נא .	is Heischane.
2) גאט האט בעשאפען	Gott hot beschafen
3) א בוימעלע (בערנעלע) אף דער וועלט	A Beimele (Bernele) af der Welt.

(Тѣ же варіанты и въ дальнѣйшихъ куплетахъ.)

האט השי״ת אראפ געשיקט	Hot ha-Schem jissborach aropgeschickt
יעקעלען אראפ . יעקעלען אראפ ,—	Jekelen arop, Jekelen arop,—
זאל בארעלעך רייסען , (bis)	Soll Barelech raissen. (bis)
יעקעלע וויל ניט בארעלעך רייסען ,	Jekele will nit Barelech raissen,
בארעלעך ווילען ניט פאלען . (bis)	Barelech willen nit fallen. (bis)
האט השי״ת אראפ געשיקט	Hot ha-Schem jissborach aropgeschickt
א הינטעלע אראפ , א הינטעלע אראפ ,	A Hintele arop, a Hintele arop,
זאל יעקעלען בייסען . (bis)	Soll Jekelen baissen. (bis)
הינטעלע וויל ניט יעקעלען בייסען ,	Hintele will nit Jekelen baissen,
יעקעלע וויל ניט בארעלעך רייסען	Jekele will nit Barelech raissen,
בארעלעך ווילען ניט פאלען . (bis)	Barelech willen nit fallen. (bis)
האט השי״ת אראפ געשיקט	Hot ha-Schem jissborach aropgeschickt
א שטעקעלע אראפ , א שטעקעלע אראפ ,	A Stekele arop, a Stekele arop,
זאל הינטעלען שלאגען . (bis)	Soll Hintelen schlogen. (bis)
שטעקעלע וויל ניט הינטעלען שלאגען ,	Steckele will nit Hintelen schlogen,
הינטעלע וויל ניט יעקעלען בייסען ,	Hintele will nit Jekelen baissen,
יעקעלע וויל ניט בארעלעך רייסען ,	Jekele will nit Barelech raissen,
בארעלעך ווילען ניט פאלען . (bis)	Barelech willen nit fallen. (bis)
האט השי״ת אראפ געשיקט	Hot ha-Schem jissborach aropgeschickt
א פייער׳ל אראפ , א פייער׳ל אראפ ,	A Faier'l arop, a Faier'l arop,
זאל שטעקעלען ברענען .(bis)	Soll Steckelen brennen. (bis)
פייער׳ל וויל ניט שטעקעלען ברענען ,	Faier'l will nit Steckelen brennen,
שטעקעלע וויל ניט הינטעלען שלאגען א. ז. וו.	Steckele will nit Hintelen schlogen etc.
האט השי״ת אראפ געשיקט	Hot ha-Schem jissborach aropgeschickt
א וואסער׳ל אראפ , א וואסער׳ל אראפ ,	A Wasser'l arop, a Wasser'l arop,
זאל פייער׳ל לעשען . (bis)	Soll Faier'l leschen. (bis)
וואסער׳ל וויל ניט פייער׳ל לעשען ,	Wasser'l will nit Faier'l leschen,
פייער׳ל וויל ניט שטעקעלען ברענען א. ז. וו.	Faier'l will nit Steckeln brennen etc.
האט השי״ת אראפ געשיקט ,	Hot ha-Schem jissborach aropgeschickt
אנ׳אקסעלע אראפ ; אנ׳אקסעלע אראפ ,	A-n-Echsele arop, a-n Echsele arop,
זאל וואסער׳ל טרינקען . (bis)	Soll Wasser'l trinken.
אקסעלע וויל ניט וואסער׳ל טרינקען ;	Echsele will nit Wasser'l triuken,
וואסער׳ל וויל ניט פייער׳ל לעשען א. ז. וו.	Wasser'l will nit Faier'l leschen etc.

האט השי"ת אראפ געשיקט,	Hot ha-Schem jissborach aropgeschikt
א שוחט'ל אראפ, א שוחט'ל אראפ,	A Scheichet'l arop, a Scheichet'l arop,
זאל אקסעלען שעכטען. (bis)	Soll Echselen schechten. (bis)
שוחט'ל וויל ניט אקסעלען שעכטען	Scheichet'l will nit Echselen schechten
אקסעלע וויל ניט וואסער'ל טרינקען א. ז. וו.	Echsele will nit Wasser'l trinken etc.
האט השי"ת אראפ געשיקט	Hot ha-Schem jissborach aropgeschikt
דעם מלאך המות אראפ, דעם מלאך המות אראפ,	Dem Mal'ach-ha-Mowes arop, des Mal'ach-ha-Mowes arop,
זאל שוחט'לען טוידטען. (bis)	Soll Scheichet'len teiten. (bis)
מלאך המות וויל ניט שוחט'לען טוידטען,	Mal'ach ha-Mowes will nit Scheichet'len teiten,
שוחט'ל וויל ניט אקסעלען שעכטען א. ז. וו.	Scheichet'l will nit Echselenschechten etc.
איז השם יתברך	Is ha-Schem jissborach
אליין אראפ, אליין אראפ, —	Allein arop, allein arop,—
מלאך המות וויל שוחט'לען טוידטען,	Mal'ach ha-Mowes will Scheichet'len teiten,
שוחט'ל וויל אקסעלען שעכטען,	Scheichet'l will Echselen schechten,
אקסעלע וויל וואסער'ל טרינקען,	Echsele will Wasser'l trinken,
וואסער'ל וויל פייער'ל לעשען.	Wasser'l will Faier'l leschen,
פייער'ל וויל שטעקעלען ברענען,	Faier'l will Steckelen brennen,
שטעקעלע וויל הינטעלען שלאגען,	Steckele will Hintelen schlogen,
הינטעלע וויל יעקעלען בייסען,	Hintele will Jekelen baissen,
יעקעלע וויל בארעלעך רייסען,	Jekele will Barelech raissen,
בארעלעך ווילען פאלען,	Barelech willen fallen,
בארעלעך ווילען פאלען!	Barelech willen fallen!

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).
Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 127.

בין איך מיר א אידעלע,	Bin ich mir a Jidele,
בעדארף איך א ווייב האבען;	Bedarf ich a Waib hoben;
וואלט איך וועלען וויסען,	Wollt ich wellen wissen,
ווי מיין ווייב וועט הייסען?	Wie main Waib wet heissen?
חיה-רחל רעה	Chaje-Rochl Roh
הייסט מיין ליעבע פראה!	Heisst main liebe Fro!

האב איך מיר א ווייב ,
בעדארף איך א קינד האבען ;
וואלט איך וועלען וויסען ,
ווי מיין קינד וועט הייסען ?
ביילע-הינדעל
הייסט מיין קינדעל ,
חיה-רחל רעה
הייסט מיין ליבע פראה !

Hob ich mir a Waib,
Bedarf ich a Kind hoben;
Wollt ich wellen wissen,
Wie main Kind wet heissen?
Beile-Hindel
Heisst main Kindel,
Chaje-Rochl Roh
Heisst main liebe Fro!

האב איך מיר א קינד ,
בעדארף איך אוויעג האבען ;
וואלט איך וועלען וויסען ,
ווי די וויעג וועט הייסען ?
ציגעל-מיעגעל
הייסט די וויעגעל ,
ביילע-הינדעל
הייסט מיין קינדעל ,
חיה-רחל רעה
הייסט מיין ליעבע פראה !

Hob ich mir a Kind,
Bedarf ich a Wieg hoben;
Wollt ich wellen wissen,
Wie die Wieg wet heissen?
Ziegel-Miegel
Heisst die Wiegel,
Beile-Hindel
Heisst main Kindel,
Chaje Rochl Roh
Heist main liebe Fro!

האב איך מיר אוויעגעל,
בעדארף איך א דירה האבען ;
וואלט איך וועלען וויסען ,
ווי די דירה'ט'הייסען ?
פינט'ל-מיר'ל
הייסט די דיר'ל
ציעגעל-מיעגעל א. ז. וו.

Hob ich mir a Wiegel,
Bedarf ich a Dire hoben;
Wollt ich wellen wissen,
Wie die Dire 't heissen?
Pint'l-Mir'l
Heisst die Dir'l,
Ziegel-Miegel etc.

האב איך מיר א דירה ,
בעדארף איך א שטאל האבען ;
וואלט איך וועלען וויסען ,
ווי מיין שטאל וועט הייסען ?
על-דל
הייסט די שטאל,
פינט'ל-מיר'ל א. ז. וו.

Hob ich mir a Dire,
Bedarf ich a Stall hoben!
Wollt ich wellen wissen,
Wie main Stall wet heisen?
Al-Dal
Heisst die Stall,
Pint'l-Mir'l etc.

האב איך מיר א שטאל ,
בעדארף איך א וואגען האבען ;
וואלט איך וועלען וויסען ,
ווי דער וואגען וועט הייסען ?
קאזע-דא-וואזע
הייסט דער וואגען
על-דל א. ז. וו.

Hob ich mir a Stall,
Bedarf ich a Wogen hoben;
Wollt ich wellen wissen,
Wie der Wogen wet heissen?
Kose-do-Wose
Heisst der Wogen,
Al-Dal etc.

הָאבּ איך מִיר אַ וָואגֶען ,	Hob ich mir a Wogen,
בֶּעדאַרְף איך אַ פֶערד הָאבֶּען ;	Bedarf ich a Ferd hoben;
וָואלְט איך וֶועלֶען ווִיסֶען ,	Wollt ich wellen wissen,
ווִי דֶער פֶערְד וֶועט הֵייסֶען ?	Wie der Ferd wet heissen?
הִימְמֶעל אוּנ עֶרְד	Himmel un Erd
הֵייסְט דֶער פֶערְד ,	Heisst der Ferd,
קָאזֶע-דָא-וָואזֶע	Kose-do-Wose
הֵייסְט דֶער וָואגֶען ,	Heisst der Wogen,
עַל-דַל	Al-Dal
הֵייסְט דִי שְׁטַאל ,	Heisst die Stall,
פִּינְטְ'ל-מִירְ'ל	Pint'l Mir'l
הֵייסְט דִי דִירְ'ל ,	Heisst die Dir'l,
צִיעגֶעל-מִיעגֶעל	Ziegel-Miegel
הֵייסְט דִי ווִיעגֶעל ,	Heisst die Wiegel,
בֵּיילֶע-הִינְדֶעל	Beile-Hindel
הֵייסְט מַיין קִינְדֶעל ,	Heisst main Kindel,
חַיָה-רָחֵל רָעָה	Chaje-Rochl Roh
הֵייסְט מַיין לִיעבֶּע פְרָאה !	Heisst main liebe Fro!

Б. М. Кассель и А. Д. Пивъ (Ковенск. губ.).

№ 128.

הָאבּ איך מִיר אַקְלֵיינֶעם מִיכַאלֶעקוּ , מִיכַאלֶעקוּ ,	Hob ich mir a kleinem Michaleku, Michaleku,
ווֵיינְט עֶר אִין דִי לַאנְגֶע שְׁטְרַאסֶע ;	Weint er in die lange Strasse;
מַאכְט עֶר מִיר וָואס עֶר וִויל ,	Macht er mir wos er will,
מַאכְט עֶר מִיר וָואס עֶר קֶענְן ;	Macht er wos er kenn;
מַאכְט עֶר מִיר אַ פֵייפֶעלוּ , אַ פֵייפֶעלוּ ,	Macht er mir a Faifelu, a Faifelu,
פֵייפֶעלוּ מַאכְט אַזוֹי :	Faifelu macht asei:
טְרְפָאן-פָאן—פָאן , טְרְפָאן—פָאן—פָאן ,	Trfon—fon—fon, trfon—fon—fon.
דָאס אִיז פֵייפֶעלוּ !	Dos is Faifelu!
הָאבּ איך מִיר אַקְלֵיינֶעם מִיכַאלֶעקוּ , מִיכַאלֶעקוּ א. ז. וו	Hob ich mir a kleinem Michaleku, Michaleku etc.
מַאכְט עֶר מִיר אַטְרָאמְבֶּעצְקוּ , אַטְרָאמְבֶּעצְקוּ ,	Macht er mir a Trombezku, a Trombezku,
טְרָאמְבֶּעצְקוּ מַאכְט אַזוֹי :	Trombezku macht asei:
טְרוּ—טְרוּ—טְרוּ , טְרוּ—טְרוּ—טְרוּ ,	Tru—tru—tru, tru—tru—tru,
דָאס אִיז טְרָאמְבֶּעצְקוּ !	Dos is Trombezku!
טְרְפָאן-פָאן-פָאן , טְרְפָאן-פָאן-פָאן ,	Trfon—fon—fon, trfon—fon—fon,
דָאס אִיז פֵייפֶעלוּ !	Dos is Faifelu!

הָאבּ אִיךְ מִיר אַקְלֵיינֶעם מִיכַאלֶעקוּ, מִיכַאלֶעקוּ
א. ז. וו.
מַאכְט עֶר מִיר אַפַּייקֶעלוּ, אַפַּייקֶעלוּ,
פַּייקֶעלוּ מַאכְט אַזוֹי:
טְרְבָּאם-בָּאם-בָּאם, טְרְבָּאם-בָּאם-בָּאם,

דָאס אִיז פַּייקֶעלוּ!
טְרוּ-טְרוּ-טְרוּ, טְרוּ-טְרוּ-טְרוּ א. ז. וו.
טְרְפָאן—פָאן—פָאן, טְרְפָאן—פָאן—פָאן א. ז. וו.

הָאבּ אִיךְ מִיר אַ קְלֵיינֶעם מִיכַאלֶעקוּ, מִיכַאלֶעקוּ
א. ז. וו.
מַאכְט עֶר מִיר אַפִידֶעלוּ, אַ פִידֶעלוּ,
פִידֶעלוּ מַאכְט אַזוֹי:
טִידֶעל—נִידֶעל, טִידֶעל—נִידֶעל,
דָאס אִיז פִידֶעלוּ!
טְרְבָּאם-בָּאם-בָּאם, טְרְבָּאם-בָּאם-בָּאם א. ז. וו.

הָאבּ אִיךְ מִיר אַ קְלֵיינֶעם מִיכַאלֶעקוּ, מִיכַאלֶעקוּ
א. ז. וו.
זָאגְט עֶר מִיר אַ יוּדִישׁ וָואָרְט, אַ יוּדִישׁ וָואָרְט,

יוּדִישׁ וָואָרְט מַאכְט אַזוֹי:
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם,

דָאס אִיז יוּדִישׁ וָואָרְט!
טִידֶעל—נִידֶעל, טִידֶעל—נִידֶעל א. ז. וו.
הָאבּ אִיךְ מִיר אַ קְלֵיינֶעם מִיכַאלֶעקוּ, מִיכַאלֶעקוּ
א. ז. וו.
זָאגְט עֶר מִיר אַ רוּסִישׁ וָואָרְט, אַ רוּסִישׁ
וָואָרְט,
רוּסִישׁ וָואָרְט מַאכְט אַזוֹי:
. . . .
דָאס אִיז רוּסִישׁ וָואָרְט!
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם א. ז. וו.

הָאבּ אִיךְ מִיר אַ קְלֵיינֶעם מִיכַאלֶעקוּ, מִיכַאלֶעקוּ
א. ז. וו.
זָאגְט עֶר מִיר אַדַייטְשְׁעֶן וָואָרְט, אַ דַייטְשְׁעֶן
וָואָרְט,
דַייטְשְׁעֶן וָואָרְט מַאכְט אַזוֹי:
הָאל דֶער דַייוֶועל, הָאל דֶער דַייוֶועל,
דָאס אִיז דַייטְשְׁעֶן וָואָרְט!
. . . .

Hob ich mir a kleinem Michaleku,
Michaleku etc.
Macht er mir a Paikelu, a Paikelu,
Paikelu macht asei:
Trbom—bom—bom, trbom—bom—
bom,
Dos is Paikelu!
Tru—tru—tru, tru—tru—tru etc.
Trfon—fon—fon, trfon—fon—fon etc.

Hob ich mir a kleinem Michaleku,
Michaleku etc.
Macht er mir a Fiedelu, a Fiedelu,
Fiedelu macht asei:
Tidl—nidl, tidl—nidl,
Dos is Fiedelu!
Trbom—bom—bom, trbom—bom—
bom etc.
Hob ich mir a kleinem Michaleku,
Michaleku etc.
Sogt er mir a jidisch Wort, a jidisch
Wort,
Jidisch Wort macht asei:
Ribeinei-schel-Eilom, Ribeinei-schel
Eilom

Dos is jidisch Wort!
Tidl—nidl, tidl—nidl etc.
Hob ich mir a kleinem Michaleku,
Michaleku etc
Sogt er mir a russisch Wort, a rus-
sisch Wort,
Russisch Wort mach asei:
. . . .
Dos is russisch Wort!
Ribeinei-schel-Eilom, Ribeinei-schel-
Eilom etc.

Hob ich mir a kleinem Michaleku,
Michaleku etc
Sogt er mir a daitschen Wort, a
daitschen Wort,
Daitschen Wort macht asei:
Hol der Daiwel, hol der Daiwel,
Dos is daitschen Wort!
. . . .

דָאס אִיז רוּסִישׁ וָוארְט ;	Dos is russisch Wort;
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ,	Ribeinei-schel-Eilom, Ribeinei-schel-Elom,
דָאס אִיז יוּדִישׁ וָוארְט ;	Dos is jidisch Wort;
טִידֶעל-נִידֶעל , טִידֶעל-נִידֶעל ,	Tidl—nidl, tidl—nidl,
דָאס אִיז פִּידֶעלוּ ;	Dos is Fiedelu;
טְרְבָּאם-בָּאם-בָּאם , טְרְבָּאם-בָּאם-בָּאם ,	Trbom—bom—bom, trbom—bom—bom,
דָאס אִיז פַּייקֶעלוּ ;	Dos is Paikelu;
טְרוּ-טְרוּ-טְרוּ , טְרוּ-טְרוּ-טְרוּ ,	Tru—tru—tru, tru—tru—tru,
דָאס אִיז טְרָאמְבֶּעצְקוּ ;	Dos is Trombezku;
טְרְפָאן-פָאן-פָאן , טְרְפָאן-פָאן-פָאן ,	Trfon—fon—fon, trfon—fon—fon,
דָאס אִיז פַּייפֶעלוּ !	Dos is Faifelu!

Б. М Кассель и А Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 129

שְׁפִּיעלֶען מִיר אִין קֶעסְטֶעלאךְ , אִין קֶעסְטֶעלאךְ ,	Spielen mir in Kastelach, in Kästelach,
גֶעהְט אַרוֹיס אַ הוּהְן •	Geiht araus a Huhn.
—הוּהְן , הוּהְן , וָואס גִיבְּסְטוּ צוּ ?	—Huhn, Huhn, wos gibstu zu?
—אִיךְ גִיבּ מַיין אֵיי !	—Ich gib main Ei!
דִי הוּהְנְ'ס אֵיי ,	Die Huhn's Ei,
שְׁפִּיעלֶען מִיר וִוידֶער צְוֵויי 1)	Spielen mir wieder zwei [1])
שְׁפִּיעלֶען מִיר אִין קֶעסְטֶעלאךְ , אִין קֶעסְטֶעלאךְ	Spielen mir in Kästelach, in Kästelach,
גֶעהְט אַרוֹיס אַ הָאהְן •	Geiht araus a Hohn.
—הָאהְן , הָאהְן , וָואס גִיבְּסְטוּ צוּ ?	—Hohn, Hohn, wos gibstu zu?
—אִיךְ גִיבּ מַיין קְרֵעה	—Ich gib main Kreih!
דֶעם הָאהְנְ'ס קְרֵעה	Dem Hohn's Kreih,
דִי הוּהְנְ'ס אֵיי	Die Huhn's Ei,
שְׁפִּיעלֶען מִיר וִוידֶער צְוֵויי ,	Spielen mir wieder zwei.
שְׁפִּיעלֶען מִיר אִין קֶעסְטֶעלאךְ , אִין קֶעסְטֶעלאךְ ,	Spielen mir in Kastelach in Kästelach,
גֶעהְט אַרוֹיס אַ גַאנְז ;	Geiht araus a Gans.
—גַאנְז , גַאנְז , וָואס גִיבְּסְטוּ צוּ ?	Gans, Gans, wos gibstu zu?
—אִיךְ גִיבּ מַיין קָאפּ !	—Ich gieb main Kop!
דִי גַאנְזְ'ס קָאפּ	Die Gans's Kop
דֶעם הָאהְנְ'ס קְרֵעה א. ז. וו.	Dem Hohn's Kreih etc.

1) שְׁפִּיעלֶען מִיר וַוייטֶער אַזוֹי • — Spielen mir waiter asei.

или

שְׁלָאגִין מִיר אַנְדֶערֶע צְוֵויי • — Schlogen mir andere zwei.

שְׁפִּיעלֶען מִיר אִין קֶעסְטֶעלַאךְ , אִין קֶעסְטֶעלַאךְ ,
גֵעהְט אַרוֹים אַ עֶנְדִיג .
—עֶנְדִיג , עֶנְדִיג , וָואס גִיבְּסְטוּ צוּ ?
אִיךְ גִיבּ מַיין קְרָאפּ !
דֶעם עֶנְדִיגְ׳ס קְרָאפּ ,
דִי גַאנְזְ׳ס קָאפּ א. ז. וו.

Spielen mir in Kästelach, in Kästelach,
Geiht araus a Endig.
—Endig, Endig, wos gibstu zu?
—Ich gib main Krop!
Dem Endig's Krop,
Die Gans's Kop etc.

שְׁפִּיעלֶען מִיר אִין קֶעסְטֶעלַאךְ , אִין קֶעסְטֶעלַאךְ ,
גֵעהְט אַרוֹים אַ מַאד .
—מַאד , מַאד , וָואס גִיבְּסְטוּ צוּ ?
—אִיךְ גִיבּ מַיין צָאפּ !
דִי מַאדְ׳ס צָאפּ ,
דֶעם עֶנְדִיגְס קְרָאפּ א. ז. וו.

Spielen mir in Kästelach, in Kästelach,
Geiht araus a Mad.
—Mad, Mad, wos gibstu zu?
—Ich gib main Zop!
Die Mad's Zop,
Dem Endig's Krop etc.

שְׁפִּיעלֶען מִיר אִין קֶעסְטֶעלַאךְ , אִין קֶעסְטֶעלַאךְ ,
גֵעהְט אַרוֹים אַ בָּחוּר .
—בָּחוּר , בָּחוּר , וָואס גִיבְּסְטוּ צוּ ?
—אִיךְ גִיבּ מַיין פֵּאָה !
דֶעם בָּחוּרְ׳ס פֵּאָה
דִי מַאדְ׳ס צָאפּ א. ז. וו.

Spielen mir in Kästelach, in Kästelach,
Geiht araus a Bochur.
—Bochur, Bochur, wos gibstu zu?
—Ich gib main Peie!
Dem Bochur's Peie,
Die Mad's Zop etc.

שְׁפִּיעלֶען מִיר אִין קֶעסְטֶעלַאךְ , אִין קֶעסְטֶעלַאךְ ,
גֵעהְט אַרוֹים אַ פָּרִיץ . (1
—פָּרִיץ , פָּרִיץ , וָואס גִיבְּסְטוּ ?
—אִיךְ גִיבּ מַיין דֵעָה !
דֶעם פָּרִיצְ׳ס דֵעָה ,
דֶעם בָּחוּרְ׳ס פֵּאָה ,
דִי מַאדְ׳ס צָאפּ ,
דֶעם עֶנְדִיגְ׳ס קְרָאפּ ,
דִי גַאנְזְ׳ס קָאפּ ,
דֶעם הָאהְנְ׳ס קְרֵעה ,
דִי הוּהְנְ׳ס אֵיי ,
שְׁפִּיעלֶען מִיר ווִידֶער צְווֵיי !

Spielen mir in Kästelach, in Kästelach,
Geiht araus a Porez. [1]
—Porez, Porez, wos gibstu zu?
—Ich gib main Deie!
Dem Porez's Deie,
Dem Bochur's Peie,
Die Mad's Zop,
Dem Endig's Krop,
Die Gans's Kop,
Dem Hohn's Kreih,
Die Huhn's Ei,
Spielen mir wieder zwei!

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).
М. Г. Каганъ (Столбцы, Минск. губ.).
Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 130.

שְׁמֶערְ׳ל מִיט דֶער פִידֶעל ,
יָעקְ׳ל מִיט דֶעם בַּאס ,
שְׁפִּיעלְט מִיר אוֹיף אַ לִיעדֶעל
אוֹיפְ׳ן מִיטְ׳ן גַאס !
אָי-אָי-אָי , אָי-אָי-אָי ! (2

Schmer'l mit der Fiedel
Jek'l mit dem Bass,
Spielt mir uf a Liedel
Uf'n Mitt'n Gass!
Oi-oi-oi, oi-oi-oi! [2]

---

1) רַב , דַיָן   Dajon Row.

[2]) Первый куплетъ, равно какъ и послѣднiй, въ нѣкоторыхъ мѣстахъ пропускается.

צעהן גוטע ברידער זיינען מיר געוועזן ,
האבען מיר געהאנדעלט מיט , מיט וויין ;
איז פון אונז געווארען מעהר ניט ווי ניין , (bis)

Zehn gute Brider sainen mir gewen,
Hoben mir gehandelt mit, mit Wain,
Is vun uns geworen mehr nit wie nain.
(bis)

ניין גוטע ברידער זיינען מיר געוועזן ,
האבען מיר געהאנדעלט מיט , מיט פראכט ;
איז פון אונז געווארען מעהר ניט ווי אכט . (bis)

Nain gute Brider sainen mir gewen,
Hoben mir gehandelt mit, mit Fracht,
Is vun uns geworen mehr nit wie acht.
(bis)

אכט גוטע ברידער זיינען מיר געוועזן ,
האבען מיר געהאנדעלט מיט , מיט ריבען ,
איז פון אונז געווארען מעהר ניט ווי
זיעבען . (bis)

Acht gute Brider sainen mir gewen,
Hoben mir gehandelt mit, mit Riben,
Is vun uns geworen mehr nit wie sieben
(bis)

זיעבען גוטע ברידער זיינען מיר געוועזן ,
האבען מיר געהאנדעלט מיט , מיט געבעקס ,
איז פון אונז געווארען מעהר ניט ווי זעקס , (bis)

Sieben gute Brider sainen mir gewen,
Hoben mir gehandelt mit, mit Gebäcks,
Is vun uns geworen mehr nit wie
sechs. (bis)

זעקס גוטע ברידער זיינען מיר געוועזן ,
האבען מיר געהאנדעלט מיט , מיט שטרימף ,
איז פון אונז געווארען מעהר ניט ווי פינף . (bis)

Sechs gute Brider sainen mir gewen,
Hoben mir gehandelt mit. mit Strimf,
Is vun uns geworen mehr nit wie finf.
(bis)

פינף גוטע ברידער זיינען מיר געוועזן ,
האבען מיר געהאנדעלט מיט , מיט ביער ,
איז פון אונז געווארען מעהר ניט ווי
פיער . (bis)

Finf gute Brider sainen mir gewen,
Hoben mir gehandelt mit, mit Bier,
Is vun uns geworen mehr nit wie vier.
(bis)

פיער גוטע ברידער זיינען מיר געוועזן ,
האבען מיר געהאנדעלט מיט , מיט בליי ,
איז פון אונז געווארען מעהר ניט ווי
דריי . (bis)

Vier gute Brider sainen mir gewen,
Hoben mir gehandelt mit, mit Blai,
Is vun uns geworen mehr nit wie drai.
(bis)

דריי גוטע ברידער זיינען מיר געוועזן ,
האבען מיר געהאנדעלט מיט , מיט טהיי ,
איז פון אונז געווארען מעהר ניט ווי
צוויי . (bis)

Drai gute Brider sainen mir gewen,
Hoben mir gehandelt mit, mit Thei
Is vun uns geworen mehr nit wie zwei,
(bis)

צוויי גוטע ברידער זיינען מיר געוועזן ,
האבען מיר געהאנדעלט מיט , מיט ביינער ,
איז פון אונז געבליבען נאר איך איינער , (bis)

Zwei gute Brider sainen mir gewen,
Hoben mir gehandelt mit, mit Beiner,
Is vun uns gebliben nor ich einer. (bis)

איין גוטער ברודער בין איך מיר געוועזן ,
האב איך מיר געהאנדעלט מיט , מיט טראהן ,
איז פון מיר געווארען אגרויסער האהן . (bis)

Ein guter Brud r bin ich mir g ewen,
Hob ich gehandelt mit, mit Thron,
Is vun mir geworen a greisser Hohn.
(bis)

שמער׳ל מיט דער פידעל ,	Schmer'l mit der Fiedel,
יעק׳ל מיט דער באס ,	Jek'l mit dem Bass,
שפיעלט מיר אוף אליעדעל ,	Spielt mir uf a Liedel
אופ׳ן מיט׳ן גאס ,	Uf'n Mitt'n Gass!
אי—אי—אי , אי—אי—אי !	Oi-oi-oi, oi-oi-oi!

Д. Г. Гальперинъ (Вильна).
С. М. Дубновъ (Одесса).

№ 131.

האב איך 1) א פאר אקסען , אקסען ,	Hob ich[1]) a Por Ochsen, Ochsen,
וואס זיי בראקען לאקשען .	Wos sei brocken Lokschen.
אך , וואונדער ,	Ach, Wunder,
ליעבער וואונדער ,	Lieber Wunder,
ווי די אקסען ,	Wie die Ochsen
בראקען לאקשען ,	Brocken Lokschen,
דאס איז מיר א וואונדער ! (bis) 2)	Dos is mir a Wunder! (bis) [2])
האב איך א פאר בערען , בערען ,	Hob ich a Por Bären, Baren,
וואס זיי שטיבער קעהרען ,	Wos sei Stiber kehren.
אך , וואונדער ,	Ach, Wunder,
ליעבער וואונדער ,	Lieber Wunder,
ווי די בערען ,	Wie die Bären
שטיבער קעהרען ,	Stiber kehren.
דאס איז מיר א וואונדער ! (bis)	Dos is a Wunder! (bis)
האב איך א פאר ציגען , ציגען ,	Hob ich a Por Ziegen, Ziegen,
וואס זייא קינדער וויגען .	Wos sei Kinder wiegen.
אך , וואונדער ,	Ach, Wurder,
ליעבער וואונדער א. ז. וו.	Lieber Wunder etc.
האב איך א פאר מיידען , מיידען ,	Hob ich a Por Meiden, Meiden,
וואס זיי קינדער וויעגען .	Wos sei Kinder wiegen,
אך , וואונדער ,	Ach, Wunder,
ליעבער וואונדער א. ז. וו.	Lieber Wunder etc.
האב איך א פאר הינט , הינט ,	Hob ich a Por Hint, Hint,
וואס זיי מאכען טינט .	Wos sei machen Tint,
אך , וואונדער ,	Ach, Wunder,
ליעבער וואונדער א. ז. וו.	Lieber Wunder etc.

Варіанты:

1) ביי מיין רבי׳ן איז געוועזען — [1]) Bai main Reben is gewesen.

2) אי , א וואונדער איבער א וואונדער ; אקסען בראקען לאקשען ! — [2]) Oi, a Wunder iber a Wunder: Ochsen brocken Lokschen!

הָאבּ אִיךְ אַ פָּאר טוֹיבֶּען, טוֹיבֶּען,	Hob ich a Por Tauben, Tauben,
וָואס זַיי גַייעָן הוֹיבֶּען.	Wos sei neihen Hauben.
אַךְ, וואוּנְדֶער,	Ach, Wunder,
לִיעבֶּער וואוּנְדֶער א. ז. וו.	Lieber Wunder etc.
הָאבּ אִיךְ אַ פָּאר הֶענֶער, הֶענֶער,	Hob ich a Por Hähner, Hähner,
וָואס זַיי קְלַייבֶּען שְׁפֶּענֶער.	Wos sei klaiben Späner.
אַךְ, וואוּנְדֶער,	Ach, Wunder,
לִיעבֶּער וואוּנְדֶער א. ז. וו.	Lieber Wunder etc.
הָאבּ אִיךְ אַ פָּאר קַאצְקֶעס, קַאצְקֶעס,	Hob ich a Por Kazkes, Kazkes,
וָואס זַיי בַּאקֶען בַּאצְקֶעס.	Wos sei backen Bazkes.
אַךְ, וואוּנְדֶער,	Ach, Wunder,
לִיעבֶּער וואוּנְדֶער א. ז. וו.	Lieber Wunder etc,
הָאבּ אִיךְ אַ פָּאר פֵייגֶעלַאךְ, פֵייגֶעלַאךְ,	Hob ich a Por Veigelach, Veigelach,
וָואס זַיי בַּאקֶען בֵּייגֶעלַאךְ.	Wos sei backen Beigelach.
אַךְ, וואוּנְדֶער,	Ach, Wunder,
לִיעבֶּער וואוּנְדֶער א. ז. וו.	Lieber Wunder etc.
הָאבּ אִיךְ אַ פָּאר קֶעצְלַאךְ, קֶעצְלַאךְ,	Hob ich a Por Kätzlach, Kätzlach,
וָואס זַיי מַאכֶען פְּלֶעצְלַאךְ.	Wos sei machen Plezlach.
אַךְ, וואוּנְדֶער,	Ach, Wunder,
לִיעבֶּער וואוּנְדֶער א. ז. וו.	Lieber Wunder etc.
הָאבּ אִיךְ אַ פָּאר בְּרִידֶער, בְּרִידֶער,	Hob ich a Por Brider, Brider,
וָואס זַיי דַאוְונֶען אִין אֵיין סִידוּר.	Wos sei dawnen in ein Sider.
אַךְ, וואוּנְדֶער,	Ach, Wunder,
לִיעבֶּער וואוּנְדֶער א. ז. וו.	Lieber Wunder etc.

Д. Г. Гальпернъ (Вильна.).
А. Д. Идельсонъ (Курляндск. губ.).
М. Г. Каганъ (Столбцы, Минск. губ.).
В. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
Д. И. Магидъ (Оникшта, Ковенск. губ.).
А. С. Таненбаумъ (Гродненской губ.).

№ 132.

בַּיי מַיין רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועזֶען,	Bai main Reben is gewesen,
אִיז גֶעוֶועזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי'ן,	Is gewesen bai main Reben,
בַּיי מַיין רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועזֶען	Bai main Reben is gewesen
אַ גְּנֵבָה!	A Gneiwe!
זִיעבֶּען הֶעמְדֶער וִוי דִי בְּלֶעטֶער,	Sieben Hemder, wie die Blätter,
דְרַיי מִיט לַאטֶעס, פִיר מִיט לֶעכֶער, —	Drai mit Lates, vier mit Lecher,—
אַ גְּנֵבָה!	A Gneiwe!

ביי מיין רבי'ן איז געוועזען ,	Bai main Reben is gewesen,
איז געוועזען ביי מיין רבי'ן ,	Is gewesen bai main Reben,
ביי מיין רבי'ן איז געוועזען	Bai main Reben is gewesen
א גנבה !	A Gneiwel
זיעבען לייכטער , ווי די שטער'ן ,	Sieben Laichter, wie die Stern,
דריי אהן פיסלאך , פיער אהן רעהרען , —	Drai ohn Fisslach, vier ohn Rehren,—
א גנבה !	A Gneiwel

А. Д. Идельсонъ (Курляндск. губ.)

№ 13?

ואלה המשפטים אשר תשים , —	W'eile ha-Mischpotim ascher tossim,—
לאמיר אנפאנגען צו שמועסען מכח הנשים ,	Lomir onfangen zu schmuessen mikeiach ha-Noschim.
דוי-אים , דוי-אים , דוי-דוי-דוי ,	Dui im, dui im, dui dui dui,
דוי-אים , דוי-אים , דוי-דוי-דוי !	Dui-im, Dui-im, dui-dui-duil
א מאל איז געווען'ן א גרויסער גביר , 1)	Amol is gewen a greisser Gwir, [1]
האט ער געהאט געלט אהן א שיעור ;	Hot er gehat G ld ohn a Schi'r;
האט ער געהאט צעהן טאכטער ,	Hot er gehat zehn Techter,
זיינען זיי געוועזען פון לייטעשען געלעכטער ,	Sainen sei gewesen vun laiteschen Gelächter.
דוי-אים , דוי-אים , דוי-דוי-דוי ! (bis)	Dui-im, dui-im, dui-dui-duil (bis)
די ערשטע איידע . די צווייטע ביילע ,	Die erste Eide, die zweite Beile,
די דריטע גאלדע , די פיערטע דבורה ,	Die dritte Golde, die vierte Dweire,
די פינפטע הענע , די זעכסטע וויכנע ,	Die fnfte Hene, die sechste Wichne,
די זיעבעטע זעלדע , די אכטע חנה ,	Die siebte Selde, die achte Chane,
די נייגטע טויבע , די צעהענטע ידשנע ,	Die nainte Taube, die zehnte Jdaschne.
דוי-אים , דוי-אים , דוי-דוי-דוי ! (bis)	Dui-im, dui im, dui-dui-duil (bis)
האט ער מיר פיר א שדכן געמאכט ,	Hot er mir fir a Schadchon gemacht,
האב איך איהם די שדוכים אין שטוב אריין געבראכט .	Hob ich ihm die Schiduchim in Stub arain gebracht.
זיי וועלען מיר דאנקען , כל זמן זיי וועלען לעבען ,	Sei welen mir danken, kol-sman sei welen leben,
פיר די שדוכים , וואס איך וועל זיי געבען .	Fir die Schiduchim, wos ich wel sei geben.
דוי-אים ; דוי-אים , דוי-דוי-דוי ! (bis)	Dui-im, dui-im, dui-dui-duil (bis)
איידע מיט אליה'ן זייגען א פאר ,	Eide mit Eljen sainen a Por,
ביילע מיט בערקען זייגען ווידער א פאר .	Beile mit Berken sainen wieder a Por.
דוי-אים , דוי-אים , דוי-דוי-דוי ! (bis)	Dui im, dui-im, dui-dui-duil (bis)

---

1) א ישובניק'ל . A J'schuwnikl

גאָלדע מיט גדליה'ן זיינען אַ פּאָר ,	Golde mit Gdaljen sainen a Por,
דבורה מיט דודקען זיינען ווידער אַ פּאָר .	Dweire mit Dowidken sainen wieder a Por.
דוי-אים , דוי-אים , דוי-דוי-דוי ! (bis)	Dui im, dui-im, dui-dui-dui! (bis)
העני מיט הירשען זיינען אַ פּאָר ,	Hene mit Hirschen sainen a Por,
וויכנע און וואָלפע זיינען ווידער אַ פּאָר .	Wichne un Wolfe sainen wieder a Por.
דוי-אים , דוי-אים , דוי-דוי-דוי ! (bis)	Dui-im, dui-im, dui-dui-dui! (bis)
זעלדע מיט זרח'ן זיינען אַ פּאָר ,	Selde mit Sorach'n sainen a Por,
חנה מיט חצקען זיינען ווידער אַ פּאָר ,	Chane mit Chazken sainen wieder a Por.
דוי-אים , דוי-אים , דוי-דוי-דוי ! (bis)	Dui-im, dui im, dui-dui-dui! (bis)
טויבע מיט טבֿ'קען זיינען אַ פּאָר ,	Taube mit Tewken sainen a Por,
ידשנה מיט ירוחם'ען זיינען ווידער אַ פּאָר .	Jdaschne mit Jruchom'en sainen wieder a Por.
דוי-אים , דוי-אים , דוי-דוי-דוי ! (bis)	Dui-im, dui-im, dui-dui-dui! (bis)
זיי האָבען מיר פיר איין שדכן געמאַכט ,	Sei hoben mir fir ain Schadchon gemacht,
איך האָב זיי די שדוכים אין שטוב אַריין געבראַכט .	Ich hob sei die Schiduchim in Stub arain gebracht.
זיי וועלען מיר דאַנקען כל זמן זיי וועלען לעבען ,	Sei welen mir danken, kol-sman sei welen leben,
די חלקים וואָס איך וועל זיי געבען . (1	Die Chalokim, wos ich wel sei geben [1].

Д. Г. Гальпернъ (Курляндск губ.).
А Д. Идельсонъ (ibid)

---

[1] Иногда за этимъ куплетомъ слѣдуетъ перечень приданаго каждаго изъ дочерей:

אײדען נדן אַרבעסלאַך .	Eiden Nadan Arbeslach,
ביילען נדן בעבעלאַך .	Beilen Nadan Bebelach,
גאָלדען נדן גערסטעלאַך א. ז. וו.	Golden Nadan Gerstelach etc.

V.

Любовныя пѣсни.

№ 134.*)

אונטער'ן שלאס, פערעהאז 1)	Unter'n Schloss, Perehos, [1])
שטעהט אסתר די גרינע;	Steiht Ester die grine;
אסתר שטעהט. דער חתן געהט,	Ester steiht, der Choss'n geiht,
מיינט זי—אברהם אבינו.	Meint sie—Awrohom-Owinu.
וואלט זי וויסען, ווער דאס איז,	Wollt sie wissen, wer dos is,
וואלט זי צו אים ווינקען;	Wollt sie zu ihm winken;
וואלט זי האבען א גלעזעל וויין,	Wollt sie hoben a Gläsele Wain,
וואלט זי צו איהם טרינקען.	Wollt sie zu ihm trinken.
וואלט זי האבען פערד אונ וואגען,	Wollt sie hoben Ferd un Wogen,
וואלט זי צו איהם לויפען;	Wollt sie zu ihm leifen;
וואלט זי האבען א זעקעלע געלט,	Wollt sie hoben a Säckele Geld,
וואלט זי איהם אפ קויפען.	Wollt sie ihm opkeifen.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 135.

מיין זיס-לעבען פאהרט אוועק, (bis)	Main siss-Leben fort awek,
אונ איך בלייב אליין;	Un ich blaib allein; (bis)
ווען איך דערמאהן זיך אן מיין זיס-לעבען,	Wenn ich dermohn sich on main siss-Leben,
זיץ איך נור אונ וויין.	Sitz ich nur un wein.
מיין זיס-לעבען אוועק געפאהרען,	Main siss-Leben awekgefohren,
אונ איך בין אליין געבליבען; (bis)	Un ich bin allein geblieben; (bis)
וואלט וויסען, וואו ער איז,	Wollt ich wissen, wu er is,
וואלט איך איהם א בריוו'ל געשריבען.	Wollt ich ihm a Briew'l geschrieben.
וואלט איך געוועזען א פייגעלע,	Wollt ich gewen a Veigele,
וואלט איך צו איהם געפלויגען, (bis)	Wollt ich zu ihm gefleigen; (bis)
ניחיי וואלט ער אויך געזעהען	Nichai wollt er auch gesehen
מיינע פארוויינטע אויגען!	Maine varweinte Eigen!

*) №№ 134—137 принадлежатъ къ числу немногихъ любовныхъ пѣсенъ стариннаго происхожденія.

[1]) Переводъ?

וואלט איך געהאט א פליגעלע , וואלט איך צו איהם געפליגען און לעבען איהם געזעסען , — אפשר וואלט איך איהם אויס געשטראפט , וואס ער האט אן מיר אזוי פארגעסען !	Wollt ich gehat a Fligele, Wollt ich zu ihm gefleigen Un leben ihm gesessen,— Efscher wollt ich ihm ausgestroft, Wos er hot on mir asei vargessen!
וואלט איך געווען א פישעלע , וואלט איך צו איהם געשוואומען ; אז ער וואלט וויסען מיין ביטער הארץ , וואלט ער צו מיר געקומען .	Wollt ich gewen a Fischele, Wollt ich zu ihm geschwummen; As er wollt wissen main bitter Harz, Wollt er zu mir gekummen.
—אי , איהר וועגס-לייט , איהר וועגס-לייט . ווי ווערט איהר ניט מיד אויף די פיס ? (bis)	—Oi, ihr Weg's-lait, ihr Weg's-lait, Wie wert ihr nit mid auf die Fiss? (bis)
טאמער וועט איהר דערזעהען מיין זיס-לעבען , גיט איהם אפ פון מיר א געריס !	Tomer wet ihr dersehen main siss-Leben, Git ihm op vun mir a Geriss!
האבען זיך די וועגס-לייט צו לאזען לויפען , אין אלע פיר זייטען ; (bis) האבען זיי דער זעהען , אז איהר זיס-לעבען שטעהט זיך גאר פון—ווייטען .	Hoben sich die Weg's-lait zulosen leifen In alle vier Saiten; (bis) Hoben sei dersehen, as ihr siss-Leben Steiht sich gor vun-waiten.
—אי , דו מענש , דו נארישער מענש , וואס שטעהסטו אזוי פערטראכט ? געה צו א ביסעלע נעהענטער , מיר האבען דיר א בשורה געבראכט !	—Oi, du Mensch, du narrischer Mensch, Wos steihstu asei vertracht? (bis) Geih zu a bissele näh'nter, Mir hoben dir a Bsure gebracht!
ווי ער האט גענומען נעה'נטער קומען , האט ער זיך באגאסען מיט טרערען ; (bis) — לאזט געריסען מיין זיס-לעבען , אז איך וועל זיך צוריק ניט קערען !	Wie er hot genummen näh'nter kummen; Hot er sich bagossen mit Thrären: (bis) —Lost gerissen main siss-Leben, As ich wel sich zurick nit kehren!
— אי , איהר וועגס-לייט , איהר וועגס-לייט , ווי ווערט איהר ניט מיד אויף די פיס ? (bis)	—Oi, ihr Weg's-lait, ihr Weg's-lait, Wie wert ihr nit mid auf die Fiss? (bis)
טאמער וועט איהר דערזעהען מיין זיס-לעבען , גיט איהר אפ פון מיר א געריס !	Tomer wet ihr dersehen main siss-Leben, Git ihr op vun mir a Geriss!

האבען זיך די וועגס-לייט צו לאזען לויפען
אין אלע פיר זייטען ; (bis)
האבען זיי דערזעהען, אז זיין זיס-לעבען
שטעהט דאך גאר פון ווייטען.

Hoben sich die Weg's-lait zulosen leifen,
In alle vier saiten; (bis)
Hoben sei dersehen, as sain siss-Leben
Steiht doch gor vun-waiten.

— אי דו מענש, דו נארישער מענש,
וואס שטעהסטו אזוי פערטראכט? (bis)
געה צו א ביסעלע נעה'נטער,
מיר האבען דיר א בשורה געבראכט!

—Oi, du Mensch, du narrischer Mensch,
Wos steihstu asei vetracht? (bis)
Geih zu a bissele näh'nter,
Mir hoben dir a Bsure gebracht!

ווי זי האט גענומען נעה'נטער קומען,
האט זי זיך באגאסען מיט טרערען; (bis)
— דיר לאזט געריסען דיין זיס לעבען,
אז ער וועט זיך שוין קאריק ניט קערען!

Wie sie hot genummen näh'nter kummen,
Hot sie sich bagossen mit Thrären: (bis)
— Dir lost gerissen dein siss-Leben,
As er wet sich schoin karik nit kehren!

נעם-זשע אראפ דיין קרוין פון קאפ,
אונ דיין פרייד פון הארצען; (bis)
ער לאזט דיר געריסען, דיין זיס לעבען,
אז דו קענסט זיך אנ-טאהן אין שווארצען!

Nehm-że arop dain Krein vun Kop
Un die Freid vun Harzen: (bis)
Er lost dir gerissen, dain siss-Leben,
As du kennst sich onthon in Schwarzen!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 136.

קליפ קלאפ אין גאלדען טהיר,
— מיינע ליעבע 1), עפען מיר!
— קלאפען, קלאפען זאלסטו ניט,
עפענען וועל איך דיר ניט!
— דער רעגען געהט, דער ווינט שפרייט, 2)
וואו זאל איך אהין טאן מיין זיידע'ן קלייד?
— קעהר איהר אום אפען לינקען זייט,
. . . .
. . . .

Klip-klap in golden Thir:
—Maine Liebe, [1]) effen mir!
—Klappen, klappen sollstu nit,
Effenen wel ich dir nit!
—Der Regen geiht, der Wind spreit, [2])
Wu soll ich ahinthon main saidn Kleid?
—Kehr ihr um af'n linken Sait
. . . .
. . . .

Варіанты:

1) זיסער לעבען.
2) א ווינט וועהט, א רעגען געהט,
איך שמוטץ איין מיין זייד'ן קלייד!
— דיין זייד'ן קלייד קעהר אום אויפ'ן לינקען זייט.
אונ לייג זיך שלאפען אויפ'ן גריגעם גראז (בארג)!

[1]) Sisser Leben
[2]) A wint weiht, a Regen geiht,
Ich schmutz ain maiu sai'den—Kleid!
—Dain said Kleid kehr um auf'n linken Sait!
Un leig sich schlofen auf'n grinem Gros (Barg),

— מיט וואס זאל איך זעך צו דעקען ,	—Mit wos soll ich sech zudecken,
און ווער וועט מיר דאך אופוועקען ?	Un wer Wet doch mir ufwecken,
— דער בלאט פון בוים וועט דיר צו דעקען ,	—Der Blate vun beim wet dir zudecken
דער שטראהל פון זונן 1) וועט דיר אופוועקען .	Der strahl vun Sunn[1]) wet dir ufwecken
. . . .	. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).
Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 137.

Варіантъ:

—קליפ-קלאפ , עפען מיר !	—Klip-klap, effen mir!
שלאפסטו , טא זאג-זשע מיר !	Schlofstu, to sog-że mir!
—שלאפען שלאף איך אפילו ניט ,	—Schlofen schlof ich afilu nit,
נאר עפענען וועל איך דיר אוודאי ניט !	Nor effenen wel ich dir awade nit!
—ס'אר א ווינט עס וועהט . ס'אר א רעגען עס געהט ,	—'s-'ar a Wind es weiht, 's-'ar a Regen es geiht,
כ' וועל איינגעצען מיין זיידען קלייד !	—'ch wel ainnetzen main saiden Kleid!
—די זיידען קלייד וועסטו אופהייבען ,	—Die saiden Kleid westu ufheiben,
אונטער'ן ביימעלע זיך אוועק לייגען ;	Unter'n Beimele sich awekleigen;
דער ביימעלע וועט דיר צו דעקען ,	Der Beimele wet dich zudecken,
די פייגעלע וועט דיר אופוועקען ?	Die Veigele wet dich aufwecken!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 138.

—ווער געהט אזוי שפעט ביי א נאכט ?	—Wer geiht asei spät bäi Nacht?
—יאסעלע קאזאנטשיק !	—Iossele Kasantschik!
זעה , נחמה'לע , עפען מיר ,	Seh, Nechamele, effen mir,
איך בין דיין קאחאנטשיק !	Ich bin bin dain Kochantschik!
זעה נחמה'לע עפען מיר ?	Seh, Nechamele, effen mir!
—כ' האב מורא פאר מיין מאמען !	—'ch hob Meire var main Mamen!
—זעה , נחמה'לע , עפען מיר ,	—Seh, Nechamele, effen mir,
כ' וועל זיך גאר ניט זאמען !	'ch wel sich gor nit samen!
— זעה , נחמה'לע , עפען מיר !	Seh, Nechamele, effen mir!
—כ' האב מורא פאר מיין טאטען !	—'ch hob Meire var main taten!
—זעה , נחמה'לע , עפען מיר ,	—Seh, Nechamele, effen mir,
ס' וועט דיר גאר ניט שאטען !	's wet dir gor nit schaten!

---

1) דער שיין פון טאג . Der schain vun Tog.

זֶעה , נֶחַמֶה'לֶע , עֶפֶּען מִיר !
—כְּ' הָאבּ מוֹרָא פַאר מַיין שְׁוֶועסְטֶער !
—זֶעה , נֶחַמֶה'לֶע , עֶפֶּען מִיר ,
סְ' וֶועט זַיין פַאר דִיר בֶּעסֶער !

Seh, Nechamele, effen mir.
—'ch hob Meire var main Schwester!
—Seh, Nechamele, effen mir,
's wet sain far dir besser!

זֶעה , נֶחַמֶה'לֶע , עֶפֶּען מִיר !
—כְּ' הָאבּ מוֹרָא פַאר מַיין בְּרוּדֶער !
—זֶעה , נֶחַמֶה'לֶע , עֶפֶּען מִיר ,
כְּ' וֶועל נִיט מַאכֶען קֵיין גֶערוּדֶער !

Seh, Nechamele effen mir!
—'ch hob Meire far main Bruder!
—Seh, Nechamele, effen mir,
'ch wel nit machen kein Geruder!

זֶעה , נֶחַמֶה'לֶע , עֶפֶּען מִיר !
—כְּ' הָאבּ מוֹרָא פַאר מַיין זֵיידֶען !
—זֶעה , נֶחַמֶה'לֶע , עֶפֶּען מִיר ,
סְ' וֶועט גוּט זַיין פַאד אוּנְז בֵּיידֶען !

Seh, Nechamele, effen mir!
—'ch hob Meire var main Seiden!
—Seh, Nechamele, effen mir,
's wet gut sain far uns beiden.

זֶעה , נֶחַמֶה'לֶע , עֶפֶּען מִיר !
—כְּ' הָאבּ מוֹרָא פַאר מַיין בָּאבֶּען !
—זֶעה , וֶחַמֶה'לֶע , עֶפֶּען מִיר !
כְּ' וֶועל קֵיינֶעם נִיט אוֹיסזָאגֶען !

Seh, Nechamele, effen mir!
—'ch hob Meire var main Boben!
—Seh, Nechamele, effen mir,
'ch wel Keinem nit aussogen!

זֶעה , נֶחַמֶה'לֶע , עֶפֶּען מִיר !
—כְּ' הָאבּ מוֹרָא פַאר מַיין פֶעטֶער !
—זֶעה , נֶחַמֶה'לֶע , עֶפֶּען מִיר ,
כְּ' וֶועל נִיט קוּמֶען שְׁפֶּעטֶער !

Seh, Nechamele, effen mir,
—'ch hob Meire var main Vetter!
—Seh, Nechamele, effen mir,
'ch wel nit kummen später!

זֶעה , נֶחַמֶה'לֶע , עֶפֶּען מִיר !
—כְּ' הָאבּ מוֹרָא פַאר מַיין מוּמֶען !
—זֶעה , נֶחַמֶה'לֶע עֶפֶּען מִיר ,
כְּ' וֶועל שׁוֹין מֶער נִיט קוּמֶען !

Seh, Nechamele, effen mir!
—'ch hob Meire var main Muhmen!
—Seh, Nechamele, effen mir,
'ch wel schoin mehr nit kummen!

Д Г. Гальпернъ (Вилна).
Б М. Кассель и А Д. Пикъ (Ковенск губ.).

№ 139.

. . . .
. . . .
פַארְפְלוּכְט זָאל זַיין דִי לִיבֶּע , וָואס הָאט מִיךְ
פַאר אִירְט ,
מַיין הַארְץ טוּהְט אִין מִיר אַיינְגֶעהְן ;
זִי הָאט מִיר מַיין לֶעבֶּען אָנְגֶערִיהְרְט —
אִיהְר הַארְץ אִיז הַארְט , וִוי אַיין שְׁטֵיין .

זַיי גֶעזוּנְד , מַיין לֶעבֶּען , מַיין גוּטֶער פְרַיינְד ,

פַארְגֶעסְ'ן פַארְגֶעס נִיט אָן מִיר ;
דֶער לֶעצְטֶער טָאג אִיז דָאךְ הַיינְט ,
וָואס אִיךְ קֶען רֵיידֶען מִיט דִיר !

. . . .
. . . .
Varflucht soll sain die Liebe, wos hot
mir varirrt,
Main Harz thut in mir aingeihn;
Sie hot mir main Leben ongerihrt—
Ihr Harz is hart, wie a Stein.

Sai gesund, main Leben, main guter
Fraind,
Vargessn vargess nit on mir;
Der letzter Tog is doch haint,
Wos ich kenn reiden mit dir!

А. Я. Портной (Глускъ, Минск. губ.).

№ 140.

אַ שיינעם רינגעלע האסט מיר געשאנקען ,	A scheinem Ringele hostu mir geschonken,
פון ריינע גינגאלד איז ער געוועזען ; (bis)	Vun reine Gingold is er gewesen; (bis)
אז איך דערמאן זיך אן דיר , מיין זיס לעבען ,	As ich dermohn sich on dir, main siss-Leben,
אז מען טוהט מיר אפגעבען .	As me thut mir opgeben.
. . . .	. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Венденъ, Лифляндск. губ.).

№ 141.

שיין בינסטו , בינסטו ,	Schein binstu, binstu,
ווי די גאנצע וועלט ; (bis)	Wie die ganze Welt; (bis)
נאר איין חסרון איז אן דיר —	Nor ein Chissor'n is on dir—
וואס דו בינסט אהן א קאפיקע געלט .	Wos du binst ohn a Kopike Geld.
געלט איז דאך קיילעכדיג , —	Geld is doch kailechdig,—
געלט געהט אוועק ; (bis)	Geld geiht awek; (bis)
איך האב זיך אין דיר איינגעליבט ,	Ich hob sich in dir aingeliebt,
ווי אין א שיינעם פאטרעט !	Wie in a scheinem Porträt!
אין דרויסען איז א רעגען ,	In draussen is a Regen,
אלע שטיינער זיינען נאס ;	Alle Steiner sainen nass; (bis)
איצטיגע בחורים איז צו גלויבען	Itztige Bochurim is zu gleiben
ווי די הינט אפ'ן גאס !	Wie die Hind af'n Gass!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 142.

זיא זיצט זיך אין פענסטער	Sie sitzt sich in Fenster
אונ קעמט זיך די הערלאך ;	Un kammt sich die Härlach;
פארוועמען זי איז צולאזען —	Far wemen sie is zulosen—
פאר מיר איז זי ערלאך .	Far mir is sie ehrlach.
אי וועה , א יאמער ,	Oi weih, a Jommer,
אי וועה , א קלאג !	Oi weih, a Klog!
ניטא די שיינע רחל'ע	Nito die scheine Rochele
ביז היינטיגען טאג !	Bis haintigen Tog!
לייט מיט די צינגער	Lait mit die Zinger
טוהען זיי ריידען , —	Thuen sei reiden,—
אונ איך מיט מיין רחל'ען	Un ich mit main Rochelen
וועלען זיך קיין מאל ניט שיידען	Welen sich keinmol nit scheiden.

אָי ווַעה , אַ יָאמֶער ,	Oi weih, a Jommer,
אָי ווַעה , אַ קְלָאג !	Oi weih, a Klog!
נִיטָא דִי שֵׁיינֶע רָחֵל׳ע	Nito die scheine Rochele
בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג !	Bis haintigen Tog!

Б. М Кассель и А Д. Пикъ (Ковенск губ.).

№ 143.

אַפְ׳ן יַם בְּלָאזְט אַ ווִינְט ,	Af'n Jam blost a Wind,
דִי ווֶעלֶלֶען טוּהֶען זִיךְ שְׁלָאגֶען ;	Die Wellen thuen sich schlogen;
אַךְ , לִיבּ הָאבּ אִיךְ דִיר גְרוּנְט	Ach, lieb hob ich dich grunt
פוּן הֶערְצֶען אוּנ קֶען קֵיינֶעם זָאגֶען !	Vun Herzen un kenn keinem sogen,
זָאג-זְשֶׁע מִיר , דוּשִׁינְקֶע , לִיבְּסְטוּ נוּר מִיר ,	Sog-że mir, Duschinke, liebstu nur mir,
אָדֶער לִיבְּסְטוּ נוּר לְפָנִים ?	Oder liebstu nur l'ponim?
דֶען דוּ הָאסְט מִיר אָבְּגֶעקוֹילֶעט ,	Denn du host mir opgckeilet,
אַזוֹי ווִי אַיין כִּתָּה גַזְלָנִים !	Asei wie ain Kite Gaslonim!
אַז אַ גַזְלָן קוֹילֶעט דָאךְ „	As a Gaslon keilet doch,
קוֹילֶעט עֶר מִיט אַ מֶעסֶער ;	Keilet er mit a Messer;
אוּנ דוּ הָאסְט מִיר דוּשִׁינְקֶע , אָפְּגֶעקוֹילֶעט	Ober du host mir, Duschinke, opgekeilet
פִיל גְרִינְגֶער אוּנ פִיל בֶּעסֶער.	Viel gringer un viel besser.
דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁלָאסֶען דִי הֶענְט אוּנ דִי פִיס	Du host mir geschlossen die Händ un die Fiss
אוּנ מִיר גֶעלָאזֶען שְׁווִימֶען ;	Un mir gelosen schwimmen;
אַךְ , ווִי פִיל מוֹיעֶרְן ווֶעל אִיךְ נָאךְ צוּ בְּרֶעכֶען ,	Ach, wie viel Mauern wel ich noch zubrechen,
אָבֶּער צוּ דִיר ווֶעל אִיךְ נָאךְ קוּמֶען !	Ober zu dir wel ich noch kummen!
אִיךְ הָאבּ גֶעפְלַאנְצְט אַיין ווַיינְגָארְטֶען ,	Ich hob geflanzt ain Waingorten,
דֶער ווַיינְגָארְטֶען אִיז מִיר נִיכְט גֶערָאטֶען ;	Der Waingoiten is mir nicht geroten;
אִיךְ הָאבּ פֶערְשְׁפִּילְט מַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען ,	Ich hob verspielt maine junge Johren,
אַזוֹי ווִי אַיין קַארְטֶעזְנִיק אִין קָארְטֶן !	Asei wie a Kartesnik in Korten!
אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַיין מוֹיעֶר ,	Ich hob gehat a Mauer,
דֶער מוֹיעֶר הָאט גֶעהַאט צְווֶעלְף פֶענְסְטֶער	Der Mauer hot gehat zwelf Fenster;
אוּנ ווִי פִיל שִׁדוּכִים מִי הָאט מִיר גֶערֶעדְט ;	Un wie viel Schiduchim mi hot mir geredt,
בִּיסְטוּ בַּיי מִיר דֶער שֶׁעהְנְסְטֶער !	Bistu bai mir der schenster!

Д. Г. Гальпернъ (Газенпотъ, Курляндск. губ.).

№ 144.

מאמעניו, ליובעניו, קרוינעלע, הארצעלע,
שווייג שוין א וויילינקע שטיל! (bis)
לעש אין מיר מיי העלישען פייער
אונ גיב מיר שוין וועמען איך וויל!

איך האב זיך איינגעליבט אין א שיין מיידעלע,
שיין ווי רענדיל-גאלד; (bis)
איהר מאמעניו, האב איך דאך געליבט
אונ איהר האב איך טאקע געוואלט!

שפאצירען, דושעס-לעבען, זיינען מיר גענאנגען
ארום אונ ארום דעם בולוואר; (bis)
אלע בחורים שפילען דאך ליבעס,
אונ איך בין געבליבען א נארר.

שפאצירען, דושעס-לעבען, זיינען מיר גענאנגען
ארום אונ ארום דעם גראז;
אונ וואס פאר א-נ-אום-חן האסטו אף מיר געווארפען,
געוואלד, איך ווייס ניט פאר וואס!

שפאצירען, דושעס-לעבען, זיינען מיר גענאנגען
א האנד פערלייגט אויף א האנד; (bis)
אז איך נעם זיך דערמאנען, א דו בינסט ניט מיין,
שלאג איך זיך קאפ אן דער וואנד.

אי, א חלום האט זיך מיר געחלומ'ט
אונ א חלום האט זיך מיר געדאכט;
די ראזינקע בעקעלעך מיט די שווארצינקע אייגעלעך
האבען מיר קראנק געמאכט!

קראנק, דושעס-לעבען, בין איך געלעגען,
בינסטו צו מיר ניט געקומען: (bis)
היינט זעה איך, מיין ליב-לעבען,
אז דו האסט שענערס אונ בעסערס בעקומען.

Mamenju, Kreinele, Harzele,
Schwaig schoin a Wailinke still! (bis)
Lesch in mir main hellischen Faier
Un gib mir schoin wemen ich will!

Ich hob sich aingeliebt in a schein Meidele,
Schein wie Rendl-gold; (bis)
Ihr, Mamenju, hob ich doch geliebt
Un ihr hob ich take gewollt!

Spazieren, Dusches-Leben, sainen mir gegangen
Arum un arum dem Bulwar; (bis)
Alle Bochurim spielen doch Liebes,
Un ich bin geblieben a Narr.

Spazieren, Dusches-Leben, sainen mir gegangen
Arum un arum dem Gros; (bis)
Un wos far a-n-Umchein hostu auf mir geworfen,
Gewald, ich weiss nit far wos!

Spazieren, Dusches-Leben, sainen mir gegangen
A Hand varleigt auf a Hand; (bis)
As ich nehm sich dermonen a du binst nit main,
Schlog ich sich Kop on der Wand.

Oi, a Cholem hot sich mir gecholemt
Un a Cholem hot sich mir gedacht; (bis)
Die rosinke Backelech mit die schwarzinke Eigelech
Hoben mir krank gemacht!

Krank, Dusches-Leben, bin ich gelegen,
Binstu zu mir nit gekummen: (bis)
Haint seh ich, main lieb-Leben,
As du host schener's, un besser's bekummen.

—שֶׁענֶערְס און בֶּעסֶערְס, מַיין לִיבּ לֶעבֶּען,

אִיז גָאר נִיטָא אויף דֶער װֶעלְט!
—הַיינְט זֶעה אִיךְ, מַיין זִיס לֶעבֶּען,
אַז דו לִיבְּסְט מִיר נור פַאר מַיין גֶעלְט!

—Schener's un besser's, main lieb-
Leben,
Is gor nito auf der Welt!
—Haint seh ich, main siss-Leben,
As du liebst mir nor far main Geld!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 145.

װָער עָס הָאט נָאר אויסְגֶעקְלֶערְט,
װָער עֶס װֵייס נָאר פון דֶעם צָארְן,—
פון דֶער לִיבֶּע בִּין אִיךְ פון דֶער עֶרְד
גֶעשְׁטָערְט,
פון דֶער לִיבֶּע בִּין אִיךְ קְרַאנְק גֶעוָוארְן!

אַלֶע הָאבֶּען מִיךְ גֶעלֵייבְּט און גֶעשֶׁעצְט,
וָואס פִיר אַיין כַּלָּה אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען,—
פְּלוּצְלוּנְג הָאט מֶען מִיךְ אִין תְּפִיסָה גֶעזֶעצְט
און מַיין קָאפּ אַרָאפּ גֶענוּמֶען!

Wer es hot nur ausgeklärt,
Wer es weiss nor vun dem Zorn,—
Vun der Liebe bin ich vun der Erd
gestert,
Vun der Liebe bin ich krank geworn!

Alle hoben mich geleibt un geschätzt,
Wos fir ain Kale ich hob genummen,—
Plutzlung hot men mich in Tfisse
gesetzt
Un main Kop aropgenummen!

דָאס גָאלְדֶענֶע שְׁפִּיגֶעל, וָואס אויף מַיין
הֶערְצֶען גֶעלֶעגֶען,
װִי לִיכְטִיג אִיז זִי מִיר גֶעוֶוען;

פְּלוּצְלוּנְג אִיז מַיין שְׁפִּיגֶעל צוּ שָׁאטֶען
גֶעוָוארֶען,
און אִיךְ קֶענְן שוין מַיין שָׁאטֶען נִיט זֶעהְן!

גֶעלֶעגֶען בִּין אִיךְ אויף מַיין נַארֶע,
גֶעלֶעגֶען אִין מִיטְ'ן נַאכְט,
און װֶעגֶען מַיין דושֶׁענְיֶע לִיבֶּער,
הָאבּ אִיךְ אָהְן אויפְהֶער גֶעטְרַאכְט.

Dos goldene Spiegel, wos auf main
Herzen gelegen,
Wie lichtig is sie mir gewen;
Plutzlung is main Spiegele zu schotten
geworen,
Un ich kenn schoin main Schotten
nit sehn!

Gelegen bin ich anf main Nare,
Gelegen in Mitt'n Nacht,
Un wegen main Duschenje lieber
Hob ich ohn Aufher getracht.

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 146.

װֵיין נִיט, דושִׁינְיֶע, װֵיין נִיט, לְיוּבִּינְיֶע!
אִיךְ שְׁוָוער דִיר—אִיךְ הָאבּ דִיר בֶּאֱמֶת לִיעבּ,

און אויף װֶועלְכֶע סְטַאנְצְיֶע אִיךְ װֶועל זַאךְ
אָפְּשְׁטֶעלְלֶען,
װֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבֶּען בְּרִיף.

Wein nit, Duschinje, wein nit, Ljubinje!
Ich schwer dir ich hob dir b'emes
lieb,
Un auf welche Stanzie ich wel sich
opstellen,
Wel ich dir schraiben Brief.

—פיער יאהר וועל איך אף דיר ווארטען,
אף דעם פינפטען וועסטו ארויס, —
אונד אויב דו וועסט מיר ניט וועלען נעהמען,
וועט די שאנד זיין זעהער גרויס!

—איין זאך, דושיניע, איין זאך, ליובּיניע,

וועל איך ביי דיר פועל'ן:
דו זאלסט זיך אבגנבנען פון דיינע עלטער'ן,

דו זאלסט מיר געהן באגלייטען!

—Fier Johr wel ich auf dir warten,
Af dem finften westu araus,—
Und eib du west mir nit wellen nehmen,
Wet die Schand sain seiher greiss!

—Ein Sach, Duschinje, ein Sach, Ljubinje,
Wel ich bai dir peieln:
Du sollst sich opganwenen vun daine Eltern,
Du sollst mir geihn bagleiten!

г-жа Б. Іоффе (Минск. губ.).

№ 147.

געה איך מיר צו ברונען וואססער ארויס ציהען,
שטעהט דארט א מיידעלע, —איך קען זי ניט בעקומען:
—חאפ א בער פון וואלד אונ לערן עם אויס שרייבען,
אט דאמאלסט, דאמאלסט וועסטע מיינער בלייבען!
נעה מיר אויס זיבען העמדער אהן לייווינד אונ אהן זייד,
מאך מיר זיבען וויגען אהן האלץ אונ אהן געצייג,
חאפ מיר אויס פון ים די פיש, אונ אין ים זאלען זיי בלייבען,
מאך מיר אזא לייטער, צו דעם הימעל זאל ער שטייגען.
. . . .

Geih ich mir zu dem Brunnen Wasser arausziehn,
Steiht dort a Meidele—ich kenn sie nit bekummen:
—Chap a Bär vun Wald un lern ehm aus schraiben,
Ot damolst, damolst westu mainer blaiben!
Neih mir aus sieben Hemder ohn Laiwind un ohn Said,
Mach mir sieben Wiegen ohn Holz un ohn Gezaig,
Chap mir aus vun Jam die Fisch, un in Jam sollen sei blaiben,
Mach mir asa Leiter,—zu dem Himmel soll er staigen.
. . . .

I. Л. Раввинскій (Гадячъ, Полтавск. губ.)

№ 148.

אדיע, אדיע, מיין אויג פון קאפ,
דיין בעסטער פריינד פאהרט פון דיר שוין אפ!

א קורצע צייט האב איך מיט דיר פערבראכט, } bis
מיט דיר די ליבע ניט גוט בעטראכט!

Adje, adje, main Eig vun Kop,
Dain bester Fraind fohrt vun dir schoin op!
A kurze Zait hob ich mit dir verbracht, } bis
Mit dir die Liebe nit gut betracht!

איך פאהר דאך אפ זעהער ווייט, ביי מענטשען, וואס זיינען אונבעקאנטע לייט; נאך אזא פריינד ווי דו וועל איך ניט געפינען, וואס זאל מיר שטענדיג ליגען אין מיינעם זינען! } bis	Ich fohr doch op seiher wait, Bai Mentschen, wos sainen unbekannte Lait; Noch asa Fraind, wie du, wel ich nit gefinen, Wos sol mir ständig liegen in mainem Sinnen! } bis
איך קום צו דיר, ווי א פייגעלע, וואס פליהט, און איך שטעה לעבען דיר ווי א ביימעלע, וואס בליהט; איך קום צו דיר אין גרויס פריידען, ניט ווילענדיג מוזען מיר זיך ביידע שיידען! } bis	Ich kumm zu dir, wie a Veigele, wos flieht, Un ich steih leben dir, wie a Beimele, wos blieht; Ich kumm zu dir in greiss Freiden, Nit willendig musen mir sich beide scheiden! } bis
שטענדיג ליג איך אויף איין טראכט, סיי ביי טאג און סיי ביי נאכט: טראכטען טראכט איך, ליבע, וועגען דיר און טרעהרען גיסען זיך אהן א שיעור! } bis	Ständig lieg ich auf ein Tracht, Ssai bai Tog un ssai bai Nacht: Trachten tracht ich, liebe, wegen dir Un Thränen giessen sich ohn a Schi'r! } bis
דיינע זיסע רייד וועל איך ניט פערגעסען, סיי ביי'ם טרינקען און סיי ביי'ם עסען; דיינע שיינע מינע מיט דיין אדעלקייט וועל איך געדיינקען א לאנגע צייט! } bis	Daine sisse Reid wel ich nit vergessen, Ssai bai'm Trinken un ssai bai'm Essen; Daine scheine Miene mit dain Adelkait Wel ich gedeinken a lange Zait! } bis
די לעצטע צייט האסטו מיר זעהר געשיינט, דו מיין לעבען, מיין בעסטער פריינד! און היינט וויינענדיג פאהר איך פון דיר אפ, אדיע, אדיע, מיין אויג פון קאפ! } bis	Die letzte Zait hostu mir seiher geschaint, Du, main Leben, main bester Fraind! Un Haint weinendig fohr ich vun dir op, Adje, adje, main Eig vun Kop! } bis

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 149.

אך, זעה, גאט, וואס פון מיר איז געווארען, די שמערצען, וואס האבען מיר בעטריבט! (bis) מיין זיסען האפענונג האב איך פערלארען, בעגראבען אין דר'ערד גאנץ טיף;	Ach, seh, Gott, wos vun mir is geworen, Die Schmerzen, wos hoben mir batribt! (bis) Main sissen Hoffenung hob ich verloren, Begroben in d'r Erd ganz tief.

אַךְ, מיט דײַנע רייד די קאַלטע
עקט מיר מיין לעבען אָהן אַ שיעור; (bis)
אונזערע ליבע איז געגליכען צו אַ פידעל אַן-אַלטע,
די סטרונעס וואס פּלאַצען אין איהר.

Ach, mit daine Reid die kalte
Eckt mir main Leben ohn a Schi'r; (bis)
Unsere Liebe is geglichen zu a Fiedel a-n-alte,
Die Strunes wos platzen in ihr.

בעת ביי דיר וועט תּנאים זיין,
וועט די שמחה זיין ביי מיר: (bis)
דאַן וועט מיין נשמה אין הימעל אָפּפליהען
און מאַכען אַן אָפּ-בעט פאַר דיר.

B'eiss bai dir wet Tnoïm sain,
Wet die Ssimche sain bai mir: (bis)
Dann wet main Nschome in Himmel opfliehen
Un machen a-n-Opbet far dir.

בעת ביי דיר וועט חתונה זיין
און פּאַסען וועסטו דיין חופּה קלייד, (bis)
דאַן וועל איך ליגען אויף מיין בעטעל
און ראַנגלען זיך מיט'ן טויט.

B'eiss bai dir wet Chassene sain
Un passen westu dain Chupe-Kleid, (bis)
Dann wel ich liegen auf main Bett'l
Un ranglen sich mit'n Teit.

אַז דו וועסט דעם ערשטען קינד האָבען,
אַ נאָמען זאָלסטו געבען נאָך מיר, —
אַן אָנדיינקונג אויף יאָהרען זאָלסטו האָבען,
אַז איך בין געשטאָרבען דורך דיר.

As du west dem ersten Kind hoben
A Nomeu sollstu geben noch mir,—
A-n-Andeinkung auf Johren sollstu hoben,
As ich bin gestorben durch dir.

איך וועל זיי קיין מאָל ניט פערגעסען,
די וואס האָבען מיר געמאַכט מיט איהר בעקאַנט;
קוואַלען וואַסער קענען נישט פערלעשען
דעם פייער, וואס אין מיין האַרץ ברענט!

Ich wel sei keinmol nit vergessen,
Die wos hoben gemacht mit ihr bakennt;
Quallen Wasser kennen nit varleschen
Dem Faier, wos in main Harz brennt!

זיי געזונד, מיין טייערע נשמה,
איך שטאַרב שוין דורך דיר אַוועק;
גאָט זאָל געבען, זאָלסט האָבען נחמה
ביז דיינע לעצטע טעג!

Sai gesund, main thaire Nschome,
Ich starb schoin durch dir awek;
Gott sóll geben, sollst hoben Nechome
Bis daine letzte Täg!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 150.

וויין ניט, דושינקע, וויין ניט, לעבען,
ניט אייביג איז דאָס אַ שטראָף!
גאָט לעבט אייביג—ער וועט אונז העלפען,
מיר וועלען ביידע צוזאַמען זיין.

Wein nit, Duschinke, wein nit Leben,
Nit eibig is dos a Strof!
Gott lebt eibig—er wet uns helfen,
Mir welen beide zusammen sain.

אַ גָאלְדֶענֶעם רִינְג הָאט מִיר לְיוּבּוּנְיֶע גְעשָׁאנְקֶען,	A goldenem Ring hot mir Ljubunje geschonken,
פוּן רֵיינֶעם גִין-גָאלְד אִיז עֶר גְעוֶועֶן;	Vun reinem Gingold is er gewen;
אַז אִיךְ דֶערְמָאהְן זִיךְ אָן דִיר, מַיין לֶעבֶּען,	As ich dormohn sich on dir, main Leben,
טוּה אִיךְ מִיר וֵויינֶען אוּנ קְלָאגֶען.	Thu ich mir weinen un klogen.
פֶּערְוֶע אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען,	Perwe is schoin ongekummen,
אוּנ צוּם זְשֶׁערֶעבּ מוּז מֶען גֶעהְן:	Un zum Żereb mus men geihn:
אִיךְ וֶועל אַרוֹיס צִיהֶען אַ נוּמֶער אַ גְרוֹיסֶען,	Ich wel arausziehen a Nummer a greissen,
קוּמֶען וֶועל אִיךְ צוּרִיק אַהֵיים!	Kummen wel ich zurick aheim!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 151.

אִיךְ גֶעה אַרוֹיס אַלֵיין אִין גַאס —	Ich geih araus allein in Gass—
דִי אוֹיגֶען פוּן טְרֶערֶען זַיינֶען נַאס;	Die Eigen vun Thränen sainen nass;
גֶעה אִיךְ מִיר אַנְטְקֶעגֶען מַיין זִיס-לֶעבֶּען,	Geih ich mir antkegen main sies-Leben,
דַאמָאלְסְט וַוייס אִיךְ נִיט, וואוּ אִיךְ טוּה שְׁוֶועבֶּען.	Damolst weiss ich nit, wu ich thu schweben.
אֵי, פִינְסְטֶער אִיז מִיר מַיין וֶועלְט,	Oi, finster is mir main Welt,
עֶס צִיטֶערְט אִין מִיר יֶעדֶער אֵבֶר;	Es zittert in mir jeder Eiwer;
וָואס טוֹיג מִיר מַיין גוּטְס אוּנ מַיין גֶעלְט,	Wos teig mir main Gut's un main Geld,
צִי וֶועל אִיךְ דָאס מִיט נֶעמֶען אִין קֶבֶר?	Zi wel ich dos mit nehmen in Keiwer?
בַּאנַאכְט, בְּשַׁעַת אִיךְ טוּה אִין טְרוֹיעֶרְקֵייט לִיגֶען,	Ba Nacht, bisch'as ich thu in Trauerkait liegen,
דַאמָאלְסְט דֶערְמָאן אִיךְ מַיין אַמָאלִיגֶען פַארְגְנִיגֶען;	Damolst dermohn ich main amoligen Vargnigen:
אַקוּרַאט וִוי אִיךְ זִיץ לֶעבֶּען דִיר, —	Akkurat wie ich sitz leben dir,—
דֶער קָאפּ שְׁפַּאלְט זִיךְ מִיר גָאר אָהְן אַ שִׁיעוּר!	Der Kop spalt sich mir gor ohn a Schi'r!
שְׁפַּאצִירֶען זַיינֶען מִיר בֵּיידֶע גֶעגַאנְגֶען	Spazieren sainen mir beide gegangen
אַרוּם אוּנ אַרוּם אַ גֶעבַּיי;	Arum un arum a Gebai;
אִיךְ חַאפּ זִיךְ אוֹיף פוּן מַיין זִיסֶען שְׁלָאף:	Ich chap sich uf vun main sissen Schlof:
ס'אִיז גָאר אַ חָלוֹם דֶערְבַּיי!	's is gor a Cholem derbai!

В. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 152.

דיינע בעקעלאך—
ווי ראזאווע בלומען,
דיינע ליפּעלאך—
ווי צוקער זיס;
דיינע איינעלאך—
ווי שוואַרצע קארשען,
צו בעקוממען פון זיי
א זיסינקען קוש!
דיינע הארעלאך—
ווי דער געגרויזטער סאמעט,
דיינע האנטעלאך—
ווי די ריבעלאך,
דיין הארץ מיט מיינער
צו זאמען געבונדען,
און קיינער ווייס ניט
פון אונזערע וואונדען!

Daine Backelach—
Wie rosowe Blumen,
Daine Lippelach—
Wie Zucker siss;
Daine Eigelach—
Wie schwarze Karschen,
Zu bekummen vun sei
A sissinken Kusch!
Daine Härelach—
Wie der gegrauster Sammet,
Daine Häntelach—
Wie die Ribelach,
Dain Harz mit mainer
Zusammen gebunden,
Un keiner weiss nit
Vuu unsere Wunden!

С. И. Савельсонъ (Минск. губ.).

№ 153.

באקענט האבען מיר זיך אין א זוממער-נאכט,
אויף דרויסען איז געוועזען זעהער שיין;
אן-אמת ווארט האב איך דיר געגעבען,
אז כ'זאל דיר קיינמאל ניט לאזען אליין.

די שטערן האבען זיך אויפ'ן ים געשטערנט,
און די וואלען שלאגט צום ברעג;
אן-אמת ווארט האסטו מיר געגעבען,
אז דו וועסט מיר ניט לאזען אליין.

ליב האב איך דיר, דושינקע, ווי מיין לעבען,
דו בינסט מיר היילינ און טייער;
פאר דיר וואלט איך מיין קאפּ געשטעלט,
און דו ווילסט מיר ניט גלויבען!

איך בין ארוים געפאהרען אויף דער וועלט,
צו פערדינען מיין שטיקעלע ברויט;
און איך האב שיעור ניט בעקומען
דורך דיר דעם פינסטערן טויט.

Bakennt hoben mir sich in a Summernacht,
Auf draussen is gewen seiher schein;
A-n-emes Wort hob ich dir gegeben,
As'ch soll dir keinmol nit losen allein.

Die Stern hoben sich auf'n Jam gesternt,
Un die Wallen schlogt zum Breg;
A-n-emes Wort hostu mir gegeben,
As du west mir nit losen allein.

Lieb hob ich dir, Duschinke, wie main Leben,
Du binst mir heilig un thaier;
Far dir wollt ich main Kop gestellt,
Un du willst mir nit gleiben!

Ich bin arausgefohren auf der Welt,
Zu vardienen main Stickele Breit;
Un ich hob schi'r nit bakummen
Durch dir dem finstern Teit.

איך האב געאקערט און געזייט,
אפ'ן האנד א גילדערנעם פינגער'ל געטראגען;

Ich hob geackert un geseiht,
Af'n Hand a gildernem Finger'l getrogen;

און דאס האב איך אויך צו ליב דיר,
דושינקע, פערלארען!

Un dos hob ich auch zulieb dir,
Duschinke, varloren!

В. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 154.

ליבען האבען מיר זיךביידע געליבט,
פיל כחות האט דאס אונז געקאסט, —
און פון אזא טייערע ליבע
אן-ענדע האט זיך אויסגעלאזט.

Lieben hoben mir sich geliebt,
Viel Keiches hot dos uns gekost,—
Un vun asa thaiere Liebe
A-n-Ende hot sich ausgelost.

געהט ארויס א נייע מאדע—
שווארצע זיידענע טיכער אויפ'ן האלז;
א פריילען טאר מען ניט גלויבען,
ווארום זיי זיינען אלע פאלש!

Geiht araus a naie Mode—
Schwarze saidene Ticher auf,n Hals;
A Frailen tor men nit gleiben,
Worum sei sainen alle falsch!

געהט ארויס א נייע מאדע—
קליידער מיט שנורען געדרייהט;
א פריילען טאר מען ניט גלויבען,
סיידען א שעה פאר'ן טויט.

Geiht araus a naie Mode—
Kleider mit Schnuren gedreiht;
A Frailen tor men nit gleiben,
Ssaiden a Scho var'n Teit.

שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען,
איז געוועזן א גרויסער רעגען;
זי האט מיט מיר אזוי פיל געטענה'ט,
אז גאט ווייס פון וועמעסט וועגען.

Spazieren sainen mir beide gegangen,
Is gewen a greisser Regen;
Sie hot mit mir asei viel getainet,
As Gott weiss vun wemest-wegen.

שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען,
איז געוועזן א גרויסער שניי;
זי האט מיט מיר אזוי פיל געטענה'ט,
אז אין הארצען איז ביי מיר געווארען
טהוט-וועה.

Spazieren sainen mir beide gegangen,
Is gewen a greisser Schnei;
Sie hot mit mir asei viel getainet,
As in Harzen is bai mir geworen thut weih.

שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען,
איז געוועזן א גרויסער ווינד;
זי האט מיט מיר אזוי פיל געטענה'ט,
אזוי ווי א מוטער איבער איהר איינציגע קינד.

Spazieren sainen mir beide gegangen,
Is gewen a greisser Wind;
Sie hot mit mir asei viel getainet,
Asei wie a Mutter iber ihr einzige Kind.

שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען
ארום און ארום ים;
זי האט מיט מיר אזוי פיל געטענה'ט,
אז איך זאל זיין איהר מאנן.

Spazieren sainen mir beide gegangen
Arum un arum Jam;
Sie hot mit mir asei viel getainet,
As ich soll sain ihr mann.

די לבנה שיינט אין האלבע נאכט ,
מיט איהרע בלייכע שטערן ,
אז איך וועל דער זעהן מיין ליבע ,
וועל איך זיך באגיסען מיט טרערן .

Die Lwone schaint in halbe Nacht
Mit ihre bleiche stern;
As ich wel dersehn main Liebe,
Wel ich sich bagissen mit Thrärn.

А. Я. Портной (Глускъ, Минск. губ).

№ 155.

אז איך וואלט געהאט
אט דאס, וואס איך מיין , (bis)
וואלט איך דאך גליקליך געוועזן .
מיר טוהט דאך מיין הארץ אויסגעהן ,
ווען איך טוה דיך דערזעהן ! } bis

As ich wollt gehat
Ot dos, wos ich mein, (bis)
Wollt ich doch glicklich gewen.
Mir thut doch main Harz ausgeihn,
Wenn ich thu dich dersehn! } bis

מיר וואלטען ביידע
גליקליך לעבען , (bis)
ווען איך וואלט דיר געהאט .
מיר וואלטען ווי פייגעלעך שוועבען ,
מיר וואלטען קיין מאל ניט ווערן מאט ! } bis

Mir wollten beide
Glicklich leben, (bis)
Wenn ich wollt dir gehat.
Mir wollten wie Veigelech schweben,
Mir wollten keinmol nit wern matt! } bis

אך , גרויסער גאט ,
דו ווייסט דאך אלס (bis)
אין מיין הארצען , וועמען איך מיין ,
און דו ווייסט דאך דעם , וואס רעדט פאלש ,
פארנעם מיין גרויס געוויין ! } bis

Ach, greisser Gott,
Du weist doch alls (bis)
In main Harzen, wemen ich mein,
Un du weisst doch dem, wos redt falsch,
Varnehm main greiss Gewein! } bis

שיק שוין דיין מלאך
פאר א שדכן (bis)
צו איהר טאטען אין שטוב אריין ,
ער זאל זיין אליין דער בדחן
זי זאל שוין ביי מיר אף אייביג זיין ! } bis

Schick schoin dain Mal'ach
Far a Schadchon (bis)
Zu ihr Taten in Stub arain,
Er soll sain allain der Badchon
Sie sol schoin bai mir af eibig sain! } bis

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 156.

צרות, צרות האב איך אליין גענומען ,
וואס איך האב דאס ניט געטאהן בעדארפען ; (bis)
א שטיין אויף מיין הארצען האב איך ארויף געלייגט ,
אין טיפען ים וויל איך זיך טאהן אריינגעווארפען ! (bis)

Zores, Zores hob ich allein genummen;
Wos ich hob dos nit gethon bedarfen, (bis)
A Stein auf main Harzen hob ich aruf geleigt,
In tiefn Jam will ich sich thon arainwarfeu! (bis)

אין ים , אין ים וויל איך זיך אריין ווארפען
אונ דארטען וועל איך זיך טאהן דערטריינקען ; (bis)
אן אלע מיינע צרות וועל איך זיך פערגעסען
אונ דיר , מיין לעבען , וועל איך דאך געדיינקען ! (bis)

דארטען , דארטען שטעהט דאך איין פיגורע ,
מיט איין פאר שווארצענקע אויגען ; (bis)
ווען איך וואלט האבען פליגעלעך , —
צו דיר מיין לעבען , וואלט איך דאך געפלויגען ! (bis)

מוטער , מוטער , מיין געטרייע מוטער ,
האסט מיר צוגעזאגט צו דער חפה בענטשען ; (bis)
אונ היינט בין איך נעבעך אין אפרעמדע לאנד פארטריבען
אונ דארף דאך אן קומען צו פרעמדע מענטשען ! (bis)

In Jam, in Jam will ich sich arain-warfen
Un dorten wel ich sich thon der-treinken; (bis)
On alle maine Zores wel ich sich vergessen
Un dir, main Leben wel ich doch gedeinken! (bis)

Dorten, dorten steiht doch ain Figure,
Mit ein Por schwarzenke Eigen; (bis)
Wenn ich wollt hoben Fligelech,—
Zu dir, main Leben, wollt ich ge-fleigen! (bis)

Mutter, Mutter, main getraie Mutter,
Host mir zugesogt zu der Chupe bentschen; (bis)
Un haint bin ich nebech in a fremde Land vartrieben
Un darf doch onkummen zu fremde Mentschen! (bis)

М· З. Левинъ (Гродно).

№ 157.

צייט איך האב אנגעהויבען א ליבע צו שפילען ,
איז אף מיינע אויגען ניט געקומען קיין שלאף . (bis)
אי , אין דיר , מיין ליב-לעבען , האב איך זיך פערליבט ,
צי איז דאס פון גאט אזא שטראף ?

מי האט מיר אויסגערעדט א וועלט מיט שדוכים ,
אונ איך וויל זיי קיין איינעם ניט קענען . (dis)
אין דיר , מיין ליב-לעבען , האב איך זיך פערליבט
אונ דיר מוז איך שוין נעמען !

Zait ich hob ongeheiben a Liebe zu spielen,
Is af maine Eigen nit gekummen kein Schlof. (bis)
Oi, in dir, main lieb-Leben, hob ich sich verliebt,
Zi is dos vun Gott asa Strof?

Mi hot mir ausgeredt a Welt mit Schiduchim,
Un ich will sei kein einem nit kennen. (bis)
In dir, main lieb-Leben, hob ich sich verliebt
U dir mus ich schoin nehmen!

און אז דו זאלסט מיר חלילה ניט נעמען ,	Un as du sollst mir cholile ni, nehmen
און אז איך וועל שטארבען , וועט מען מיר דאך בעגראבען , (bis)	Un as ich wel starben, wet men mir doch bagroben. (bis)
טא ווי וועל איך קענען אין קבר איינליגען ,	To wie wel ich kennen in Keiwer ainliegen,
אז דו וועסט אנ-אנדערען האבען !	As du west a-n-Anderen hoben!
אז אנגעוואָרען האב איך דיר נאך ניט ,	As ongeworen hob ich dir noch nit,
דו קענסט נאך א מאל מיינע זיין ; (bis)	Du kennst noch a mol maine sain; (bis)
מיט ארעמקייט זאל מיך גאט שטראפען ,	Mit Oremkait soll mich Gott strofen,
נור מיט דיר אין איינעם צו זיין !	Nur mit dir in-einem zu sain!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 158.

אך , זיי שוין געזונד , מיין טייערער לעבען ,	Ach, sai schoin gesund, main thaierer Leben,
איך פאהר דאך שוין פון דיר אוועק ; (bis)	Ich fohr doch schoin vun dir awek; (bis)
אן ווען , אן ווען וועסטו מיר קומען זאגען ,	On wen, on wen westu mir kummen sogen,
און ווען וועט קומען צו א ברעג ?	Un wenn wet kummen zu a Breg?
די ערשטע שטעדטעלע , דער צווייטער דערפעלע ,	Die erste Städtele, der zweiter Derfele,
דער ערסטער בריוועלע איז צו דיר ; (bis)	Der erster Briewele is zu dir; (bis)
און איך בעט דיר , מיין טייערער לעבען ,	Un ich bet dir, main thaierer Leben,
פערגעסען זאלסטו ניט אן מיר !	Vergessen sollstu nit on mir!
פערגעסען וועל איך דיר קיינמאל ניט	Vergessen wel ich dir keinmol nit
און מיט טרערען וועל איך דיר דערמאנען . (bis)	Un mit Thrären wel ich dir dermohnen. (bis)

. . . .

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 159.

איך שווער דיר בנאמנות ,	Ich schwer dir b'neemones,
איך זאג דיר דעם אמת :	Ich sog dir dem Emes:
איך האב קיינעם ניט ליב אזוי ווי דיר !	Ich hob keinem nit lieb asei wie dir!
עפען מיר מיין הארץ	Effen mir main Harz
און זעה , — ווי שווארץ ,	Un seh,—wie schwarz,
און האב שוין רחמנות אויף מיר !	Un hob schoin Rachmones auf mir!

ביטער איז מיר,	Bitter is mir,
אז איך דערמאהן זיך אן דיר,	As ich dermohn sich on dir,
און דו טוהסט מיר ניט גלויבען די נאך;	Un du thust mir nit gleiben die Sach;
ס'איז ניט אזוי טייער	Es is nit asei thaier
ביי אן-אנדערן די אויגען,	Bai a-n-andern die Eigen,
ווי ביי מיר איז טייער דיין שפראך!	Wie bai mir is thaier dain Sprach!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск губ.).

№ 160.

געה איך מיר ארויס אין גאס	Geih ich mir araus in Gass
פערפוצטער-הייט די האר —	Varpuzter-heit die Hor—
מיט איהרע ראזע באקען, } bis	Mit ihre rose Backen, } bis
מיט איהרע בלאנדע האר. }	Mit ihre blonde Hor. }
ניט אזוי די בלאנדע האר,	Nit asei die blonde Hor,
ווי די שווארצע אויגען;	Wie die schwarze Eigen;
ניט אזוי די שווארצע אויגען, } bis	Nit asei die schwarze Eigen, } bis
ווי די דושע אליין. }	Wie die Dusche allein. }
ניט אזוי די שווארצע אויגען,	Nit asei die schwarze Eigen,
ווי איהר שיין געשטאלט,	Wie ihr schein Gestalt;
ניט אזוי איהר שיין געשטאלט, } bis	Nit asei ihr schein Gestalt, } bis
ווי די דושע אליין. }	Wie die Dusche allein. }
געה איך מיר צו צום שטוב, —	Geih ich mir zu zum Stub,—
פינסטער איז מיר אין גרוב;	Finster is mir in Grub;
אין גרוב איז מיר פינסטער צו ליגען; } bis	In Grub is mir finster zu liegen: } bis
אזא דושע וועל איך שוין ניט קריגען! }	Asa Dusche wel ch schoin nit kriegen! }
געה איך מיר צו צום טיש, —	Geih ich mir zu zum Tisch,—
אין הארצען איז מיר א ריס;	In Harzen is mir a Riss:
דער ריס איז ניט לאנג געווארען! } bis	Der Riss is nit lang geworen, } bis
פערשניטען מיינע יונגע יאהרען! }	Varschnitten maine junge Johren }
געה איך מיר צו צום טעלער, —	Geih ich mir zu zum Teller,—
דערמאן איך מיר אן אלטען פעהלער;	Dermohn ich mir on alten Fehler:
דער פעהלער איז ניט לאנג געווארען, } bis	Der Fehler is nit lang goworen, } bis
פערשניטען מיינע יונגע יאהרען! }	Varschnitten maine junge Johren! }
געה איך מיר צו צום טרינקען —	Geih ich mir zu zum Trinken,—
דערמאן איך זיך אן איהרע ווינקען.	Dermohn ich sich on ihre Winken:
איהר מינע ליגט מיר אין זינען; } bis	Ihr Miene liegt mir in Sinnen, } bin
איך קען צו איהר ניט קומען! }	Ich kenn zu ihr nit kummen! }

— כ'האב די דושע גענעהט א קלייד, —	'ch hob die Dusche geneiht a Kleid,—
די קלייד איז געווען פון זייד;	Die Kleid is gewen vun Said;
בעקומען האט זי דעם טוידט } bis	Bekummen hot sie dem Teit } bis
פון קאוונער חברה—לייט!	Vun Kowner Chewre-lait!
כ'האב די דושע געשיינקט א רינג, —	'ch hob die Dusche gescheinkt a Ring,—
דער רינג איז געווען פון גאלד;	Der Ring is gewen vun Gold;
די צרות וואס זי האט געליטען, } bis	Die Zores, wos sie hot gelitten, } bis
דאס האט זי אליין געוואלט!	Dos hot sie allein gewollt!

Б. М Кассель и А Д. Пикъ (Ковенск губ.)

№ 161.

איך זיץ אונ ברעך די הענד,	Ich sitz un brech die Händ,
איך ברעך די הענד, אי וועה!	Ich brech die Händ, oi weih!
א גאנצען טאג ווי נאכט	A ganzen Tog wie Nacht
זיץ איך ביי דער ארבייט אונ וויין.	Sitz ich bai der Arbait un wein.
וואס טויג מיר מיין לעבען,	Wos teig mir main Leben,
וואס קען מיר העלפען מיינע טרערען, —	Wos kenn mir helfen maine Thrären,—
צי דען קען איך מיינען,	Zi denn kenn ich meinen,
אז מיר וועט בעסער ווערען?	As mir wet besser weren?
דען מיין האפפענונג האב איך ניט אנגעווארען,	Denn main Hoffenung hob ich nit ongeworen,
דו קענסט נאך א מאל זיין מיינע, —	Du kennst noch amol saiu maine,—
מיינע עלטערן האב איך אפ געשווארען,	Maine Eltern hob ich opgeschworen.
אז קיין אנדער ליבע קען ניט זיין!	As kein ander Liebe kenn nit sain!
— מיין האפפענונג האב איך שוין לאנג אן געווארען,	— Main Hoffenung hob ich schoin lang ongeworen,
איך קען שוין ניט זיין דיינע:	Ich kenn schoin nit sain daine:
דיינע עלטערן האבען אפגעשווארען,	Daine Eltern hobn opgeschworen,
אז א שנור זאל איך זייערע ניט זיין!	As a Schnur soll ich seiere nit sain!
היינט וואס טויג מיר מיין לעבען,	Haint woss teig mir main Leben,
וואס קען מיר העלפען מיינע טרערען, —	Woss kenn mir helfen maine Thrären,
צי דען קען איך מיינען,	Zi denn kenn ich meinen,
אז מיר וועט בעסער ווערען?	As mir wet besser weren?

М. З. Левинъ (Двинскъ, Витебск. губ).

№ 162.

מיט איין וואונד אין מיינעם הערצען	Mit ein Wund in mainem Herzen
האסטו מיך פון זיך פערטריאגט.	Hostu mich vun sich verjogt.
ליידען לייד איך גרויסע שמערצען,	Laiden laid ich greisse Schmerzen,
ווייל איך בין געשלאגען אונ געפלאגט.	Wail ich bin geschlogen un geplogt.

אִיךְ הָאבּ גֶעדֵיינְקְט, אַז אוֹיף אִימֶער	Ich hob gedeinkt, as auf immer
פֶערְלָאזֶען וֶועל אִיךְ זַיין פוּן דִיר, —	Verlosen wel ich sain vun dir,—
זָאלְסְטוּ אֵייבִּיג מִיט קִימֶער	Sollstu eibig mit Kymmer
טָאהן אוּנ טְרַאכְטֶען וֶועגִין מִיר!	Thon un trachten wegen mir!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 163.

— אִיךְ פָאהְר שׁוֹין אַוֶועק	Ich fohr schoin awek
אִין סַאמֶע אַדֶעסְס,	In ssame Odess,
דוּשִׁינְקֶע, לְיוּבִּינְקֶע, אָן מִיר נִיט פֶערְגֶעס!	Duschinke, Ljubinke, on mir nit vargess!
גֶענוּג שׁוֹין צוּ וַויינֶען,	Genug schoin zu weinen,
גֶענוּג שׁוֹין צוּ קְלָאגֶען,	Genug schoin zu klogen,
לָאז שׁוֹין נֶעמֶען אַ'ן עֶנְד!	Los schoin nehmen a-n-End!
— וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִיט וַויינֶען,	—Wie asei sol ich nit weinen,
וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִיט קְלָאגֶען,	Wie asei sol ich nit klogen,
אַז דוּ וֶוערְסְט פוּן מִיר אַזוֹי פְרֶעמְד?	As du werst vun mir asei fremd?
— גֶענוּג שׁוֹין צוּ וַויינֶען,	—Genug schoin zu weinen,
גֶענוּג שׁוֹין צוּ קְלָאגֶען,	Genug schoin zu klogen,
לָאז שׁוֹין נֶעמֶען אַ שִׁיעוּר!	Sol schoin nehmen a Schi'r!
וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִיט וַויינֶען,	—Wie asei soll ich nit weinen,
וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִיט כְלָאגֶען,	Wie asei soll ich nit klogen,
אַז דוּ וֶוערְסְט אַזוֹי וַוייט פוּן מִיר?	As du werst asei wait vun mir?

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 164.

דֶעם נָאז דַיינֶעם הָאסְטוּ אַרָאפּ גֶעלָאזְט,	Dem Nos dainem hostu aropgelost,
הַיינְט וָואס וֶועלֶען דַאמָאלְס לַייט רֵיידֶען?	Haint wos welen damols Lait reiden?
עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ צַייט אוֹיף אוּנְז,	Es is gekummen a Zait auf uns,
אַז מִיר זָאלֶען זִיךְ בֵּיידֶע צוּ שֵׁיידֶען!	As mir sollen sich beide zuscheiden!
צוּ שֵׁיידֶען וֶועלֶען מִיר זִיךְ בֵּיידֶע,	Zuscheiden welen mir sich beide,
אַזוֹי וִוי דֶער גוּף מִיט דֶער נְשָׁמָה;	Asei wie der Guf mit der Nschome;
אָךְ, וִוי שׂוֹנְאִים וֶועלֶען פוּן דֶערְוַוייטֶען שְׁטֶעהְן,	Och, wie Sson'im welen vun derwaiten steihn,
זֵיי וֶועלֶען דֶער לֶעבֶּען זֶעהְן נְקָמָה! 1)	Sei welen derleben sehn, Nkome! [1]

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

Варіантъ:

1) אָט שְׁטֶעהֶען אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים	Ot steihen unsere Sson'im
אוּנ זֶעהֶען אוֹיף אוּנְז נְקָמָה.	Un sehn auf uns Nkome.

№ 165 *).

שײנֶע מײדֶעלֶע , פַײנֶע מײדֶעלֶע ,	Ssheine Meidele, faine Meidele,
קום שְׁפִּילֶען אִין בַּאלֶען !	—Kumm spielen in Ballen!
— זֶעה טַאטֶעלֶע , זֶעה , מַאמֶעלֶע .	Seh, Tatele, seh, Mamele,
דֶער אִינְגֶעלֶע װיל מִיר נַארֶען !	—Der jingele will mir naren!
— נֶעהם אַ שְׁטֶעקֶעלֶע , גִיבּ אִיבֶּערְ'ן קֶעפֶּעלֶע ,	—Nehm a Stekele, gib iber'n Kepele,
װֶעט עֶר זִיךְ אַװֶעק שַׁארֶען !	Wet er sich awekscharren!
שַׁארְט עֶר זַאךְ , שַׁארְט עֶר זַאךְ	Scharrt er sach, scharrt er sach
בִּיז דִי מַאסְקֶערַאדֶען ,	Bis die Maskeraden,
בַּאגֶעגֶענְט עֶר , בַּאגֶעגֶענְט עֶר	Bagegent er, bagegent er
דְרַײ שֵׁײנֶע מַאדֶען .	Drai scheine Maden.
אֵײנֶע רוּפְט מֶען חַנָּה ,	Eeine ruft men Chane,
דִי אַנְדֶערֶע מַארְיַאנֶע ;	Die andere Marjane;
דִי דְרִיטֶע װֶעל אִיךְ נִיט אוֹיס זָאגֶען ;	Die dritte wel ich nit aussogen:
דָאס אִיז מַײן קוּכַאנֶע !	Dos is main Kuchane!

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 166.

עֶס זִיטְצֶען מײדֶעלֶעךְ דְרַײ ,	Es sitzen Meidelech drai,
לױפְט אַרױס דִי שֶׁענְסְטֶע , דִי קְלֶענְסְטֶע	Leift araus die schenste, die klenste
אוּנ חַאפְּט אַ בָּחוּרְ'ל אַרַײן ,	un chapt a bochur'l arain,
אוּנ זֶעצְט אִיהְם אַװֶעק בַּײ'ן טִישׁ ,	Un setzt ihm awek bai'n Tisch,
אוּנ גִיט אִיהְם דִי בֶּעסְטֶע װַײן ,	Un git ihm die beste Wain
אוּנ דִי בֶּעסְטֶע פִישׁ .	Un die beste Fisch.
גֶעקוּמֶען דִי מַאמַא פוּן גַאס	Gekummen die Mame vun Gass
פְרֶעגְט זִי : װָאס אִיז דָאס ?	Frägt sie: Wos is dos?
— אַ שְׁנַײדֶער גֶעקוּמֶען אַרָאפּ נֶעהְמֶען אַמָאס !	—A Schnaider gekummen aropnehmen a Moss!
— אִיהר נַארְט מִיר דִי טֶעלֶערְלֶעךְ אוֹיס !	—Ihr narrt mir die Telerlech aus!
זִי הָאט אִיהְם גֶעלֶעכֶערְט דֶעם קָאפּ ,	Sie hot ihm gelechert dem Kop;
אוּנ דוּרְכְ'ן טִיהְר אַרױס !	Un durch'n Thir araus!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 167.

שְׁטֵעהֶען , שְׁטֵעהֶען	Steihen, steihen
שְׁטֵעה אִיךְ אִין טִיהר ;	Steih ich in Thir;
קוּקֶען , קוּק אִיךְ	Kucken kuck ich
מִיט דִי אַײגֶעלֶעךְ אוֹיף דִיר .	Mit die Eigelech auf dir.
דוּשֶׁענְיוּ , לְיוּבֶּענְיוּ ,	Duschenju, Ljubenju,
װָאס אִיז דָא מִיט דִיר ?	Wos is do mit dir?
צַײט פוּן שַׁבָּת אָן	Zait vun Schabes on
בִּינְסְט נִיט גֶעװֶען בַּײ מִיר !	Binst nit gewen bai mir!

*) Ср. № 172.

17.

מיט קולות אונ געשרייען	Mit Keiles un Geschreien
קען איך ביי דיר ניט פועל'ן ,	Kenn ich bai dir nit peieln,
דושעניו , ליובעניו ,	Duschenju, Ljubenju,
לייטען צו די אויהערען ;	Laiten zu die Eihern;
לייטען צו די אויהערען	Laiten zu die Eihern
איז דאך גאר א חלום , —	Is doch gor a Cholem,—
דושעניו , ליובעניו ,	Duschenju, Ljubenju,
לאמיר שליסען שלום !	Lomir schliessen Scholem!
שלום צו שליסען ,	Scholem zu schliessen
איז דאך גאר קיין זאך ;	Is doch gor kein Sach;
דושעניו , ליובעניו ,	Duschenju, Ljubenju,
האב א גוטע נאכט !	Hob a gute Nacht!
ניט אזוי די גוטע נאכט ,	Nit asei die gute Nacht,
ווי דער גוטער יאהר ;	Wie der guter Johr;
ניט אזוי די שיינע מיידעל ,	Nit asei die scheine Meidele,
ווי די בלאנדע האר !	Wie die blonde Hor!
איך קען דיר שווערען ;	Ich kenn dir schweren;
אז איך האב דיר ליעב , —	As ich hob dir lieb,—
לאמיר פאהרען	Lomir fohren
צו דעם גוטען איד .	Zu dem guten Jid.
ניט אזוי צום גוטען אידען ,	Nit asei zum guten Jiden,
ווי צום גוטען רבי'ען ;	Wie zum guten Reben;
ניט אזוי די שיינע מיידעל ,	Nit asei die scheine Meidele,
ווי דער זיסער לעבען !	Wie der sisser Leben!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 168.

איך פאהר דאך שוין פון אייך אפ ,	Ich fohr doch schoin vun aich op,
אונ איין גאט ווייס צו ליב וועמען !	Un ein Gott weiss zulieb wemen;
בעטען בעט איך דיר , מיין זיס-לעבען ,	Beten bet ich dir, main siss-Leben,
אז דו זאלסט זיך ניט קלעמען !	As du sollst sich nit klemmen!
— ווי אזוי זאל איך זיך ניט קלעמען ,	—Wie asei soll ich sich nit klemmen,
אז דו פאהרסט שוין פון מיר אפ ?	As du fohrst schoin vun mir op?
איין גאט ווייס , צי מיר וועלען זיך נעמען , —	Ein Gott weiss, zi mir welen sich nehmen,—
דערווייל'ע בלייב איך אהן א קאפ !	Derwaile blaib ich ohn a Kop!

В. М. Кассе́ль и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 169.

איך האב געשוואָרען ,	Ich hob geschworen,
ווי איך בין א איד ,	Wie ich bin a Jid,
אז איך וועל דיין חתן ניט זיין ;	As ich wel dain Choss'n nit sain;
וואס דו האסט געמאכט	Wos du host gemacht
אויף מיר א ליעד ,	Auf mir a Lied,
געוויס איז דאס ניט שיין .	Gewiss is dos nit schein.
טו ווער איז דיר שולדיג ,	Tu wer is dir schuldig,
אז ניט דו אליין !	As nit du allein!
דו האסט אזוי שלעכט געפיהרט :	Du host asei schlecht gefihrt:
עס איז שוין געווען פיעל צו שפעט ,	Es is schoin gewen viel zu spat,
האסטו מיט פרעמדע שפאצירט .	Hostu mit Fremde spaziert

. . . .

Г-жа Р. Н. Маймонъ (Ковенск. губ.).

№ 170.

קומט דער ליבער זוממער ,	Kummt der lieber Summer,
שפילען מיר אין זאמד ;	Spielen mir in Samd;
קומט דער ליבער ווינטער ,	Kummt der lieber Winter,
פאהרען מיר צו לאנד .	Fohren mir zu Land.
שווארצע קארשען רייסען מיר ,	Schwarze Karschen raissen mir,
רויטע לאזעו מיר שטעהן , —	Reithe losen mir steihn, —
שיינע בחורים נעמען מיר ,	Scheine Bochurim nehmeh mir,
מאוסע לאזען מיר געהן .	Miesse losen mir geihn.
האלץ איז אין וואלד , 1)	Holz is in Wald, [1])
וואסער איז אין הויז , —	Wasser is in Haus,—
אלע פוילע 2) בחורים	Alle faule [2]) Bochurim
פון שטאדט ארויס !	Vun Stodt araus!

М. Г. Каганъ (Столбцы, Минск. губ.).
В. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 171.

Варіантъ:

ווי עס קומט דער ליבער זוממער ,	Wie es kummt der lieber Summer,
שפילען מיר אין זאמד ;	Spielen mir in Samd;
וואו עס איז אונזער ווייננונג ,	Wu es is unser Weihnung,
דארט איז אונזער לאנד .	Dort is unser Land.

---

1) האלץ אין די טהירען — Holz in die Thiren
2) מאוסע — Miesse.

שְׁוַאַרְצֶע קַארְשֶׁען רַייסֶען מִיר ,	Schwarze Karschen raissen mir,
רוֹיטֶע לָאזֶען מִיר שְׁטֵעהֶן , —	Reithe losen mir steihn,—
שֵׁיינֶע בָּחוּרִים נֶעהְמֶען מִיר ,	Schoine Bochurim nehmen mir,
מְאוּסֶע לָאזֶען מִיר גֵעהְן .	Miesse losen mir geihn.
שְׁוַארְצֶער צִיגַיינֶער ,	Schwarzer Zigainer,
דוּ בִּיסְט נִיט מַיינֶער ;	Du bist nit mainer;
אַז גָאט וֶועט דִיר בַּאשֶׁערֶען	As gott wet dir bascheren
וֶועסְטוּ מַיינֶער וֶוערֶען !	Westu mainer weren!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 172. *)

אִיז דֶער ווִינְטֶער , ווִינְטֶער	Is der Winter, Winter
שׁוֹין אָן גֶעקוּמֶען ,	Schoin ongekummen,
מֵיידֶעלֶעךְ מִיט בָּחוּרִים	Meidelech mit Bochurim
הָאבֶּען זִיךְ צוּנוּמֶען .	Hoben sich zunummen.
קוּמְט דֶער לִיבֶּער זוּמְמֶער ,	Kummt der lieber Summer,
גֵעהֶען מִיר אִין בַּארֶען .	Geihen mir in Baren.
—זֶעה, טַאטֶע , זֶעה מַאמֶע ,	—Seh, Tate, seh, Mame,
דֶער אִינְגֶעלֶע ווִיל מִיר נַארֶען !	Der Jingele will mir narren!
—נֶעהְם אַ שְׁטֶעקֶעל	—Nehm a Steck'l
קְלַאפּ טַאקֶע אִין קֶעפֶּעל ,	Klap take in Kep'l,
וֶועט עֶר דִיר נִיט נַארֶען ! (bis)	Wet er dir nit narren! (bis)

А. Рейзинъ Минск губ.)

№ 173.

מַיינֶע שַׁבָּתִים אוּנ מַיינֶע יוֹם-טוֹבִים	Maine Schabossim un maine Jom-teiwim
טוּהֶען אִין אוּמֶעטגֵעהְן ; 1)	Thuen in Umet geihn; 1)
אַז אִיךְ דֶערְמָאהְן זִיךְ אָן מַיין זִיס לֶעבֶּען , 2)	As ich dermohn sich on main siss-Leben, 2)
זִיץ אִיךְ אוּנ טְרוֹיעֶר אוּנ וֵויין .	Sitz ich un trauer un wein.
וָואלְט אִיךְ גֶעוֶועז אַ פֵייגֶעלֶע ,	Wollt ich gewen a Veigele,
וָואלְט אִיךְ צוּ דִיר גֶעפְלוֹיגֶען , —	Wollt ich zu dir gefleigen,—
אַז דוּ זָאלְסְט ווִיסֶען מַיין טְרוֹיעֶר הַארְץ	As du sollst wissen main trauer Harz
מִיט מַיינֶע פַארְוַויינְטֶע אוֹיגֶען .	Mit maine varweinte Eigen.

---

*) Ср. № 165.

Варіанты:

1) טוּהֶען מִיר נִיט אַיינְגֵעהְן	Thuen mir nit aingeihn
2) נָאךְ דִיר, מַיין זִיס לֶעבֶּען ,	Noch dir, main siss-Leben,
נָאךְ דִיר מַיין הַארְץ .	Noch dir, main siss Harz

וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען אַ פִּישֶׁעלֶע ,	Wollt ich gewen a Fischele,
וָואלְט אִיךְ צוּ דִיר גֶעשְׁווֹאוּמֶען ;	Wollt ich zu dir geschwummen;
אַז דוּ וָואלְסְט וִויסֶען מַיין פַארְבִּיטֶערְט הַארְץ ,	As du wollst wissen main varbittert Harz,
וָואלְסְטוּ צוּ מִיר גֶעקוּמֶען . 1)	W ollstu zu mir gekummen. [1])
אָי , וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט פֶערְד אוּנ וָואגֶען ,	Oi, wollt ich gehat Ferd un Wogen,
וָואלְט אִיךְ צוּ דִיר גֶעפָאהְרֶען , —	Wollt ich zu dir gefohren,—
אַז דוּ וָואלְסְט וִויסֶען מַיין פַארְבִּיטֶערְט הַארְץ	As du wollst wissen main varbittert Harz
מִיט מַיינֶע אָבְּגֶעשְׁנִיטֶענֶע יָאהְרֶען !	Mit maine obgeschnittene Johren!

וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט טִינְט אוּנ פֶעדֶער ,	Wollt ich gehat Tint un Feder,
וָואלְט אִיךְ צוּ דִיר בְּרִיוֶועלֶעךְ גֶעשְׁרִיבֶּען ;	Wollt ich zu dir Briewelech geschrieben;
אַז דוּ וָואלְסְט גֶעלֵייעֶנְט מַיינֶע פַארְבִּיטֶערְטֶע בְּרִיף ,	As du wollst geleient maine varbitterte Brief,
וָואלְסְטוּ אִין חַלָשׁוֹת גֶעבְּלִיבֶּען ;	Wollstu in chalosches geblieben.
אִיךְ עֶס נִיט אוּנ טְרִינְק נִיט אוּנ שְׁלָאף קֵיין נֶעכְט	Ich ess nit un trink nit un schlof kein Nächt
אוּנ בֵּיינְקֶען בֵּיינְק אִיךְ נָאךְ דִיר ;	Un beinken beink ich noch dir;
אַז דוּ וָואלְסְט וִויסֶען מַיין פַארְטְרוֹיעֶרְט הַארְץ ,	As du wollst wissen main vartrauert Harz,
וָואלְסְטוּ גֶעקוּמֶען צוּ מִיר !	Wollstu gekummen zu mir!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ).
С. И. Савельсонъ (Минск. губ).

№ 174.

שְׁוַוארְץ בִּינְסְטוּ , שְׁוַוארְץ ,	Schwarz binstu, schwarz,
אָבֶּער מִיט חֵן ;	Ober mit Chein;
פַאר וֶועמֶען דוּ בִּינְסְט מִאוּס ,	Far wemen du binst miess,
פַאר מִיר בִּינְסְטוּ שֵׁיין !	Far mir binstu schein!
אַז דוּ לִיבְּסְט מִיר נִיט	As du liebst mir nit
אוּנ דוּ שֶׁעצְּסְט מִיר נִיט	Un du schatzst mir nit
אוּנ דוּ טוּהְסְט מִיר	Un du thust mir
קֵיינֶע פַארְגֶענִיגֶען נִיט .	Keine Vargenigen nit.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ).

---

1) וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען אַ פִּישׁ אִין וַואסֶער ,	Wolt ich gewen a Fisch in Wasser,
וָואלְט אִיךְ צוּ דִיר גֶעשְׁווֹאוּמֶען —	Wolt ich zu dir geschwummen—
הַיינְט זֶעה־זְשֶׁע מַיין הַארְץ ,	Haint seh-ze main Harz,
וִויא זִי אִיז שְׁוַוארְץ , —	Wie zie is schwarz,
אִיךְ זִיץ אוּנ טְרוֹיעֶר אוּנ וֵויין .	Ich zitz un trauer un wein.

№ 175.

די פייערדיקע ליבע , זי טוהט אין אונז ברענען ; ליעב האב איך דיך, דושינקע , — מיר קענען זיך ניט נעהמען !	Die faierdike Liebe, Sie thut in uns brennen; Lieb hob ich dich, Duschinke,— Mir kennen sich nit nehmen!
שולדיג איז דיין מוטטער , שולדיג איז דיין מוטטער ; העלף זשע מיר , גאטט אין הימעל , ווי מיר איז ביטער !	Schuldig is dain Mytter, Schuldig is dain Mytter; Helf-że mir, Gott in Himmel, Wie mir is bitter!
ביטער איז מיר , פינסטער איז מיין וועלט ; איך וועל דיך נעהמען , ווי דו שטעהסט אונ געהסט , אהן א קאפ'קע געלד .	Bitter is mir, Finster is main Welt; Ich wel dich nehmen, wie du steihst un geihst, Ohn a Kop'ke Geld.
ניטא וואס צו ריידען , ניטא זיך וואס שעמען ; איך וועל זיך עלטערן בחור'ל , קיין אנדערע וועל איך ניט נעהמען !	Nito wos zu reiden, Nito sich wos zu schämen; Ich well sich ältern a Bochur'l, Kein andere wel ich nit nehmen!
פון זיינע אויגען טוהען טרערען גיסען : «איך וועל דיך מקדש זיין אין א ווינקעלע , אונ קיינער וועט ניט וויססען !»	Vun saine Eigen, Thuen Trhären giesen: „Ich wel dich mkadeisch sain in a Winkele, Un keiner wet nit wissen!“
פון זיינע אויגען טוהען טרערען רינען : «איך בין אויסגעפאהרען די גאנצע וועלט , קיין אנדערע ניט געפונען !»	Vun saine Eigen Thuen Trhären rinnen: „Ich bin ausgefohren die ganze Welt, Kein andere nit gefynen!“
—ווי קענן איך דאס טאהן אהן מיין עלטערנ'ס ווילען ? אז מיר וועלן ביידע צו דער חפה געהן אונ קיין כלי-זמר וועלן ניט שפיעלען !	—Wie kenn ich dos thon Ohn main Eltern's Willen? As mir weln beide zu der Ghupe-geihn Un kein Klesmer weln nit spielen!
איך וועל זיי באגראבען , איך וועל זיי באגראבען ! . . . —אונ לאמיר אפפאהרען אין א קליינע שטעטעלע אונ מיר וועלן ביידע חפה האבען !	Ich wel sei bagroben, Ich wel sei bagroben! . . . —Un lomir opfohren in a kleine Städtele Un mir welen beide Chupe-hoben!
—זיי זשע ניט קיין גוטער , קיין עצות מיר ניט גיב אונ טוה מיר די טובה , אונ געה ארויס פון שטוב !	—Sai-że nit kein guter, Kein Eizes mir nit gib Un thu mir die Teiwe, Un geih araus vun Styb!

אין אַ פְרֶעמְדֶע שְׁטָאט ,
צְווִישֶׁען פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשֶׁען ,—
אוּנ אַז מִיר װעלְ'ן בֵּיידֶע אוּנְטֶער דֶער חֻפָּה שְׁטֶעהְן ,
װער װעט אוּנְז בֶּענְטְשֶׁען ?

מִיר דארְפֶען נִיט קֵיינֶעם ,
מִיר זַיינֶען אַלֵיין מֶענְטְשֶׁען ;
אַז מִיר װעלְ'ן בֵּיידֶע אוּנְטֶער דֶער חֻפָּה שְׁטֶעהְן ,
גָאט װעט אוּנְז בֶּענְטְשֶׁען !"

—גֶעה אַרוֹיס פוּן מַיין שְׁטוּב
אוּנ דוּא זָאלְלְסְט זִיךְ נִיט פַארְזַאמֶען ,
אוּנ אִיךְ װעל זִיךְ דָא שְׁטֶעלְ'ן שְׁטָאלְץ
אוּנ אִיבֶּער רֵיידֶען מַיין מַאמֶען :

מַאמוּנְיוּ , לְיוּבּוּנְיוּ ,
אִיךְ װעל דִיר עֶפֶּעס זָאגֶען ,
אוּנ דִי צָרוֹת פוּן מַיין גֶעלִיבְּטֶען
קֶענְן אִיךְ נִיט פֶערְטְרָאגֶען !

—װאוּ אִיז דֶער שַׁארְלַאטַאן ,
מַיין טָאכְטֶער װעט פַאר אִיהְם נִיט בְּלַייבֶּען !
אוּנ אַז עֶר װעט קוּמֶען דֶעם צְװֵייטֶען מָאל ,
פוּן שְׁטוּבּ װעל אִיךְ אִיהְם אַרוֹיסְטְרֵייבֶּען !

—מַאמוּנְיוּ , לְיוּבּוּנְיוּ ,
אִיךְ װעל דִיר עֶפֶּעס זָאגֶען ,
אוּנ דִי צָרוֹת פוּן מַיין גֶעלִיעבְּטֶען
קֶענְן אִיךְ נִיט פֶערְטְרָאגֶען !

צְװעלְף אַ זֵייגֶער בַּיי דֶער נַאכְט ,
װענְן טִיהְר אוּנ לָאדֶען צוּגֶעמַאכְט ,
אִין מִיטֶען דֶערִינֶען הֶערְט מֶען אַ קְלַאפּ , —
אַ דַאנְק צוּ גָאטט , װָאס אִיךְ הָאבּ אַף אִיהְם דֶערְהַארְט !

—גוּטְ'ן אָבִינְד , מַיינֶע לִיעבֶּע !
װָאס אִיז פַארְװֵיינְט דֵיינֶע אוֹיגֶען ?
חָאטְשׁ דֵיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבֶּען מִיךְ פַיינְט ,
צוּ דִיר בִּין אִיךְ גֶעפְלוֹיגֶען !

In a fremde Stodt,
Zwischen fremde Mentschen,—
Un as mir 'welen beide unter der Chupe steihn,
Wer wet uns bentschen?

—Mir darfen nit keinem,
Mir sainen allein Mentschen;
As mir welen beide unter der Chupe steihn,
Gott wet uns bentschen!

—Geih araus vun main Stub
Un du sollst sich nit varsamen,
Un ich wel sich do stelln stolz
Un iberreiden main Mamen:

Mamunju, Ljubunju,
Ich wel dir epes sogen,
Un die Zores vun main Geliebten
Kenn ich nit vertrogen!

—Wu is er, der Scharlatan,
Main Tochter wet far ihm nit blaiben!
Un as er wet kummen dem zweiten mol,
Vun Stub wel ich ihm araus traiben!

Mamunju, Ljubunju,
Ich wel dir epes sogen,
Un die Zores vun main Geliebten
Kenn ich nit vertrogen!

Zwelf a Seiger bai der Nacht,
Wenn Thir un Loden zugemacht,
In mitten derinnen hert men a klap,—
A Dank zu Gott, wos ich hob auf ihm derharrt!

—Gut'n Owend maine Liebe!
Wos is varweint daine Eigen?
Chotsch daine Eltern hoben mich faint,
Zu dir bin ich gefleigen!

איך בין צו דיר געפלויגען,	Ich bin zu dir gefleigen,
ווי א פייל פון א בויגען. —	Wie a Fail fun a Beigen,—
ניט מעהר ווי דער טוידט אליין	Nit mehr wie der Teit allein
וועט אונז צו שיידען!	Wet uns zuscheiden!
וואס האט דיין מאמע געזאגט? מיין מאמע האט געזאגט:	Wos hot dain Mame gesogt? Main Mame hot gesogt:
«וואס טוהט ער דא? מיין טאכטער וועט פאר איהם ניט בלייבען!	„Wos thut er do? main Tochter wet far ihm nit blaiben!
און אז ער וועט קומען דעם צווייטען מאל,	Un as er wet kummen dem zweiten mol,
פון שטוב וועל איך איהם ארויס טרייבען!»	Vuu Stub wel ich ihm araustraiben!“
האט ער איינגעבויגען זיין קאפ	Hot er aingebeigen sain Kop
און געטאהן אלעס אויסהערען,	Un gethon alles ausheren,
און פון זיינע צוויי שווארצע אויגען	Un vun saine zwei schwarze Eigen
גיסען טייכען טרעהרען.	Giesen Taichen Thrären.
—קלייב צונויף דיינע זאכען	—Klaib zuneif daine Tachen
און לייג אריין אין קארב'ן,	Un leig arain in Korb'n
און גנב'ע זיך ארויס פון א פענסטער'ל	Un ganwe sich araus vun a Fenster'l
און מיר וועלען ביידע חופה האב'ן!	Un mir welen beide Chupe hobn!

О. Гехтъ (Жлобинъ, Могилевск. губ.)

№ 176.

Варіантъ:

אי, דו גאט!	Oi, du Gott!
גענוג שוין צו שטראפען,	Genug schoin zu strofen,
זאל שוין קומען נאך האלבע נאכט,	Soll schoin kumen noch halbe Nacht,
מיינע עלטערן זאל'ן שוין שלאפען!	Maine Eltern sollen schoin schlofen!
אלע טיהרען זיינען פערמאכט,	Alle Thiren sainen vermacht,
אלע לאדינס זיינען פערשפארט;	Alle Lodens sainen verspart;
איך בין געזעסען אליין אין צימער'ל,	Ich bin gesessen allein in Zimmer'l,
כ'האב איהם קאם דערווארט.	'ch hob ihm kam derwart.
איך בין דאך געפלויגען,	—Ich bin doch gefleigen,
ווי א פייל פון בויגען,	Wie a Fail vun Beigen,
נאר מיט דיר, נאר מיט דיר	Nor mit dir, nor mit dir
צוויי ווערטער אויס צו ריידען!	Zwei Werter auszureiden!
וואס טויג אונזער לעבען,	Wos teig unser Leben,
אז דער פייער טוהט ברענען,—	As der Faier thut brennen,—
וואס טויג אונזער ליבשאפט,	Wos teig unser Liebschaft,
אז מיר קענען זיך ניט נעהמען?	As mir kennen sich nit nehmen?

—געה ארויס אין דרויסען ,
טוה א ווײלע שטעהן , —
איך וועל זיך שטעלען שטאלץ , —
כ׳וועל מיין מאמען איבערריידען :

מאמע , די געפעליגקייט
זאלסטו מיר טאהן , —
איך קען פון מיין געליבטען .
ניט אריבערטראגען !

מיין מאמע טוהט זאגען ,
מיין מאמע טוהט ריידען , —
ס׳איז קיין אנדער סברה ניט ,
מיר מוזען זיך ביידע שיידען !

—זאג מיר מיין קינד .
צו וועמען טוהסטו געהן ?
ווען איך ווייס אפילו—מיין טוידט וועט זיין ,
מיין איידעם וועסטו ניט זיין ! 1)

—ניט צו אייך טוה איך געהן ,
ניט צו אייך טוה איך ריידען —
ווען כ׳ווייס אפילו מיין טוידט וועט זיין ,
וועט אייער טאכטער מיינע בלייבען ! 2)

נעהם דיינע זאכען ,
ווארף אריין אין די קארן ,
גנבע זיך דורך דורכ׳ן פענסטער׳ל ,
מיר וועלען ביידע אוועק פאהר׳ן !

—אין א פרעמדע שטאדט ,
צווישען פרעמדע מענטשען , —
ווער וועט אונז צו דער חופה פיהרען
און ווער וועט אונז בענטשען ?

—Geih araus in draussen,
Thu a Waile steihn,—
Ich wel sich stellen stolz,—
'ch wel main Mamen iberreiden:

Mame, die Gefälligkeit
Sollstu mir thon,—
Ich kenn vun main geliebten
Nit ibertrogen!

Main Mame thut sogen,
Main Mame thut reiden—
's is kein ander Sswore nit,
Mir musen sich beide scheiden!

—Sog mir, main Kind,
Zu wemen thustu geihn?
Wenn ich weiss afile—main Teit wet sain,
Main Eidem westu nit sain! 1)

—Nit zu aich thu ich geihn,
Nit zu aich thu ich reiden—
Wenn ich weiss afile—main Teit wet sain,
Wet aier Tochter maine blaiben! 2)

Nehm daine Sachen,
Warf arain in die Korn,
Ganwe sich durch durch'n Fenster'l,
Mir welen beide awekfohren!

—In a fremde Stodt,
Zwischen fremde Mentschen,—
Wer wet uns zu der Chupe fihren
Un wer wet uns bentschen?

---

1) איך זיץ מיר בא מיין ארבעט ,
איך זין און טוה נעהען : —
«ארויס , דו ליידאק , —
איך האק דיר אויס די ציין !»

2) — ניט צו אייך בין איך געקומען ,
ניט מיט אייך טוה איך ריידען —
איהר מעקט אפילו דעם טוידט באקומען ,
וועל איך דיך מיט מיין דושינקע ניט שיידען !

1) Ich sitz mir ba main Arbet,
Ich sitz un thu neihen:
„Araus, Laidak,—
Ich hack dir aus die Zeihn!"

2) —Nit zu aich bin ich gekummen,
Nit mit aich thu ich reiden—
Ihr megt afile dem Teit bakummen,
Wel ich sich mit main Duschinke nit scheiden!

—קום אריין אין א ווינקעלע ,	—Kumm arain in a Winkele,
איך וועל דיר מקדש זיין	Ich wel dir mkadeisch sain
צווישען פיר מענטשען ,	Zwischen vier Mentscheu,
מעהר וועט קיינער ניט זיין !	Mehr wet keiner nit sain!
—ווי קען איך דאס טאהן	—Wie kenn ich dos thon
מיט מיין אייגענעם ווילען , —	Mit main eigenem Willen,—
אז אויף מיין חתנה	As auf main Chassenc
זאלען קיין כלי-זמרים ניט שפילען ?	Sollen kein Klesmorim nit spielen?

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 177. *)

פון וואנען נעהמט זיך א ליבע ?	Vun wannen nehmt sich a Liebe?
פון זיצען אונ פון ריידען אונ פון לאכען ;	Vun sitzen un vun reiden un vun lacheu;
אונזער ליעבע האט זיך בעשלאססען	Unser Liebe hot sich beschlossen
פון איינס ביז צוויי אין דער נאכט .	Vun eins bis zwei in der Nacht.
בשעת אונזער ליעבע האט זיך בעשלאססען ,	Bischas unser Liebe hot sich beschlossen,
האט דאך קיינער ניט געוואוסט ;	Hot doch keiner nit gewusst;
אונ היינט קלינגט דאך אין אללע גאסען ,	Un haint klingt doch in alle Gassen,
אז אונזער ליבע איז שוין אוים !	As unser Liebe is echoin aus!
גענוג שוין דיר צו ריידען אונ צו שמועסן ,	—Genug schoin dir zu reiden un su schmuessn,
פיהר שוין מיך אפ א היים !	Fihr schoin mich op aheim!
וואס פאר א תירוץ וועל איך זאגען	Wos far a Teruz wel ich sogen
ביי מיין מאמען אין דער היים ?	Bai main mamen in der-heim?
—דעם ערסטען תירוץ זאלסטו זאגען ,	—Dem ersten Teruz sollstu sogen,
אז דו האסט געארבעט שפעט ;	As du host gearbet spat,
דעם אנדער תירוץ זאלסטו זאגען ,	Dem ander Teruz sollstu sogen,
אז דו האסט פארבלאנזעט אין דעם וועג .	As du host varblonset in dem Weg.
דעם דריטען תירוץ זאלסטו זאגען :	Dem dritten Teruz sollstu sogen:
דו האסט געבאדען געשוואומען ;	Du host geboden, geschwummen;
דעם פערטען תירוץ זאלסטו זאגען ,	Dem verten Teruz sollstu sogen,
אז דו האסט דיין ליבען בעקומען .	As du host dain Lieben bakummen.

*) См. варіантъ этой пѣсни, напечатанный г. I. Лернеромъ (ст. „די אידישע מוזע" въ „הויזפריינד" т. II ст. 188).

דעם פינפטען תירוץ זאלסטו זאגען :	Dem finften Teruz sollstu sogen:
דו האסט אויפגענעהט א קליידער מיט א הייב'ל ;	Du host aufgeneiht a Kleid'l mit a Haib'l;
דעם זעקסטען תירוץ זאלסטו זאגען ,	Dem sechsten Teruz sollstu sogen,
אז דו ביזט געוואָרען א ווייב'ל .	As du bist geworen a Waib'l.
—גענוג שוין דיר צו ריידען און צו שמועסן ,	—Genug schoin dir zu reiden un zu schmuessn,
פיהר שוין מיך אפ אהיים !	Fihr mich op aheim!
דער זייגער האט שוין צוועלף אבגעשלאגען ,	Der Seiger hot schoin zwelf obgeschlogen,
די טיהר איז פארשפארט אין דער היים !	Die Thir is varspart in der-heim!
—דער זייגער האט שוין צוועלף אבגעשלאגען '	— Der Seiger hot schoin zwelf obgeschlogen,
וועל איך מיט'ן גלעקעלע אנקלינגען ;	Wel ich mit'n Gleckele onklingen;
א ליעד וועל איך פון זיך ארויס ברייגגען ,—	A Lied wel ich vun sich arausbreingen—
די גאנצע וועלט וועט זי זינגען !	Die ganze Welt wet sie singen!

Ш. Финкельштейнъ (Жлобинъ, Могилевск. губ.),

№ 178.

—אָי , עלענד בין איך געבליעבען ,	Oi, elend bin ich gebliben,
אָי , עלענד אזוי ווי א שטיין !	Oi, elend asei wie a Stein!
בעטען בעט איך דיך , מיין טייער לעבען ,—	Beten bet ich dich, main thaier Leben,—
קומען זאלסטו צו מיר צו געהן !	Kummen sollstu zu mir zugeihn!
—קוממען וועל איך צו דיר קוממען ,	—Kummen wel ich zu dir kummen,
נאר טרייסטען קענן איך דיך נישט ;	Nor treisten kenn ich dich nischt; ;
ליעבען ליעב איך דיך גרונד פון הארצען ,	Lieben lieb ich dich grund vun Harzen,
נאר געמען , דושינקע , קאנען מיר זיך נישט !	Nor nehmen, Duschinke, konnen mir sich nischt!
מיין מוטער פלעגט מיר שטענדיג זאגען !	Main Mutter flegt mir ständig sogen,
כ'זאל נישט געהן שפעט בא-נאכט אין גאס ;	'ch soll nischt geihn spat ba Nacht in Gass;
יעצט איז מיר פינסטער , און דער צו נאך ביטער ,—	Jetzt is mir finster un derzu noch bitter,—
פאר אנ-אנדער מיידעל האט מען איהם שוין פארקנס'ט !	Far a-n-ander Meidel hot men ihm schoin varknast

דָאס קְנַס-מָאהְל אִיז דָאךְ שׁוֹין גֶעוֶועזֶען ,
אוּנ דִי חֲתֻנָה דַארְף שׁוֹין זַיין אַצוּנְד .

Dos Knas-mohl is doch schoin gewen,
Un die Chassene darf schoin sain azund.

יֶעצְט אִיז מִיר פִינְסְטֶער, דֶער צוּ נָאךְ בִּיטֶער ,
אוּנ אִין מַיין הַארְצֶען בְּלַייבְּט אַנְעֶוִויג וואוּנְד !

Jetzt is mir finster, derzn noch bitter,
Un in main Harzen blaibt a-n-ewig Wund!

דוּ פָאהְרְסְט דָאךְ שׁוֹין יֶעצְט אַוֶועק פוּן מִיר , —
גָאט זָאל דִיךְ בְּרַיינְגֶען אוֹיף אַ לַאד !
דִיךְ הָאבּ אִיךְ לִיעבּ , וַוייס דָאךְ גָאט דֶעם אֱמֶת ,
נָאהר מַיין מוּטֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט דֶערְלָאזְט .

Du fohrst doch schoin jetzt awek vun mir,—
Gott soll dich breingen auf a Lad!
Dich hob ich lieb, weiss doch Gott dem Emes,
Nor main Mutter hot doch nischt derlost,

—אִיךְ קָאנְן גָאר דַיין מוּטֶער דָאס נִישְׁט ווִינְשֶׁען ,
אַז אִיהְרֶע קִינְדֶער זָאלֶען בְּלַייבֶּען אַזוֹי ווִי אִיךְ , —
אוֹיךְ אָהְן אַ טַאטֶען אוּנ אָהְן אַ מַאמֶען
זָאלֶען זִיךְ אוּמְבְּלָאנְקֶען אַזוֹי ווִי אִיךְ !

—Ich kon gor dain Mutter dos nischt winschen,
As ihre Kinder sollen blaiben asei wie ich,—
Anch ohn a Taten un ohn a Mamen
Sollen sich umblonken asei wie ich!

М. А. Зонъ (старая-синява, Подольск. губ).

№ 179.

מַיין הַארְץ צוּגֶעהְט אִין מִיר ;
אַז אִיךְ טוּה זִיךְ דֶער מָאנֶען ,
ווִינְשׁ אִיךְ מִיר דֶעם טוֹידְט ,
כְ' ווִיל מַיין לֶעבֶּען נִיט קָאנֶען .

Main Harz zugeiht in mir;
As ich thu sich dermohnen,
Winsch ich mir dem Teit,
'ch will main Leben nit konnen.

וָואס טוֹיג מִיר מַיין לֶעבֶּען
מִיט מַיינֶע פַארְגֶענִיגֶען ,
אַז וֶועמֶען אִיךְ לִיעבּ
דֶעם קֶען אִיךְ נִיט קְרִיגֶען ! } bis

Wos teig mir main Leben
Mit maine Vargnigen,
As wemen ich lieb
Dem kenn ich nit krigen } bis

אוֹיף אֵייבִּיג פֶערְבּוּנְדֶען
הָאט אוּנְז גָאט בֶּעשְׁלָאסֶען ;
וֶוער קֶען הַיילֶען מַיינֶע וואוּנְדֶען ,
אַ קוֹל הָאט מִיךְ גֶעשָׁאסֶען !

Auf eibig verbunden
Hot uns Gott beschlossen;
Wer kenn heilen maine Wunden,
A Koil hot mich geschossen!

צוּ מַיינֶע שְׁמֶערְצֶען
אִיז קֵיין בַּאלְזַאם נִיטָא ,
טִיף אִין מַיין הַארְצֶען
אָט לִיגְסְטוּ דָא ! } bis

Zu maine schmerzen
Is kein Balsam nito,
Tief in main Herzen
Ot liegstu do! } bis

אז איך נעם זיך דערמאנען
די פאריגע צייט:
ס' איז ניט געוועזן קיין רייזענדער;
וואס האבען מיך געמיידט.

As ich nehm sich dermohnen
Die vorige Zait:
's is nit gewen kein Raisender,
Wos hoben mich gemaid't.

דו האסט געבליהט אין מיינע אויגען
אויף איין אויגענבליק,
דו בינסט פון מיר אוועק
און קומסט שוין ניט קאריק. bis

Du host gebliht in maine Eigen
Auf ein Augenblick,
Du binst vun mir awek
Un kummst schoin nit karick. bis

מיין זינען, מיינע געדאנקען
האבען רק געקלערט —
וועסט קומען צו מיר קאריק,
וועט זיין אלעס פארקעהרט!

Main Sinnen, maine Gedanken
Hoben rak geklärt—
West kummen zu mir karick,
Wet sain Alles verkehrt!

אבער ווען וואלט איך וויסען,
אז די הארץ איז ביי דיר ריין, —
פון דער וועלט די פערגעניגען
וואלט איך מיר ווינשען אליין. bis

Ober wenn wollt ich wissen,
As die Harz is bai dir rein,—
Vun die Welt die Vergnigen
Wollt ich mir winschen allein. bis

ס' וועט זיין אזא צייט,
וואס דו וועסט צו מיר קומען
זוכען דעם ארט,
וואו מיר פלעגען זיך געפינען.

's wet sain asa Zait,
Wos du west zu mir kummen
Suchen dem Ort,
Wu mir flegen sich gefinen.

דאן אויף מיין קבר
וועלען שפראצען די שענסטע
בלומען,
דיזעלבע מינוט גראדע
ווען דו וועסט צו מיר קומען. bis

Dann auf main Keiwer
Welen sprozen die die schen-
ste Blumen,
Die selbe Minut grade,
Wenn du west zu mir kummen. bis

מעהר צו פערטראגען
איז קיין כח ניט,
צו וויינען און צו קלאגען
און צו זינגען דאס ליעד.

Mehr zu vertrogen
Is kein Keiach nit,
Zu weinen un zu klogen
Un zu singen dos Lied.

האסט געבליהט אין מיינע אויגען
אויף איין אויגענבליק,
דו בינסט פון מיר פערפלויגען
און קומסט שוין ניט צוריק! bis

Host gebliht in maine Eigen
Auf ein Augenblick
Du vun mir verfleigen
Un knmmst schoin nit zurick! bis

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 180.

בּײַ'ם בְּרֶעג װַאסֶער טוּה אִיךְ שְׁטֶעהְן
אוּנ קָאן צוּ דִיר נִיט קוּמֶען:
אָי פוּן װַײטֶען רוּפְסְטוּ מִיר,
אִיךְ קָאן אָבֶּער נִיט שְׁװִימֶען.
. . . .

Bai'm Breg Wasser thu ich steihn
Un konn zu dir nit kymmen:
Oi, vun waiten rufstu mir,
Ich konn ober nit schwimen.
. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Шкуды, Ковенск. губ.).

№ 181.

זִיצְט אַ מײדֶעלֶע אוֹיפְ'ן לָאדֶען, (?)
שַׁײנֶען שַׁײנְט זִי װִיא דֶער טָאג;
גֶעהְט אַ שׁוּסְטֶער-בָּחוּר פוּן דִי קָארְן,
זָאגְט עֶר אִיהְר: „גוּט מָארְגֶען!"

—נָא דִיר אַװֶעק דַײן „גוּט מָארְגֶען",
נַא דִיר אַװֶעק דַײן „גוּט מָארְגֶען"!
גְרִיס דַײן טַאטֶען, גְרִיס דַײן מַאמֶען,
זַײ זָאלֶען פַאר דִיר נִיט זָארְגֶען!

הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶעטָאהְן דִי זֶעקֶעלֶעךְ
מִיט דִי רוֹיטִינְקֶע בֶּענְדֶעלֶעךְ,—
אוּנ אַז מִיר װֶעלֶען בֵּײדֶע חַתֻנָה הָאבֶּען,

װֶעלֶען מִיר צֵײלֶען רֶענְדֶעלֶעךְ!

Sitzt a Meidele auf'n Loden, (?)
Schainen schaint sie, wie der Tog;
Geiht a Schuster-bochur vun die Korn,
Sogt er ihr: „gut Morgen,"

—Na dir awek dain „gut Morgen!"
Na dir awek dain „gut Morgen!"
Griss dain Taten, griss dain Mamen,
Sei sollen far dir nit sorgen!

Hot sie sich ongethon die Seckelech
Mit die Reithinke Bändelech,—
Un as mir welen beide Chassene hoben,
Welen mir zeilen Rendelech!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 182.

אַךְ, גָאט, הֶעלְף אוּנְז אַזוֹי,
װִי דִי אִידֶען אִין מִצְרַיִם, (bis)
אַז אוּנְזֶער לִיבֶּע װֶעט װֶערֶען אוֹיסְגֶעפִיהְרְט,
װֶעלֶען מִיר טְרִינְקֶען לְחַיִים.

לְחַיִים. לְחַיִים, אוּנְזֶערֶע גוּטֶע פְרַײנְד,

אִיבֶּער אַיָאהְר אַלֶע אִין גַאנְצֶען! (bis)
אוּנ אַז אוּנְזֶער לִיבֶּע װֶעט װֶערֶען
אוֹיסְגֶעפִיהְרְט,
װֶעלֶען מִיר הוּלְיֶענֶען אוּנ טַאנְצֶען.

Ach, Got, helf uns asei,
Wie die Jiden in Mizraïm! (bis)
As unser Liebe wet weren ausgefihrt,
Welen mir trinken l'chajim.

L'chajim, l'chajim unsere gute Fraind,
Iber a Johr alle in ganzen! (bis)
As unsere Liebe wet weren ausgefihrt,
Welen mir huljenen un tanzen.

א פינגער'ל האט ער מיר געשיינקט
מיט א גאלדענע עמאליע ; (bis)
אונ דער , וואס האט א שולד אין אונזער ליבע ,
זאל ניט לעבען קיין ווײלע !

A Finger'l hot er mir geschickt
Mit a goldene Emalje; (bis)
Un der, wos hot a Schuld in unser Liebe,
Soll nit leben kein Waile!

א זייגער'ל האט ער מיר געקויפט
מיט א גאלדערנעם ווייזער ; (bis)
אונ דער , וואס האט א שולד אין אונזער ליבע ,
זאל זיך שלעפען אין די הייזער !

A Seiger'l hot er mir gekeift
Mit a goldernem Waiser; (bis)
Un der wos hot a Schuld in unser Liebe,
Soll sich schleppen in die Haiser!

די שלעפענעס אונ די יאגענעס
זאל זיי פעריאגען אונ פערטרייבען ; (bis)
אונ ווער עס האט א שולד אין אונזער ליבע ,
זאלען זיי יתומים בלייבען !

Die Schlepenes un die Jogenes
Soll sei verjogen un vertraiben; (bis)
Un wer es hot a Schuld in unser Liebe,
Sollen sei Jsseimim blaiben!

אי , מוטער , מוטער , איך זאג דיר אן ,
אז פון מיין רעיון זאלסטו וויסען : (bis)
כ' האב פארפלאנצט אזא שיינעם ווייגגארטען ,
אויף אייביג זאלסטו איהם פערשליסען !

Oi, Mutter, Mutter, ich sog dir on,
As vun main Raien sollstu wissen: (bis)
'ch hob varflantzt asa scheinem Waingorten,
Auf eibig sollstu ihm vershliessen!

זיי האבען ניט געוואלט צו הערען
אונ זיינען אין ווייגגארטען געקומען ; (bis)
די שיינע פרי'לע פון ביימעלע
האבען זיי ארא‍פגענומען !

Sei hoben nit gewollt zuheren
Un sainen in Waingorten gekummen; (bis)
Die scheine Peirele vun Beimele
Hoben sei aropgenummen!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 183.

Варіантъ:

אי , מאמוניע , דו וואלסט וויסען
פון מיין רייכטום דעם זיסען :
איך האב איינגעפלאנצט א ווייגגארטען ,
אף אייביג וואלט איך עם פארשליסען ! 1)

Oi, Mamunje, du wollst wissen
Vun main Raichthum dem sissen:
Ich hob aingeflanzt a Waingorten,
Af eibig wollt ich ehm varschliessen! [1])

Варіантъ:

1) הער־זשע צו , מיין ליבסטע מוטער ,
וואס איך וועל דיר שמועס'ן :
טאמער וועל איך האבען נאך איין ווייגגארטען ,
אויף אייביג וועל איך איהם פערשליסען !

Her-że, main liebste Mutter,
Wos ich wel dir schmu'ssen:
Tomer wel ich hoben noch ain Waingorten,
Auf eibig wol ich ihm verschliessen!

אָי, מַאמוּנְיֶע, עֶר הָאט נִיט אָנְגֶעפְרֶעגְט,	Oi, Mamunje, er hot ongefragt
אוּנ אִיז צוּ מִיר אִין וַויינְגָארְטֶען גֶעקוּמֶען;	Un is zu mir in Waingorten gekummen;
דִי בֶּעסְטֶע פְרוּכְטֶען פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע צְוַויינֶען	Die beste Fruchten vun die schenste Zwaigen
הָאט עֶר בַּיי מִיר צוּגֶענוּמֶען!	Hot er bai mir zugenummen!
אַ גָאלְדֶערְנֶעם רִינְג הָאט עֶר מִיר גֶעשָׁאנְקֶען	A goldernem Ring hot er mir geschonken,
אַף מַיינֶע פִינְגֶער צוּ טְרָאגֶען;	Af maine Finger zu trogen;
אוּנ דֶער, וָואס הָאט אַ שוּלְד אִין אוּנְזֶער לִיבֶּע,	Uu der, wos hot a Schuld in Unser Liebe,
זָאל קֵיין תְּקוּמָה נִיט הָאבֶּען!	Soll kein tkume nit hoben!
אַ גָאלְדֶערְנֶעם אַרְם-בַּאנְד הָאט עֶר מִיר גֶעשָׁאנְקֶען	A goldernem Armband hot er mir geschonken
מִיט אַ גָאלְדֶערְנֶע עֶמַאלְיֶע;	Mit a goldene Emalje;
אוּנ דֶער, וָואס הָאט אַ שוּלְד אִין אוּנְזֶער לִיבֶּע,	Un der, wos hot a Schnld in unser Liebe,
זָאל נִיט לֶעבֶּען קֵיין וַויילֶע!	Soll nit leben kein Waile!
אַ זַאיְדֶען טוּךְ הָאט עֶר מִיר גֶעשִׁיקְט,	A saiden Tuch hot er mir geschickt,
זִי הָאט פַארְטְרָאגֶען אִין בְּלָא;	Sie hot vartrogen in blo;
זַיין בִּילְד לִיגְט בַּיי מִיר אִין הַארְצֶען,	Sain Bild liegt bai mir in Harzen,
אוּנ אַלֵיין אִיז עֶר נִיטָא!	Un allein is er nito!
אַךְ אִידֶען, אִיהְר גוּטֶע אִידֶען,	Ach Jiden, ihr gute Jiden,
לָאמִיר פָאהְרֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם;	Lomir fohren kain Jruscholaïm!
אוּנ וֶוען דִי לִיבֶּע וֶועט גֶעעֶנְדִיגְט וֶוערֶען,	Un wen die liebe wet geendigt weren,
וֶועלֶען מִיר מַאכֶען לְחַיִּים!	Welen mir machen l'chajim!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).
А. Рейзинъ (Ковенск. губ.).

№ 184.

Второй вариантъ:

אִיךְ הָאבּ גֶעאַקֶערְט אוּנ גֶעזֵייט,	Ich hob geackert un geseiht,
כְּדֵי דִי תְּבוּאָה זָאל נִיט בְּרֶענֶען;	Kdei die Twue soll nit brennen;
וֶוער עֶס הָאט מִיר מַיין זִיס-לֶעבֶּען צוּ שֵׁייט,	Wer es hot mir main siss-Leben zuscheidt,
יֶענֶעם זָאל דִיעזֶע צוּנֶעהְמֶען!	Ienem soll die Erd zunehmen!
אִיךְ הָאבּ צוּ וַויינֶען אוּנ צוּ קְלָאגֶען,	Ich hob zu weinen un zu klogen,
זָא וִוי אֵיינֶער נָאךְ אַ קָרְבְּ'ן;	So wie einer noch a Korb'n;
מַיין מוּטֶער פְלֶעגְט מִיר שְׁטֶענְדִיג זָאגֶען,	Main muter flegt mir ständig sogen,
אַז מַיין זִווּג אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּ'ן.	As main Siwug is schoin gestorbn.

אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען ,	Un as er is gestorben,
הָאט מֶען אִיהְם בַּאגְרָאבֶּען ;	Hot men ihm bagroben;
פַאר קֵיין אַנְדֶערְן וֶועל אִיךְ נִיט חֲתֻנָּה הָאבֶּען ,	Far kein andern wil ich nit Chassene hoben,
אַזאַ זִווּג וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִיט הָאבֶּען !	Asa Siwug wel ich schoin nit hoben!
אִיךְ הָאבּ עֶם גֶעשִׁיקְ'ט אַ זֵייגֶער	Ich hob ehm geschickt a Seiger
מִיט אַ גָאלְדֶענֶעם וַוייזֶער ;	Mit a goldenem Waiser;
וֶוער עֶס הָאט נָאר מִיר מִיט מַיין זִיס-לֶעבֶּען צוּשֵׁייט ,	Wer es hot nor mir mit main siss-Leben zuscheidt,
אַרוּם גֵעהְן זָאל יֶענֶער אִיבֶּער דִי הַייזֶער !	Arumgeihn soll jener iber die Haiser!
אִיבֶּער דִי הַייזֶער זָאל עֶר אַרוּם גֵעהְן ,	Iber die Haiser soll er arumgeihn;
לֶעבֶּען יֶעדֶער שְׁטוּבּ זָאל עֶר בְּלַייבֶּען שְׁטֵעהְן :	Leben jeder Stub soll er blaiben steihn:
אִין וָואס פַאר אַ שְׁטוּבּ עֶר וֶועט נָאר אַרַיין קוּמֶען ,	In wos far a Stub er wet nor arain-kummen,
זָאלְט אִיהְר זָאגֶען , אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען !	Sollt ihr sogen, as er is schoin gewen!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.)

№ 185.

אַ חָלוֹם אַ חָלוֹם הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוֹמְ'ט ,	A Cholem, a Cholem hot sich mir gecholemt,
אַ חָלוֹם הָאט זִיךְ מִיר אוֹיס גֶעדַאכְט ;	A Cholem hot sich mir aus gedacht;
אָי , דֶער פַאלְשֶׁער מֶערְדֶער מִיט זַיינֶע פַאלְשֶׁע וֶוערְטֶער ,	Oi, der falscher Merder mit saine falsche Werter,
אָי , צוּ אַלֶע צָרוֹת הָאט עֶר מִיר גֶעבְּרַאכְט !	Oi, zu alle Zores hot er mir gebracht!
שְׁפַּאצִירֶען , שְׁפַּאצִירֶען זַיינֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען ,	Spazieren, spazieren sainen mir gegangen,
אַף דְרוֹיסֶען אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער ווִינְד , אַ ווִינְד ;	Auf draussen is gewen a greisser Wind, a Wind;
פִּיל מִיר הָאבֶּען בֵּיידֶע דִי לִיבֶּע אַיינְגֶעטַעֲנֶה'ט ,	Viel mir hoben beide die Liebe aingetainet,
ווִי אַ מוּטֶער מִיט אַ קְלֵיינֶעם קִינְד , אַ'ס קִינְד !	Wie a Mutter mit a kleines Kind, a's Kind!
שְׁפַּאצִירֶען , שְׁפַּאצִירֶען זַיינֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען ,	Spazieren, spazieren sainen mir gegangen,
אַף דְרוֹיסֶען אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רֶעגֶען ,	Auf draussen is gewen a greisser Regen;
פִּיל מִיר הָאבֶּען בֵּיידֶע דִי לִיבֶּע אַיינְגֶעטַעֲנֶה'ט ;	Viel mir hoben beide die Liebe aingetainet,
גָאט וֵוייס-פוּן וֶועמֶענְ'ס וֶועגֶען !	Gott weis—vun wemen's wegen!

שפאצירען, שפאצירען זיינען מיר געגאנגען,

אף דרויסען איז געווען א גרויסער שניי,
א שניי;
פיל מיר האבען ביידע די ליבע איינגעטענה'ט, —

אין מיין הארצען טוהט מיר וועה, אי וועה!

שפאצירען, שפאצירען זיינען מיר געגאנגען,

אף דרויסען איז געווען א גרויסע בלאטע!

פיל מיר האבען ביידע די ליבע איינגעטענה'ט, —

אי, אף אלע מיינע רייד האב איך גאר חרטה!

שפאצירען, שפאצירען זיינען מיר געגאנגען,

אף דרויסען איז געווען א מרה שחורה;
אט געהט מען שוין פון מיין היים, מי
וועט מיר דערזעהן!
דושעניע, פאר וועמען האסטו מורא!

איך שעלט דעם טאג פון מיין געבארען,
בעסער וואלט איך פארלארען געווארען!
בעסער וואלט איך פארלארען געווארען,
איידער איך האב דיר דערקאנט!

ניט מיין, ניט מיין, אז דאס וועט דיר זיין גראט'ן,

מיר צו לייגען א יונגע אין דער ערד!
נוקם וועט זיך מיט דיר זיין דער שטן,

דו וועסט ניט האבען ביי קיין מענטשען קיין
ווערד!

וואס א ווילע און וואס א רגע
זעה איך דיר מיט א צווייטע געהען;
שטעכען וועל איך זיך מיט א מעסער, —
מיינע אויגען זאלען די צרות ניט זעהען!

Spazieren, spazieren sainen mir gegangen,
Auf draussen is gewen a greisser Schnei, a Schnei;
Viel mir hoben beide die Liebe aingetainet,—
In main Harzen thut mir weih, oi weih!

Spazieren, spasieren sainen mir gegangen,
Auf draussen is gewen a greisse Blote;
Viel mir hoben beide die Liebe aingetainet,—
Oi af alle maine Reid hob ich gor Charote!

Spazieren, spazieren sainen mir gegangen,
Af draussen is gewen a Moro-sch'cheire;
—Ot geibt men schoin vun main Heim, mi wet mir dersehn!
— Duschenje, far wemen hostu Meire!

Ich schelt dem Tog vun main Geboren,
Besser wollt ich varloren geworen!
Besser wollt ich varloren geworen,
Eider ich hob dir derkonnt!

Nit mein, nit mein, as dos wet dir sain g'rotn,
Mir zu leigen a junge in der Erd!
Neikem wet sich mit dir sain der Ssot'n,
Du west nit hoben bai kein Mentschen kein Werd!

Wos a Waile un wos a Rege
Seh ich dir mit a zweite gehen;
Stechen wel ich sich mit a Messer,—
Maine Eigen sollen die Zores nit sehen!

— נִיט שְׁטֶעךְ זִיךְ, דוּשֶׁענְיֶע, מִיט אַ מֶעסֶער,
נִיט שְׁטֶעךְ זִיךְ, דוּשֶׁענְיֶע, מִיט אַ מֶעסֶער!
אִיךְ וֶועל מִיט מַזָל אַ חָתָן וֶוערֶען,
אוּנ דִיר וֶועט גָאט אוֹיךְ וֶועמֶען בַּאשֶׁערֶען!

אַ נַאיֶיע לִיעד וֶועל אִיךְ אַייךְ, מֶענְטְשֶׁען, זִינְגֶען —
דִי לִיבֶּע הָאט מִיר גֶעקָאסְט גֶעזוּנְד מִיט שְׁמֶערְצֶען;
וֶועמֶען עֶס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ פַאלְשֶׁע לִיבֶּע,
יֶענֶער זָאל קוּמֶען צוּ מַיין בִּיטֶערְ'ן הֶערְצֶען!

—Nit stech sich, Duschenje, mit a Messer,
Nit stech sich, Duschenje, mit a Messer!
Ich wel mit Mas'l a Choss'n weren,
Un dir wet Gott auch wemen bascheren!

A naie Lied wel ich aich, Mentschen, singen—
Die Liebe hot mir gekost Gesund mit Schmerzen;
Wemen es is vorgekummen a falsche Liebe,
Jener soll kummen zu main bittern Herzen!

М. З Левинъ (Новоалександровскъ, Ковенск губ.).

№ 186.

אַ וַויילֶע לִיעד הָאבּ אִיךְ אַרוֹיס גֶעגֶעבֶּען,
זִי קָאסְט מִיךְ טְרֶערֶען מִיט פִיל שְׁמֶערְץ;
וֶוער עֶס הָאט פַארְבְּרַאכְט אַ פַאלְשֶׁע לִיבֶּע,
דֶער קָאן פִיהלֶען מַיין וַוייטָאג פוּן מַיין הֶערְץ!

אִיךְ שֶׁעלְט דֶעם טָאג פוּן מַיין גֶעבָּארֶען,
אִיךְ שֶׁעלְט עֶס בִּיז אַצוּנְד;
בֶּעסֶער וָואלְט אִיךְ גֶעוֶועןָ פַארְלָארֶען
אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד!

מִיט וָואסֶער אַ טוֹיט צוּ שְׁטַארְבֶּען בֶּעסֶער, —
הֵייבּ אִיךְ זִיךְ אָן בֶּעדֵיינְקֶען אַ מָאל:
שְׁטֶעכֶען וֶועל אִיךְ זִיךְ מִיט אַ מֶעסֶער,
אָדֶער שִׁיסֶען מִיט אַ הֵייסֶער קוֹיל!

דוּ זָאלְסְט נִיט מֵיינֶען, אַז דִיר וֶועט גֶערָאטֶען:
דוּ הָאסְט פַארְטְרִיבֶּען אַ יוּנְג קִינְד אִין גְרוּבּ —
נוֹקֵם וֶועט אָן דִיר זַיין מַיין שָׁאטֶען,
עֶר וֶועט דִיךְ שְׁרֶעקֶען טָאג אַז נַאכְט!

A weile Lied hob ich arausgegeben,
Sie kost mir Thrären mit viel Schmerz;
Wer es hot varbracht a falsche Liebe,
Der konn fihlen main Weihtog vun main Herz!

Ich schelt dem Tog vun main Geboren,
Ich schelt ihm bis azynd;
Besser wollt ich gewen varloren
As ich bin gewen a klein Kind!

Mit wosser a Teit zu starben besser,—
Heib ich sich on bedeinken a mol:
Stechen wel ich sich mit a Messer,
Oder schiessen mit a heisser Koil!

Du sollst nit meinen, as dir wet geroten:
Du host vartrieben a jung Kind in Grub,—
Neikem wet on dir sain main Schotten,
Er wet dich schrecken Tog as Nacht!

און די לְבָנָה װעט אויך נִיט שװײַגען , —

Un die Lwone wet auch nit schwaigen,—

דו האָסט פאַר איהר פאַלשע קאָמפּלימענטען געמאַכט
און אויף די קְנִי פאַר מיר געשטאַנען ,
און האָסט אַליין די ליבּע צו נישט געמאַכט !

Du host var ihr falsche Komplimenten gemacht
Un auf die Knie var mir gestanen,
Un host allein die Liebe zu nischt gemacht!

און די שטערן װעלען דיר אויך נִיט שװײַגען , —

Un die Slern welen dir auch nit schwaigen, —

דו האָסט זיי אין פאַלשע עֵדוּת געשטעלט ;
אַ פאַלשע שְׁבוּעָה האָסטע פאַר מיר געשװאָרען

Du host sei in falsche Eidus gestellt;
A falsche Schwue hostu var mir geschworen

און האָסט אַליין צו נישט געמאַכט !

Un host allein zu nischt gemacht!

איין זאַך טוה איך בּאַ דיר בּעטען :
מִי זאָל מיך טראָגען פאַר בּיי מיין פאָטערס שטוּב ,
דריי טריט זאָלסטו מיך בּעלייטען —
גרינגער װעט מיר זיין ליגען אין מיין גרוּב !

Ein Sach thu ich bai dir beten:
Mi soll mich trogen varbai main Voter's Stub,
Drai Tritt sollstu beleiten—
Gringer wet mir sain liegen in main Grub!

אַז דו װעסט הערען די ליעד זינגען ,
װאָס פאַר אַ פָּנִים װעסטו האָבּען בּאַ דער װעלט ?
די גאַנצע װעלט װעט מיט דיר קלינגען —
דו האָסט פאַרטריבּען אַ יונג קינד אין דער ערד !

As du west heren die Lied singen,
Wos var a Ponim westu hoben bai der Welt?
Die ganze Welt wet mit dir klingen,—
Du host vartrieben a jung Kind in der Erd!

I. Л. Раввинскій (Гадячъ, Полтавск. губ.)

№ 187.

אַ נייע ליבּע האָבּ איך אויסגעטראַכט ,
זי איז פון צָרוֹת און פון שמערץ ;
דער װאָס װייס פון אַ פאַלשע ליבּע ,
דער קאָן שפּירען מיין בּיטער הערץ .

A naie Liebe hob ich ausgetracht,
Sie is vun Zores un vun Schmerz;
Der wos weiss vun a falsche Liebe,
Der konn spiren main bitter Herz.

אַ רינג אַ מַתָּנָה האָט ער מיר געגעבּען ,
ער איז געװען פון לויטער גאָלד ;
און דער װאָס'ט אָ'גערעדט מיין זיס לעבּען ,
זאָל װערען גיך גרוי און אַלט !

A Ring a Matone hot er mir gegeben,
Er is gewen vun lauter Gold;
Un der wos't o'geredt main siss-Leben,
Soll weren gich grau un alt!

איך שילט , איך שילט מיינע יונגע יאָהרען ,
איך שילט דעם טאָג פון מיין געבּאָרען ;
בּעסער װאָלט איך נִיט געבּאָרען געװאָרען ,
איידער איך האָבּ דערקענט די ליבּע גאָר !

Ich schilt,ich schilt maine junge Johren,
Ich schilt dem Tog vun main Geboren;
Besser wollt ich nit geboren geworen,
Eider ich hob derkennt die Liebe gor!

זאלסט ניט מיינען אַ'ס וועט דיר זיין ג'ראט'ן ,	Sollst nit meinen as 's wet dir sain g'roten,
וואס דו האסט מיין יונגעז לעבען אומגעבראכט :	Wos du host main jungen Leben umgebracht:
נקם וועט זיך זיין אן דיר דער שטן ,	Neikem wet sich sain on dir der Ssot'n,
ער וועט דיר שרעקען ביי טאג אונ ביי נאכט !	Er wet dir schrecken bai Tog un bai Nacht!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 188.

כ'פארשילט דעם טאג פון מיין געבארען	'ch varschilt dem Tog vun main Geboren
אונ באוויין איהם אלע מאל ; (bis)	Un bawein ihm alle mol; (bis)
הלואי וואלט איך גאר ניט געוועזן געבארען ,	Halwai wollt ich gor nit gewen geboren,
עהדער איך האב איהם דער קאנט !	Eider ich hob ihm derkonnt!
וואס א ווייל ווערט מיין וועהטאג גרעסער ,	Wos a Waile wert main Weihtog gresser,
אז איך דערזעה דיך מיט א צווייטע געהן ; (bis)	As ich derseh dich mit a zweite geihn; (bis)
שטעכען וואלט איך זיך מיט א מעסער ,	Stechen wollt ich sich mit a Messer,
אז מיינע אויגען זאלען די צרות ניט זעהן !	As maine Eigen sollen die Zores nit sehn!
— ניט שטעך זיך , דושינקע , מיט קיין מעסער	—Nit stech sich, Duschinke, mit kein Messer
אונ וויש שוין אפ דיינע טרערען ! (bis)	Un wisch schoin op daine Thrären; (bis)
איך ווער מיט גליק א חתן בעסער ,	Ich wer mit Glick a Choss'n besser,
אונ דיר זאל גאט אויך באשערן !	Un dir soll Gott auch bascheren!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 189.

פינסטער איז מיר אין מיינע אויגען ,	Finster is mir in maine Eigen,
אז איך קען שוין ניט זעהן די שיין ;	As ich ken schoin nit sehen die Schain;
ווי גליקליך וואלט איך געוועזען ,	Wie glicklich wollt ich gewesen,
ווען דו וואלסט מיינער זיין !	Wenn du wollst mainer sain!

זיטץ איך מיר ביי מיינעם פענסטער	Sitz ich mir bai mainem Fenster
אונ זינג מיר א טרויעריגע ליעד :	Un sing mir a trauerige Lied:
צעהן כלות זאלסטו האבען ,	Zehn Kales sollstu hoben,
אונ צו מיר זאלסטו זיך אום קעהרען צוריק !	Un zu mir sollstu sich umkehren zurick!
שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען	Spazieren sainen mir beide gegangen
ארום אונ ארום בולוואר ;	Arum un arum Bulwar;
אלע מיידעלעך שפילען אוים א ליבע ,	Alle Meidlech spielen aus a Liebe,
אונ מיר האסטו געלאזען פיר א נארר !	Un mir hostu gelosen fir a Narr!
— גענוג שוין דיר צו וויינען אונ צו קלאגען ,	—Genug schoin dir zu weinen un zu klogen,
אויף אלץ דארף דאך זיין איין שיעור !	Auf allz darf doch sain ain Schi'r!
מיט איין אנדערער חתונה האבען ,	Mit ain anderer Chassene zu hoben,
מיט איין שענערע אונ בעסערע פון דיר !	Mit ain schenerer nn besserer vun dir!
— שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען	—Spazieren sainen mir beide gegangen
ארום יענער אונ יענער טייך ;	Arum jener un jener Taich;
דו האסט דאך מיר אלץ פערשפראכען ;	Du host doch mir allz versprochen;
יעצט זיינען דיינע רייד ניט גלייך !	Jezt sainen daine Reid nit glaich!
שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען ,	Spazieren sainen mir beide gegangen,
געגאנגען איז דאמאלס א שניי ;	Gegangen is damols a Schnei;
אונ יעצט איז מיר מיין לעבען	Un jetzt is mir main Leben
געווארען ווינד אונ וועה !	Geworen wind un weih!
קיין זאך וואלט מיר ניט געוועזן צו שווער , —	Kein Sach wollt mir nit gewen zu schwer,—
זיבען ים'ען צו שווימען פאר דיר ,	Sieben Jamen zu schwimmen far dir;
דושינע , בעטען דיר בעט איך :	Duschinje, beten dir bet ich:
דו זאלסט ניט פערגעסען אן מיר !	Du sollst nit vergessen on mir!
אויב דו ווילסט מיט דער צווייטער שפאצירען ,	Eib du willst mit der zweiter spazieren,
געהן זאלסטו געהן פאר ביי מיין גרוב ;	Geihn sollstu geihn var main Grub;
בלומען וועלען דארטען שפראצען .	Blumen welen dorten sprozen,
דערמאנען זאלסטו מיר מיט א טרער ;	Dermohnen sollstu mir mit a Thrär!

А. Рейзинъ (Минск. губ.)

№ 190.

שפאצירען, שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען,
אין דרויסען איז געוועזען א ווינד, א ווינד; (bis)
און מיר האבען ביידע די ליבע איינ-
געטענה׳ט. } bis
ווי א מוטער איהר איינציגען קינד.

שפאצירען, שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען,
אין דרויסען איז געוועזען א שניי, א שניי; (bis)
און מיר האבען ביידע אזוי פיל איינ-
געטענה׳ט, } bis
אז מיר איז געווארען ווינד און וועה,

שפאצירען, שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען,
אין דרויסען איז געוועזען א רעגען; (bis)
און מיר האבען ביידע די ליבע איינ-
געטענה׳ט, } bis
דער טייוועל ווייס צו ליב וועמענ׳ס וועגען!

שפאצירען, שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען,
אין דרויסען איז געוועזען א מרה שחורה (bis)

— אט געהט מען פון מיין הייב,
אט וועט מען מיך דערקאנען! } bis
— גוואלד פאר וועמען האסטו מורא!

א חלום א חלום האט זיך מיר געחלומ׳ט,

א חלום האט זיך מיר געדאכט, געדאכט; (bis)

אך דו פאלשער מערדער, מיט דיינע
זיסע רייד } bis
האסטו מיך צום קראנקען-בעט געבראכט!

Spazieren, spazieren sainen mir beide gegangen,
In draussen is gewen a Wind, a Wind; (bis)
Un mir hoben beide die Liebe aingetainet,
Wie a Mutter ihr einzigen Kind. } bis

Spazieren, spazieren sainen mir beide gegangen,
In draussen is gewen a Schnei, a Schnei; (bis)
Un mir hoben beide asei viel aingetainet,
As mir is geworen wind un weih! } bis

Spazieren, spazieren sainen mir beide gegangen,
In draussen is gewen a Regen; (bis)
Un mir hoben beide die Liebe aingetainet,
Der Taiwel weiss zulieb wemen's wegen! } bis

Spazieren, spazieren sainen mir beide gegangen,
In draussen is gewen a Morosch'cheire; (bis)
—Ot geiht men vun main Heim, ot wet men mich derkonnen!
Gwald, var wemen hostu Meire! } bis

A Cholem, a Cholem hot sich mir gecholemt,
A Cholem hot sich mir gedacht, gedacht; (bis)
Ach, du falscher Merd.r, mit daine sisse Reid
Hostu mich zum Krankenbett gebracht! } bis

Б. М. Кассель и А. Д. Пивъ (Ковенск. губ.).

№ 191.

קום-זְשֶׁע צוּ מִיר, מַיין גֶעטְרַייעֶס לֶעבֶּען, וָואס בִּיזְטוּ פוּן מִיר אַזוֹי וַוייט? לָאמִיר שׁוֹין בֵּיידֶע חַתֻנָּה הָאבֶּען, וָואס פִיהרֶעןְ מִיר זִיךְ אוּם אַזַא צַייט?	Kumm-że zu mir, main getraies Leben, Wos bistu vun mir asei wait? Lomir schoin beide Chassene hoben, Wos fihren mir sich um asa Zait?
אַרוּם גֶעפִיהרְט הָאבֶּען מִיר זִיךְ בֵּיידֶע אַ יָאהר אוּנ צְוַויי, אוּנ דְרַיי, אוּנ אַז אִיךְ פְּלֶעג דִיר דֶערְמָאהנֶען -דֶעם קְנַס-מָאהל מַאכֶען, פְּלֶעגְסְט זָאגֶען, אַז דִי קָאפּ אִיז נִיט דֶערְבַּיי!	Arumgefihrt hoben mir sich beide A Johr un zwei, un drai, Un as ich fleg dir dermohnen dem Knas-mohl machen, Flegst sogen, as die Kop is nit derbai!
אָי, דֶער קְנַס-מָאהל אִיז בַּיי אוּנְז גֶעוועֶן, קַיין חַתֻנָּה וָועט בַּיי אוּנְז נִיט זַיין; פִינְסְטֶער אִיז מִיר צוּ רֵיידֶען, בִּיטֶער אִיז מִיר צוּ שְׁוַוייגֶען, אַז דוּ הָאסְט זִיךְ מִיט אַנְ-אַנְדֶערֶער פַארְקְנַסְט!	Oi, der Knas-mohl is bai uns gewen, Kein Chassene wet bai uns nit sain; Finster is mir zu reiden, bitter is mir zu schwaigen, As du host sich mit a-n-anderer varknast!
אָי, מִיט דֶער קְלָלָה וָועל אִיךְ דִיךְ טָאהן שִׁילְטֶען,	Oi, mit der Klole wel ich dich thon schilten,
אַז דוּ זָאלְסְט בְּלַייבֶּען עֶלֶענְד ווִי פוּן אַ שְׁטַיין,	As du sollst blaiben elend, wie vun a Stein,
אָהן אַ פָאטֶער אָהן אַ מוּטֶער, אוּנ זָאלְסְט בְּלַייבֶּען עֶלֶענְד ווִי אִיךְ אַלַיין!	Ohn a Voter, ohn a Mutter, Un sollst blaiben elend, wie ich allein!
— אָי, מַיין פָאטֶערְס קִינְד הָאסְטוּ נִיט וָואס צוּ שִׁילְטֶען, אִיךְ בִּין אַלַיין אַ מֶענְשׁ מִיט אַיין פַארְשְׁטַאנְד,	—Oi, main Voter's Kind hostu nit wos zu schilten, Ich bin allein a Mensch mit a Varstand,
אִיךְ וָועל נֶעהמֶען אַ מֵיידֶעלֶע, וָואס מִיר וָועט גֶעפֶעלֶען, אוּנ זָאל הָאבֶּען אַ רֶעמֶעסְלָא אִין אִיהר הַאנְד.	Ich wel nehmen a Meidele, wos mir wet gefällen, Un soll hoben a Remeslo in ihr Hand.
אִיךְ זֶעץ מִיר אִין שִׁיף אוּנ זִינְג מִיר אַ לִיעד,	Ich setz mir in Schiff un sing mir a Lied,
דִי לִיעד וָואס צוּ מִיר פַּאסְט! — דֶערְמָאהן זִיךְ מִיט וָועמֶען דוּ הָאסְט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען, — מִיט אַ יְתוֹמָה'לֶע הָאסְטוּ זִיךְ פַארְקְנַאסְט!	Die Lied, wos zu mir passt! —Dermohn sich, mit wemen du host sich ongeheiben,— Mit a Jsseimele hostu sich varknast!
שְׁפַּאצִירֶען זַיינֶען מִיר בֵּיידֶע גֶעגַאנְגֶען אַרוּם אוּנ אַרוּם בְּרֶעג יַם; צִי גֶעדַיינְקְסְט, אַז דוּ הָאסְט מִיר צוּ גֶעזָאגְט, אַז דוּ וֶועסְט זַיין מַיינֶער אַ מַאנְן?	Spazieren sainen mir beide gegano on Arum un arnm Breg Jam; Zi gedeinkst, as du host mir zugesogt, A du west sain mainer a Mann?

О. Гехтъ (Жлобинъ, Могилевск. губ.)
Ш. Финкельштейнъ (ibid.)

№ 192.

וָואס טויג מיר דער ווײַנגאָרטען ,	Wos teig mir der Waingorten,
אַז פְלַאנצען קאָנן איך איהם נישט ?	As flanzen kenn ich ihm nit?
וָואס טויג מיר אַ ליבֶּע צו שפּיעלען ,	Wos teig mir a Liebe zu spielen,
אַז נעהמען קאָנן איך דיך נישט ?	As nehmen kenn ich dich nit?
אַז וועה איז צו מײַנע יאָהרען , —	As weih is zu maine Johren,—
אַ ליעבּע האָב איך אָנגעוואָרען ;	A Liebe hob ich ongeworen;
אַז וועה איז צו מײַנע יאָהרען , —	As weih is zu maine Johren,—
מײַן וועלט איז שוין לאַנג פַארלאָרען !	Main Welt is schoin lang varloren!

איך קום אַרײַן אין שטוב , —	Ich kumm arain in Stub,—
פינסטער איז, ווי אין אַ גרוב ;	Finster is, wie in a Grub;
אין אַ גרוב איז פינסטער צו ליעגען ,	In a Grub is finster zu liegen,
אונ אַ פײַן מײדעל איז שווער צו קריגען .	Un a fain Meidel is schwer zu kriegen.
אַז וועה איז צו מײַנע יאָהרען א. ז. וו.	As weih is zu maine Johren etc.

איך געה אַרויס אין גאַס ,	Ich geih araus in Gass,
שטעלסטו זיך פַאר מיר פָאר ;	Stellstu sich var mir vor;
מיט דײַנע גאָלדענע האָר	Mit daine goldene Hor
קירצסט דו מײַנע יאָהר .	Kirzst du maine Johr.
אַז וועה איז צו מײַנע יאָהרען א. ז. וו.	As weih is zu maine Johren etc.

М А. Зонъ (Старая-Синява, Подольск. губ).

№ 193.

ס'איז מיר פינסטער מײַן וועלט ,	's is mir finster main Welt,
מײַן יוגענד איז פַארשוואַרצט ;	Main Jugend is varschwarzt;
מײַן גליק איז מיר פַארשטעלט ,	Main Glick is mir varstellt,
עס פוילט מיר מײַן האַרץ .	Es fault mir main Harz.

עס ציטערט אין מיר יעדער אֵבר ,	Es zittert in mir jeder Eiwer,
עס קיהלט אין מיר מײַן בלוט ;	Es kihlt in mir main Blut;
מיט דיר אין איין קבר 1)	Mit dir in ein Keiwer [1])
וואָלט מיר זײַן גאַנץ גוט !	Wollt mir sain ganz gut!

וָואס ווילסטו, מוטער , האָבּען ,	Wos willstu, Mutter, hoben,
וָואס מאַטערסטו דײַן קינד ?	Wos materstu dain Kind?
וָואס ווילט איהר מיר בּעגראָבּען ,	Wos willt ihr mir bagroben,
פַאר וָואסערע זינד ? 2)	Far wossere Sind? [2])

Варіанты:

1) נאָר אין איינגען קבר	Nor in eingen Keiwer
2) אױ , וָואס איז מײַן זינד ?	Oi, wos Is main Sind?
ווען איהר וואָלט וויסען ,	Wenn ihr wollt wissen,
ווי מיר איז ניט גוט ,	Wie mir is nit gut,
וואָלט איהר ניט פַארגיסען	Wollt ihr nit vargiessen
ווי וואַסער מײַן בלוט !	Wie Wasser main Blut!

כְ'הָאבּ קֵיין נַחַת נִיט גֶעהַאט ,
נוּר לֵיידֶען אוּנ קוּמֶער ;
אִיךְ וְוִיַאנְיֶע וִוי אַ חָלוֹם , (1
וִוי אַ בְּלוּם אִין סוֹף זוּמֶער !

'ch hob kein Naches nit gehat,
Nur Leiden un Kummer;
Ich wjanje wie a Cholem, [1])
Wie a Blum in Ssof Summer!

מַיינֶע עֶלְטֶערְן , אָי וַועה ,
פַארְיָאגֶען מִיךְ פוּן דִיר ;
פַארְנֶעהם מַיין גֶעשְׁרַיי ,
אִיךְ לֶעבּ נִיט אָהן דִיר !

Maine Eltern, oi weih,
Varjogen mich vun dir;
Varnehm main Geschrei,
Ich leb nit ohn dir!

וואוּ בִּינְסְטוּ מַיין פְרַיינְד , (2
חָאטְשׁ אוֹיף אַ שָׁעָה ?
אַלֶע הָאבֶּען מִיךְ פַיינְד ,
אוּנ דוּ בִּינְסְט נִיטָא !

Wu binstu, main Fraind, [2])
Chotsch auf a Scho?
Alle hoben mich faind,
Un du binst nito!

וואוּ בִּינְסְטוּ מַיין נְשָׁמָה ,
וואוּ בִּינְסְטוּ , אָי גְוַואלְד זָאג , —
וואוּ בִּינְסְטוּ , מַיין נֶחָמָה , (3
בַּיי נַאכְט אוּנ בַּיי טָאג ?

Wu binstu, main Nschome,
Wu binstu, oi gwald, sog,—
Wu binstu du, main Nechome, [3])
Bai Nacht un bai Tog?

г-жа Б. Іоффе (Гродненск губ.).
В. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
М. З. Левинъ (Витебск. губ.).
Е. Нурокъ (Тукумъ, Курляндск губ.).
І. Л. Раввинскій (Гадячъ, Полтавск губ.).

№ 194.

וִוי אַ שְׁטְרַאהל פַייעֶר (4
הָאט מַיין הַארְצֶען אָנְגֶעצוּנְדֶען ;
אוּנ וָוער קֶען שׁוֹין זַיין בַּיי מִיר טַייעֶר ,
אוּנ וֶוער קֶען שׁוֹין הֵיילֶען מַיינֶע וואוּנְדֶען ?

Wie a Strahl Faier [4])
Hot main Harzen ongezunden;
Un wer kenn schoin sain bai mir thaier,
Un wer kenn schoin heilen maine Wunden?

מֶעהְר נִיט וִוי אֵיינֶער
קֶען שׁוֹין הֵיילֶען מַיין וְואוּנְד , —
מֶעהר וִוי גָאט אִיז נִיט אֵיינֶער ,
עֶר קֶען מִיךְ רַאטֶעוֶוען אַצוּנְד !

Mehr nit wie Einer
Kenn schoin heilen main Wund,—
Mehr wie Gott is nit einer,
Er kenn mich ratewen azund!

מִיט אַ קוּרְצֶע צַייט צוּרִיק
וָוער אִיז גֶעוֶועןְ — גְלַייךְ צוּ מִיר ?
עֶס הָאט מִיר גֶעשְׁפִּילְט מַיין גְלִיק ,
וֶוען אִיךְ בִּין גֶעזֶעסֶען צוּ זַאמֶען מִיט דִיר !

Mit a kurze Zait zurick
Wer is gewen glaich zu mir?
Es hot mir gespielt main Glick,
Wenn ich bin gesessen zusammen mit dir!

---

1) אִיךְ וֶועלְק וִוי אַ בְּלַאט — Ich welk wie a Blatt
2) וואוּ נֶעהְם אִיךְ מַיין פְרַייהַייט — Wu nehm ich main Fraihait
3) דוּ בִּיסְט דָאךְ מַיין נֶחָמָה — Du bist doch main Nechome
4) אַ פוּנְק פוּן אַ שְׁטְרַאהל פַייעֶר — A Funk vun a Strahl Faier

אונ הַיינְט טוּה אִיךְ וַויינֶען אונ קְלָאגֶען ,
מַיינֶע ליבֶּע אִיז פוּן מִיר וַוייט ;
פַאר קֵיינֶעם קֶען אִיךְ נִיט זָאגֶען ,
אַז אִיךְ הָאבּ אִין הַארְצֶען אַ שְׁטְרַייט .

Un haint thu ich weinen un klogen,
Maine Liebe is vun mir wait;
Var keinem kenn ich nit sogen,
As ich hob in Harzen a Strait.

אִיךְ טְרִינְק זִיךְ יֶעצְט אִין אַ טַייךְ ,
וָואס 1) אַלֶע מֶענְטְשֶׁען זֶעהֶען מִיט דִי אויגֶען ;

Ich trink sich jetzt in a Taich,
Wos [1]) alle Mentschen sehen mit die Eigen;

וָואס טויג מִיר מַיין גוּטְס אונ מַיין רַייךְ ,
אַז עֶר אִיז פוּן מִיר פֶערְפְלוֹיגֶען !

Wos teig mir main Gut's un main Raich,
As er is vun mir verfleigen!

פֶערְפְלוֹיגֶען אִיז עֶר פוּן מִיר
אִין אַ גַאנְץ וַוייטֶע לַאנְד ;
צוּ זָאגֶען פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן
אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶער שַׁאנְד .

Verfleigen is er vun mir
In a ganz waite Land;
Zu sogen var maine Eltern
Is mir a greisse Schand.

מַיינֶע עֶלְטֶערֶן טוּהֶען מִיךְ פְרֶעגֶען :
וָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי בֶּעטְרִיבְּט ?
צִי דֶענְן קֶען אִיךְ זַיי זָאגֶען ,
אַז אִיךְ בִּין אִין אֵיינֶעם פֶערְלִיבְּט !

Maine Eltern thuen mich fragen:
Wos bin ich asei betribt?
Zi denn kenn ich sei sogen,
As ich bin in einem verliebt!

פֶערְלִיבְּט בִּין אִיךְ אִין אֵיינֶעם ,
וָואס עֶר אִיז מִיר טַאקֶע נִיט וֶוערְט ;
דֶער צֵיילֶען קֶען אִיךְ פַאר קֵיינֶעם —
מִסְתָּמָא אִיז מִיר פוּן גָאט אַזוֹי בֶּעשֶׁערְט !

Verliebt bin ich in einem,
Wos er is mir take nit wert;
Derzeilen kenn ich var keinem—
Mistome is mir vun Gott asei beschert!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 195.

מִיט דַיינֶע זִיסֶענְקֶע , רֵיידֶעלֶעךְ
הָאסְט דוּ מִיר צוּ זִיךְ צוּ גֶעצוֹיגֶען ,
אונ הַיינְט לַאכְסְטוּ פוּן מִיר אוֹיס
אונ דוּ ווִילְסְט שׁוֹין מִיט מִיר גָאר נִיט רֵיידֶען !

Mit daine sissenke Reidelech
Hostu mir zu sich zugezeigen,
Un haint lachstu vun mir aus
Un du willst schoin mit mir gor nit reiden!

דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ פַארְעֶנְדֶערְט גֶעוָוארֶען ,
מַיין גֶעזִיכְט הָאט אַ פַייעֶר פַארְבְּרֶענְט ;
מַיין נָאמֶען הָאבּ אִיךְ אָן גֶעוָוארֶען ,
פוּן דִי צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר דֶערְקֶענְט .

Deriber bin ich varandert geworen,
Main Gesicht hot a Faier varbrennt;
Main Nomen hob ich ongeworen,
Vun die Zait wos ich hob dich derkennt.

---

1) אונ   Un

בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן בִּין אִיךְ טַייעֶר גֶעוֶועזֶען,

אַזוֹי וִוי דִי אוֹיגֶען אִין קָאפּ;
אִוּנ הַיינְט הָאסְטוּ מִיר פַאַרְשְׁמָאדֶערְט,
אַזוֹי וִוי אַ לֵיימֶענֶעם טָאפּ.

מַיין גֶעזִיכְט הָאט אַ פַייעֶר פַאַרְבְּרֶענְט,
פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען טוּהְט עֶס רֶעגֶענֶען;
אוֹי אוּנְד וֵועה אִיז צוּ מִיר,
אִיךְ וֶועל זִיךְ מִיט דִיר אָפְּגֶעזֶעגֶענֶען!

Bai maine Eltern bin ich thaier gewesen,
Asei wie die Eigen in Kop;
Un haint hostu mir varschmodert,
Asei wie a leimenem Top.

Main Gesicht hot a Faier varbrennt,
Vun maine Eigen thut es regenen;
Oi und weih is zu mir,
Ich wel sich mit dir opgesegenen!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 196.

שְׁפַּאצִירֶען זַיינֶען מִיר
בֵּיידֶע גֶעגַאנְגֶען;
פִּיל דוּנֶערְן אוּנ בְּלִיטְצֶען
זַיינֶען אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען
אָי, כְ'הָאבּ גֶעטָאהְן אַזַא זַאךְ,
כְ'הָאבּ גָאר נִיט בֶּעטְרַאכְט;
כְ'הָאבּ גֶעמֵיינְט, אַז סְ'אִיז טָאג —
צוּם סוֹף אִיז גָאר נַאכְט!
אָי מַאמֶע, מַאמֶע,
דוּ בִּינְסְט דָאךְ גֶערֶעכְט:
אַז מֶען פָאלְגְט נִיט קֵיין עֶלְטֶערְן,
קוּמְט אַרוֹיס שְׁלֶעכְט!

Spazieren sainen mir
Beide gegangen;
Viel Dunnern un Blitzen
Sainen ariber gegangen
Oi, 'ch hob gethon asa Sach,
'ch hob gor nit betracht;
'ch hob gemeint, as 's is Tog—
Zum Ssof is gor Nacht!
Oi, Mame, Mame,
Du binst doch gerecht:
As men folgt nit kein Eltern,
Kummt araus schlecht!

עֶר הָאט מִיר גֶעשָׁאנְקֶען
אַ פִינְגֶערְ'ל גָאלְד;
עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטֶען,
אוּנ אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעוָואלְט.
אָי, כְ'הָאבּ גֶעטָאהְן אַזַא זַאךְ א. ז. וו.

Er hot mir geschonken
A Fingerl Gold;
Er hot sich gebeten,
Un ich hob nit gewollt.
Oi, 'ch hob gethon asa Sach etc.

עֶר הָאט מִיר גֶעשָׁאנְקֶען
אַ בִּינְטֶעלֶע פֶּערְל,
כְּדֵי מַיין שְׁוַוארְץ פָּנִים
זָאל קְלֶערֶער וֶוערְ'ן.
אָי, כְ'הָאבּ גֶעטָאהְן אַזַא זַאךְ א. ז. וו.

Er hot mir geschonken
A Bintele Perl,
Kdei main schwarz Ponim
Soll klärer weren.
Oi, 'ch hob gethon asa Sach etc.

מַאמֶע, מַאמֶע!
סְ'קֶען אַנְדֶערְס נִיט זַיין:
דֶער שֵׁיינִינְקֶער אִינְגֶעלֶע
מוּז מַיינֶער זַיין!
אָי, כְ'הָאבּ גֶעטָאהְן אַזַא זַאךְ א ז. וו.

Mame, Mame!
's kenn anders nit sain:
Der scheininker Jingele
Mus mainer sain!
Oi, 'ch hob gethon asa Sach etc.

װי גוט און װי װײהל
װאָלט אונז געװעןְ,
װען מיר װאָלטען בײדע
אַ פּאָר — פֿאָלק געװען!
אָי, כ'האָב געטאָהן אַזאַ זאַך א. ז. װ.

Wie gut un wie weihl
Wollt uns gewen,
Wenn mir wollten beide
A Por-volk gewen!
Oi, 'ch hob gethon asa Sach etc.

דו האָסט מיר געגעבען
זעהער פֿיל געלד,
האָב נישט קײן שאַנד, —
דו האָסט פֿאַרפֿינסטערט מײן װעלט!
אָ, כ'האָב געטאָהן אַזאַ זאַך א. ז. װ.

Du host mir gegeben
Seiher viel Geld,
Hob nischt kein Schand,—
Du host varfinstert main Welt!
Oi, 'ch hob gethon asa Sach etc.

כ'האָב געשפּילט אַ ליבע —
כ'האָב געמײנט, ס'װעט זײן גוט,
און איצט פֿערגיסט מען
װי װאַסער מײן בלוט.
אָי, כ'האָב געטאָהן אַזאַ זאַך א. ז. װ.

'ch hob gespielt a Liebe—
'ch hob gemeint, 's wet sain gut,
Un itzt vergiesst men
Wie Wasser main Blut.
Oi, 'ch hob gethon asa Sach etc.

געשפּאַצירט האָבען מיר
באַרג אַרױף און אַראָפּ,
און איצט זאָגט מיר מײן מאַמע:
„ברעך דו דײן קאָפּ!“
אָי, כ'האָב געטאָהן אַזאַ זאַך א. ז. װ.

Gespaziert hoben mir
Barg aruf un arop,
Un itzt sogt mir main Mame:
„Brech du dain Kop!“
Oi, 'ch hob gethon asa Sach, etc.

כ'האָב דאָך געטרונקען
די טײערסטע װײן,
איצט רופֿט מיר מײן מאַמע,
„דו חזיר, דו שװײן!“

'ch hob doch getrunken
Die thaierste Wain,
Itzt ruft mir main Mame;
„Du Chaser, du Schwain!“

אָי, כ'האָב געטאָהן אַזאַ זאַך,
כ'האָב גאָר ניט באַטראַכט;
כ'האָב געמײנט, אַז ס'איז טאָג —
צום סוף איז גאָר נאַכט!
אָי, מאַמע, אָי מאַמע,
דו בינסט דאָך גערעכט:
אַז מען פֿאָלגט ניט קײן עלטערן,
קומט דאָך אױס שלעכט!

Oi, 'ch hob gethon asa Sach,
'ch hob gor nit betracht;
'ch hob gemeint, as 's is Tog—
Zum Ssof is gor Nacht!
Oi, Mame, Mame,
Du binst doch gerecht:
As men folgt nit kein Eltern,
Kummt doch araus schlecht!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 197.

די לבנה שיינט אין מיטען דער וועלט.
ארם איז קיין שאנד, ניט איך האב פאר-
שפילט מיין וועלט!
איך האב אבגעלעבט א לעבען. איך האב
זיך גאר ניט בעטראכט;
איך האב געמיינט — ס'איז טאג, צום סוף
איז גאר נאכט!

Die Lwone schaint in Mitt'n der Welt.
Orm is kein Schand, nit ich hob var-
spielt main Welt!
Ich hob opgelebt a Leben, ich hob sich
gor nit betracht:
Ich hob gemeint—'s is Tog, zum Ssof
is gor Nacht!

— זעה מיין טאכטער. די שטער'ן געהען אויף;
אז מי פאלגט ניט א מאמען, געהט אויס
אזא סוף!
— אך יא, מאמע, דו ביזט אודאי גערעכט,
נאר וואס פאר א מאמע וויל טאהן א קינד
שלעכט!

—Seh, main Tochter, die Stern geihen
auf;
As mi folgt nit a Mamen, geiht aus asa
Ssof!
—Ach jo, Mame, du bist awade
gerecht,
Nor wos far a Mame will thon a Kind
Schlecht!

טהיר אונ טייער זיינען געוועז אפען,
דונער'ן אונ בליצען זיינען געלאפען;
אלעמען האט דאס געפעהלט,
מיר האט דאס געטראפען!

Thir un Theier sainen gewen offen,
Dunnern un Blitzen sainen gelofen;
Allemen hot dos gefehlt,
Mir hot dos getroffen!

אי, מיין מוטער, די קאפ טוהט מיר וועה,
שיק נאך א דאקטער, ווען ניט נאך צוויי!

Oi, main Mutter, die Kop thut mir weih,
Schick noch a Dokter, wenn nit noch
zwei!

א דאקטער קען היילען דעם קראנקען זיין
קריינק,
אבער ניט מיר, מאמע, נאך וועמען איך בייגק!

A Dokter ken heilen dem Kranken sain
Kreink,
Ober nit mir, Mame, noch wemen
ich beink!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).
Т. В. Ротенбергъ (Ромны, Полтавск губ.).

№ 198.

Варіантъ:

די לבנה שיינט אויפ'ן פרייען וועלט,
אי, ניט פון וועמען האב איך פארפינצטערט
מיין וועלט!
וועמען עס האט געפעהלט — אונ מיר האט
עס געטראפען,
עס האט זיך מיין הערץ אין צווייען צובראכען.

Die Lwone schaint auf'n fraien Welt,
Oi, nit vun wemen hob ich varfinztert
main Welt!
Wemen es hot gefehlt—un mir hot es
getroffen,
Es hot sich main Herz in zweien zu-
brochen.

איך האב געטאהן אזא זאך,
איך האב זיך ניכט בעטראכט;
איך האב געמיינט, עס איז טאג,—
צום סוף איז גאר נאכט!

Ich hob gethon asa Sach,
Ich hob sich nit betracht;
Ich hob gemeint, es is Tog,—
Zum Ssof is gor Nacht!

ער האט מיר געגעבען ,
אי , זילבער און גאלד ,
ער האט מיר געבעטען ,
און איך האב ניט געוואלט ;
שפאצירען זיינען מיר ביידע געגאנגען ,
די גאס איז געוועזן פאר אונז ברייט ;
אי , און וועה זאל מענדקען דערלאנגען ,
וואס ער האט אונז ביידען צושייט !

Er hot mir gegeben,
Oi, Silber un Gold,
Er hot mir gebeten,
Un ich hob nit gewollt.
Spazieren sainen mir beide gagangen,
Die Gass is gewen far uns breit;
Oi un weih soll Mendken derlangen,
Wos er hot uns beiden zuscheidt!

. . . .

מאמע , מאמע , דו האסט טאקע גערעכט :
א מי פאלגט ניט א מאמען ,
לאזט זיך אויס טאקע שלעכט ! (bis)

Mame, Mame, du host take gerecht:
A mi folgt nit a Mamen, (bis)
Lost sich aus take schlecht! (bis)

Д. Г. Гальпернъ (Вильна.).

№ 199.

וועלכע מיידעלע
שפילט א ליבע , (bis)
שפילט זי דאך אויס איהרע פארבען ; (bis)
און אז זיא ליבט איהם (bis)
און ער איהר גאר ניט , (bis)
דא מוז זי דאך א יונגינקע שטארבען !

Welche Meidele
Spielt a Liebe, (bis)
Spielt sie doch ans ihre Farben; (bis)
Un as sie liebt ihm (bis)
Un er ihr gor nit, (bis)
Do mus sie doch a jünginke starben! (bis)

— ניט שטארב , ניט שטארב ,
דו מיין לעבען , (bis)
פון אונזער ליבע נעמט שוין אנ'ענד . (bis)

—Nit starb, nit starb,
Du main Leben, (bis)
Vun unser Liebe nehmt schoin a-n-End. (bis)

— דו געהסט אוועק (bis)
דעם קיסר דינען (bis)
און מיך לאסטו אין פרעמדע הענד !

—Du geihst awek (bis)
Dem Keisser dieneu (bis)
Un mich losstu in fremde Händ! (bis)

אין פרעמדע הענד
איז פיל בעסער : (bis)
איז פיל בעסער פון מיר ; (bis)
א צווייטע ליבע (bis)
וועסטו קריגען , (bis)
שענער און בעסער פון מיר !

—In fremde Händ
Is viel besser, (bis)
Is viel besser vun mir: (bis)
A zweite Liebe (bis)
Westu kriegen, (bis)
Schener un besser vnn mir! (bis)

דו פאהרסט אוועק
אין א ווייטער וועג (bis)
און דו וועסט זיך מיט מענטשען באקאנען ; (bis)

Du fohrst awek
In a waiter Weg (bis)
Un du west sich mit Mentschen bakonen: (bis)

א צווייטע ליבע (bis)
וועסטו קריגען , (bis)
און מיך זאלסטו אויך דערמאנען !

A zweite Liebe (bis)
Westu kriegen, (bis)
Un mich sollstu auch dermohnen! (bis)

פערפלוכט , פערפלוכט	Verflucht, verflucht
זאל ווערען די שטריק , (dis)	Soll weren die Strick, (bis)
וואס האט אונז צו זאמען געבונדען ! (bis)	Wos hot uns zusammen gebunden! (bis)
דו געהסט אוועק } bis	Du geihst awek (
דעם קיסר דינען ; }	Dem Keisser dienen; (bis
אונ מיר לאזסטו די וואונדען !	Un mir losstu die Wunden! (

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 200.

א גאלדען רינג האב איך איהם געשאנקען ,	A goldenem Ring hob ich ihm geschonken,
פון ריינע גינגאלד איז ער געוועזן ;	Vun reine Gingold is er gewen;
אונ ווענן איך דערמאהן זיך אן דיר , מיין לעבען ,	Un wenn ich dermohn sich on dir, main Leben,
אך אונ וועה איז מיר געשעהן !	Och un weih is mir geschehn!
—וויין ניט , דושע , וויין ניט , ליובע ,	Wein nit, Dusche, wein nit Ljube,
פיערווע דארף איך צו די זשרעבע געהן ,	Pjerwe darf ich zu die Żrebe geihn,
אונ אז איך וועל ארויסציהען א זשרעבע א גרויסע ,	Un as ich wel arausziehen a Żrebe a greisse,
וועל איך קומען גלייך צו דיר אליין !	Wel ich kummen glaich zu dir allein!
—א זשרעבע א קליינע האב איך ארויסגעצויגען,	A Żrebe a kleine hob ich arausgezeigen,
. . . .	. . . .
א סאלדאט דינען איז זייער ביטער ,	A Soldat dienen is seiher bitter,
אין סאלדאטען איז זעהער שלעכט !	In Soldaten is seiher schlecht!
—איך בעט ביי דיר , דושינקע ,	Ich bet bai dir, Duschinke,
דו זאלסט מיר ביז באהן באגלייטען !	Du sollst mir bis Bahn bagleiten!
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
ווי דער פאיעזד האט זיך גענומען ריהרען ,	Wie der Pojesd hot sich genummen ribren,
אזוי האט זי ארויס געלאזען א גרויס געוויין ,	Asei hot sie arausgelosen a greiss Gewein,
—ניט וויין-זשע , דושע , ניט וויין-זשע ליובע ,	—Nit wein-że, Dusche, nit wein-że, Ljube,
אף יעדער סטאנציע וועל איך דיר שרייבען אליין !	Af jeder Stanzje wel ich dir schraiben allein!

אַיין ראָזענבּלוּם האָבּ איךְ געטאָהן פּלאַנצען ,	Ain Rosenblum hob ich gethon flanzen,
מיט גרינע בּלעטעלעךְ איז ער געוועזען , —	Mit grine Blattelech is er gewen,—
פרעמדע מענשען האָבּען איהם צוּריסען ,	Fremde Menschen hoben ihm zurissen,
אָךְ און וועה איז אונז געשעהן !	Och un weih is uns geschehn!

М З. Левинъ (Витебск. губ.)

№ 201.

אונזער אָנפאַנג פון אונזער־ליבּע	Unser Onfang vun unser Liebe
האָט זיךְ אָנגעפאַנגען צוּקער-זיס , (bis)	Hot sich ongefangen zucker-siss, (bis)
און דער אויסלאָז פון אונזער ליבּע	Un der Auslos vun unser Liebe
האָט זיךְ אויסגעלאָזען זעהער מאוס .	Hot sich ausgelosen seiher mi's.
וויין ניט, דושינקע , וויין ניט ליובּינקע ,	Wein nit, Duschinke, wein nit, Ljubinke,
מיר זיינען בּיידע אַ גלייכע פּאָר . (bis)	Mir sainen beide a glaiche Por. (bis)
זאָגען זאָג איךְ דיר מיין זיס-לעבּען ,	Sogen sog ich dir, main siss-Leben,
אַז איךְ פאָהר אַוועק אויף פיר יאָהר .	As ich for awek auf vier Johr.
זעה, דושינקע , זעה, ליובּינקע ,	Seh, Duschinke, seh, Ljubinke,
זאָלסט נאָךְ מיר ניט בּיינקען ; (bis)	Sollst noch mir nit beinken; (bis)
אין די שענסטע געזעלשאַפט זאָלסטוּ געהן	In die schenste Gesellschaft sollstu geihn
און וועגען מיר זאָלסטוּ דיינקען !	Un wegen mir sollstu deinken!
זעה , דושינקע , זעה ליובּינקע ,	Seh, Duschinke, seh, Ljubinke,
כ' וועל דיר איין זאַךְ בּעטען : (bis)	'ch wel dir ein Sach beten: (bis)
דוּ זאָלסט זיךְ אָפּגַנבֿ'ענען פון דיינע עלטערן	Du sollst sich opganwenen vun daine Eltern
און זאָלסט מיר פאָהרען בּאַגלייטען !	Un sollst mich fohren bagleiten!
—בּאַגלייטען וועל איךְ דיר , מיין זיס לעבּען ,	—Bagleiten wel ich dir, main siss-Leben,
פון טייער בּיז וואָקזאַל ! (bis)	Vun Theier bis Woksal! (bis)
אָנגעקוּסט און אָנגעהאַלדזט ,	Ongekusst un ongehalst,
און דער פּאָיעזד שטעהט נאָךְ אַלץ .	Un der Pojesd steiht noch allz.
ער איז געבּליבּען אין פּאָיעזד זיטצען ,	Er is geblieben in Pojesd sitzen,
און זי איז געבּליבּען אַפ'ן פּלאַצפאָרמע שטעהן ; (bis)	Un sie is geblieben af'n Plazforme steihn; (bis)
און ווי דער פּאָיעזד האָט זיךְ גענוּמען ריהרען ,	Un wie der Pojesd hot sich genummen rihren,
איז זי אַרויס געפאַלען מיט אַ גרויס געוויין :	Is sie arausgefallen mit a greiss Gewein.

—וויין ניט דושינקע, וויין ניט ליובינקע'	—Wein nit, Duschinke, wein nit, Ljubinke'
האבען האב איך דיר ליב!	Hoben hob ich dir lieb!
אף וואסער שטאנציע כ'וועל זיך אפשטעלען,	Af wosser Stanzje 'ch wel sich opstellen,
וועל איך שרייבען צו דיר אפטע בריף!	Wel ich schraiben zu dir ofte Brief!
—פיר יאהר וועסטו דינען,	—Vier Johr westu dienen,
אויפ'ן פינפטען וועסטו ארויס;	Auf'n finften westu araus;
אונ אז דער ליבער גאט וועט אונז העלפען,	Un as der lieber Gott wet uns helfen,
קענסטו נאך מיט א זשערעבע ארויס!	Kennstu noch mit a Źerebe araus!
אויב דו וועסט מיט א זשערעבע ארויס,	Eib du west mit a Żerebe araus,
וועסטו מיר שוין ניט וועלען!	Westu mir schoin nit wellen;
לאמיר אפפאהרען אין א קליין שטעדטעלע,	Lomir opfohren in a klein Städtele,
וועלען מיר ביידע חפה שטעלען!	Welen mir beide Chupe stellen!
—חפה דושינקע, חפה ליובינקע,	—Chupe, Duschinke, Chupe, Ljubinke,
וועט דאך זיין זעהער זיס;	Wet doch sain seiher siss;
אבער וואס וועלען זאגען אונזערע עלטערן,	Ober wos welen sogen unsere Eltern,
אז ס'וועט זיך אויסלאזען זעהער מיאוס!	As 's wet sich auslosen seiher mi's?

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.)

№ 202.

—אך, ניט גוט,	—Ach, nit gut,
איך האב קיין פרייא מוט, 1)	Ich hob kein frai Muth, ¹)
עס געהט מיר ניט איין מיין לעבען:	Es geiht mir nit ain main Leben:
ווי שלעכט איז מיר,	Wie schlecht is mir,
אז מען האט דיר	As men hot dir
פאר א סאלדאט אפגעגעבען!	Far a Soldat opgegeben!
ס' נעמט מיר אן א שרעק,	's nemt mir on a Schreck,
אז מע טרייבט דיר אוועק	As me traibt dir awek
פון מיר אזוי ווייט.	Vun mir asei wait.
טא ווי זאל איך קענען	To wie soll ich kennen
אהן דיר אויסקומען	On dir auskummen
אזא לאנגע צייט?	Asa lange Zait?

1) פרייע מינוט. Fraie Minut.

—איך בעט דיר, מיינ'געטרייע,
דו בלייבסט דאך א פרייע,
דו טוהסט דאך אין דער היים פערבלייבען:
בעט איך ביי דיר,
האב מיטלייד מיט מיר,—
דו זאלסט מיר א בריוועלע שרייבען!
אז איך וועל בלייבען אליין,
וועט מיר ניט איינגעהן
קיין עסען אונ קיין שלאפען;
אונ דו, מיין קרוין.
פערגיס קיין געוויין
אונ טוה אויף מיר האפען!

—אז איך דערמאן זיך דעם גליק,
מיט א פאר יאהר צוריק,
ווי מיר האבען ביידע געלעבט:
ביי מיר אין געצעלט
האט קיין עסען געפעהלט,
אונ איך בין שטענדיג מיט דיר געוועזן זאט.
עס איז אומזיסט
א זעלכענע טרייסט,
די האפנונג, וואס דו האסט מיר פארלייגען:

ס'וואלט געוועזן בעשערט.
וואלט געוואוירען פערקערט—
וואלסט א גרויסען נומער ארויסגעצויגען!

אך; זעה נאר דעם בראך,
אז דער אומגליק יאגט דיר נאך;
אז דו וועסט דיינע יאהרען אויסדינען,—
איך מעג דיר זאגען,
אז כ'וועל דאס ניט אריבערטראגען,
גאט ווייס צי וועסט מיר א געזונטער געפינען!

—פערוואַרף דיינע ליידען,
מיר וועלען נאך האבען פריידען,
אז איך וועל קומען בשלום;
עס פליהען די טעג
גאר אהן א ברעג,
דיא פינף יאהר וועט אוועק ווי א חלום!

—Ich bet dir, main'Getraie,
Du blaibst doch a fraie,
Du thust doch in der-heim verblaiben:
Bet ich bai dir,
Hob Mitleid mit mir,—
Du sollst mir a Briewele schraiben!
As ich wel blaiben allein,
Wet mir nit aingeihn
Kein Essen un kein Schlofen;
Un du, main Krein,
Vergiess kein Gewein
Un thu auf mir hoffen!

—As ich dermohn sich dem Glick,
Mit a Por Johr zurick,
Wie mir hoben beide gelebt:
Bai mir in Gezelt
Hot kein Essen gefehlt,
Un ich bin standig mit dir gewen satt.
Es is umsist
Aselchene Treist,
Die hoffnung, wos du host mir varleigen:

's wollt gewen beschert,
Wollt geworen verkehrt—
Wollst a greissen Nummer arausgezeigen!

Ach, seh nor dem Broch,
As der Umglick jogt dir noch;
As du west daine Johren ausdienen,—
Ich meg dir sogen,
As 'ch wel dos nit aribertrogen,
Gott weiss zi west mir a gesunte gefinen!

—Verwarf daine Leiden,
Mir welen noch hoben Freiden,
As ich wel kummen b'scholem:
Es flihen die Tag
Gor ohn a Breg,
Die finf Johr wet awek wie a Cholem!

אך , מיין לעבען ,
פיעל'ן האט מען אפגעגעבען ,
זיי האבען געהאט דעם אומגליק ;
זיי האבען געלאזען
כלות אין דער היים זיצען
און זיינען געקומען צוריק !
אך , מיין לעבען ,
כ' וועל דיר א קוש געבען ,
און טוה מיר דיין בילד שיינקען !
לאמיר געניסען
דעם קוש דעם זיסען
און איך זאל דיר האבען צו געדיינקען !

—עס איז אראפ
דער קרוין פון מיין קאפ ,
מיין הארץ איז ביי מיר אויסגעשניטען ;
איך בין געבליבען שטעהן
איינע אליין
אין טיפען ים אין מיטען .

Ach, main Leben,
Viel'n hot men opgegeben,
Sei hoben gehat dem Umglick;
Sei hoben gelosen
Kales in der-heim sitzen
Un sainen gekummen zurick!
Ach, main Leben,
'ch wel dir a Kuss geben,
Un thu mir dain Bild scheinken!
Lomir geniessen
Dem Kuss dem sissen
Un ich soll dir hoben zu gedeinken!

—Es is arop
Der Krein vun main Kop,
Main Harz is bai mir ausgeschnitten;
Ich bin geblieben steihn
Eine allein
In tiefen Jam in Mitten.

. . . .

И. І. Глахенгаузъ (Братолюбовка, Херс. губ.).
М. А. Зонъ (старая синява, Подольск. губ.).
Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
Е. Левекштамъ (кол. Львово, Херсонск. губ)

№ 203.

שטעה איך מיר ביי'ן פענסטער , טוה איך מיר דיינקען ,
פאל איך אריין אין אלערליי קריינקען . (bis)

פון אלערליי קריינקען קען א דאקטער היילען ,

די וואונדען פון מיין הארצען קען איך פאר קיינעם ניט דערציילען .
שווארץ בינסטו , שווארץ אט ווי א ציגיינער ,

צעהן ליבעס אויסגעשפילט און געבליבען מיינער !
שווארץ בינסטו , שווארץ ווי א טאטער ,
ווער איז דא שולדיג — מיין מוטער מיט'ן פאטער !

Steih ich mir bai'n Fenster, thu ich mir deinken,
Fall ich arain in allerlei Kreinken. (bis)
Vun allerlei Kreinken kenn a Dokter heilen,
Die Wunden vun main Harzen kenn ich var keinem nit derzeilen.
Schwarz binstu, schwarz ot wie a Zigainer,
Zehn, Liebes ausgespielt un geblieben mainer!
Schwarz binstu, schwarz wie a Toter
Wer is do schuldig—main Mutter mit'n Voter!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 204.

די זוּנְן הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזֶען,
צוּ בֶּעלַייכְטֶען די וֶועלְט, —
אוּנ מִיר וֶוערְט אוּמֶעטִיג אוֹיפְ'ן הַארְצֶען,
דַאנְן זֶעה אִיךְ, וֶוער מִיר פֶעהלְט.

Die Sunn hot sich aropgelosen,
Zu belaichten die Welt,—
Un mir wert umetig auf'n Harzen,
Dann seh ich, wer mir fehlt.

דִיא בֶּערְג מִיט דִיא טְהָאלֶען,
זַיי בֶּעדוֹיעֶרְן אוֹיךְ מִיר, —
מַיינֶע צָרוֹת אוֹיסְצוּשְׁרַייבֶּען
וֶועט נִיט קְלֶעקֶען קַיין פַּאפִּיר.

Die Berg mit die Tholen,
Sei bedauern auch mir,—
Maine Zores auszuschraiben
Wet nit kleken kein Papier.

בְּעֵת אִיךְ בִּין בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעוֶוען,
אִיז מִיר גֶעוֶוען זֶעהֶר גוּט:
שְׁלָאפֶען פְלֶעג אִיךְ מִיר רוּהִיג לֵייגֶען
אוּנ אוֹיפְשְׁטֵעהְן מִיט פְרַיי מוּט.

B'eis ich bin bai maine Eltern gewen,
Is mir gewen seiher gut:
Schlofen fleg ich mir ruhig leigen
Un ufsteihn mit frai Muth.

גְרוֹי אוּנ אַלְט בִּין אִיךְ גֶעוָוארֶען
גָאר אִין אַ קוּרְצֶע צַייט;
מַיינֶע צָרוֹת פוּן מַיין גֶעלִיבְּטֶען
לָאזְט זִיךְ הֶערֶען זֶעהֶער ווַייט.

Grau un alt bin ich geworen
Gor in a kurze Zait;
Maine Zores vun main Geliebten
Lost sich heren gor seiher wait.

אַז אֵיינֶער וָואלְט גֶעקוּמֶען זָאגֶען,
אַז מַיין גֶעלִיבְּטֶער גֶעהְט, —
וָואלְט אִיךְ אַלֶע גַאסֶען
מִיט בְּלוּמֶען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט!

As einer wollt gekummen sogen,
As main Geliebter geiht,—
Wollt ich alle Gassen
Mit Blumen ausgespreit!

אִין טוּרְמֶע בִּין אִיךְ גֶעזֶעסֶען
פִינְף יָאהר נָאךְ אַנ-אַנְד,
כְ'הָאבּ נִיט גֶעשְׁלָאפֶען אוּנ נִיט גֶעגֶעסֶען,
כְ' בֵּיינְק נָאךְ דֶעם וָואס אִיךְ בִּין בֶּעקַאנְט.

In Turme bin ich gesessen
Finf Jor noch anand,
'ch hob nit geschlofen nn nit gegessen,
'ch beink noch dem, wos ich bin bekannt.

שְׁפַּאצִירֶען זַיינֶען מִיר בֵּיידֶע גֶעגַאנְגֶען
אוּנ אַף אַ דְרָאנְסְקֶע גֶעפָאהרֶען, —
צוּ לִיבּ דִיר, מַיין לֶעבֶּען;
הָאבּ אִיךְ מַיין נָאמֶען אָנְגֶעוָוארֶען!

Spazieren sainen mir beide gegangen
Un af a Dronske gefohren,—
Zulieb dir, main Leben;
Hob ich main Nomen ongeworen!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 205.

דִי לְבָנָה שַׁיינְט אִין מִיטֶען דֶערְנַאכְט,
אוּנ פֶּערֶעלֶע זִיצְט בַּיי דֶער טְהִיר;
זִי זִיפְצְט, זִי קְרֶעכְצְט, זִי אִיז שׁוֹין פֶערְטְרַאכְט.

אָי, אַ וֵועהְטָאג אִיז אִיהר!

. . . .

Die Lwone schaint in Miten der Nacht,
Un Perele sitzt bai der Thir;
Sie sifzt, sie krechzt, sie is schoin vertracht,

Oi, a Weihtog is ihr!

. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Газенпотъ, Курляндск. губ).

№ 206.

וואס וועסטו זיך דערווייטערן אין אזא ווייטער וועג?
איך וועל געהן אין אלע גאסען
אונ בעסער זיך אננעמען גרעט צו וואסען, —

נאר מיט דיר אין-איינעם צו זיין,
נאר מיט דיר צוזאמען צו זיין!

וואס וועסטו, ליבינקע, טאהן מיט דיינע שווארצע גרעט?
איך מוז שוין פארקויפען די אלטע באלייע,
ווייל איך זעה: איך האב ביא דיר גאר קיין דעה,
די לעצטע לופעטקעס, די לעצטע קלייד'ל מיין, —

מיט דיר, נאר מיט דיר אין-איינעם צו זיין!

וואס וועסטו, ליבער, טאהן מיט דיינע אלטע גרעט?
איך וועל פארקויפען די לעצטע ספאדניצקע,
אונ וועל דיר קויפען א נייע וואטאווניצקע, —

נאר מיט דיר אין-איינעם צו זיין!
נאר מיט דיר צוזאמען צו זיין!

וואס וועסטו עסען אויף אזא ווייטע וועג?
איך וועל פארקויפען מיין אלטען פוטער
אונ האלטען פאר דיר אנגעגרייט ברויט מיט פוטער, —
נאר מיט דיר אין-איינעם צו זיין,
נאר מיט דיר צו זאמען צו זיין!

ווי וועסטו שלאפען אין אזא ווייטע וועג?
מיין קישען וועל איך פארקויפען, נור קום דאמאי,
איך וועל אליין שלאפען אויפ'ן הילען שטרוי, —

נאר מיט דיר אין איינעם צו זיין,
נאר מיט דיר צו זאמען צו זיין!

Wos westu sich derwaitern in asa waite Weg?
Ich wel geihn in alle Gassen
Un besser sich onnehmen Gret zu wassen,—
Nor mit dir in-einem zu sain,
Nor mit dit zusammen zu sain!

Wos westu, liebinker, thon mit daine schwarze Gret?
Ich mus schoin varkeifen die alte Baleie,
Wail ich seh: ich hob bai dir gor kein Deie,
Die Letzte Lupetkes, die letzte Kleid'l main,—
Mit dir, nor mit dir in-einem zu sain!

Wos westu, lieber, thon mit daine alte Gret?
Ich wel varkeifen die lezte Spodnizke,
Un wel dir keifen a naie Watownizke,—
Nor mit dir in-einem zu sain!
Nor mit dir zusammen zu sain!

Wos westu essen auf asa waite Weg?
Ich wel varkeifen main alten Futter
Un halten far dir ongegreit Breit mit Putter,—
Nor mit dir in-einem zu sain,
Nor mit dir zusammen zu sain!

Wie westu schlofen in asa waite Weg?
Main Kischen wel ich varkeifen, nor kumm domoi,
Ich wel allein schlofen auf'n heilen Stroih,—
Nor mir dir in-einem zu sain,
Nor mit dir zusammen zu sain!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ. (Ковенск. губ.).

№ 207.

אין דרויסען, מאמע, געהט א רעגען,
ביי מיר אין שטוב איז זיך טרוקען;
וואו-זשע נעהם איך מיין געליבטען,
אז איך זאל מיך מיט זיינע רייד דערקוויקען?

אי וועה, אי וועה מאמע מיינע,
עס איז שוין פארפאלען, אי, אלסדינג;
אי, וועה, מאמע, מאמע מיינע,
צו געבונדען בין איך מיט א שטריק!

מיט איין שטריק, מאמע, בין איך געבונדען,
ראנגלען קען איך מיך שוין ניט;
אי וועה, מאמע, עס איז שוין פארפאלען;
צוריק האפען קען איך שוין ניט!

די לבנה שיינט, זי שיינט, זי שיינט,

זי שיינט ארום איהרע שטערן;
און די זאנע לעשט דאס ליכט;
בכדי די וועלט זאל פינסטער ווערן.

מיר איז פינסטער, מאמע מיינע,
איך האב זיך איהם אמת ליעב;
שווערען שווער איך דיך מאמע מיינע,
אז געדיינקען וועל איך איהם ביז אין גרוב!

מיין וועלט, מאמע, איז מיר שוין נמאס,
איך קאנן אן איהם ניט פארגעססען;
דו זעהסט דאך, מאמע, אי, אליין,
אז איך קאנן ניט טרינקען אונד עססען!

מיין קאפף, מאמע, איז מיר דערשלאגען,
איך וועל זיך אראפ פון מיינע געדאנקען;
איין גרויסען וועהטאג האב איך, מאמע,
וואס איך קענן איהם נישט דערלאנגען.

איין גרויסען וועהטאג האב איך, מאמע,
וואס איך קענן איהם פאר קיינעם, ניט דערציילען;
וואו-זשע נעהם איך, אי, א דאקטער,
אז ער זאל מיר מיינע וואונדען אויסהיילען!

In draussen, Mame, geiht a Regen,
Bai mir in Stub is sich trucken;
Wu-że nehm ich main Geliebten,
As ich soll mich mit saine Reid derquicken?

Oi weih, oi weih, Mame maine,
Es is schoin varfallen, oi, alls-ding;
Oi weih, Mame, Mame maine,
Zugebunden bin ich mit a Strick!

Mit ain Strick, Mame, bin ich gebunden,
Ranglen kenn ich mich schoin nit;
Oi weih, Mame, es is schoin varfallen;
Zurick chapen kenn ich schoin nit!

Die Lwone schaint, sie schaint, sie schaint,
Sie schaint arum ihre Stern;
Un die Sonne lescht dos Licht,
Bichdei die Welt soll finster wern.

Mir is finster, Mame maine,
Ich hob sich ihm emes lieb;
Schweren schwer ich dir, Mame maine,
As gedeinken wel ich ihm bis in Grub!

Main Welt, Mame, is mir schoin nim'es,
Ich konn on ihm nit vargessen;
Du sehst doch, Mame, oi, allein,
As ich konn nit trinken und essen!

Main kop, Mame, is mir derschlogen,
Ich wel sich arop vun maine Gedanken;
Ain greissen Weihtog hob ich, Mame,
Wos ich kenn ihm nit derlangen.

Ain greissen Weihtog hob ich, Mame,
Wos ich kenn ihm var keinem nit derzeilen;
Wu-że nehm ich, oi, a Dokter,
As er soll mir maine Wunden ausheilen!

А. И. Богомольный (Тульчинъ, Подольск. губ.)

№ 208.

וואו איז דאס בחור'ל,
וואס האט מיך געוואלט,
וואס האט מיר צוגעזאגט
א פאציילע מיט גאלד?
דארטען שטעהט ער. אונטער דער וואנד,
האלט די פאציילע אין דער האנד!

Wu is dos Bochur'l,
Wos hot mich gewollt,
Wos hot mir zugesogt
A Fazeile mit Gold?
Dorten steiht er, unter der Wand,
Halt die Fazeile in der Hand,

Л. Гросгликъ (Варшава.)

№ 209.

מענטשען טוהען זאגען,
אונ מיין הארץ טוהט אין מיר קלעמען;
אך, ווינד איז מיר אונ וועה, —
דו האסט מיר צוגעזאגט צו נעמען!
דו בינסט געוועזן מיין פערגעניגען,
מיין גאנצער גליק;
דו בינסט פון מיר אוועק
אין איין אויגענבליק!

Mentschen thuen sogen,
Un main Harz thut in mir klemmen;
Ach, wind is mir un weih,—
Du host mir zugesogt zu nehmen!
Du binst gewen main Vergenigen,
Main ganzer Glick;
Du binst vun mir awek
In ein Augenblick!

אויף דעם ארט וואו איך געה,
פון מיינע אויגען טרעהרען רינען:
אך, ווינד איז מיר אונ וועה, —
אויף דעם ארט פלעגען מיר זיך געפינען!
דו בינסט געוועזן מיין פערגעניגען
א. ז. וו.

Auf dem Ort wu ich geih,
Vun maine Eigen Thrären rinnen;
Ach, wind is mir un weih,—
Auf dem Ort flegen mir sich gefinen!
Du binst gewen main Vergenigen etc.

אויף דעם ארט וואו איך געה,
פון מיינע אויגען טרעהרען גיסען:
אך, ווינד איז מיר אונ וועה, —
אויף דעם ארט פלעגען מיר זיך קיסען!
דו בינסט געוועזן מיין פערגעניגען,
מיין גאנצער גליק;
דו בינסט פון מיר אוועק
אונ קומסט שוין ניט צוריק!

Auf dem Ort wu ich geih,
Vun maine Eigen Thrären giessen:
Ach, wind is mir un weih,—
Auf dem Ort flegen mir sich Kissen!
Du binst gewen main Vergenigen,
Main ganzer Glick;
Du binst vun mir awek
Un kummst schoin nit zurick!

В. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.)

№ 210.

שטעה איך מיר ביי'ם ברעג טייך
אונ כען צו דיר ניט קומען. (bis)
דו מיט דיינע זיסע רייד
bis { האסט מיר מיין לעבען צוגענומען.

Steih ich mir bai'm Breg Taich
Un kenn zu dir nit kummen. (bis)
Du mit daine sisse Reid (
Host mir main Leben zuge- (bis
nummen. (

מַיינֶע פִינְגֶער וֶועלֶען וֶוערֶען פֶעדֶער,
און מַיינֶע לִיפֶּען אִיז בְּלַאס וִוי פַּאפִּיר. (bis)

פון מַיינֶע אויגֶען מִיט מַיינֶע טְרֶערֶען
וֶועל אִיךְ שְׁרַייבֶּען לִיבֶּע—בְּרִיף צו דִיר. bis

מַיין הַאַרְץ, מַיין הַאַרְץ צִיהְט צו דִיר,
אַזוֹי וִוי מַאגְנֶעט צִיהְט צו שְׁטָאל. (bis)
און וֶוער עֶס הויבְּט אָן אַ לִיבֶּע
צו שְׁפִּילֶען,
דאַרְף זֶעהֶן, סְ' זָאל זַיין אויף
אַלֶע מָאל. bis

מַיינֶע אויגֶען טוּהְט מִיר נִיט טְרִיקֶענֶען,
און פון שְׁמֶערְצֶען אִיז שוֹין מַיין מֹחַ דַאר. (bis)

וֶוער עֶס הויבְּט אָן אַלִיבֶּע צו שְׁפִּילֶען,
דַארְף דָאךְ נִיט זַיין קֵיין נַארְר. bis

וָואס טוּהְסְטוּ מִיר אָן אַזֶעלְכֶע שְׁמֶערְצֶען,

אַךְ, שְׁמֶערְצֶען און פַּיין? (bis)
און דִי שֶענְסְטֶע לִיבֶּע, וָואס מֶען
שְׁפִּילְט,
דַארְף מֶען זֶעהֶן, וָואס דֶער
סוֹף וֶועט זַיין. bis

דו ווִילְסְט מִיט מִיר אִין אַמֶעריִקא פָאהְרֶען,
וַוייל דו ווייסְט, אַז אִיךְ הָאבּ נִיט קֵיין גֶעלְט. (bis)

דו ווִילְסְט מַאכֶען אַ סוֹף פון מַיינֶע יוּנְגֶע
יָאהְרֶען,
צו לִיבּ דִיר הָאבּ אִיךְ פַאר שְׁפִּילְט
מַיין וֶועלְט! bis

אַדְיֶע, אַדְיֶע, מַיין לִיבֶּע דוּשֶׁע:
כְ' פָאהְר דָאךְ שוֹין פון דִיר אַוֶועק! (bis)

כְ' נֶעהְם זִיךְ דֶערְמָאנֶען, אַז
כְ' דַארְף זִיךְ שֵׁיידֶען,
נֶעהְמְט מִיךְ אָן אַ יָאמֶער מִיט
אַ שְׁרֶעק! bis

Maine Finger welen weren Feder,
Un maine Lippen is blass wie Papier. (bis)

Vun maine Eigen mit maine Thränen
Wel ich schraiben Liebe-brief zu dir. bis

Main Harz, main Harz zieht zu dir,
Asei wie Magnet zieht zu Stohl. (bis)
Un wer es heibt on a Liebe zu spielen,
Darf sehn, 's soll sain auf alle mol. bis

Maine Eigen thut mir nit trickenen,
Un vun Schmerzen is schoin main Meiach darr. (bis)
Wer es heibt on a Liebe zu spielen,
Darf doch nit sain kein Narr. bis

Wos thustu mir on aselche Schmerzen,
Ach, Schmerzen un Pain? (bis)
Un die schenste Liebe, wos men spielt,
Darf men sehn, wos der ssof wet sain. bis

Du willst mit mir in Amerika fohren,
Wail du weisst, as ich hob nit kein Geld. (bis)
Du willst machen a Ssof vun maine junge Johren,
Zulieb dir hob ich varspielt main Welt! bis

Adje, adje, main liebe Dnsche,
'ch fohr doch schoin vun dir awek! (bis

'ch nehm sich dermohnen, as 'ch darf sich scheiden,
Nehmt mich on a Jommer mit a Schreck! bis

№ 211.

איך האב מיר פאר ליבט אין א שוסטער-אינגעלע ,	Ich hob mir varliebt in a Schuster-jingele,
אליין איז ער פון ווין ;	Allein is er vun Wien;
ער איז געפאהרען צו זיינע עלטערן	Er is gefohren zu saine Eltern
זעהן וואס , זיי טהון .	Sehn, wos sei thyn.
זיצט ער זיך ביי זיין װארשטאט׳ל	Sitzt er sich bai sain Warstat'l
אונ ס׳ טהוט איהם הערצליך באנק ;	Un 's thut ihm herzlich bang;
הערט ער פלוצלונג א שלעכטע בשורה ,	Hert er plutzlung a schlechte Bsure,
אז זיין זיס לעבען איז איהם קראנק .	As sain siss-Leben is ihm krank.
געהט ער ארויס אויפ׳ן פאדוואר	Geiht er araus auf'n Podwor
די שטעדטעלע אויסזעהן ;	Die Städtele aussehn;
פליהט אדורך א שיינער פויגעל	Flieht adurch a scheine Veigel
אונ טהוט זיין הארץ ערפרעהען .	Un thut sain Harz erfreien.
נישט אזוי דער שיינער פויגעל ,	Nischt asei der scheiner Veigel,
ווי זיין הויך פליהען ;	Wie sain heich fliehen;
אונ װארפט איהם אראפ א בריוועלע :	Un warft ihm arop a Briewele:
אין שול-גן-עדן זאל זי רוהען .	In Schul-Gan-eid'n soll sie ryhen.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 212.

וואס געהסטו ארום פאר מיינע פענסטער ,	Wos geihstu arum var maine Fenster,
דו מיינסט-איך וועל ארויסקוקען צו דיר ?	Du meinst,—ich wel arauskucken zu dir?
דו מיינסט , אז איך בין דאך די שענסטע ,—	Du meinst, as ich bin doch die schenste,—
אי , געוואלד , וואס ליעבסטו זיך אין מיר !	Oi, gwald, wos liebstu sich in mir!
וואס געהסטו ארום פאר מיינע טהירען ,	Wos geihstu arum var maine Thiren,—
דו מיינסט , — איך וועל ארויסקומען צו דיר ?	Du meinst,—ich wel arauskummen zu dir?

. . . .

г-жа Б. Іоффе (Минск. губ.).

№ 213.

איך וועל אייך זינגען א ליעד ,	Ich wel aich singen a Lied,
וואס איך האב זיך באדאכט פון שלאף ;	Wos ich hob sich badacht vun Schlof;
איך וועל אייך גאנץ ריכטיג ערציילען	Ich wel aich ganz richtig erzeilen
פון א פאלשע ליבע דעם סוף :	Vun a falsche Liebe dem Ssof:

איך האב זיך פארליעבט אין א מענשען ,
וואס איז עם גאנץ ווייט צו געפינען ;
אונ ווי ער פלעגט אוועק געהן פון מיר ,
אזוי פלעגט ער האלטען איין צווייטע
אין זינען .

Ich hob sich varliebt in a Menschen,
Wos is ehm ganz wait zu gefinen;
Un wie er flegt awekgeihn vun mir,
Asei flegt er halten ain zweiter in
Sinnen.

איך פערגין איהר מיט'ן גאנצען הערצען ,
זי זאל דעם פאלשען יונג דערקענען :
ווי זי וועט קריגען פון עם א זינען ,
אזוי וועט איהר די ליבע טהאן ברענען .

Ich verginn ihr mit'n ganzen Herzen,
Sie soll dem falschen Jung der kennen:
Wie sie wet kriegen vun ehm a Sinnen,
Asei wet ihr die Liebe thon brennen.

ער האט מיר צוגעזאגט צו קויפען
פרעזענטען ,
אבער עס איז אלעס אוועק ווי אהן
א ווירד ;
עס איז געקומען א מערדער , א בעטריגער
אונ האט מיר פון וועג אראפ געפיהרט .

Er hot mir zugesogt zu keifen
Präsenten,
Oberes is alles awek wie ohn a Wird;

Es is gekummen a Merder, a Betriger
Un hot mir vun Weg aropgeführt.

ער האט גענומען מיין האנד
אונ האט מיר גאנץ היילינ צוגעשוואָרען ,
ער האט געזאגט-עס קען אנדערש ניט זיין ,
אז מיר מוזען פערבלייבען אויף אייביגע
יאהרען .

Er hot genummen main Hand
Un hot mir ganz heilig zugeschworen,
Er hot gesogt-es kenn anders nit sain,
As mir musen verblaiben auf eibige
Johren.

М. З. Левинъ (Новоалександровскъ, Ковенск. губ.).

№ 214.

—וואס געהסטו מיר ארום אזוי פארומערט ,
וואס געהסטו מיר אויס ווי א ליכט ?
אונ וואו איז אהינגעקומען
דיין שיינעס , דיין ליבעס געזיכט ? 1)

—Wos geihstu mir arum asei varumert,
Wos geihstu mir aus wie a Licht?
Un wu is ahingekummen
Dain scheines, dain liebes Gesicht? [1])

געה-זשע , מיין לעבען , צום דאקטער ,
דערציייל איהם , וואס דיר פעהלט , —
מעדיצין וועט ער דיר געבען ,
אונ פארפינסטער דו מיר ניט די וועלט !

Geih-że, main Leben, zum Dokter,
Derzeil ihm, wos dir fehlt,—
Medizin wet er dir geben,
Un varfinster du mir nit die Welt!

עס עפענט זיך אללע קוועלען ,
איהרע אויגען פארלאפען מיט בלוט ,
אונ זי איז אין אונמאכט געפאלען
אונ שרייט : ניט גוט , ניט גוט !

Es effent sich alle Quallen,
Ihre Eigen varlofen mit Blut,
Un sie is in Unmacht gefallen
Un schrait: Nit gut, nit gut!

Варіантъ:

1) וואס האסטו דיין פריי מוטה פארלארען ,
וואס געהסטו אויס ווי אליכט ?
וואס איז מיט דיר געווארען ,
וואו איז דיין שיינע געזיכט ?

Wos hostu dain frai Muth varloren,
Wos geihctu aus wie a Licht?
Wos is mit dir geworen,
Wu is dain scheine Gesicht?

—אַךְ, מוּטֶער, וָואס קֶענְן אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילֶען,
וָואס אִיךְ וַויין אוּנ קְלָאג אָהְן אַ שִׁיעוּר!
קֵיין דָאקְטֶער קֶען מִיר שׁוֹין נִיט הֵיילֶען,
קֵיין מֶעדִיצִין אִיז נִיטָא פַאר מִיר!

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְלִיבְּט אִין אַ מֶערְדֶער,
עֶר הָאט מִיר מַיין קֶערְפֶּער גֶערוֹיבְּט,
עֶר הָאט מִיר גֶערוֹיבְּט מַיין קֶערְפֶּער,
עֶר הָאט גֶערוֹיבְּט מַיין עֶהְרֶע, מַיין גְלִיק!

אִין דֶעם גָארְטֶען וְואוּ דִי רוֹיזֶען אוּנ בְּלוּמֶען,

דָארְטֶען הָאבּ אִיךְ זִיךְ וִוי אַ חָלוֹם אוֹיסְגֶעדַאכְט,

אוּנ דָארְטֶען אִיז מַיין אוּנְגְלִיק גֶעקוּמֶען
אוּנ לַייטֶען צוּ רֵייד גֶעבְּרַאכְט!

אַ קְלֵייד הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאגֶען,
עֶס וַואר נָאר צֶעהְן אֵיילֶען דִי בְּרֵייט;
קֵיין גוּטֶעס זָאל דֶער מֶענְשׁ נִיט הָאבֶּען,
וֶוער עֶס הָאט מִיר מַיין לִיבֶּע צוּ שֵׁיידְט!

אַ קְלֵייד הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאגֶען,
עֶס וַואר נוּר דִי פֶּעלְכֶען (?) גֶעצוֹיגֶען;
אַז אִיךְ אָן מַיין לִיבֶּע דֶער מָאהְן מִיר,
טְרִיקֶענְט אִין מִיר מַיינֶע אוֹיגֶען.

עֶס צִיהְט מִיר צוּ דִיר אַזוֹי, מַיין לֶעבֶּען,
אַזוֹי וִוי אַ מַאגְנֶעט צוּ אַייזֶען;
עֶס אִיז מִיר פַארְפִינְסְטֶערְט מַיין פַּארְשׁוֹין,
אַז אִיךְ קֶען מִיר פַאר קֵיינֶעם נִיט וַוייזֶען!

—Ach, Mutter, wos kenn ich dir derzeilen,
Wos ich wein un klog ohn a Schi'r!
Kein Dokter kenn mir schoin nit heilen,
Kein Medizin is nito far mir!

Ich hob sich varliebt in a Merder,
Er hot mir main Kerper geraubt,
Er hot mir geraubt main Kerper,
Er hot mir geraubt main Ehre, main Glick!

In dem Gorten, wu die Reisen nn Blumen,
Dortn hob ich sich wie a Cholem ausgedacht,
Un dortn is main Unglick gekummen
Un Laiten zu Reid gebracht!

A Kleid hob ich getrogen,
Es war nor zehn Eilen die Breit;
Kein Gutes soll der Mensch nit hoben,
Wer es hot mir main Liebe zuscheidt!

A Kleid hob ich getrogen,
Es war nur die Felchen (?) gezeigen;
As ich on main Liebe dermohn mir,
Trickent in mir maine Eigen.

Es zieht mir zu dir asei, main Leben,
Asei, wie a Magnet zu Aisen;
Es is mir varfinstert main Parschein,
As ich kenn mir var keinem nit waisen!

г-жа А Гофштейнъ (Свенцяны, Виленск губ.).
М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 215.

עֶר קוּמְט צוּ מִיר צוּ גֶעהְן,
מִיטְ'ן שְׁטֶעקֶעלֶע אִין הַאנְד;
עֶר גֶעהְט אַוֶועק צוּ אַ-נְ-אַנְדֶערֶע, } bis
ס' אִיז פַאר מִיר אַ שַׁאנְד! } bis

עֶר קוּמְט צוּמִיר צוּ גֶעהְן,
גִיט עֶר מִיר אַ פָּאר הַאנְדְשֶׁען;
עֶר גֶעהְט אַוֶועק צוּ אַ-נְאַנְדֶערֶע, } bis
גֶעהְט עֶר מִיט אִיהְר טַאנְצֶען. } bis

Er kummt zu mir zugeihn,
Mit'n Steckele in Hand;
Er geiht awek zu a-n-andere, } bis
's is far mir a Schand! } bis

Er kummt zu mir zn geihn,
Git er mir a Por Handscheu;
Er geiht awek zu-n-andere, } bis
Geiht er mit ihr tanzen. } bis

עֶר קוּמְט צוּ מִיר צוּ גֵעהְן	Er kummt zu mir zugeihn	
אוּנ קוּסְט מִיר אוּיס מַיינֶע גְלִידֶער ;	Un kusst mir aus maine Glieder;	
עֶר גֵעהְט אַוֶועק צוּ אַ-נְ-אַנְדֶערֶע,	Er geiht awek zu a-n-andere,	bis
מַאכְט עֶר פוּן מִיר אַ גֶעשְׁלִידֶער.	Macht er vun mir a Geschlider.	bis
עֶר קוּמְט צוּ מִיר צוּ גֵעהְן	Er kummt zu mir zugeihn	
אוּנ זָאגְט מִיר אַ סוֹד אוֹיפְ'ן אֵייוֶוער ;	Un sogt mir a Ssod auf'n Eiwer;	
עֶר גֵעהְט אַוֶועק צוּ אַ-נְ-אַנְדֶערֶע,	Er geiht awek zu a-n-andere,	bis
גְרָאבְּט עֶר פַאר מִיר אַ קֶבֶר.	Grobt er far mir a Keiwer.	bis
אַלִיבֶּע צוּ שְׁפִּילֶען	A Liebe zu spielen	
אִיז אוֹיךְ נִיט קֵיין עַוְלָה'ַריי,	Is auch nit kein Awlerai,	
וֶוען אִיז דָאס גֶערֶעדְט?	Wenn is dos geredt?	bis
מִיט אֵיינֶער, נִיט מִיט דְרַיי!	Mit einer, nit mit drai!	bis
אַ לִיבֶּע צוּ שְׁפִּילֶען	A Liebe zu spielen	
דַארְף מֶען וִויסֶען וֶוענְן ;	Darf men wissen wenn;	
וֶוענְן אִיז דָאס גֶערֶעדְט?	Wenn is dos geredt?	bis
מִיט אֵיינֶער, נִיט מִיט צֶעהְן!	Mit einer, nit mit zehn!	bis

Б. М. Каесель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 216.

אַ לִיבֶּע אִיז גוּט צוּ שְׁפִּילֶען, —	A Liebe is gut zu spielen,—
דָאס אִיז נִיט קֵיין נַארֶעַריי ;	Dos is nit kein Narrerai;
וֶוען אִיז דָאס גֶערֶעדְט גֶעוָוארֶען?	Wenn is dos geredt geworen?
מִיט אֵיינֶער, נִיט מִיט דְרַיי!	Mit einer, nit mit drai!
קוּמְט צוּ גֵעהְן צוּ מִיר,	Kummt zugeihn zu mir,
קוּסְט מִיר אוּיס מַיינֶע גְלִידֶער ;	Kusst mir aus maine Glieder;
עֶר גֵעהְט אַוֶועקְ'ט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער	Er geiht awek't zu der anderer
אוּנ שְׁרַייבְּט פוּן מִיר לִידֶער.	Un schraibt vun mir Lieder.
עֶר קוּמְט צוּ גֵעהְן צוּ מִיר,	Er kummt zugeihn zu mir,
אוּנ זָאגְט: אִיךְ וֶועל דִיךְ נֶעהְמֶען ;	Un sogt: ich wel dich nehmen;
גֵעהְט אַוֶועק צוּ דֶער אַנְדֶערֶער	Geiht awek zu der anderer
אוּנ שְׁרַייבְּט פוּן מִיר נָאמֶען.	Un schraibt vun mir Nämen.
קוּמְט צוּ גֵעהְן צוּ מִיר,	Kummt zugeihn zu mir,
זָאגְט: אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ ;	Sogt: ich hob dich lieb;
גֵעהְט אַוֶועק צוּ דֶער אַנְדֶערֶער	Geiht awek zu der anderer
אוּנ גְרָאבְּט אוֹיף מִיר אַ גְרוּבּ.	Un grobt auf mir a Gryb.

סְקוּטְשְׁנָא , דָאסַאדְנָא ,	Skutschno, dossadno,
יַא פָּא אוּלִיצָע נְיָע אִידוּ ;	Ja po Ulize nje idu;
אָן , פָּאדְלֶיעץ, נְיָע זְנַאיֶעט ,	On, Podljez, nje snajet,
טְשְׁטָא יַא יֶעוָא לְיוּבְּלְיוּ !	Tschto ja jewo ljublju!
דִי הִימְמֶעל אוּנ שְׁטָערְן	Die Himmel un Steren
נֶעהְמֶען אָן מַיינֶע טְרֶעהְרֶען ,	Nehmen on maine Thrären,
אוּנ מַיין גֶעוַויין	Un main Gewein
גֵעהְט צוּ גָאט אַלֵיין !	Geiht zu Gott allein!
אִיךְ בִּין גֶענַאנְגֶען מִיט אִיהְם שְׁפַּאצִירֶען	Ich bin gegangen mit ihm spazieren
אַרוּם וַוייץ אוּנ אַרוּם קָארְן ;	Arum Weiz un arum Korn;
אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ טַייעֶרְן שְׁטִיק	Ich hob gehat a thaiern Stick
אוּנ אִיךְ הָאבּ אִיהְם פֶערְלָארֶען !	Un ich hob ihm verloren!

А. Рейзинъ (Минск. губ.)

№ 217.

דִי שֵׁיינֶע רוֹיז אִין גָארְטֶען ,	Die scheine Reis in Gorten,
דֶער רֶעגֶעלֶע שְׁפְּרִיצְט אוֹיף אִיהְר ;	Der Regele spritzt auf ihr;
ווִי דֶער רֶעגֶעלֶע הֶערְט אוֹיף ,	Wie der Regele hert auf,
אַזוֹי בְּלַייבְּט זִי אָהְן קָאלִיר .	Asei blaibt sie ohn Kolir.
אַז אָךְ אוּנ וֵועה אוּנ ווִינְד	As och un weih un wind
אִיז צוּ מִיר אוּנ צוּ מַיינֶע יָאהְרֶען :	Is zu mir un zu maine Johren:
מַיין גֶעלִיבְּטֶער פוּן מַיין הַארְצֶען	Main Geliebter vun main Harzen
אִיז אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען !	Is awekgefohren!
אַז אָךְ אוּנ וַועה אוּנ ווִינְד	As och un weih un wind
אִיז צוּ מִיר אוּנ צוּ מִיר :	Is zu mir un zu mir:
מַיין גֶעלִיבְּטֶער אִיז נִיטָא ,	Main Geliebter is nito,
דָא בְּלַייבּ אִיךְ אָהְן קָאלִיר !	Do blaib ich ohn Kolir!
אַרִיבֶּער הַאלְז אִין וַואסֶער	Ariber Hals in Wasser
הָאבּ אִיךְ גֶעטָהאן שְׁווִימֶען ,	Hob ich gethon schwimmen,
גֶעשְׁוואוּמֶען ווִי אַ פִישׁ , —	Geschwummen, wie a Fisch,—
צוּ זֶעהֶען , וְואוּ עֶר אִיז .	Zu sehen, wu er is.
אַרִיבֶּער הַאלְז אִין וַואסֶער	Ariber Hals in Wasser
הָאבּ אִיךְ גֶעטְהָאן שְׁווִימֶען , —	Hob ich gethon schwimmen,—
צוּ זֶעהֶען מַיין גֶעלִיבְּטֶען ,	Zu sehen main Geliebten,
צִי וֶועט עֶר גִיכֶער קוּמְמֶען .	Zi wet er gicher kymmen.
אִיךְ עֶס אוּנ אִיךְ טְרִינְק , —	Ich ess un ich trink,—
עֶס גֵעהְט מִיר נִיט אַיין ,	Es geiht mir nit ain,
מַיין גֶעלִיבְּטֶער אִיז שׁוֹין דָא ,	Main Geliebter is schoin do,
אִיךְ קֶענְן מִיט אִיהְם נִיט זַיין !	Un ich kenn mit ihm nit sain!

דו זאָגסט ,— דו האָסט מיך ליעב ,
דו גיסט מיר אַ האַנד ,—
דו געהסט אַוועק צו אַ-אַנדערער ,
דו מאַכסט אויף מיר אַשאַנד !

Du sogst, —du host mich lieb,
Du gist mir a Hand,—
Du geihst awek zu a-n-anderer,
Du machst auf mir a Schand!

א ליעבע צו פיהרען
איז דאָך אָי וועה , —
אָבער מיט איינער ,
און ניט מיט צוויי !

A Liebe zu fihren
Is doch oi weih,—
Ober mit einer,
Un nit mit zwei!

א ליעבע צו פיהרען
איז דאָך כּדאי , —
אָבער מיט איינער ,
און ניט מיט דריי !

A Liebe zu fihren
Is doch kdai,—
Ober mit einer,
Un nit mit drai!

Ш. Финкельштейнъ (Жлобинъ, Могилевск губ.).

№ 218.

איין בחור ליבט איין מיידל ,
ער ליבט זי זעהער וויל ;
ער רופט זי „קעצל״ „טייבל״ ,
זי זאָל שוין זיין פאר איהם .

Ain Bochur liebt a Meid'l,
Er liebt sie seiher weihl;
Er ruft sie „Kätz'l“, „Taib'l“,
Sie soll schoin sain far ihm.

צו דער צווייטער מיידל טהוט ער זאָגען :
„מיידעלע קום אַהער !״—
אַ בחור זאָלסטו גלויבען
פון דאַנען ביז אַהער !

Zu der zweiter Meid'l thut er sogen:
„Meidele, kumm aher!“—
A Bochur sollstu gleiben
Vun dannen bis aher!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 219.

די יאָהרעלעך ציהען , די יאָהרעלעך פליהען ,
די צייט געהט אַוועק וויא רויך ;
אַז איך דערמאָהן זיך אָן דיר , מיין זיס לעבען ,
געהט מיר אויס מיין כּח ! 1)

Die Johrelech ziehen, die Johrelech fliehen,
Die Zait geiht awek wie a Reich;
As ich dermohn sich on dir, main siss-Leben,
Geiht mir aus main Keiach! [1]

אָי די כּהעלעך געהען מיר אויס ,
איך קען זיי אין זיך ניט דערפילען ;
אַ צעהנטע מיידעלע וועל איך פאַרזאָגען ,
אַז זי זאָל קיין ליבע ניט שפּילען !

Oi, die Keichelech geihen mir aus,
Ich kenn sei in sich nit derfihlen;
A zehnte Meidele wil ich varsogen,
As sie soll kein Liebe nit spielen!

---

[1] Иногда за этимъ куплетомъ поется слѣдующій:

מיינע צרות אויס צו דערציילען
איז דאָך ניטאָ קיין שיעור ;
מיינע צרות , אָי , אויסצושרייבען
איז דאָך ניטאָ קיין פּאַפּיר !

Maine Zores auszuderzeilen
Is doch nito kein Schi'r;
Maine Zores, oi, auszuschraiben
Is doch nito kein Papier!

אז א מיידעלע 1) שפילט א ליבע,	As a Meidele ¹) spielt a Liebe,
שפילען אין איהר 2) אלע פארבען;	Spielen in ihr ²) alle Farben;
און אז זי 3) שפילט ניט אויס די ליבע,	Un as sie ³) spielt nit aus die Liebe,
מוז זיא א יונגע שטארבען. 4)	Mus sie a junge starben. ⁴)
— שטארב ניט, שטארב ניט דושע, מיין לעבען,	—Starb nit, starb nit, Dusche main Leben,
עס וועט פון דיר נעמען אן-עק;	Es wet vun dir nehmen a-n-Eck;
אדיע, אדיע, דושע מיין לעבען,	Adje, adje, Dusche, main Leben,
איך פאהר שוין פון דיר אוועק!	Ich vohr schoin vun dir awek!
אויף וויפיל חתנות איך בין געוועזען,	Auf wieviel Chassenes ich bin gewesen,
האב איך געזעהן, ארם און רייך;	Hob ich gesehn, orm un raich;
עס מעג זיין די שענסטע די בעסטע ליבע,	Es meg sain die schenste Liebe,
לאזט זי זיך אויס א טייך! 5)	Lost sie sich aus a Taich! ⁵)
אי, די טייכעלעך טריקנען אויס,	Oi, die Taichelech tricknen aus,
די גריבעלעך בלייבען ליידיג;	Die Gribelech blaiben leidig;
און אז ס'טרעפט זיך אף א מייד'ל א אומגליק,	Un as 's trefft sich af a Meid'l a Umglick,
בלייבט דער שם אף אייביג! 6)	Blaibt der Schem af eibig! ⁶)

М З Левинъ (Витебск. губ.).
I. Я. Раввинскій (Годячъ, Полтавск. губ.)
А. Рейзинъ (Минск губ.)

---

1) בחור	Bochur
2) עהם	ehm
3) ער	er
4) יונגער־הייט מוז ער דאך שטארבען.	Junger-heit mus er starben.
5) פון דער שענסטער, בעסטער ליבע	Vun der schenster, bester Liebe
לאזט זיך דאך אויס איין טייך.	Lost sich doch aus ain Taich.
6) און אז ס'לאזט זיך אויס די טייך,	Un as 's lost sich aus die Taich,
בלייבט דאך א ליידיגע גרוב;	Blaibt doch a leidige Grub;
ווענן דו קומסט מיר אויף מיין געדאנקען,	Wenn du kummst mir auf main Gedanken,
ווערט מיר פינסטער מיין שטוב.	Wert mir finster in Stub.
איך בין געגאנגען מיט איהר שפאצירען	Ich bin gegangen mit ihr spazieren
אויפ'ן גרינעם גראז;	Auf'n grinem Gros;
זי האט אויף מיר איין אום־חן געווארפען, —	Sie hot auf mir ain Um-chein geworfen,—
איך ווייס ניט, פאר ווען און פאר וואס.	Ich weiss nit, far wenn un far wos.
איך בין מיט איהר געגאנגען שפאצירען	Ich bin mit ihr gegangen spazieren
אויף ווייץ און אויף קארן;	Auf Weiz un auf Korn;
אויף אלע לייטען איז פול מיט פרייד,	Auf alle Laiten is vull mit Freid,
און אויף מיר איז איין אומעט און צארן.	Un auf mir is ain Umet un Zorn.
איך בין מיט איהר געגאנגען שפאצירען	Ich bin mit ihr gegangen spazieren
אויפ'ן טיפען וואלד;	Auf'n tiefen Wald;
אלע זאגען, אז זי איז פארלארען,	Alle sogen, as sie is varloren,
און איך זאג, אז זי וועט קומען באלד.	Un ich sog, as sie wet kummen bald.

№ 220.

אִיךְ בִּין גֶעוֶועֶן שֵׁיין ,
וִוי אַבְּלוּם אִין פְרִילִינְגְס-צַייט ,
מַיין זִינֶען אִיז מִיר גֶעוֶועֶן רֵיין —
דָאס וֵוייסֶען גָאט אוּנ לַייט .

יֶעצְט בִּין אִיךְ , פֶערְעֶנְדֶערְט גֶעוָוארֶען ,
מַיינֶע בַּאקֶען אִיז וִוי אַ פַייֶער פֶערְבְּרֶענְט ,
צַייט פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער מִינוּט
זִינְד אִיךְ הָאבּ דִיךְ דֶערְקֶענְט .

דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט ,
אַז דוּ וֶועסְט דַיינֶע רֵייד נִיט פֶערְבַּייטֶען ;
יֶעצְט הָאט מִיר גֶעשָׁאסֶען אַקוֹיל ,
אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ וַוייזֶען פַאר לַייטֶען !

Ich bin gewen schein,
Wie a Blum in Frihlings zait,
Main Sinnen is mir gewen rein—
Dos weissen Gott un Lait.

Jetzt bin ich verändert geworen,
Maine Backen is wie a Faier verbrennt,
Zait vun der erster Minut
Sind ich hob dich derkennt.

Du host mir gesogt,
As du west daine Reid nit verbaiten;
Jetzt hot mich geschossen a Koil,
Ich schäm sich zu waisen var Laiten!

Т. М. Брамсонъ (Ковенск. губ.).

№ 221.

אַז אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוֶועֶן דְרַייצֶעהְן יָאהר ,
הָאבּ אִיךְ פוּן קֵיין לִיעבֶּע נִיט גֶעווּאוּסְט ;
אַז אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוָוארֶען פוּנְפְצֶעהְן יָאהר ,
הָאט צוּ מִיר אַ בָּחוּרְ'ל גֶעקְרָאגֶען לוּסְט .

לִיעבּ הָאט עֶר מִיךְ , וִוי זַיין לֶעבֶּען ,
אוּנ אַיין פְּרֶעזֶענְט הָאט עֶר מִיר אוֹיךְ גֶעגֶעבֶּען ;

אוּנ אַז אִיךְ וֶועל אִיהם לִיבֶּען וִוי דִי וֶועלְט ,
וֶועט עֶר מִיךְ גֶעהְמֶען אָהן אַ קָאפִּיקֶע גֶעלְט .

As ich bin alt gewesen draizehn Johr,
Hob ich vun kein Liebe nit gewusst;
As ich bin alt geworen funfzehn Johr,
Hot zu mir a Bochur'l gekrogen Lust.

Lieb hot er mich, wie sain Leben,
Un ain Präsent hot er mir auch gegeben;

Un as ich wel ihm lieben wie die Welt,
Wet er mich nehmen ohn a Kopike Geld.

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 222.

אָךְ , מַיין הַארְץ , טְהַייֶערֶע קְרוֹין ,
וִוי שְׁלֶעכְט אוּנ וִוי בִּיטֶער אִיז מִיר ,
דָאס מַיינֶע אוֹיגֶען טְהוּעֶן פְלִיסֶען פוּן גֵיין , (?)

צוּ לִיבּ וֶועמֶען — נָאר צוּ לִיבּ דִיר !

מִיט מַיינֶע הֶעלֶע גֶעדַאנְקֶען טְהוּ אִיךְ קְלֶערְן ,

וִוי אַזוֹי קָאן אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר ;
מַיין לִיבֶּער גָאט ווִיל מַיין גֶעבֶּעט נִיט צוּ הֶערְן , —
אָךְ , וִוי בִּיטֶער אִיז מִיר !

Och, main Harz, thaiere Krein,
Wie schlecht un wie bitter is mir,
Doss maine Eigen thuen fliessen vun geihn, (?)

Zulieb wemen—nor zulieb dir!

Mit maine helle Gedanken thu ich klarn,

Wie asei konn ich kummen zu dir;
Main lieber Gott will main Gebet nit zuhern,—
Och, wie bitter is mir!

אָךְ, מײַן גָאט, הֶער צוּ מײַן גֶעבֶּעט,	Och, main Gott, her zu main Gebet,
וָואס אִיךְ טְהוּ בֶּעטְן בַּא דִיר:	Wos ich thn betn ba Dir:
אִיךְ ווִינְשׁ מִיר צוּ שְׁלָאפְן אוֹיף אײַן הוֹילֶער בֶּעט,	Ich winsch mir zu schlofen auf ain heiler Bett,
נָאר צוּ זַאמֶען מִיט דִיר!	Nor zusammen mit dir!
אַז אִיךְ לֵייג זִיךְ מִיר שְׁלָאפְן, שְׁטֶעל אִיךְ זִיךְ פָאר,	As ich leig sich mir schlofn, stell ich sich vor,
אַקוּראַט ווִי אִיךְ וָואלְט דִיךְ הָאבֶּען לֶעבֶּען מִיר;	Akkurat wie ich wollt dich hobn lebn mir;
אִיךְ זֶעה דִיךְ אִין גַאנְצֶען, מִיט דַיינֶע שֵׁיינֶע הָאר,	Ich seh dich in ganzen, mit daine scheine Hor,
אָךְ, ווִי בִּיטֶער אִיז מִיר!	Och, wie bitter is mir!
שַׁאט, קִינְדֶער, גֵעהְט נִיט אָן,	Schat, Kinber, geiht nit on,
צוּ שְׁלָאגְט מִיר נִיט דֶעם שְׁלָאף דֶעם זִיסֶען!	Zuschlogt mir nit dem Schlof dem sissen!
לָאזְט מִיךְ דָא זֶעהֶען דֶעם טְהַייעֶרְן פֶּערְסָאן,	Lost mich do sehen dem thaiern Person,
וָואס אִיךְ וֶועל דָא אִין חָלוֹם גֶענִיסֶען.	Wos ich wel do in Cholem geniessen.
. . . .	. . . .

А. Я. Портной (Глускъ, Минск. губ.).

№ 223.

עֶס אִיז אַרוֹיס אַ מָאדֶע —	Es is araus a Mode—
שִׁיכֶעלֶעךְ אוֹיף וַואטֶען;	Schichelech auf Watten;
אַלֶע שֵׁיינֶע בָּחוּרִים	Alle scheine Bochurim
גֵעהֶען פִיר סָאלְדַאטֶען.	Geihen fir Soldaten.
דֶעם שֵׁיינֶעם גִיט מֶען אָפּ,	Dem scheinem git men op,
דֶער מִאוּסֶער גֵעהְט אַרוֹיס;	Der miesser geiht araus;
עֶר הָאט דָאךְ מִיר צוּ גֶעזָאגְט,	Er hot doch mir zugesogt,
אַז עֶר וֶועט אַרוֹיס.	As er wet araus.
אוּנ אַז גָאט הָאט שׁוֹין גֶעהָאלְפֶען,	Un As Gott hot schoin geholfen,
אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיס, —	As er is schoin araus,—
זוּכְט עֶר אוֹיס אַ שֶׁענֶערֶע	Sucht er sich aus a schenere
אוּנ פוּן מִיר לַאכְט עֶר אוֹיס!	Un vun mir lacht er aus!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 224.

איך געה און געה, און געה
און איך געה ארום און פאל;
איך האב פארפיהרט א ליבע,
איך עס מיר אוים מיין גאהל.

Ich geih un geih, un geih
Un ich geih arum un fall;
Ich hob verfihrt a Liebe,
Ich ess mir aus main Gall.

איך עס מיר אוים מיין גאהל,
עס פוילט אין מיר מיין לונג;
איך האב פארפיהרט א ליבע
מיט א שניידער-יונג.

Ich ess mir aus main Gall,
Es fault in mir main Lung;
Ich hob verfihrt a Liebe
Mit a Schnaider-jung.

מיט איין שניידער-יונג
וואלט זיך געוועזען כדאי;
ווי-זשע וואלט גערעדט געוועזען?
אז ער זאל מיר זיין געטריי!

Mit a Schnaider-jung
Wollt sich gewesen kdai;
Wie-że wollt geredt gewen?
As er soll mir sain getrai!

— איך קענן פאר דיר קיין חתן ווערען;
פארדרייה דיר ניט דיינע יאהר;
דו ביזט דאך א יונג מיידעלע,
און איך דארף דינען פיר יאהר!

—Ich kenn far dir kein Choss'n weren,
Verdreih dir nit daine Johr;
Du bist doch a jung Meidele,
Un ich darf dienen vier Johr!

— פיר יאהר וועל איך אויף דיר ווארטען,
דיין זשערעב שטעה איך אוים —
דיין מאמע וועט וועלען נדן
און דו וועסט זיך מאכען גרוים!

—Vier Johr wel ich auf dir warten,
Dain Żereb steih ich aus—
Dain Mame wet wellen Nadan
Un du west sich machen groiss!

קיין נדן האב איך דיר ניט צו גיבען,
דאס ווייסט זיך גוט אליין;
וויפיל צרות וועל איךליידען,
אז דו וועסט צום זשערעב שטעהן!

Kein Nadan hob ich dir nit zu giben,
Dos weisst sich gut allein;
Wieviel Zores wel ich laiden,
As du west zum Żereb steihn!

איך האב צו קיינעם גאר ניט,
נאר צו מיין חבר'טע אליין:
זיא פלעגט מיך שטענדיג יאגען, —
היינט טהוט זי מיט איהם אליין געהן.

Ich hob zu keinem gor nit,
Nor zu main Chawerte allein:
Sie flegt mich ständig jogen,—
Haint thut sie mit ihm allein geihn.

А. И. Богомольный (Тульчинъ, Подольск. губ)

№ 225.

מיין הארץ וויינט אין מיר,
צייט איך האב דיר דערקאנט;
עס האט מיך געצויגען צו דיר,
ווען איך זיך אן דיר דערמאנט.
היינט מוז איך זיך שעמען,
עס וועט פון מיר נישט ווערן:
מיר קאנען זיך נישט נעהמען, —
מען טהוט דערביין שטערן!

Main Harz weint in mir,
Zait ich hob dir derkonnt;
Es hot mich gezeigen zu dir,
Wenn ich sich on dir dermohnt.
Haint mus ich sich schämen,
Es wet vun mir nischt wern:
Mir konuen sich nischt nehmen,—
Men thut derain stern!

איך האב אן דיר געדיינקט ,
מיין טרייסט ביסטו געוועז ;
איך האב נאך דיר געביינקט ,
אז איך האב דיר נישט געזעהן .
היינט וואס טויג מיין לעבן ,
עס וועט פון מיר נישט ווערן :
מען וויל מיר דיך ניט געבן , —
מען טהוט דעריין שטערן !

Ich hob on dir gedeinkt,
Main Treist bistu gewen;
Ich hob noch dir gebeinkt,
As ich hob dir nischt gesehn.
Haint wos teig main Lebn,
Es wet vun mir nischt wern:
Men will mir dich nit gebn,—
Men thut derain stern!

וואוהין איך בין געגאנגען און געשטאנען ,
האב איך דיר געהאלטען אין זינן ;
מיין פנים האט געטאהן שיינען ,
איך האב אליין ניט געוואוסט , ווער איך בין .
היינט איז פאר קעהרט ,
עס וועט פון מיר נישט ווערן :
דו ביזט מיר ניט באשערט ,
מען טהוט דעריין שטערן !

Wuhin ich bin gegangen un gestanen,
Hob ich dich gehalten in Sinn;
Main Ponim hot gethon schainen,
Ich hob allein nit gewusst, wer ich bin.
Haint is varkehrt,
Es wet vun mir nischt wern:
Du bist mir nit baschert,
Men thut derain stern!

ווען איינער האט מיך גערופען : „שפאצירען קום" ,
בין איך דאך מיט איהם ניט געגאנגען ;
איך בין ליעבער געלאפען דריי גאסען ארום ,
טאמער וועל איך דיר אנטפאנגען .
היינט איז געווארען בענומען ,
עס וועט פון מיר נישט ווערן :
איך קען דיר ניט באקומען , —
מען טהוט דעריין שטערן !

Wen einer hot mich gerufen: „Spaziren kumm“,
Bin ich doch mit ihm nit gegangen;
Ich bin lieber gelofen drai Gassen arum,
Tomer wel ich dir antfangen.
Haint is geworen benummen,
Es wet vun mir nischt wern:
Ich kenn dir nit bakummen,—
Men thut derain stern!

ווי גליקליך וואלט איך געוועזן ,
אז מיר וואלטען זיך ביידע נעהמען ;
ווער עס וואלט אונז דערזעהן
וואלט דאך זיך אז'ן שעמען .
היינט מוז איך שטעהן ביי'ן טהיר ,
עס וועט פון מיר נישט ווערן :
דו קענסט ניט זיין ביי מיר ,
מען טהוט דעריין שטערן !

Wie glicklich wollt ich gewen,
As mir wollten sich beide nehmen;
Wer es wollt uns dersehn
Wollt doch sich as’n schamen.
Haint mus ich steihn bai’n Thir,
Es wet vun mir nischt wern:
Du kennst nit sain bai mir,
Men thut derain stern!

А. Я. Портной (Глускъ, Минск. губ.).

№ 226.

מַיין גֶעזִיכְט אִיז בְּלַאס אוּנ פַארֶענְדֶערְט ,
אוּנ קֵיינֶער וַוייסְט נִיט וואוּ אִיךְ טְהוּ גֵעהְן ;
לַייט זַיינֶען אִין מִיר פַארְבְּלֶענְדֶעט ,
דֶערְמָאן מִיךְ יֵעי , אָדֶער—בֶּעסֶער נֵיין !

צַייט צְוֵויי יָאהר הָאבּ אִיךְ גֶעטָאהן דֶערְקֶענֶען ,
פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען טְהוּסְטוּ אִימֶער שְׁטֵעהְן ;
מִיט דַיינֶע שֵׁיינֶע בְּלִיקֶען הָאסְטוּ מִיךְ גֶעטְאָהן
פַארְבְּרֶענֶען ,
דֶערְמָאן מִיךְ יֵעי , אָדֶער — בֶּעסֶער נֵיין !

וָואס אַ טָאג שְׁטַארְבְּט בַּיי מִיר אָפּ אַ-נְ-אֵבֶר ,
אוּנ מַיינֶע בְּלִיקֶען בְּלַייבֶּען שְׁטֵעהְן :
דוּ וֶועסְט מִיךְ גֶעפִינֶען אִין מַיינֶעם קֵבֶר ,
דֶערְמָאן מִיךְ יֵעי , אָדֶער — בֶּעסֶער נֵיין !

אָי , מַיין לֶעבֶּען קֶען לַאנְג נִיט דוֹיעֶרְן ,
אוּנ דִי וֶועלְט אִיז פַאר מִיר צוּ קְלֵיין ;
מִיט אַ זִיפְץ זָאלְסְטוּ מִיךְ בֶּעדוֹיעֶרְן ,
דֶערְמָאן מִיךְ יֵעי , אָדֶער — בֶּעסֶער נֵיין !

אַךְ , מַיין הַארְץ טְהוּט מִיר קְלֶעמֶען ,
אוּנ מַיינֶע קְרֶעפְטֶען גֶעהֶען אוֹיס ;
אַךְ , מַיין לִיעבֶּער , כְּ'קֶען צוּ דִיר נִיט קוּמֶען ,
דֶערְמָאן מִיךְ יֵעי , אָדֶער — בֶּעסֶער נֵיין !

פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען טְהוּעֶן טְרֶערֶען פְלִיסֶען ,
אוּנ כְּ'קֶען נִיט אַיינְהַאלְטֶען מַיין גֶעוֵויין ;
אַךְ , מַיין לִיעבֶּער , וֶוען דוּ וָואלְסְט וִויסֶען ! —
דֶערְמָאן מִיךְ יֵעי , אָדֶער — בֶּעסֶער נֵיין !

דַיין אֵדֶעל הַאנְד הָאסְטוּ מִיר גֶעטָאהן רַייכֶען ,
אִין מַיינֶעם זֶעלֶע בִּינְסְטוּ גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵעהְן ;
אִיךְ גֶעפִין נִיט צוּ דַיינֶעם גְלַייכֶען ,
דֶערְמָאן מִיךְ יֵעי , אָדֶער — בֶּעסֶער נֵיין !

Main Gesicht is blass un varändert,
Un keiner weisst nit, wu ich thu geihn;
Lait sainen in mir varblendet,
Dermohn mich jei, oder-besser nein!

Zait zwei Johr hob ich gethon derkenen,
Var maine Eigen thustu immer steihn;
Mit daine scheine Blicken hostu mich gethon varbrennen,
Dermohn mich jei, oder-besser nein!

Wos a Tog starbt bai mir op a-n-Eiwer,
Un maine blicken blaiben steihn;
Du west mich gefinen in mainem Keiwer,
Dermohn mich jei, oder-besser nein!

Oi, main Leben kenu lang nit dauern,
Un die Welt is far mir zu klein;
Mit a Sifz sollstu mich bedauern,
Dermohn mich jei, oder-besser nein!

Ach, main Harz thut mir klemmen,
Un maine Kräften geihen aus;
Ach, main Lieber, 'ch kenn zu dir nit kummen,
Dermohn mich jei, oder-besser nein!

Vun maine Eigen thuen Thrären fliessen,
Un 'ch kenn nit ainhalten main Gewein;
Ach, main Lieber, wenn du wollst wissen!—
Dermohn mich jei, oder-besser nein!

Dain adel Hand hostu mir gethon raichen,
In mainem Seele binstu geblieben steihn;
Ich gefin nit zu dainem glaichen,
Dermohn mich jei, oder-besser nein!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 227.

צְוֶועלְף אַזֵייגֶער בַּיי נַאכְט ,
וֶוען אַלֶע הָאבֶּען גֶעשְׁלָאפֶען ,
אוּמֶעטוּם דִי לָאדֶענְס פֶערְמַאכְט , —
נָאר אִין אֵיין שְׁטֶעל אִיז אָפֶען :

דָארְטֶען אַ פַייעֶר בְּרֶענְט ,
אַ קְרַאנְקֶע לִיגְט אִין בֶּעט ;
אַ פָּאר אַלְטֶע לַייט בְּרֶעכֶען מִיט דִי הֶענְט
אוּנ הָאבֶּען דִי וֶוערְטֶער גֶערֶעדְט :

„אָי וַועה אִיז צוּ אוּנְזֶערֶע יָאהרֶען ,
וָואס מִיר לָאזֶען נִיט קֵיין דוֹר !
מַיין טָאכְטֶער , וָואס אִי' מִיט דִיר גֶעוָוארֶען
אִין צַייט פוּן פִינְף יָאהר ? !

וִוי דוּ הָאסְט גֶעשַׁיינְט
מִיט פִינְף יָאהר צוּרִיק , —
אַזוֹי אִיז אוּנְז הַיינְט
פֶערְשְׁטֶערְט אוּנְזֶער גְלִיק !

אָי וַועה אִיז צוּ אוּנְזֶער לֶעבֶּען ,
וָואס מִיר לֶעבֶּען אוֹיף דֶער וֶועלְט :
אַלֶע קִינְדֶער הָאבֶּען מִיר אָפְּגֶעגֶעבֶּען ,
נָאר דִי אֵיינֶע הָאט זִיךְ אוּנְז אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט !

מִיר הָאבֶּען גֶעהָאפְט
פִיל נַחַת פוּן דִיר צוּ דֶערְלֶעבֶּען ;
אִיצְט מוּזֶען מִיר דִיר
צוּרִיק אָפְּגֶעבֶּען !"

וִוי זֵיי שְׁטֵעהֶען אוּנ יָאמֶערֶען
אוּנ קְלָאגֶען אָהן אַ שִׁיעוּר ,
טְהוּט אַ יוּנְגֶער מַאנְן אַרַיינְגֶעהְן
אִין אַ'נְ-אָפִיצֶערְסְקֶען מוּנְדִיר .

עֶר הָאט נִיט גֶערֶעדְט
קֵיין וָוארְט מִיט זֵיי ,
עֶר אִיז צוּ גֶעלָאפֶען צוּם בֶּעט
אוּנ גֶעגֶעבֶּען אַשְׁרֶעקְלִיכֶען גֶעשְׁרֵיי :

— וָואס טוּהסְטוּ דָא לִיגֶען ,
מַיין לֶעבֶּען , מַיין גְלִיק !
גִיבּ נָאר אַקוּק ,
וֶוער ס'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רִיק !

Zwelf a Seiger bai Nacht,
Wenn alle hoben geschlofen,
Umetum die Lodens vermacht,—
Nor in ein Stell is offen:

Dort a Faier brennt,
A Kranke liegt in Bett;
A Por alte Lait brechen mit die Hand
Un hoben die Werter geredt:

„Oi weih is zu unsere Johren,
Wos mir losen nit kein Dor!
Main Tochter, wos i' mit dir geworen
In Zait vun finf Johr? !

Wie du host geschaint
Mit finf Johr Zurick,—
Asei is uus haint
Verstert unser Glick!

Oi weih is zu unser Leben,
Wos mir leben auf der Welt:
Alle Kinder hoben mir opgegeben,
Nor die eine hot sich uns opgestellt!

Mir hoben gehofft
Viel Naches vun dir zu derleben;
Itzt musen mir dir
Zurick opgeben!"

Wie sei steihen un jommern
Un klogen ohn a Schi'r,
Thut a junger Mann araingeihn
In a-n-offizersken Mundir.

Er hot nit geredt
Kein Wort mit sei,
Er is zugelofen zum Bett
Un gegeben a schreklichen Geschrei:

—Wos thustu do liegen,
Main Leben, main Glick!
Gib nor a kuck,
Wer 's is gekummen zurick!

מיר טהוט מיין מח	Mir thut main Meiach
אף צווייען שפאלטען ;	Af zweien spalten;
אך , וואו נעהמט כח	Ach, wu nehmt men Keiach
די צרות אוים צו האלטען !	Die Zores anszuhalten!
כ'האב געמיינט , כ'וועל קומען פון דינסט ,	'ch hob gemeint, 'ch wel kummen vun Dienst,
וועל איך זיין גליקליך אהן א שיעור ;	Wel ich sain glicklich ohn a Schi'r;
כ'האב געמיינט , כ'וועל דעם גליק	'ch hob gemeint, 'ch wel dem Glick
קענען דערציילען דיר !	Kennen derzeilen dir!
אין וואך און אין שלאף	In Wach un in Schlof
האב איך וועגען דיר געטראכט ,	Hob ich wegen dir getracht,
און אויף אזא סוף	Un auf asa Ssof
האב איך גאר ניט געאכט !	Hob ich gor nit geacht!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 228.

אין אמעריקא פאהרען פוהרען	In Amerika fohren Fuhren
בארג ארויף , בארג אראפ ;	Barg aruf, Barg arop;
און אז דער בחור ליבט די מיידעל ,	Un as der Bochur liebt die Meidel,
לייגט ער פאר איהר די קאפ .	Leigt er far ihr die Kop.
אין אמעריקא באקט מען חלות	In Amerika backt men Chales
פאר די גאנצע וועלט ;	Far die ganze Welt;
און אז דער בחור ליבט די מיידעל ,	Un as der Bochnr liebt die Meidel,
נעהמט ער איהר אהן א קאפ'קע געלט .	Nehmt er ihr ohn a Kop'ke Geld.
אין אמעריקא באקט מען בייגעל	In Amerika backt men Beigel
אויף אגאנצען יאהר ;	Auf a ganzen Johr;
איך—דיין חתן און דו—מיין כלה ,	Ich-dain Choss'n un du-main Kale,
זיינען מיר ביידע א גלייכע פאר !	Sainen mir beide a glaiche Por!

В. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 229.

—טאכטער ליבע , געטרייע ,	—Tochter liebe, getraie,
וואס האסטו זיך אין בחור פארליעבט ,	Wos hostu sich in Bochur varliebt,
וואס האסט אין עם דערזעהען ?	Wos host in ehm dersehen?
ער איז נאקעט, בארוועס , איין ארעמאנן !	Er is nacket, borwes, ain orem-Mann!
פערליב זיך בעססער אין איין רייכען , —	Verlieb sich besser in ain raichen,—
וואס ניצט דיר דער ארעמאנן ?	Wos nitzt dir der orem-Mann?
באקענן זיך בעסער אין דיין גלייכען ,	Bakenn sich besser in dain glaichen,
אז ער זאל קענען זיין דיין מאנן !	As er soll kennen sain dain Mann!
—מוטער ליבע , געטרייע ,	Mutter liebe, getraie,
מאך מיר די קאפ ניט דול , —	Mach mir die Kop nit dyl,—
לעש שוין מיר אפעט דעם פייער	Lesch schoin mir ope't dem Faier
אונ גיעב שוין מיר וועמען איך וויל !	Un gib schoin mir wemen ich will!
פערליעבט האב איך זיך אין זיין שיין פנים ,	Verliebt hob ich sich in sain schein
	Ponim,
געקראגען האט ער בא מיר חן ,	Gekrogen hot er ba mir Chein,
די גאנצע וועלט זאגט , אז ער איז מיאוס	Die ganze Welt sogt, as er is mies
אונ ארם ,	un orm,
אונ ביי מיר איז ער טהייער אונ שיין !	Un bai mir is er thaier un schein!
געבליהט האב איך ווי א שיינע ראזע ,	Gebliht hob ich, wie a scheine Rose,
פערבליהט האב איך מיינע טעג ;	Verbliht hob ich maine Täg;
די עלטערן מאכען מיר שוין דול ,	Die Eltern machen mir schoin dul,
וואס ניצט מיר מיין פערמעג !	Wos nitzt mir main Vermeg!
דער פנים ווערט דאך שווארץ ,	Der Ponim wert doch schwarz,
איך וויים גאר ניט פאר וואס ,	Ich weis gor nit far wos,
א שטיינדעלע ליגט אף מיין הארצען ,	A Steindele liegt af main Harzen,
אונ דער פנים ווערט גרין ווי א גראז .	Un der Ponim wert grin wie a Gros.
טהייערער, געשעצטער ברילליאנט ,	Thaierer, geschätzter Brilljant,
דו פערשיינסט מיין גאנצען לעבען ,	Du verschainst main ganzen Leben,
איך נעהם דיך אין ארעמען שטאנד	Ich nehm dich in oremen Stand
אונ איך מאהן ניט ביי דיר קיין געלט !	Un ich mohn nit bai dir kein Geld!
אלץ איבער דיין שיין פנים , —	Allz iber dain schein Ponim,—
געקראגען האסטו ביי מיר חן :	Gekrogen hostu bai mir Chein:
די גאנצע וועלט זאגט , אז דו ביזט מיאוס	Die ganze Welt sogt, as du bist mies
אונ ארם ,	un orm,
ביי מיר ביסטו טהייער אונ שיין !	Bai mir bistu thaier un schein!

די וועלט האט ביי מיר ניט קיין ווערד ,
און די וועלט איז פאר מיר גאר קליין ;
איך האב שוין אזוינס פערקלעהרט ,
אז איך זאל פון דער וועלט אוועקגעהן :
אזא טהייערע וועלט האב איך !
אך , ווי גרוים איז מיר מיין וואונד ,
מיינע יונגע יאהרען האב איך פערשניטען , —

פון זיבעצען יאהר א יונגע קינד !

איך האב נאך קיין וועלט ניט געזעהן ,
חוץ יעקאטערינאסלאווער שטאדט אליין ;
מיין גאנצער פערגעניגען איז געווען ,
אין גאס צו שפאצירען געהן .
אך ווי גרוים איז מיר מיין וואונד ,
מיינע יונגע יאהרען האב איך פערשניטען , —

פון זיבעצען יאהר א יונגע קינד !

די מטה וועט זיין מיין בעט
און תכריכים וועלן זיין מיינע קליידער ,

און דער פינסטערער קאבינעט—דער קבר ,
און ווערם וועלען עססען
מיין יעדערער אבר ;
אך , ווי גרוים איז מיר מיין וואונד,
מיינע יונגע יאהרען האב איך פערשניטען , —

פון זיבעצען יאהר א יונגע קינד !

א בת יחידה בין איך געוועזען ,
מיינע עלטערן פלעגען פון מיר קוועלען ;
צו דער חפה פיהרען פלעגען זיי אלץ וועלען , —

די חפה האב איך אף א לויה פערביטען !
אך , ווי גרוים איז מיר מיין וואונד ,
מיינע יונגע יאהרען האב איך פערשניטען , —

פון זיבעצען יאהר א יונגע קינד !

Die Welt hot bai mir nit kein Werd,
Un die Welt is far mir gor klein;
Ich hob schoin aseins verklärt,
As ich soll vun der Welt awekgeihn:
Asa thaier Welt hob ich!
Ach, wie greiss is mir main Wynd,
Maine junge Johren hob ich verschnitten,—

Vun siebezehn Johr a junge Kind!

Ich hob noch kein Welt nit gesehn,
Chuz Jekaterinoslawer Stodt allein;
Main ganzer Vergnign is gewen,
In Gass zu spazieren geihn.
Ach, wie greiss is mir main Wynd,
Maine junge Johren hob ich verschnitten,—

Vun siebezehn Johr a junge Kind!

Die Mite wet sain main Bett
Un Tachrichim weln sain maine Kleider,

Un der finsterer Kabinet-der Keiwer,
Un Werm welen essen
Main jederer Eiwer.
Ach, wie greiss is main Wynd,
Maine junge Johren hob ich verschnitten,—

Vun siebezehn Johr a junge Kind!

A Bass-jchide bin ich gewesen,
Maine Eltern flegen vun mir kwelen;
Zu der Chupe fihren flegen sei allz wellen,—

Die Chupe hob ich auf a Lwaje verbiten!
Ach, wie greiss is main Wynd,
Maine junge Johren hob ich verschnitten,—

Vun siebezehn Johr a junge Kind!

Т. В. Ротенбергъ (Ромны, Полтавск. губ).

№ 230.

—אָי װעה, חַיִים׳ל,	Oi weih, Chaïm'l,
די קֶעפֶּעלֶע טְהוּט מִיר װעה!	Die Kepele thut mir weih!
טָא װָאס-זְשֶׁע זָאגְסְטוּ, חַיִים׳ל?	To wos-że sogstu, Chaïm'l?
טָא װָאס זָאגְסְטוּ אַזוֹי?	To wos sogstu asei?
פַאר װָאס זָאל אִיךְ נִיט װײנֶען, —	Far wos soll ich nit weinen,—
דוּ חַיִ׳ם׳ל פָאהרְסְט אַװֶעק	Du, Chaïm'l, fohrst awek
פוּן אַזַא זִיסֶע לִיבֶּע	Vun asa sisse Liebe
אִין אַ װײטֶע װֶעג!	In a waite Weg!
כְ׳ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט הַײנְט,	—'ch hob dir gesogt haint,
—כְ׳ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט נָאךְ:	'ch hob dir gesogt noch:
פַארְקוֹיף דֶעם גְרִינֶעם יַאקֶעלֶע	Varkeif dem grinem Jackele
אוּנ פָאהר נָאךְ מִיר נָאךְ!	Un fohr noch mir noch!
—כְ׳ װֶעל פַארְקוֹיפֶען דֶעם גְרִינֶעם יַאקֶעלֶע,	—'ch wel varkeifen dem grinem Jackele,
װֶעלֶען לַײטֶען פוּן מִיר אוֹיסְלַאכֶען.	Welen Laiten vun mir auslachen.
—אַז גָאט װֶעט מִיר הֶעלְפֶען,	—As Gott wet mir helfen,
װֶעל אִיךְ דִיר אַ נַײעֶם מַאכֶען!	Wel ich dir a naiem machen!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 231.

—חַיִים, חַיִים, װָאס װֶעט פוּן אוּנְז זַײן,	—Chaïm, Chaïm, wos wet vun uns sain,
װָאס מִיר לֶעבֶּען װִי דִי גוֹיִם?	Wos mir leben wie die Goïm?
נָאמִיר גֶעהְן צוּם דַיָּן	Nomir geihn zum Dajon
אוּנ לָאמִיר שְׁרַײבֶּען תְּנָאִים!	Un lomir schraiben Tnoïm!
—תְּנָאִים, תְּנָאִים, תְּנָאִים	—Tnoïm, Tnoïm, Tnoïm
אִיז יֶעצְט, דוּשׁוּנְיֶע, נִיט קַײן צַײט:	Is jetzt, Duschunje, nit kain Zait:
דוּשׁוּנְיֶע, לִוּבּוּנְיֶע,	Duschunje, Ljubunje,
אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי אוֹיךְ נִיט פַײנְט!	Ich hob dich asei auch nit faint!
—פַײנְט, פַײנְט, פַײנְט	—Faint, faint, faint
פַאר װָאס זָאלְסְטוּ מִיךְ הָאבֶּען?	Far wos sollstu mich hoben?
פַאר מַײן טַאטֶען, פַאר מַײן מַאמֶען	Var main Taten, var main Mamen
דַארְפְסְטוּ מוֹרָא הָאבֶּען!	Darfstu Meire hoben!
—פַאר דַײן טַאטֶען, פַאר דַײן מַאמֶען	—Var dain Taten, var dain Mamen
הָאבּ אִיךְ נִיט קַײן מוֹרָא:	Hob ich nit kain Meire:
פַאר מַײנֶע גוּטְ׳ס, פַאר מַײנֶע גֶעלְד	Far maine Gut's far maine Geld
װֶעל אִיךְ קְרִיגֶען אַ זֶעלְכֶע סְחוֹרָה!	Wel ich kriegen a selche S'cheire!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 232.

—בַּתְיָה-מַלְכָּה, עֶפֶען מִיר! הָאבּ נִיט קֵיין מוֹרָא: מֵאִיר דֶער שְׁלָאסֶער הָאט פֶערְקְלַאפְּט אַפוּלֶען סְקְלַאד מִיט סְחוֹרָה!	—Bassje-Malke, effen mir! Hob nit kein Meire: Meier der Schljosser, hot verklappt A vullen Sklad mit S'cheire!
—מֵאִיר דֶער שְׁלָאסֶער, הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ קְלַאפֶּען, — בַּאלְד וֶועט קוּמֶען דֶער אָבְחָאד, וֶועט עֶר דִיר צוּ חַאפֶּען!	—Meier der Schljosser, Her schoin uf zu klappen,— Bald wet kummen der Obchod, Wet er dir zuchapen!
עֶר וֶועט דִיר צוּ חַאפֶּען אוּנ עֶר וֶועט דִיר צוּ נֶעהְמֶען, עֶר וֶועט דִיר אִין קְלָאטְץ אַרַיינְזֶעצֶען, דַיין הֶערְצֶעלֶע וֶועט דִיר קְלֶעמֶען.	Er wet dir zuchapen Un er wet dir zunehmen, Er wet dir in Klotz arainsetzen, Dain Herzele wet dir klemmen.
אִין דְרוֹיסֶען אַרֶעגֶענְטָאג, אִין שְׁטוּבּ אִיז אַ חְמָארֶע; כְ'הָאבּ אָפְּגֶעלֶעבְּט מַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען אוֹיף דִי הַיילֶע נַארֶע.	In draussen is a Regentog, In Stub is a Chmare; 'ch hob opgelebt maine junge Johren Auf die heile Nare.
אוֹיף דִי הַיילֶע נַארֶע, פוּן טָאג פוּן מַיין גֶעבָּארֶען; כְ'הָאבּ גֶעהַאט אַפַיינֶעם דִימֶענְט אוּנ הָאבּ אִיהְם אָנְגֶעוָוארֶען.	Auf die heile Nare, Vun Tog vun main Geboren; 'ch hob gehat a fainem Diment Un hob ihm ongeworen.
כְ'הָאבּ אִיהְם אָנְגֶעוָוארֶען, כְ'קֶען צוּ אִיהְם נִיט קוּמֶען; אֵי, אָן שְׁטֶעהְט עֶר, אֵי אָן גֶעהְט עֶר, מֶע הָאט אִיהְם צוּגֶענוּמֶען!	'ch hob ihm ongeworen, 'ch kenn zu ihm nit kummen; Oi, on steiht er, oi on geiht er, Me hot ihm zugenummen!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 233.

אִין אַ שְׁטִילֶער נַאכְט, — קֵיין מֶענְטְשֶׁען זֶעהְט מֶען נִיט אַרוּם, דָארְטֶען גֶעהְט אַ יוּנְגֶע מַיידֶעל אוּנ אַ בָּחוּר אַרוּם אוּנ אַרוּם.	In a stiller Nacht,— Kein Mentschen seht men nit arum, Dorten geiht a junge Meidel Un a Bochur arum un arum.
ווי עֶר הָאט זִי דֶערְזֶעהֶען, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן: —„יֶעצְט אִיז דִי צַייט גֶעקוּמֶען, זָאלְסְט מִיר זָאגֶען: יָא צִי נֵיין!"	Wie er hot sie nor dersehen, Asei is er geblieben steihn: —„Jetzt is die Zait gekummen, Sollst mir sogen: jo zi nein!"

—ליבען ליב איך דיך,
מיינע עלטערן לאזן מיך ניט;
מיינע עלטערן טהוען מיר שטערן,
איך קאן פאר דיר א כלה ניט ווערן!

—Lieben lieb ich dich,
Maine Eltern losen mich nit;
Maine Eltern thuen mir stern,
Ich konn far dir a Kale nit wern!

ווי ער האט נאר דאס דערהערט,
איז ער געפאלן מיט׳ן פנים צו ד׳ר׳ערד;
זיין ליבע האט זיך געשלאסען:
פון א רעוואלווער האט ער זי געשאסען.

Wie er hot dos derhert,
Is er gefallen mit'n Ponim zu d'r Erd;
Sain Liebe hot sich geschlossen:
Vun a Rewolwer hot er sie geschossen.

ווי ער האט דאס דערזעהן,
אז זיין ליבע איז געפאלן ווי א שטיין,
האט ער אומגעקעהרט דעם רעוואלווער
אונ האט געשאסען זיך אליין,

Wie er hot dos dersehn,
As sain Liebe is gefallen wie a Stein,
Hot er umgekehrt dem Rewolwer
Un hot geschossen sich allein.

—מענטשען, מענטשען ליבע,
נעהמט אראפ פון מיר א ראיה:
איך האב געהאפט צו דער טאכטערס
חפה געהן,
צום סוף דארף איך צו דער לויה!

—Mentschen, Mentschen liebe,
Nehmt arop vun mir a Raje:
Ich hob gehofft zu der Tochter's Chupe geihn,
Zum Ssof darf ich zu der Lwaje!

מענטשען, מענטשען טרייע,
נעמט אראפ פון אונז א ראיה:
דערינען איז גאט ניט שולדיג,
נאר פאטער אונ מוטער טרייע!

—Mentschen, Mentschen traie,
Nehmt arop vun uns a Raje:
Derinnen is Gott nit schuldig,
Nor Voter un Mutter traie!

—זייט-זשע געזונד, מיינע ליבע
עלטערן,
איהר האט מיך פון עם פארהאסט;
בעסער וואלט פאר אייך געוועזען,
אז איהר זאלט מיך פאר עם פארקנ׳סט!

—Sait-że gesund, maine liebe Eltern,
Ihr hot mich vun ihm varhasst;
Besser wollt var aich gewesen,
As ihr sollt mich var ihm varknast!

זייט געזונד, מיינע ליבע עלטערן,
איהר האט מיך פאריאגט פון דער וועלט;
יעצט דארף ער געהן אין קייטען געשלאססען,
אונ איך דארף ליגען אין דער ערד!

Sait gesund, maine liebe Eltern,
Ihr hot mich varjogt vun der Welt;
Jetzt darf er geihn in Keiten geschlossen,
Un ich darf liegen in der Erd!

І. Л. Раввинскій (Гадячъ, Полтавск. губ.).

№ 234.

דארט געהט א פריילין אליין , די הארץ צוגעהט איהר פון געוויין ; זי געהט-קיין מענטשען זאלען איהר ניט שטער'ן , אונ זינגט א ליעד פון זיך מיט ביטערע טרערן :	Dort geiht a Frailin allein, Die Harz zugeiht ihr vun Gewein; Sie geiht—kain Mentschen sollen ihr nit stern, Un singt a Lied vun sich mit bittere Thrärn:
—א מוסר קענט איהר , פריילינס , נעהמען , פון וואס דער אומגליק איז מיר געשעהן ; א ליבע זאל קיין פריילין ניט וויסען , אי , פון א ליבע איז מיר געשעהן !	A Musser kennt ihr, Frailins, nehmen, Vun wos der Umglick is mir geschehn; A Liebe soll kain Frailin nit wissen, Oi, vun a Liebe is mir geschehn!
מיין קינד ! איך טראג דיך אויף די הענט , גאט זאל מיינע טרערן זעהן ; יעדער מוטער קען פיהלען מיין הערץ , — מיין קינד , איך לאז דיך אין וואלד אליין !	Main Kind! ich tgog dich auf die Hand, Gott soll maine Thrären sehn; Jeder Mutter kenn fihlen main Herz,— Main Kind, ich los dich in Wald allein!
מיין קינד , איך טראג דיך אויף די הענט , גאט זאל דיינע טרערען זעהן ; ער זאל אראפ שיקען פון הימעל א מלאך אונ זאל דיך צונעהמען צו זיך !	Main Kind, ich trog dich auf die Händ, Gott soll daine Thraren sehn; Er soll aropschicken vun Himmel a Mal'ach Un soll dich zunehmen zu sich!
מיין קינד , איך קאנן דא לאנג ניט זאמען , איך דארף גיך געהן א היים ; זעה , מיין קינד , דיין אומגליקליכע מוטער— זי דארף דיך לאזען אין טיפען וואלד אליין !	Main Kind, ich konn do lang nit somen, Ich darf gich geihn aheim; Seh, main Kind, dain umglickliche Mutter— Sie darf dich losen in tiefen Wald allein!
אז גוטע מענטשען וועלען דיך געפינען , זיי וועלען רחמנות האבען אויף דיר ; זעה , מיין קינד , זאלסט זיי ערליך דינען , זאלסט ניט פארגעסען אויף מיר !	As gute Mentschen welen dich gefinen, Sei welen Rachmones hoben auf dir; Seh, main Kind, sollst sei ehrlich dienen, Sollst nit vargessen auf mir!
אז דו וועסט צו דעם רעכטען שכל קומען אונ וועסט וועלען וויסען , צי די וועלט איז שיין , דו וועסט וועלען דיינע עלטערן געפינען , — ניט פארגעס אז דו ביסט עלענט , ווי א שטיין !	As du west zu dem rechten Sseichel kummen Un west welen wissen, zi die Welt, is schein, Du west wellen daine Eltern gefinen,— Nit vargess, as du bist elend, wie a Stein!

דיין פארפלוכטען פאטער וועסטו ניט
געפינען , —
דיין אייגענע מוטער וועסטו אויך מעהר
ניט זעהן ;
הלוואי וואלט איך עם ניט געוועזן קאנען ,
וואלט איך ניט אזוי אומגליקליך געוועזן !

Dain varfluchten Voter westu nit
gefinen,
Dain eigene Mutter westu auch mehr
nit sehn;
Halwai wollt ich ehm nit gewen konnen
Wollt ich nit asei umglicklich gewen!

I. Л. Раввинскій (Гадячъ, Полтавск. губ.)

№ 235.

אויפ'ן בארג דעם גרינעם גראז
פארפלייצט דאך וואסער ;
לעבען זינקען פישען ,
פישען אויף מיליאנען
האט דאך דארט'ן פארפלייצט.

Auf'n Barg dem grinem Gros
Varfleizt doch Wasser;
Leben sinken Fischen,
Fischen auf Millionen
Hot doch dortn varfleizt.

אך א דארטען לעבען ברעג ים
זיצט אפריילען איינע אליין ;
אין שיינע קליידער געהט זי דאך
אונ זיצט אליין אויף א שטיין .

Ach, o dortn leben Breg Jam
Sitzt a Frailen eine allein;
In scheine Kleider geiht sie doch
Un sitzt allein auf a Stein.

האלט א קינד אויף איהרע הענד ,
פונקט ווי פון צוויי חדשים אלט ;
ווי שיין אונ איידעל איז ער דאך , —
פונקט אין איהר געשטאלט !

Halt a Kind auf ihre Händ,
Punkt wie vun zwei Chadoschim alt;
Wie schein un eidel is er doch,—
Punkt in ihr Gestalt!

צו געטוליעט צו איהר ברוסט , —
א לעצטען מאל געזויגען !
פון איהרע אויגען טרערען פליצען ,
אזוי ווי איין פייל פון בויגען ,

Zugetuljet zu ihr Brust,—
A letzten mol geseigen!
Vun ihre Eigen Thrären fliezen,
Asei wie a Fail vun Beigen.

שווימט אפישער
איבער דעם טייך דעם ברייטען ,
מיט זיין לאטקע אומעטום
אונ מיט'ן פייער דעם רייטען .

Schwimmt a Fischer
Iber dem Taich dem breiten,
Mit sain Lodke umetum
Un mit'n Faier dem reithen.

—אזא ליב קינד מוז איך דערטרינקען ,
איבער דעם וואסער דערזינקען !
די ווילדע וואססער וועט זי פערטראגען ,
איך וועל זי שוין מעהר ניט האבען !

—Asa lieb Kind mus ich dertrinken,
Iber dem Wasser dersinken!
Die wilde Wasser wet sie vertrogen,
Ich wel sie schoin mehr nit hoben!

אַךְ, אִיהְר פִישְׁען, אִיהְר טְהַייעֶרְסְטֶע פִישְׁען,
אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעבְּרַאכְט דָעם בֶּעסְטֶען בִּיסֶען;
אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעבְּרַאכְט דָעם בֶּעסְטֶען בִּיסֶען,
אִיהְר זָאלְט פוּן מִיר עֶפֶּעס גֶענִיסֶען!

שְׁווִימְט אַ פִישֶׁער
אִיבֶּער דָעם טַייךְ דָעם בְּרַייטֶען,
מִיט זַיין לָאדְקֶע אוּמֶעטוּם
אוּנ מִיטְ'ן פַייֶער דָעם רַייטֶען.

—אַךְ דָער פָאטֶער, דָער טָאטֶער, דָער קַדָר,
עֶר הָאט דִיךְ אוֹיף דָער וֶועלְט אוֹיף גֶעבְּרַאכְט;
אַךְ, דָער פָאטֶער, דָער טָאטֶער, דֶער קַדָר,
עֶר הָאט מִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט!

אִיךְ הָאבּ אִיהְם גֶעגְלוֹיבְּט אוֹיף עֶרְנְסְט ווָארְט
אוּנ אוֹיף זַיין אַיידֶעלֶען סָאווְיֶעסְט, —
בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין ווַיינְגָארְטֶען
הָאבּ אִיךְ גֶעלֶעבְּט אִין טָאוֶועס (טָעוּת)!

. . . .

Ach, ihr Fischen, ihr thaierste Fischen,
Ich hob aich gebracht dem besten Bissen;
Ich hob aich gebracht dem besten Bissen,
Ihr sollt vun mir epes geniessen!

Schwimmt a Fischer
Iber dem Taich dem breiten,
Mit sain Lodke umetum
Un mit'n Faier dem reithen.

—Ach, der Voter, der Toter, der Keider,
Er hot dich auf det Welt aufgebracht;
Ach, der Voter, der Toter, der Keider,
Er hot mich umglicklich gemacht!

Ich hob ihm gegleibt auf ernst Wort
Un auf sain eidelen Sowjest,—
Bai maine Eltern in Waingorten
Hob ich gelebt in Towes!

. . . .

Ш. Финкельштейнъ (Жлобинъ, Могилевск. губ.).

VI.

Пѣсни о женихѣ и невѣстѣ.

№ 236.

וֶוער אִיךְ מִיר אַ חָתָן	Wer ich mir a Choss'n
גָאר אִין אֵיין מִינוּט.	Gor in ein Minut,
אוּנ עֶס דוּכְט זִיךְ אוֹיס,	Un es ducht sich aus,
אַז'ס וֶועט מִיר זַיין גַאנְץ גוּט:	As 's wet mir sain ganz gut:
דֶער שְׁוֶוער וֶועט גֶעבֶּען קֶעסְט	Der Schwer wet geben Kest
אוּנ אַ סַךְ גֶעלְט,	Un a ssach Geld,
אוּנ דֶערְצוּ אַ מֵיידֶעל	Un derzu a Meidel
אַ'ן אוֹיסְנַאם פוּן דֶער וֶועלְט.	A-n-Ausnahm vun der Welt.
שְׁטֶעלְט מֶען פַאר מִיר אַ וַוארְמֶעס.	Stellt men var mir a Warmes,
נָאר, בְּרוּדֶער, עֶס, —	Nor, Bruder, ess,—
אוּנ אִיךְ פִיהְל מִיר,	Un ich fihl mir,
וִוי גָאט אִין אַדֶעסְס.	Wie Gott in Odess.
פִיהְרְט מֶען אוּנְז צוּ דֶער חֻפָּה,	Fihrt men uns zu der Chupe,
פִיהְרְט מֶען אוּנְז צוּרִיק, —	Fihrt men uns zurick,—
שְׁטֵעהֶען מֵיידְלֶעךְ, וַוייבְּלֶעךְ	Steihen Meidlech, Waiblech
אוּנ זַיינֶען מְקַנֵא דֶעם גְלִיק.	Un sainen mkane dem Glick.
נֵיין בְּרוּדֶער, נֵיין,	Nein, Bruder, nein,
הָאבּ-זְשֶׁע נִיט קֵיין טָעוֹת:	Hob-że nit kein Toes:
דֶער שְׁוֶוער וֶועט נִיט גֶעבֶּען קֵיין קֶעסְט	Der Schwer wen nit geben kein Kest
אוּנ נִיט קֵיין מָעוֹת!	Un nit kein Moes!
נַא דִיר אַ וַוייבּ	Na dir a Waib
אוּנ הַאלְט זִיךְ מִיט אִיהר,	Un halt sich mit ihr,
אוּנ צָרוֹת וֶועסְטוּ הָאבֶּען	Un Zores westu hoben
גָאר אָהְן אַ שִׁיעוּר!	Gor on a Schi'r!

г-жа В. Іоффе (Гродненск. губ.).

№ 237.

Варiантъ:

װִי אֵיינֶער װֶערְט אַ חָתָן	Wie einer wert a Choss'n
בַּאלְד צוּ דֶער מִינוּט,	Bald zu der Minut,
אִיהְם מֶעלְט זִיךְ אָפֶּ'עט, [1])	Ihm mält sich op'et,[1])
אַז אִיהם װֶעט זַיין גוּט:	As ihm wet sain gut:
קֶעסְט װֶעט מֶען אִיהְם גֶעבֶּען	Kest wet men ihm geben
אוֹיךְ אַ פוּלֶע גֶעלְד,	Auch a vule Geld,
אוּנ עֶר װֶעט פִיהְרֶען	Un er wet fihren
גֶעשֶׁעפְט אִין דֶער װֶעלְט. [2])	Geschäft in der Welt. ([2]
דֶעם חָתָן מֶעלְט [3]) זִיךְ אָפּ,	Dem Choss'n mält ([3] sich op,
אַז עֶר אִיז רַייךְ גֶעװָארֶען;	As er is raich geworen;
עֶר מֵיינְט, עֶר לֶעבְט שׁוֹין אָפּ	Er meint, er lebt schon op
גְלִיקְלִיךְ זַיינֶע יָאהְרֶען.	Glicklich saine Johren.
מֶען שְׁטֶעלְט אִיהְם פָאר [4]) אַ װַארְמֶעס,	Men stellt ihm vor ([4] a Warmes,
פִיהְל דוּ װִילְסְט עֶס, —	Viel du willst ess, —
עֶר מֵיינְט, עֶר לֶעבְט שׁוֹין אָפּ,	Er meint, er lebt schoin op,
װִי גָאט [5]) אִין אָדֶעסְס.	Wie Gott ([5] in Odess.
דֶער שְׁװֶער זָאגְט אִיהם צוּ	Der Schwer sogt ihm zu
דְרַיי הוּנְדֶערְט רוּבְּל נַדַן	Drai hundert Rubel Nadan
אוּנ הָאט בֶּעקְלֶערְט אִין קָאפּ	Un hot beklärt in Kop
גָאר אַ װֵיילֶען פְּלַאן.	Gor a weihlen Plan.
קֶעסְט װֶעל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען,	Kest wel ich dir geben,
גֶעלְד פִּיל דוּ װֶעסְט װֶעלֶען,	Geld viel du west wellen,
װַייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ	Wail ich hob dich lieb
אוּן דוּ בִּיזְט מִיר גֶעפֶעלֶען!	Un du bist mir gefällen!
נֵיין, בְּרוּדֶער, נֵיין	Nein, Bruder, nein
נִיט לֶעבּ שׁוֹין אִין טָעוּת!	Nit leb schoin in Toes!
דֶער טַאטֶא װֶעט נִיט גֶעבֶּען קֵיין קֶעסְט	Der Tate wet nit geben kein Kest
אוּן אוֹיךְ נִיט קֵיין מָעוֹת! [6])	Un auch nit kein Moes! ([6]

Варiанты:

[1]) טְרַאכְט עֶר זִיךְ שׁוֹין אָפּ.	Tracht er sich schoin op.
[2]) אוּן עֶר װֶעט פִיהְרֶען גֶעשֶׁעפְטֶען	Un er wet fihren Geschäften
גָאר אֵיינֶער אוֹיף דֶער װֶעלְט,	Gor einer auf der Welt.
[3]) טְרַאכְט,	tracht.
[4]) פַאר אִיהְם,	var ihm.
[5]) גְלִיקְלִיךְ.	glicklich.
[6]) אוּן גֶעלְד אָװַדַאי נִיט,	Un Geld awade nit.

עֶר װֶעט גֶעבֶּען אַ װַייבּ [1]	Er wet geben a Waib [1]
אוּן הַאלְט זִיךְ מִיט אִיהְר,	Un halt sich mit ihr,
אוּן צָרוֹת װֶעסְטוּ הָאבֶּען	Un Zores westu hoben
גָאר אָהְן אַ שִׁיעוּר [2].	Gor ohn a Schi'r. [2]
עֶר לָאסְטֶעװֶעט דִיר אָפּ	Er lostewet dich op
אוּן פֶּערְדְרֵעהְט דִיר דֶעם קָאפּ,	Un verdreiht dir dem Kop,
בִּיז װַאנֶען עֶר שְׁטֶעלְט	Bis wannen er stellt
דִי חֻפָּה אָפּ!	Die Chupe op!
דֶעמֶעלְט װֵייס עֶר,	Demelt weiss er,
אַז גֶעלְד אִיז בְּ'אִיהְם פַּארַאן,	As Geld is b'ihm varan,
אוּן עֶר אִיז שׁוֹין בֶּעזִיכֶערְט,	Un er is schoin besichert,
אַז דִי טָאכְטֶער הָאט אַ מַאנְן!	As die Tochter hot a Mann!
װָאס װֶעט עֶר נוּר פְּרוּבֶען	Wos wet er nur pruwen
אַ װָארְט אוֹיס צוּרֵיידֶען,	A wort auszureiden,
װֶעט מֶען דָאךְ אוּנְז גֶעבֶּען	Wet men doch uns geben
הַאלְז־אוּנ־נַאקֶען בֵּיידֶען.	Hals-un-Nacken beiden.
— װֶעסְטוּ נָאךְ פְּרוּבֶען	—Westu noch pruwen
אַרוֹיף אוֹיפְן שְׁװֶעל, —	Arauf auf'n Schwell,—
קְרַאנְק בִּיזְטוּ צוּ זוּכֶען	Krank bistu zu suchen
זִיךְ אַיין אַנְדֶער שְׁטֶעל?!	Sich ain ander Stell?!
מַיין טָאכְטֶער אִיז אַ בִּילְד,	Main Tochter is a Bild,
אֵיינֶע אִין דֶער װֶעלְט,	Eine in der Welt,
דוּ הָאסְט זִי גֶעמֶעגְט נֶעהְמֶען	Du host sie gemegt nehmen
גָאר אָהְן אַ גְרָאשֶׁען גֶעלְד!	Gor ohn a Groschen Geld!

---

[1] עֶר גִיט דִיר נָאר אַ װַייבּ. — Er git dir nor a Waib.

[2] Въ одномъ варіантѣ затѣмъ слѣдуютъ заключительныя строфы:

דֶער שְׁװֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבֶּען	Der Schwer hot dir gegeben
קֶעסְט אַ גַאנְצֶע װָאךְ,	Kest a ganze Woch,
אוּן װִיפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר	Un wieviel is der Schi'r
צוּ זִיצֶען אוּן פְרֶעסֶען נָאךְ?	Zu sitzen un fressen noch?
אִיךְ בִּין דָאךְ אַלֵיין	Ich bin doch allein
אַ בְּלוּט־אָרֶעמַאנְן,	A blut orem-Mann,
קְרַאנְק בִּיזְטוּ צוּ הָארֶעװֶען,	Krank bistu zu horewen,
דוּ בִּיזְט דָאךְ אַ יוּנְגֶערְמַאנְן!	Du bist doch a junger Mann!
טָאמֶער װֶעט אִיהְר נָאךְ	Tomer wet ihr noch
װָאס עֶפֶּעס רֵיידֶען,	Wos epes reiden,
טְרַייבּ אִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיס	Traib ich glaich araus
אִין דֶער מִינוּט בֵּיידֶען!	In der Minut beiden!
אִיהְר זָאלְט נִיט סְמֵייעֶן	Ihr sollt nit smeien
יַאװֶען אוֹיף מַיין שְׁװֶעל, —	Jawen auf mein Schwell, —
אִיהְר זַייט דָאךְ יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען,	Ihr sait doch junge Menschen,
טוּ זוּכְט זִיךְ אַ שְׁטֶעלְל!	Tu sucht sich a Stell!

— אִיךְ בִּין דָאךְ נֶעבַּאךְ
אַיין בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאנְן !
— קְרַאנְק בִּיזְטוּ צוּ הָארֶעוֶוען ,
דוּ בִּיזְט אַ יוּנְגֶערְמַאנְן !

—Ich bin doch nebach
Ain blutiger orem-Mann!
— Krank bistu zu horewen,
Du bist a junger-Mann!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).
М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 238.

אָט אַזוֹי , אוּן אָט אַזוֹי
נַארְרְט מֶען אָפּ אַ חָתָן :
מְ'זָאגְט אִיהְם צוּ אַ סַךְ נַדַּן —
אוּן מְ'גִיט אִיהְם נִיט אַ גְרָאשֶׁען .
אָהְן קְלֵיידֶער אוּן אָהְן נַדַּן , —
אַבִּילֶע מַיין טָאכְטֶער הָאט אַ מַאנְן !

Ot asei, un ot asei
Narrt men op a Choss'n:
M'sogt ihm zu a ssach Nadan, —
Un m' git ihm nit a Groschen.
Ohn Kleider un ohn Nadan,—
Abile main Tochter hot a Mann!

Б. М. Касселъ и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 239.

חָתָן , חָתָן , וָואס בִּיסְטוּ בְּרֶגֶז ?
אִיךְ ווֵייס גָאר נִיט פַאר וָואס ,
וָואס דוּ גֵעהְסְט דֶעם גַאנְצֶען טָאג
אַרָאפְּגֶעלָאזֶען דֶעם נָאז .
נוּ וָואס אִיז שׁוֹין דִי פְּעֻלָה ,
אַז מְ'הָאט שׁוֹין גֶעלְד אַ פוּלֶע ?
. . . .

Choss'n, Choss'n, wos bistu breiges?
Ich weiss gor nit far wos,
Wos du geihst dem ganzen Tog
Aropgelosen dem Nos.
Nu wos is schoin die P'ule,
As m'hot schoin Geld a vule?
. . . .

г-жа Р. И. Маймонъ (Ковенск. губ.).

№ 240.

אָי , מִיר אָרֶעמֶע מֵיידֶעלֶעךְ ,
וָואס טוֹיג אוּנְזֶער סַךְ נַדַּן ,
אַז מֶען פּוּצְט אוּנְז אוֹיס
אַ פֶערְד פַאר אַ מַאנְן !
אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן טְהוּעֶן שִׁדּוּכִים ,
זֵיי טְהוּעֶן אוּנְז גָאר נִיט פְרֶעגֶען , —
דַארוּם פֶערְבְּרֵיינְגֶען מִיר זֶעהְר שְׁלֶעכְט
דֶעם לֶעבֶּען !

וָואס טוֹיג אוּנְזֶער רֵיידֶען ,
וָואס טוֹיג אוּנְזֶער קְלֶערֶען ,
אַז פוּן רַייךְ
קֶען מֶען אָרֶעם וֶוערֶען ,
אוּנ פוּן אָרֶעם קֶען מֶען וֶוערֶען רַייךְ !
אַז מֶען קְרִיגְט אַ מַאנְן אַמֶענְטְשֶׁען ,
אִיז מֶען שׁוֹין לַייטֶען גְלַייךְ !

Oi, mir oreme Meidelech,
Wos teig unser ssach Nadan,
Az men putzt uns aus
A Ferd far a Mann!
Unsere Eltern thuen Schiduchim,
Sei thuen uns gor nit frägen,—
Darum verbreingen mir sehr schlecht
dem Leben!

Wos teig unser Reiden,
Wos teig unser Klären,
As vun raich
Kenn men orem weren,
Un vun orem kenn men weren raich!
As men kriegt a Mann a Mentschen,
Is men schoin Laiten glaich!

Б. М. Касселъ и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 241.

Варіантъ:

אַזוֹי אוּן אָט אַזוֹי	Asei un ot asei
װֶערְט פַארְפִיהְרְט דִי װֶעלְט,	Wert varfihrt die Welt,
װָאוּ מִי הָאט חֲתֻנָּה	Wu mi hot Chassene
אָהְן אַ גְרָאשֶׁען גֶעלְט!	On a Groschen Geld!
װָאס הֶעלְפְט אוּנְזֶערֶע קְלֵיידֶער	Wos helft unsere Kleider
מִיט אַ סַךְ נַדָן?	Mit a ssach Nadan?
װֶעמֶען מִיר װִילֶען נִיט,	Wemen mir willen nit,
דֶער אִיז אוּנְזֶער מַאנְן!	Der is unser Mann!
װָאס טוֹיג אוּנְזֶערֶע קְלֵיידֶער	Wos teig uns unsere Kleider
מִיט אַ סַךְ נַדָן?	Mit a ssach Nadan?
װֶעמֶען מִיר װִילֶען נִיט,	Wemen mir willen nit,
דֶער אִיז אוּנְזֶער מַאנְן!	Der is unser Mann!
עֵהדֶער חֲתֻנָּה הָאבֶּען	Eider Chassene hoben
אוּנ פֶערְבְּרֵיינְגֶען אַ שְׁלֶעכְטֶען לֶעבֶּען, —	Un varbreingen a schlechten Leben,—
בֶּעסֶער דִי נְשָׁמָה	Besser die Nschome
צוּ גָאט אַװֶעק צוּגֶעבֶּען!	Zu Gott awekzugeben!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 242.

דִי כַּלָּה הָאט זִיךְ פַאר אַ װַייבּ פַארְשְׁטֶעלְט	Die Kale hot sich far a Waib farstellt:
דִי צָרָה הָאט מִיר גֶעעֶפֶענְט דִי אוֹיגֶען,	Die Zore hot mir geeffent die Eigen,
אַז פוּן צְװֵיי װֶוערְט דְרַיי אוֹיף דֶער װֶעלְט	As vun zwei wert drai auf der Welt
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Ковна).

№ 243.

זִיטְץ אִיךְ אַף אַ שְׁטֵיין,	Sitz ich af a Stein,
קְלָאג אִיךְ אוּן װֵיין:	Klog ich un wein:
אַלֶלע מֵיידְלֶעךְ הָאבֶּען חֲתֻנָּה,	Alle Meidlech hoben Chassene,
נָאר אִיךְ אֵיינֶע נֵיין.	Nor ich eine nein.

М. Г. Каганъ (Минск. губ.).

№ 244.

— מאַמע, וואו געהסטו?	—Mame, wu geihstu?
— טאָכטער, וואָס ווילסטו?	—Tochter, wos willstu?
ווילסטו ניט אַ פּאָר שיכעלאַך האָבן?	Willstu nit a Por Schichelach hoben?
איך וועל געהן דעם שוסטער זאָגען!	Ich wel geihn dem Schuster sogen!
— ניין, מאַמע, ניין!	—Nein, Mame, nein!
הייסט אַ שלעכטע מאַמע איך האָב: [1]	Heisst a schlechte Mame ich hob: [1]
זי ווייס ניט, וואָס איך מיין!	Sie weiss nit, wos ich mein!
— מאַמע, וואו געהסטו?	—Mame, wu geihstu?
— טאָכטער, וואָס ווילסטו?	—Tochter, wos willstu?
ווילסטו ניט אַ קליידעלע האָבן?	Willstu nit a Kleidele hobn?
איך וועל געהן די שניידערקע זאָגען!	Ich wel geihn die Schnaiderke sogen!
— ניין, מאַמע, ניין!	—Nein, Mame, nein!
הייסט אַ שלעכטע מאַמע איך האָב:	Heisst a schlechte Mame ich hob:
זי ווייס ניט, וואָס איך מיין!	Sie weiss nit, wos ich mein!
— מאַמע, וואו געהסטו?	—Mame, wu geihstu?
— טאָכטער, וואָס ווילסטו?	—Tochter, wos willstu?
ווילסטו ניט אַ היטעלע האָבן?	Willstu nit a Hitele hobn?
איך וועל געהן די פּוצמאַכערקע זאָגען!	Ich wel geihn die Putzmacherke sogen!
— ניין, מאַמע, ניין!	—Nein, Mame, nein!
הייסט אַ שלעכטע מאַמע איך האָב:	Heisst a schlechte Mame ich hob:
זי ווייס ניט, וואָס איך מיין!	Sie weiss nit, wos ich mein!
— מאַמע, וואו געהסטו?	—Mame, wu geihstu?
— טאָכטער, וואָס ווילסטו?	Tochter, wos willstu?
ווילסטו ניט אַ פּאָר זעקעלאַך האָבן?	Willstu nit a Por Seckelach hobn?
איך וועל געהן די קניטערקע [2] זאָגען!	Ich wel geihn die Knitterke[2]) sogen!
— ניין, מאַמע, ניין!	—Nein, Mame, nein!
הייסט אַ שלעכטע מאַמע איך האָב:	Heisst a schlechte Mame ich hob:
זי ווייס ניט, וואָס איך מיין!	Sie weiss nit, wos ich mein!
— מאַמע, וואו געהסטו?	—Mame, wu geihstu?
— טאָכטער, וואָס ווילסטו?	—Tochter wos willstu?
ווילסטו ניט אַ חתנ׳לע האָבן?	Willstu nit a Chossele hobn?
איך וועל געהן דעם שדכן זאָגען!	Ich wel geihn dem Schadchon sogen!
— יאַ, מאַמע, יאַ!	—Ja, Mame, ja!
הייסט אַ גוטע מאַמע איך האָב:	Heisst a gute Mame ich hob:
זי ווייס שוין, וואָס איך מיין!	Sie weiss schoin, wos ich mein!

Д. Г. Гальпернъ (Газенпотъ, Курляндск. губ.).
Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ. (Ковенск. губ.).

Варіанты:

[1]) אי, איך האָב אַ שלעכטע מאַמען,	Oi, ich hob a schlechte Mamen,
[2]) שטריקערקע.	Strickerke.

№ 245.

זיץ איך אויפ'ן שטיין	Sitz ich auf'n Stein
און קלאָג און וויין :	Un klog un wein:
אַלע מיידלעך כּלות ווערען ,	Alle Meidlech Kales weren,
און איך בּלייב אַליין .	Un ich blaib allein.
אַז מיין מוטער וואָלט געוועזען אַ גוטע ,	As main Mutter wollt gewen a gute,
וואָלט זי מיר פאַרקנס'ט ;	Wollt sie mir varknast;
זי וואָלט געפאָהרן אין וואַלקעמיר , [1]	Sie wollt gefohren in Walkemir, [1]
געבּראַכט אַ חתנ'לע פאַר מיר :	Gebracht a Chossele far mir:
מיט די שוואַרצע האָר , מיט די בּלויע אויגען ,	Mit die schwarze Hor, mit die bloe Eigen,
צו דער תּורה זאָל ער טויגען .	Zu der Teire soll er teigen.
און ווי די תּורה אויס געמאַכט ,	Un wie die Teire ausgemacht,
זאָל ער לערנען טאָג און נאַכט ;	Soll er lernen Tog un Nacht;
אַבּריוועלע זאָל ער מיר שרייבען ,	A Briewele soll er mir schraiben,
אַ גוטער אידעלע זאָל ער בּלייבען .	A guter Jidele soll er blaiben.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 246*).

טאַטע , מאַמע , פאָהרען אין וואַלקעמיר ,	Tate, Mame, fohren in Walkemir,
וועסטו זעהן אַ פיינעם חתן , בּריינג פאַר מיר !	Westu sehn a fainem Choss'n, breing far mir!
— אפשר ווילסטו אַ שוסטער פאַר אַ מאַנן ?	— Efscher willstu a Schuster far a Mann?
— ניין , מאַמע , ניין !	—Nein, Mame, nein!
אַ שוסטער פאַר אַ מאַנן וויל איך ניט ,	A schuster far a Mann will ich nit,
דראַטווע ציהען קען איך ניט .	Dratwe ziehen kenn ich nit.
— אפשר ווילסטו אַ שניידער פאַר אַ מאַנן ?	— Efscher willstu a Schnaider far a Mann?
— ניין , מאַמע , ניין !	—Nein, Mame, nein !
אַ שניידער פאַר אַ מאַנן וויל איך ניט ,	A Schnaider far a Mann will ich nit,
אייזען בּרענען קען איך ניט .	Aisen brenen kenn ich nit.
— אפשר ווילסטו אַ שיינקער פאַר אַ מאַנן ?	— Efscher willstu a Scheinker far a Mann ?
— ניין , מאַמע , ניין !	—Nein, Mame, nein !
אַ שיינקער פאַר אַ מאַנן וויל איך ניט ,	A Scheinker var a Mann will ich nit,
פלעשלאַך שווייַנקען קען איך ניט .	Fläschlach schweinken kenn ich nit.

---

[1]) Вилкомiръ.

*) Ср. № 249.

– אפשר ווילסטו א מלמד פאר א מאנן ?	– Efscher wilstu a Melamed far a Mann?
– ניין, מאמע, ניין !	Nein, Mame, nein!
א מלמד פאר א מאנן וויל איך ניט,	A Melamed far a Mann will ich nit,
שכירות מאנען קען איך ניט.	S'chires mohnen kenn ich nit.
. . . .	. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 247.

א שיינע מיידל בין איך דאך,	A scheine Meidl bin ich doch,
רויטע פאדים שפינן איך דאך,	Reithe Fodim spinn ich doch,
א רייכ'ן טאט'ן האב איך דאך, –	A raichn Tat'n hob ich doch,—
היינט וואס פעהלט מיר נאך ?	Haint wos fehlt mir noch?
טאטע, טאטע, געה אויפ'ן בן־זכר	Tate, Tate, geih auf'n Ben-sochor
און קלייב מיר אוים א שיינעם בחור,	Un klaib mir aus a scheinem Bochur,
מיט לאנגע פאות'ן, מיט שווארצע אויגען,	Mit lange Peiss'n, mit schwarze Eigen,
און צו דער היילינער תורה זאל ער טויגען.	Un zu der heiliger Teire soll er teigen.

М. Г. Каганъ (Столбцы, Минск. губ.).
А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 248.

Варіантъ:

טאטעלע, פאהר אין וואלקעמיר	Tatele, fohr in Walkemir
און ברייננ א גוטען חת'לע פאר מיר,	Un breing a guten Chossele far mir,
מיט געלע האר, מיט שווארצע אויגען,	Mit gele Hor, mit schwarze Eigen,
און צו דער תורה זאל ער טויגען.	Un zu der Teire soll er Teigen.

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 249*).

זיץ איך אויפ'ן שטיין	Sitz ich auf'n Stein
און פלאץ פון געוויין :	Un platz vun Gewein:
אלע מיידלעך זיינען כלות,	Alle Meidlech sainen Kales,
און איך איינע ניין.	Un ich eine nein.

*) Ср. № 246.

— גֶעבֶּען דִיר, מַיין טָאכְטֶער,
אַ שׁוּסְטֶער פַאר אַיין מַאנְן ? (bis)
— קַיין שׁוּסְטֶער וִויל אִיךְ נִיט,
אַ שׁוּסְטֶערְ'ס טָאכְטֶער בִּין אִיךְ נִיט,
אַ שׁוּסְטֶערִין זַיין קֶען אִיךְ נִיט !
לִיבֶּער פָאטֶער, קַאוַואלְיֶער,
דָאס אִיז גָאר נִיט מַיין מַאנְיֶער ! (bis)

— Geben dir, main Tochter,
A Schuster far ain Mann ? (bis)
— Kain Schuster will ich nit,
A Schuster's Tochter bin ich nit,
A Schusterin sein kenn ich nit !
Lieber Voter, Kawaljer,
Dos is gor nit main Manjer! (bis)

— גֶעבֶּען דִיר, מַיין טָאכְטֶער,
אַ שְׁנַיידֶער פַאר אַיין מַאנְן ? (bis)
— קַיין שְׁנַיידֶער וִויל אִיךְ נִיט,
אַ שְׁנַיידֶערְ'ס טָאכְטֶער בִּין אִיךְ נִיט,
אַ שְׁנַיידֶערִין זַיין קֶען אִיךְ נִיט !
לִיבֶּער פָאטֶער, קַאוַואלְיֶער,
דָאס אִיז גָאר נִיט מַיין מַאנְיֶער ! (bis)

— Geben dir, main Tochter,
A Schnaider far ain Mann? (bis)
— Kain Schnaider will ich nit,
A Schnaider's Tochter bin ich nit,
A Schnaiderin sain kenn ich nit!
Lieber Voter, Kawaljer,
Dos is gor nit main Manjer! (bis)

— גֶעבֶּען דִיר, מַיין טָאכְטֶער,
אַ שְׁמִיד פַאר אַיין מַאנְן ? (bis)
— קַיין שְׁמִיד וִויל אִיךְ נִיט,
אַ שְׁמִידְ'ס טָאכְטֶער בִּין אִיךְ נִיט,
אַ שְׁמִידֶערִין זַיין קֶען אִיךְ נִיט !
לִיבֶּער פָאטֶער, קַאוַואלְיֶער,
דָאס אִיז גָאר נִיט מַיין מַאנְיֶער ! (bis)

— Geben dir, main Tochter,
A Schmied far ain Mann? (bis)
— Kain Schmied will ich nit,
A Schmied's Tochter bin ich nit,
A Schmiederin sain kenn ich nit!
Lieber Voter, Kawaljer,
Dos is gor nit main Manjer! (bis)

— גֶעבֶּען דִיר, מַיין טָאכְטֶער,
אַ סְטָאלְיֶער פַאר אַיין מַאנְן ? (bis)
— קַיין סְטָאלְיֶער וִויל אִיךְ נִיט,
אַ סְטָאלְיֶערְ'ס טָאכְטֶער בִּין אִיךְ נִיט,
אַ סְטָאלְיֶערִין זַיין קֶען אִיךְ נִיט !
לִיבֶּער פָאטֶער, קַאוַואלְיֶער,
דָאס אִיז גָאר נִיט מַיין מַאנְיֶער ! (bis)

— Geben dir, main Tochter,
A Stoljer far ain Mann ? (bis)
— Kain Stoljer will ich nit,
A Stoljer's Tochter bin ich nit!
A Stoljerin sain kenn ich nit!
Lieber Voter, Kawaljer,
Dos is gor nit main Manjer! (bis)

— גֶעבֶּען דִיר, מַיין טָאכְטֶער,
אַ גַארְבֶּער פַאר אַיין מַאנְן ? (bis)
קַיין גַארְבֶּער וִויל אִיךְ נִיט,
אַ גַארְבֶּערְ'ס טָאכְטֶער בִּין אִיךְ נִיט,
אַ גַארְבֶּערִין זַיין קֶען אִיךְ נִיט !
לִיבֶּער פָאטֶער, קַאוַואלְיֶער,
דָאס אִיז גָאר נִיט מַיין מַאנְיֶער ! (bis)

— Geben dir, main Tochter,
A Garber far ain Mann ? (bis)
— Kain Garber will ich nit,
A Garber's Tochter bin ich nit,
A Garberin sain kenn ich nit!
Lieber Voter, Kawaljer,
Dos is gor nit main Manjer ! (bis)

– גֶעבֶּען דִיר, מַיין טָאכְטֶער,	— Geben dir, main Tochter,
אַ פֶּעצְקוּר [1]) פַאר אַיין מַאנְן? (bis)	A Petschkur [1]) far ain Mann? (bis)
– קַיין פֶּעצְקוּר וִויל אִיךְ נִיט,	— Kain Petschkur will ich nit,
אַ פֶּעצְקוּר'ס טָאכְטֶער בִּין אִיךְ נִיט,	A Petschkur's Tochter bin ich nit,
אַ פֶּעצְקוּרֶערִין זַיין קֶען אִיךְ נִיט!	A Petschkurerin sain kenn ich nit.
לִיבֶּער פָאטֶער, קַאוַואלְיֶער,	Lieber Voter, Kawaljer,
דָאס אִיז גָאר נִיט מַיין מַאנְיֶער! (bis)	Dos is gor nit main Manjer! (bis)
– גֶעבֶּען דִיר, מַיין טָאכְטֶער,	— Geben dir, Main Tochter,
אַ רֶבִּי פַאר אַיין מַאנְן? (bis)	A Rebe far ain Mann? (bis)
– אַ רֶבִּי פַאר אַיין מַאנְן וִויל אִיךְ דָאךְ,	— A Rebe far ain Mann will ich doch,
אַ רֶבִּיצִין זַיין קֶען אִיךְ דָאךְ,	A Rebezin sain kenn ich doch,
אַ רֶבִּיצִינ'ס אֵיינִיקֶעל בִּין אִיךְ דָאךְ!	A Rebezin's Einikel bin ich doch!
לִיבֶּער פָאטֶער, קַאוַואלְיֶער,	Lieber Voter, Kawaljer,
אָט דָאס אִיז דָאךְ מַיין מַאנְיֶער! (bis)	Ot dos is doch main Manjer! (bis)

М. Шалытъ (Орша, Могилевск. губ.).

№ 250.

אִיךְ שְׁטֶעה מִיר אִין שְׁפִּיגֶעל	Ich steih mir in Spiegel
אוּן פַארְקֶעם מִיר מַיינֶע הָאר,	Un varkämm mir maine Hor,
גֶעהְט פַארְבַּיי אַ שׁוּסְטֶער	Geiht varbai a Schuster
אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ מִיר פָאר.	Un stellt sich mir vor.
אֵי וֵועה, וָואס אִ'דָאס פַאר אַ וֶועלְט,	Oi weih, wos i'dos far a Welt,
אַז יֶעדֶער שְׁלְיוּיֶע בֶּעט הַיינְט גֶעלְט!	As jeder Schljuje bet haint Geld!
עֶס אִיז אַרוֹיס אַ מָאדֶע	Es is araus a Mode—
מַאנִישְׁקֶעלֶעךְ מִיט שְׁלֵייפֶען;	Manischkelech mit Schleifen;
אַז אִיהְר זֶעהְט דִי שְׁלְיוּיֶעלֶעךְ,	As ihr seht die Schljujelech,
זָאלְט אִיהְר פוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפֶען!	Sollt ihr vun sei antleifen!
אֵי וֵועה, וָואס אִ'דָאס פַאר אַ וֶועלְט,	Oi weih, wos i'dos far a Welt,
אַז יֶעדֶער שְׁלְיוּיֶע בֶּעט הַיינְט גֶעלְט!	As jeder Schljuje bet haint Geld!
מַיין טַאטֶע מִיט מַיין מַאמֶען	Main Tate mit main Mamen
הָאבֶּען מִיר צוּגֶעזָאגְט רָאזִינְקֶעס מִיט מַאנְדְלֶען,	Hoben mir zugesogt Rosinkes mit Mandlen,
אִיךְ זָאל מִיט דִי שְׁלְיוּיֶעלֶעךְ	Ich soll mit die Schljujelech
קַיין מָאל נִיט הַאנְדְלֶען!	Keinmol nit handlen!
אֵי וֵועה, וָואס אִ'דָאס פַאר אַ וֶועלְט,	Oi weih, wos i'dos far a Welt,
אַז יֶעדֶער שְׁלְיוּיֶע בֶּעט הַיינְט גֶעלְט!	As jeder Schljuje bet haint Geld!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

[1]) Печникъ.

№ 251.

דְרַיי רָאטֶען, דְרַיי רָאטֶען פַארְפָאהְרֶען, פַארְ־
פָאהְרֶען
צוּ רֶב לֵייבֶּעלֶען אִין הוֹיז:
– רֶב לֵייבֶּעלֶע, רֶב לֵייבֶּעלֶע, הָאט אִיהר נִיט
אַ גְלֶעזֶעלֶע וַויין?
– נֵיין, אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע רַאשִׁינְקֶע!
אִין שְׁטוּבּ אַרַיין:
– שֵׁיינֶע רַאשִׁינְקֶע! צִיר זַאךְ אוּנ פִיהְר זַאךְ
אוּנ טְהוּ זִיךְ אָן, –
בָּארִיסֶעוֶוער חָתָן קוּמְט צוּ דִיר אָן!
וֶועט עֶר דִיר שִׁיקֶען אַ גִילְדֶערְנֶעם קַאסְטֶען,
אַלֶע מָאנְטִיג אוּנ דָאנֶערְשְׁטִיג זָאלְסְטוּ פַאסְטֶען;
וֶועט עֶר דִיר שִׁיקֶען אַ גִילְדֶערְנֶעם שְׁטוּהל,
זָאלְסְטוּ אַלֶע טָאג גֵעהְן אִין שׁוּל,
וֶועט עֶר דִיר שִׁיקֶען אַ בּוּנְד קַארֶעלֶען, –
וְואוּ דוּ וֶועסְט גֵעהְן זָאלְסְט זַאךְ נִיט אָפּ
שְׁטֶעלֶען.

Drai Rotten, drai Rotten varfohren, varfohren
Zu reb-Leibelen in Haus:
— Reb-Leibele, Reb-Leibele, hot ihr nit
A Gläsele Wain?
— Nein, ich hob a scheine Raschinke!
In Stub arain:
— Scheine Raschinke! zier sach un fihr sach
Un thu sich on, —
Borissewer Choss'n kummt zu dir on!
Wet er dir schicken a gildernem Kasten,
Alle Monntig un Donnerstig sollstu fasten;
Wet er dir schicken a gildernem Stuhl,
Sollstu alle Tog geihn in Schul;
Wet er dir schicken a Bund Karellen,—
Wu du west geihn sollst sach nit opstellen.

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 252.

כְ'בִּין אַמָאל אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל גֶעוֶוען,
הָאבּ אִיךְ אַ מַאמֶע מִיט אַ טָאכְטֶער גֶעזֶעהְן:
דִי מַאמֶע הָאט מֶען גֶערוּפֶען מִיטְ'ן נָאמֶען
שֵׁיינֶע,
מִירְקֶע אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִיהְר נוּר אֵיינֶע.
מִירְקֶע פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג יָאמֶמֶערְן אוּנ קְלָאגֶען,
זִי הָאט נִיט גֶעהַאט פַארְוֶועמֶען צוּ זָאגֶען:
וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיהְר גַאנְצֶער גֶעוֵויין?
זִי פְלֶעגְט זֶעהְן אַלֶע וַוייבְּלַאךְ אִין הַייבְּלַאךְ
גֵעהְן.

'ch bin amol in a klein Städt'l gewen,
Hob ich a Mame mit a Tochter gesehn:
Die Mame hot men gerufen mit dem Nomen Scheine,
Mirke is gewen bai ihr eine.
Mirke flegt ständig jommern un klogen,
Sie hot nit gehat var wemen zu sogen:
Wos is gewen ihr ganzer Gewein?
Sie flegt sehn alle Waiblach in Haiblach geihn.

– גֶענוּג גֶעטְהָאן, גֶענוּג גֶערֶעדְט, – פֶערְקְרַאם דִי שְׁטוּבּ, פֶערְמַאךְ דִי בֶּעט! נֶעהְם אַ שְׁטִיקֶעל זֵייף אוּנ וַואשׁ זִיךְ אָפּ, פֶערְקֶעם זִיךְ דִי קָאפּ מִיטְ'ן גְרָאבֶּן צָאפּ!	— Genug gethon, genug geredt, — Verkram die Stub, vermach die Bett! Nehm a Stickel Seif un wasch sich op, Verkämm sich die Kop mit'n groben Zop!
– וָואס זָאל אִיךְ מִיר וַואשֶׁען דִי צוּבֶּעס, דִי צַאבֶּעס, דִי צוּרָה אִיז נָאךְ רֵיין פוּן פַארָאכְטָאגֶן שַׁבָּת!	— Wos soll ich mir waschen die Zubes, die Zabes, Die Zure is noch rein vun varachtogen Schabes!
מִיט דִי שְׁטוּבּ זָאל דִיר שׁוֹין נִיט אַרֶען: אִיךְ וֶועל שׁוֹין פֶערְקְרַאמֶען אוּנ פֶערְשַׁארֶען.	Mit die Stub soll dir schoin nit aren: Ich wel schoin verkramen un verscharren.
מִיט מַזָל, מִיט גְלִיק, מִיט דִי רֶעכְטֶע פוּס,	Mit Mas'l, mit Glick, mit die rechte Fuss,
טְהוּ נִיט אַזוֹי, וִוי שְׁטֶענְדִיג דוּ טְהוּסְט! גֵעה גִיכֶער אוּן גֶעשְׁוִוינְד אוּנ בְּרֵיינְג מִיר דֶעם שַׁדְכָן אַזוֹי וִוי אַ ווִינְד!	Thu nit asei, wie ständig du thust! Geih gicher un geschwind Un breing mir dem Schadchon asei wie a Wind!
– נָחוּם דֶער שַׁדְכָן אִיז אַ גְרוֹיסֶער כַּעֲסָן, –	— Nochum der Schadchon is a greisser Kaiss'n, —
בֶּעזָארְג אַבִּיסְל בְּרַאנְפְן, אוּנ עֶפֶּעס פֶערְבַּייסְן!	Besorg a bissel Branfen un epes verbaissn!
אֵיידֶער בְּרַאנְפֶען, בֶּעסֶער בִּיר, אַייְנְגֶעמַאכְץ אִיז גוּט – לָאז בְּלַייבֶּען פַאר מִיר!	Eider Branfen, besser Bier, Aingemachts is gut — los blaiben far mir!
– גוּט מָארְגֶען, רֶב נָחוּם, יָא גֶעטְרָאפֶען,	— Gut morgen, Reb-Nochum, jo getroffen,
כְ'הָאבּ גֶעהֶערְט 'נְשְׁטֶעטְל – אִיהְר זַייט אַ גְרוֹיסֶער חָכָם; אִיהְר ווִילְט דָאךְ אַוַודַאי אַ רוּבְּל פֶערְדִינֶען, –	'ch hob gehert 'n Städt'l — ihr sait a greisser Chochom; Ihr willt doch awade a Rubl verdienen,—
פַאר וָואס זָאלְט אִיהר נִיט הַאלְטֶען מַיין מִירְקֶען אִין זִינֶען?	Far wos sollt ihr nit halten main Mirken in Sinnen?
– נוּ זָאגְט, אִין וָואס בֶּעשְׁטֵעהְט דִי נַדָן?	— Nu sogt, in wos besteiht die Nadan?
אִיךְ הָאבּ פַאר אַייעֶר מִירְקֶען אַ בְּרוֹיטְגֶעבֶּער פַאר אַ מַאנְן: בֶּערְקֶעס זוּהְן, אַ בָּחוּר, אַ צַאצְקֶע, – עֶר הָאט אַ וֶועגֶעל מִיט אַנְ־אֵייגֶענֶע קְלְיַאצְקֶע!	Ich hob far aier Mirken a Breitgeber far a Mann: Berkes Suhn, a Bochur a Zazke,— Er hot a Wegel mit a-n-eigener Kljatschke!

– סִמָן טוֹב, מַזָל טוֹב, סִמְ'טוֹב דֶעם עוֹלָם!	Ssimen-teiw, Mas'l-tow, Ssim-teiw dem Eilom!
בְּרַאנְפְן און בִּיר, אַזוֹי וִוי אִין אַ הוֹיף.	Branfen un Bier, asei wie in a Heif.
סִמָן טוֹב, מַזָל טוֹב, סִמְ'טוֹב דֶעם עוֹלָם!	Ssimen-teiw, Mas'l-tow, Ssim-teiw dem Eilom!
חַאצְקֶע זִיצְט וִוי אַ לֵיימֶענֶער גוֹלֶם,	Chazke sitzt wie a leimener Geilom,
מִירְקֶע רִיהְרְט זִיךְ נִיט פוּן אָרְט,	Mirke rihrt sich nit vun Ort,
חַאצְקֶע רֶעט מִיט אִיהְר קַיין וָוארְט.	Chazke redt mit ihr kain Wort.
. . . .	. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Пильтенъ, Курляндск. губ.),
А. Козьбо (Шкуды, Ковенск. губ.).

№ 253.

Варіантъ:

אַ מָאל בִּין אִיךְ אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעדְטְל גֶעוֶוען,	Amol bin ich in a klein Städt'l gewen,
אַ מַאמֶען מִיט אַ טָאכְטֶער הָאבּ אִיךְ דָארְטְן גֶעזֶעהְן:	A Mamen mit a Tochter hob ich dort'n gesehn:
דִי מַאמֶען רוּפְט מֶען מִיטְ'ן נָאמֶען שֵׁיינֶע,	Die Mamen ruft men mit'n Nomen Scheine,
הָאט זִי אַ טָאכְטֶער מִירֶעלֶע אֵיינֶע.	Hot sie a Tochter Mirele eine.
מִירֶעלֶע פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג וֵויינֶען און קְלָאגֶען,	Mirele flegt ständig weinen un klogen,
זִי 'טְ נִיט גֶעהַאט פַאר וֶועמֶען דִי הַארְץ אויסצוזָאגֶען.	Sie 't nit gehat var wemen die Harz auszusogen.
וָואס אִיז גֶעוֶוען מִירְקֶעס גֶעוֵויין?	Wos is gewen Mirkes Gewein?
זִי פְלֶעגְט זֶעהְן אַלֶע טָאג וַוייבְּלַאךְ אִין הַייבְּלַאךְ גֵעהְן.	Sie flegt sehn alle Waiblach in Haiblach geihn.
– מַאמֶע, מַאמֶע, לוֹיף גִיךְ און גֶעשְׁוִוינְד	— Mame, Mame, leif giech un geschwind
און בְּרֵיינְג דֶעם שַׁדְכָן וִוי אַ וִוינְד!	Un breing dem Schadchon wie a Wind!
דִי מַאמֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען פַאר בַּיי אַ שְׁלוּפּ	Die Mame is gegangen varbai a Schlup
און הָאט דֶערזֶעהְן דֶעם שַׁדְכָנְ'ס שְׁטוּבּ.	Un hot dersehn dem Schadchon's Stub.
– גוּט מָארְגֶען, רֶב שִׁמְעוֹן! וָואס מַאכְט אִיהְר, רֶב נָחוּם?	Gut Morgen, reb-Schimen! Wos Macht ihr, reb-Nochum?
כְ'הָאבּ גֶעהֶערְט אִין דֶער וֶועלְט, אִיהְר זַייט אַ גְרוֹיסֶער חָכָם;	'ch hob gehert in der Wellt, ihr sait a greisser Chochom;
וָואס זָאלְט אִיהְר נִיט הַאלְטֶען מַיין מִירְקֶען אִין זִינֶען,	Wos sollt ihr nit halten main Mirken in Sinnen,

פַאר אִיהְר אַ חָתָן צו גֶעפִינֶען ?
– וָואס בֶּעטְרֶעפְט אַייעֶר מִירְקֶעס נַדַן ?
כְ'הָאבּ פַאר אִיהְר אַ בְּרוֹיְדְט־גֶעבֶּער אַ מַאנְן :

אַבְרָהָמְ'לְס אַ זוּהְן , אַ בָּחוּר אַ צַאצְקֶע , –

עֶר הָאט אַ פֶערְד מִיט אַנְ'אֵייגֶענֶע קְלְיַאצְקֶע !

. . . .
. . . .

– פַארְבֶּעט דִי בֶּעט , מַאךְ רֵיין אוּמֶעטוּם

אוּנ נֶעהְם דִי זֵייף אוּנ וַואשׁ זִיךְ אַרוּם !

– וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ וַואשֶׁען וִוי זוּמֶער זְשַׁאבֶּעס ,
אַז אִיךְ בִּין נָאךְ קְלָאר פוּן פַאר אַכְטָאגֶען שַׁבָּת !

. . . .

„מַזָל טוֹב !" שְׁרַייט דֶער עוֹלָם ,
חַצְקֶע זִיצְט וִוי דֶער לֵיימֶענֶער גוֹלֶם ;

מִירְקֶע רִיהְרְט זִיךְ נִיט פוּן אָרְט ,
אוּנ חַצְקֶע רֶעדְט נִיט אוֹיס אַ וָוארְט ;

. . . .
. . . .

Far ihr a Choss'n zu gefinen?
— Wos betrefft aier Mirkes Nadan?
'ch hob far ihr a Breitgeber a Mann:

Awrohoml's a Suhn, a Bochur a Zazke, —

Er hot a Ferd mit a-n-eigener Kljatschke!

. . . .
. . . .

— Varbett die Bett, mach rein umetum

Un nehm die Seif un wasch sich arum!

— Wos soll ich sich waschen wie Summer die Żabes,
As ich bin noch klor vun varachtogen Schabes!


. . . .

„Mas'l-tow!" schrait der Eilom.
Chazke sitzt wie der leimener Geilom;

Mirke rihrt sich nit vun Ort,
Un Chazke redt nit aus kain Wort.

. . . .
. . . .

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).



VII.

Свадебныя пѣсни.

№ 254.

נִיט קֵיין גֶעבֶּעטֶענֶע	Nit kein gebetene
אַלֵיין גֶעקוּמֶען –	Allein gekummen —
חָאץ אַ'ן אָרֶעמֶע ,	Chotz a-n-oreme,
פָּאָרְט אַ מוּמֶע . [1]	Fort a Muhme. [1]
גֶעגֶעבֶּען אַ פֵּיימֶעלֶע –	Gegeben a Peimele —
צוּגֶענוּמֶען :	Zugenummen:
שְׁפִּיעלְט אַ סֶעמֶענֶע [2]	Spielt a Ssmene [2]
פַאר אַ מוּמֶען ! [3]	Far a Muhmen! [3]

С. И. Абельманъ (Могилевск. губ.).
Д. Г. Гальпернъ (Вильна).
Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

---

[1] שָׂרָה'לֶע דִי רֶבֶּצִין ,	Ssorele die Rebezin,
דִי כַּלָ'הס אַ מוּמֶע ,	Die Kale's a Muhme,
נִיט קֵיין גֶעבֶּעטֶענֶע	Nit kein gebetene
אַלֵיין גֶעקוּמֶען .	Allein gekummen.

[2] Старинный танецъ.

[3] Варіанты:

שְׁפִּיעלְט מִיר אַ סֶעמֶענֶע ,	Spielt mir a Ssemene,
נִיט קֵיין קַאוַאצְקֶע ,	Nit kein Kasazke,
אִיךְ בִּין אַנ־אָרֶעמֶע ,	Ich bin a-n-oreme,
אָבֶּער אַ חְוַואטְסְקֶע !	Ober a chwatske!
נַאט אַייךְ אַ פֵּייעֶם ,	Nat aich a Peiem,
שְׁפִּיעלְט מִיר אַ סֶעמֶעלֶע , —	Spielt mir a Ssemele,—
חַנָה־לֶע'ס חָתָ'לֶע	Chanele's Chossele
רוּפְט מֶען אַבְרֶהֶמֶ'לֶע .	Ruft men Awremele.
. . . .	. . . .
נַאט אַייךְ אַ פֵּייעֶם ,	Nat aich a Peiem,
שְׁפִּיעלְט מִיר אַ קַאוַאצְקֶע ,	Spielt mir a Kasazke,
אִיךְ בִּין אַנ־אָרֶעמֶע ,	Ich bin a-n-oreme,
אָבֶּער אַ חְוַואטְסְקֶע ,	Ober a chwatske!

№ 255.

אינגעלעך מיט מיידעלעך	Jingelech mit Meidelech
האָבען זיך צו נומען ;	Hoben sich zunummen;
תִּשְׁעָה בְּאָב די חֲתֻנָּה —	Tische-b'ow die Chassene —
קיינער איז ניט געקומען ;	Keiner is nit gekummen;
נאָר דער טאַטע מיט דער מאַמען [1]	Nor der Tate mit der Mamen [1])
מיט דעם פעטער אֵלִיָּה ,	Mit dem Vetter Elje,
מיט דער לאַנגער דעליע ,	Mit der langer Delje,
מיט דער קורצער בערד'ל ,	Mit der kurzer Bärd'l,
שפּרינגט אונ טאַנצט צוזאַמען ,	Springt un tanzt zusammen,
ווי אַ מְשֻׁגָּע'נער פערד'ל .	Wie a mischugener Ferd'l.

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).
М. Г. Каганъ (Столбцы, Минск. губ.).

№ 256.

Варiантъ:

אַמאָל איי ג'ווען אַ חֲתֻנְ־קע ,	Amol i g'ewen a Chasunke,
קיינער ניט געקומען —	Keiner nit gekummen —
אינגעלעך מיט מיידעלעך	Jingelech un Meidelech
האָבען זעך גענומען .	Hoben sech genummen.
קומט צוגעהן אֵלי'נקע	Kummt zugeihn Elinke
מיט'ן גרויען פערדעלע ,	Mit'n grauen Ferdele,
טאַנצט זעך אויס אונ שפּרינגט זעך אויס	Tanzt sech aus un springt sech aus
מיט'ן גרויען בערדעלע .	Mit'n grauen Bärdele.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 257.

— גוט מאָרגען, גוט מאָרגען, מְחֻתֶּנֶתְ'טע ,	— Gut Morgen, gut Morgen, Mehuteneste,
צי איז געפעלען, געפעלען די שנירעלע ?	Zi is gefälln, gefällen die Schnirele?
— געפעלן געפעלט זי מיר זעהער ,	— Gefälln gefällt sie mir seiher,
שיין איז די כַּלָּה אונטערן שלייער ;	Schein is die Kale unter'n Schleier;
שיין איז זי ווי אַ קיילינע ,	Schein is sie wie a Kailine,
זיס איז זי ווי אַ מיילינע ,	Siss is sie wie a Mailine,
זיס איז זי ווי צוקער , —	Siss is sie wie Zucker, —
פאַרן חָתָן איי דאָס דער עִקָּר !	Far'n Choss'n is dos der Iker!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ. (Ковенск. губ.).

---

[1]) **Варiантъ**:

קומט דער פעטער אֵלִיָּה'צקע ,	Kummt der Vetter Eljezke,
מיט זיין ציגענע בערדעלע ,	Mit sain ziegener Bärdele,
טאַנצט מיט זיין קאַפּעליעצקע ,	Tanzt mit sain Kapeljezke,
ווי אַ מְשֻׁגָּע'נער פערדעלע .	Wie a mischugener Ferdele,

№ 258.

אָי וְוֶעה, מוּטֶער,	Oi weih, Mutter,
דִי קַאטְץ לֶעקְט דִי פּוּטֶער;	Die Katz leckt die Putter;
דִי הִינֶער פִּיקֶען דִי אֵייֶער,	Die Hihner picken die Eier,
דִי כַּלָּה בֶּעט דֶעם שְׁלֵייֶער;	Die Kale bet dem Schleier;
דֶער חָתָן בֶּעט דֶעם טַלִּית,	Der Choss'n bet dem Talis,
דֶער מְחֻתָּן וֶוערְט בְּדַלּוּת. [1]	Der Mechut'n wert b'dales. [1]
. . . .	. . . .

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 259.

אָי אַךְ	Oi ach
בְּיָמֵינוּ!	B'jomienu!
לָאמִיר גֶעבֶּען אַ שְׁבַח	Lomir geben a Schwach
צוּם בּוֹרֵא אֱלֹהֵינוּ,	Zum Beire Eleiheinu,
וָואס עֶר זִיצְט	Wos Er sitzt
מִמַּעַל עֶלְיוֹנִים, —	Mimaal eljeinim, —
אַחַת וְאַחַת!	Achas w'achas!
לָאמִיר זֶעהְן	Lomir sehn
צוּ פַארְטַייצֶען,	Zu vartaizen,
וָואס „אֵיינְס"	Wos „eins"
טְהוּט בַּאטַייטֶען:	Thut bataiten:
אֵיינְס אִיז	Eins is
דֶעם חָתָנ'ס טִישׁ, [2]	Dem Chossn's Tisch,
אַוְואוּ מֶע עֶסְט,	Awu me esst,
אַוְואוּ מֶע טְרִינְקְט,	Awu me trinkt,
אַוְואוּ מְ'הוּלְיֶעט,	Awu m' huljet,
אַוְואוּ מְ'זִינְגְט,	Awu m' singt,
אַוְואוּ מֶע טַאנְצְט,	Awu me tanzt,
אַוְואוּ מֶע שְׁפְּרִינְגְט.	Awu me springt.
אַלְטֶע, יוּנְגֶע,	Alte, Junge,
טַאנְצְט אַלֶע,	Tanzt Alle,
זַייט מְשַׂמֵּחַ	Sait m'ssameiach
חָתָן וְכַלָּה!	Chosson w'Kalo!
וָואס דִי חֲתֻנָּה	Wos die Chassene
הָאט גֶעקָאסְט,	Hot gekosst,
וֶועט דָאךְ גָאט	Wet doch Gott
זַיין מְמַלֵּא!	Sain m'male!

---

[1] דִי כְּלֵי־זֶמֶר בֶּעטֶען גֶעלְט, דִי מְחֻתֶּנֶת'טֶע זִיצְט אוּן קְוֶועלְט. — Die Klesmer beten Geld, Die Mchuteneste sitzt un quelt.

[2] דִי חֲתֻנָּה־שְׁטוּב. — Die Chassene-stub.

אָי אַך	Oi ach
! בְּיָמֵינוּ	B'jomeinu!
לָאמִיר גֶעבֶּען אַ שְׁבַח	Lomir geben a Schwach
, צוּם בּוֹרֵא אֱלֹהֵינוּ	Zum Beire Eleiheinu,
וָואס עֶר זִיצְט	Wos Er sitzt
— , מִמַּעַל עֶלְיוֹנִים	Mimaal eljeinim, —
! אַחַת וּשְׁתַּיִם	Achas u-schtajim!
לָאמִיר זֶעהְן	Lomir sehn
, צוּ פַארְטַייצֶען	Zu vartaizen,
"וָואס „צְוֵויי	Wos „zwei"
: טְהוּט בַּאטַייטֶען	Thut bataiten:
צְוֵויי זַיינֶען	Zwei sainen
— , חָתָן־כַּלָּה	Choss'n-Kale,—
גָאט זָאל זֵיי	Gott soll sei
(1 ! זַיין מְמַלֵּא	Sain m'male! 1)
אֵיינְס אִיז	Eins is
, דֶעם חָתָנְ'ס טִישׁ	Dem Chossn's Tisch,
.אַוְואוּ מֶע עֶסְט א. ז. וו	Awu me esst etc.
אָי אַך	Oi ach
.בְּיָמֵינוּ א. ז. וו	B'jomeinu etc.
! אַחַת וְשָׁלשׁ	Achas w'scholeisch!
לָאמִיר זֶעהְן	Lomir sehn
, צוּ פַארְטַייצֶען	Zu vartaizen,
"וָואס „דְרַייא	Wos „drai"
: טְהוּט בַּאטַייטֶען	Thut bataiten:
דְרַייא זַיינֶען	Drai sainen
, דִי כְּלֵי זְמָרִים	Die Kle-smorim,
וָואס זַיינֶען מְשַׂמֵּחַ	Wos sainen m'ssameiach
(2 . זְקֵנִים וּנְעָרִים	Skeinim u-N'orim. 2)
צְוֵויי זַיינֶען	Zwei sainen
, חָתָן־כַּלָּה	Choss'n-Kale,
גָאט זָאל זֵיי	Gott soll sei
. זַיין מְמַלֵּא	Sain m'male.
אֵיינְס אִיז	Eins is
, דֶעם חָתָנְ'ס טִישׁ	Dem Chossn's Tisch,
.אַוְואוּ מֶע עֶסְט א. ז. וו	Awu me esst etc.

וָואס זַיינֶען (1	1) Wos sainen
. אוּנְז מְמַלֵּא	Uns m'male.
. רַייך אוּנ אָרֶעם (2	2) Raich un orem.

אָי אַךְ	Oi ach
בְּיָמֵינוּ א. ז. וו.	B'jomeinu etc.
אַחַת וְאַרְבַּע !	Achas w'arba!
לָאמִיר זֶעהְן	Lomir sehn
צוּ פַּארְטַייצֶען ,	Zu vartaizen,
וָואס „פִיער"	Wos „vier"
טְהוּט בַּאטַייטֶען :	Thut bataiten:
פִיער זַיינֶען	Vier sainen
דִי חֻפָּה־שְׁטַאנְגֶען ,	Die Chupe-stangen,
וָואס חָתָן־כַּלָּה	Wos Choss'n-Kale
זַיינֶען דְ'רַיין פַארְהַאנְגֶען. [1]	Sainen d'rain varhangen. [1])
דְרַיי זַיינֶען	Drai sainen
דִי כְּלֵי זְמָרִים א. ז. וו.	Die Kle-smorim etc.
אָי אַךְ	Oi ach
בְּיָמֵינוּ !	B'jomeinu!
לָאמִיר גֶעבֶּען אַ שְׁבַח	Lomir geben a Schwach
צוּם בּוֹרֵא אֱלֹהֵינוּ ,	Zum Beire Eleiheinu,
וָואס עֶר זִיצְט	Wos Er sitzt
לְמַעְלָה עֶלְיוֹנָה , —	Lemaalo eljeino, —
אַחַת וְחָמֵשׁ !	Achas w'chomeisch!
לָאמִיר זֶעהְן	Lomir sehn
צוּ פַּארְטַייצֶען ,	Zu vartaizen,
וָואס „פִינְף"	Wos „finf"
טְהוּט בַּאטַייטֶען :	Thut bataiten:
פִינְף זַיינֶען	Finf sainen
דִי מְחֻתָּנִים ,	Die Mchutonim,
וָואס זַיינֶען	Wos sainen
מְקַבֵּל פָּנִים. [2]	Mkabeil Ponim. [2])
פִיער זַיינֶען	Vier sainen
דִי חֻפָּה־שְׁטַאנְגֶען ,	Die Chupe-stangen,
וָואס חָתָן־כַּלָּה	Wos Choss'n-Kale
זַיינֶען דְ'רַיין פַארְהַאנְגֶען.	Sainen d'rain varhangen.
דְרַיי זַיינֶען	Drai sainen
דִי כְּלֵי זְמָרִים ,	Die Kle-smorim,
וָואס זַיינֶען מְשַׂמֵּחַ	Wos sainen m'ssameiach
זְקֵנִים וּנְעָרִים.	Skeinim u-N'orim.
צְווֵיי זַיינֶען	Zwei sainen
חָתָן־כַּלָּה ,	Choss'n-Kale,

[1]) פִיער זַיינֶען / דִי אוּנְטֶער־פִיהְרֶער , / וֶועלְכֶע דִי חָתָן־כַּלָּה / צוּ דֶער חֻפָּה פִיהְרֶען.

Vier sainen / Die Unter-fihrer, / Welche die Choss'n-kale / Zu der Chupe fihren.

[2]) וָואס גֵעהֶען / צוּ קַבָּלַת פָּנִים.

Wos geihen / Zu kabolas-ponim.

גָאט זָאל זַיי	Gott soll sei
זַיין מְמַלֵא .	Sain m'male.
אֵיינְס אִיז	Eins is
דֶעם חָתָנְ'ס טִישׁ ,	Dem Chossn's Tisch,
אַוְואוּ מֶע עֶסְט	Awu me esst
אוּנ וְואוּ מֶע טְרִינְקְט ,	Un wu me trinkt,
אַוְואוּ מֶע הוּלְיֶעט ,	Awu me huljet
אוּנ וְואוּ מֶען זִינְגְט ,	Un wu me singt,
אַוְואוּ מֶע טַאנְצְט	Awu me Tanzt
אוּנ וְואוּ מֶען שְׁפְּרִינְגְט ,	Un wu men springt.
אַלְטֶע , יוּנְגֶע ,	Alte, Junge,
טַאנְצְט אַלֶע ,	Tanzt alle,
זַייט מְשַׂמֵחַ	Sait m'ssameiach
חָתָן־כַּלָה !	Choss'n-Kale!
וָואס דִי חֲתֻנָה	Wos die Chassene
הָאט גֶעקָאסְט ,	Hot gekost,
וֶועט דֶער בּוֹרֵא	Wet der Beire
זַיין מְמַלֵא !	Sain m'male!
אָי אַךְ	Oi ach
בְּיָמֵינוּ ! א. ז. וו.	B'jomeinu etc.
אַחַת וָשֵׁשׁ	Achas w'scheisch!
לָאמִיר זֶעהְן	Lomir sehn
צוּ פַארְטַייצֶען ,	Zu vartaizen,
וָואס „זֶעקְס"	Wos „sechs“
טְהוּט בַּאטַייטֶען :	Thut bataiten:
זֶעקְס אִיז	Sechs is
דִי הַבְדָלוֹת ,	Die Hawdoles,
גָאט זָאל גֶעבֶּען	Gott soll geben
גוּטֶע מַזָלוֹת !	Gute Masoles!
פִינְף זַיינֶען	Finf sainen
דִי מְחֻתָּנִים א. ז. וו.	Die Mchutonim etc.
אָי אַךְ א. ז. וו.	Oi ach etc.
אַחַת וָשֶׁבַע א. ז. וו.	Achas woschewa etc.
וָואס „זִיבֶּען"	Wos „sieben“
טְהוּט בַּאטַייטֶען ?	Thut bataiten?
זִיבֶּען אִיז	Sieben is
דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת ,	Die schewa Broches,
גָאט זָאל גֶעבֶּען	Gott soll geben
גוּטֶע הַצְלָחוֹת !	Gute Hazloches!
זֶעקְס אִיז	Sechs is
דִי הַבְדָלוֹת א. ז. וו.	Die Hawdoles etc.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
Левитанъ (Шавли, Ковенск. губ.).

№ 260*).

פאַרְבַּיי מִיהְל, פאַרְבַּיי רָאד
פִיהְרְט מֶען דִי כַּלָּה גְלַייךְ אִין בָּאד;
פאַרְבַּיי דִי נַייֶע בְּרוּקֶען
פִיהְרְט מֶען דִי כַּלָּה טוּקֶען.

Varbai Mihl, varbai Rod
Fihrt men die Kale glaich in Bod;
Varbai die naie Brucken,
Eihrt men die Kale tuken.

פִיהְרְט מֶען דִי כַּלָּה טוּקֶען,
לוֹיפֶען דִי װַייבֶּער קוּקֶען;
װִי מֶען פִיהְרְט נָאר דִי כַּלָּה אַרוֹיס,
גֶעהְט דֶער חָתָן פוּן קְלוֹיז אַרוֹיס.

Fihrt men die Kale tuken.
Leifen die Waiber kucken,
Wie men fihrt nor die Kale araus,
Geiht der Choss'n vun Klaus araus.

מִיט אַ גְלֶעזֶעלֶע װַיין, מִיט אַ שְׁטִיקֶעלֶע פְלָא־דֶען,
מִי זָאל אִיהְר גִיכֶער אָפְּבָּאדֶען,
מִי זָאל אִיהְר נִיט דֶערְטְרֵיינְקֶען,
מִי זָאל אִיהְר כָּשֵׁר שְׁװֵיינְקֶען.

Mit a Gläsele Wain, mit a Stikele Floden,
Mi soll ihr gicher opboden,
Mi soll ihr nit dertrinken,
Mi soll ihr koscher schweinken.

חַאפְּט מֶען אָן פַאר אַ הֶענְטֶעלֶע,
שְׁװֵיינְקְט מֶען אָפּ אַ הֶענְטֶעלֶע;
חַאפְּט מֶען אָן פַאר אַ פִיסֶעלֶע,
שְׁװֵיינְקְט מֶען אָפּ אַ פִיסֶעלֶע.

Chapt men on far a Häntele,
Schweinkt men op a Häntele;
Chapt men on far a Fissele,
Schweinkt men op a Fissele.

— כַּלָּה מַיין, כַּלָּה פַיין,
װִי אִיז דִיר גֶעגַאנְגֶען?
— מִקְוֶה װַאסֶער — צוּקֶער זִיס,
כְ'הָאבּ אָפְּגֶעפְרָארֶען דִי יוּנְגֶע פִיס!

— Kale main, Kale fain,
Wie is dir gegangen?
— Mikwe-wasser—zucker-siss,
'ch hob opgefroren die junge Fiss!

אָי װֵעה, בִּיטֶער,
זֶעה, מַיין חָתָן, אִיךְ צִיטֶער!
נֶעהְם מִיךְ אַרוּנְטֶער
אוּנְטֶער דַיין פוּטֶער!

Oi weih, bitter,
Seh, main Choss'n, ich zitter!
Nehm mich arunter
Unter dain Futter!

— װִי קֶען אִיךְ דִיר נֶעהְמֶען?
כְ'מוּז זִיךְ פַאר לַייטֶען שֶׁעמֶען!
— שֶׁעם זִיךְ יֶע, אוּנ שֶׁעם זִיךְ נִיט,
נֶעהְם דֶעם פוּטֶער אוּן נֶעהְם מִיךְ מִיט!

—Wie ken ich dir nehmen?
'ch mus sich var Laiten schämen!
— Schäm sich je, un schäm sich nit,
Nehm dem Futter un nehm mich mit!

לֵיבֶּעלֶע בֶּעדֶער,
גִילְדֶערְנֶע רֶעדֶער,
אַבָּאלֶע בְּרוּם,
זֶעלִיקֶעל שְׁטוּם, —
דְרֶעה זִיךְ, דִי כַּלָּה,
דְרַיי מאָל אַרוּם!

Leibele Bäder,
Gilderne Räder,
Abele brumm,
Selik'l stumm,
Dreih sich, die Kale,
Draimol arum!

*) Предсвадебная.

פידעלט די מויז ,	Fiedelt die Maus,
טאנצט די לויז ,	Tanzt die Laus,
פליהט די פלוי	Flieht die Fleih
דורכן פענסטער ארויס .	Durch'n Fenster araus.
יונגע שניידער'ס	Junge Schnaiders
שניידען צו ,	Schnaiden zu,
בלאטיקע נקבות	Blotike Nkeiwes
נעהמען צו .	Nehmen zu.
צו גענומען ,	Zugenummen,
אוועק געלייגט ,	Awekgeleigt,
אווארע געמאכט :	A ware gemacht:
דער חתן געהט .	Der Choss'n geiht.
אווארע געמאכט ,	A ware gemacht,
דעם חתן געבראכט	Dem Choss'n gebracht
צו די כלה	Zu die Kale
א גאנצע נאכט .	A ganze Nacht.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 261.

זייט געזונטער הייט ,	Sait gesunter-heit,
מיינע ליעבע עלטערן ,	Maine liebe Eltern,
איך פאהר פון אייך אוועק !	Jch fohr vun aich awek!
גאט זאל געבען	Gott soll geben
געזונד און לעבען ,	Gesund un Leben,
און מיר א גליקליכע וועג !	Un mir a glickliche Weg!
. . . .	. . . .

г-жа Б. Іоффе (Гродненск. Губ.).

№ 262.

Варіантъ:

זייט געזונד , מיינע ליעבע עלטערן ,	Sait gesund, maine liebe Eltern,
איך פאהר אוועק אין א ווייטען וועג ,	Ich fohr awek in a waiten Weg,
וואו קיין ווינד וועהט ניט ,	Wu kein Wind weiht nit,
און וואו קיין פויגעל פליהט ניט ,	Un wu kein Veigele flieht nit,
און וואו קיין האהן קרעהט ניט	Un wu kein Hohn kreiht nit
. . . .	. . . .

г-жа Р. И. Маймонъ (Ковенск. губ.).

№ 263.

זײַ־זְשֶׁע גֶעזוּנְד, מַײן גֶעלִיבְּטֶער פָּאטֶער,
זָאל שוֹין נֶעהְמֶען אַײן עֶק! (bis)
bis { דײַן זַאלְץ אוּנ בְּרוֹיט הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעגֶעסֶען,
איצְטֶער פָאהְר אִיךְ שׁוֹין פוּן דִיר אַוֶעק!

Sai-że gesund, main geliebter Voter,
Soll schoin nehmen ain Eck! (bis)
Dain salz un Breit hob ich doch gegessen,
Itzter fohr ich schoin vun dir awek! (bis)

ווִי עֶס אִיז בִּיטֶער, מַײן גֶעלִיבְּטֶער פָאטֶער,
אַ פֵײגֶעלֶע אִין וִויסְטֶען וַואלְד אַלֵײן, (bis)
bis { אַזוֹי אִיז דָאךְ בִּיטֶער, מַײן גֶעלִיבְּטֶער פָּאטֶער,
מִיר אִין אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד אַלֵײן!

Wie es is bitter, main geliebter Voter,
A Veigele in wisten Wald allein, (bis)
Asei is doch bitter, main gelibter Voter,
Mir in a fremde Land allein! (bis)

אִין אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד מִיט קֵײנֶעם נִיט בֶּעקַאנְט,
עֶלֶענְד אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֵײן. (bis)
bis { אוּנ אַז אִיךְ דֶערְמָאהְן זִיךְ אָן דִיר, מַײן גֶעלִיבְּטֶער פָאטֶער,
זִיצְט אִיךְ אוּנ טְרוֹיעֶר אוּנ וֵויין.

In a fremder Land, mit keinem nit bekannt,
Elend, asei wie a Stein. (bis)
Un as ich dermohn sich on dir, main gelibter Voter,
Sitz ich un trauer un wein. (bis)

זַײ־זְשֶׁע גֶעזוּנְד, מַײן גֶעלִיבְּטֶע מוּטֶער,
זָאל שׁוֹין נֶעהְמֶען אַײן עֶק. (bis)
bis { דַײן מִילְךְ פוּן דַײן בְּרוּסְט הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעזוֹיגֶען,
אִיצְטֶער פָאהְר אִיךְ שׁוֹין פוּן דִיר אַוֶעק!

Sai-że gesund, main geliebte Mutter,
Soll schoin nehmen ain Eck. (bis)
Dain Milch vun Brust hob ich doch geseigen,
Jztter fohr ich schoin vun dir awek! (bis)

А. Рейзинъ (Минск. губ.).



VIII.

Семейныя пѣсни.

№ 264.

איז געפלויגען די גאלדערנע פאווע [1])	Is gefleigen die golderne Pawe [1])
איבער אלע ימ׳ען. (bis)	Iber alle Jamen. (bis)
לאזט געריסען מיין טייערן טאטין	Lost gerissen main thaiern Taten
מיט מיין ליבע מאמען! [2])	Mit main liebe Mamen! [2])
איז געפלויגען די גאלדערנע פויגעל	Is gefleigen die golderne Veigel
איבער אלע גראבען. (bis)	Iber alle Groben. (bis)
לאזט געריסען מיין טייערן זיידין	Lost gerissen main thaiern Seiden
מיט מיין ליבע באבען! [3])	Mit main liebe Boben! [3])
איז געפלויגען די גאלדערנע פאווע	Is gefleigen die golderne Pawe
איבער אלע טייכין. (bis)	Iber alle Taichen. (bis)
לאזט געריסען מיין ליב פעטער	Lost gerissen main lieb Vetter
מיט מיין מוהמע רייכען!	Mit main Muhme Raichen!
איז געפלויגען די גאלדערנע פאווע	Is gefleigen die golderne Pawe
מיט איהר גרויסען שאנד, (?) [4])	Mit ihr greissen Schand, (?) [4])
האט זי פארלארען דעם גאלדערנעם פעדער	Hot sie varloren dem goldernem Feder
אין א פרעמדע לאנד.	In a fremde Land.

Варіанты:

[1]) געפלויגען, געפלויגען די גילדערנע פויגעל.	Gefleigen, gefleigen die gilderne Veigel.
[2]) לאזט־זע גריסען, גילדערנע פויגעל,	Lost-że grissen, gilderne Veigel,
מיין ליבע, הארציגע מאמען!	Main liebe, harzige Mamen!
[3]) געפלויגען, געפלויגען די גילדערנע פויגעל	Gefleigen, gefleigen die gilderne Veigel
איבער אללע טייכען.	Iber alle Jamen.
לאזט־זע גריסען, ליעבע פויגעל,	Lost-że grissen, liebe Veigel,
מיין ליבען, הארציגען טאטען!	Main lieben, harzigen Taten!

[4]) Не означаеть-ли שאנד—хвостъ? Иногда, впрочемъ, вмѣсто настоящаго куплета поется слѣдующій варіантъ:

איז געפלויגען די גאלדערנע פאווע	Is gefleigen die golderne Pawe
איבער אללע פעלדער,	Iber alle Felder,
האט זי פערלארען דעם גאלדערנ׳ם פעדער	Hot sie varloren dem goldernem Feder
אין די פרעמדע לענדער.	In die fremde Länder.

נִיט אַזוֹי דֶער גָאלְדֶערְנֶער פֶּעדֶער׳	Nit asei der golderner Feder,
וִוי דִי פַּאוֶוע אַלֵיין;	Wie die Pawe allein;
נִיט אַזוֹי דֶער פְרֶעמְדֶער זוּהְן׳	Nit asei der fremder Suhn
וִוי דִי טָאכְטֶער אַלֵיין׳	Wie die Tochter allein.
וִוי עֶס אִיז בִּיטֶער׳ מַיין לִיבּ מוּטֶער׳	Wie es is bitter, main lieb Mutter,
אַ פֵייגֶעלֶע אָהְן אַ נֶעסְט׳ –	A Veigele ohn a Nest,—
אַזוֹי אִיז בִּיטֶער׳ מַיין לִיבּ מוּטֶער׳	Asei is bitter, main lieb Mutter,
בַּיי אַ שְׁוֶוער אוּנ שְׁווִיגֶער אוֹיף קֶעסְט!	Bai a Schwer un Schwieger auf Kest!
וִוי עֶס אִיז בִּיטֶער׳ מַיין לִיבּ מוּטֶער׳	Wie es is bitter, main lieb Mutter,
אַ וַואסֶער אָהְן אַ פִישׁ׳ –	A Wasser ohn a Fisch,—
אַזוֹי אִיז בִּיטֶער׳ מַיין לִיבּ מוּטֶער׳	Asei is bitter, main lieb Mutter,
אַז מְ׳זִיצְט בַּיי אַ פְרֶעמְדֶען טִישׁ!	As m'sitzt bai a fremden Tisch!
וִוי עֶס אִיז בִּיטֶער׳ מַיין לִיבּ מוּטֶער׳	Wie es is bitter, main lieb Mutter,
אַ פִישׁ אָהְן אַ פַאן׳ –	A Fisch on a Fann, —
אַזוֹי אִיז בִּיטֶער׳ מַיין לִיבּ מוּטֶער׳	Asei is bitter, main lieb Mutter,
אַז מְ׳קְרִיגְט אַ שְׁלֶעכְטֶען מַאנְן!	As m'kriegt a schlechten Mann!
וִוי עֶס אִיז בִּיטֶער׳ מַיין לִיבּ מוּטֶער׳	Wie es is bitter, main lieb Mutter,
אַ פֵייגֶעלֶע אָהְן אַזַאמְד׳ –	A Veigele on a Samd, —
אַזוֹי אִיז בִּיטֶער׳ מַיין לִיבּ מוּטֶער׳	Asei is bitter, main lieb Mutter,
אַז מְ׳וֶוערְט פַארְוָואגֶעלְט אִין אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד!	As m'wert varwogelt in a fremde Land!

Д. Г. Гальпернъ (Шкуды, Ковенск. губ.).
Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 265.

Варіантъ:

עֶס קוּמְט גֶעפְלוֹיגֶען דִי גִילְדֶערְנֶע פַּאוֶוע	Es kummt gefleigen die gilderne Pawe
פוּן אַיין פְרֶעמְדֶען לַאנְד׳	Vun ain fremden Land,
הָאט זִי פֶערְלָארֶען דֶעם גִילְדֶערְנֶעם פֶעדֶער	Hot sie verloren dem gildernem Feder
מִיט אַיין גְרוֹיסֶען שַׁאנְד׳	Mit ain greissen Schand.
עֶס אִיז נִיט אַזוֹי דֶער גִילְדֶערְנֶער פֶּעדֶער׳	Es is nit asei der gilderner Feder,
וִוי דִי פַּאוֶוע אַלֵיין;	Wie die Pawe allein;
עֶס אִיז נִיט אַזוֹי דֶער אֵיידִים׳	Es is nit asei der Eidem,
וִוי דִי טָאכְטֶער אַלֵיין׳	Wie die Tochter allein;

װי עס איז ביטער, מײן ליבע מוטער,	Wie es is bitter, main liebe Mutter,
אַ פײגעלע אַף דעם ים, —	A Veigele auf dem Jam,—
אַזוי איז ביטער, מײן ליבע מוטער,	Asei is bitter, main liebe Mutter,
אַז מע קומט אָן צו אַ שלעכטען מאַנן !	As men kummt on zu a schlechten Mann!
װי עס איז ביטער, מײן ליבע מוטער,	Wie es is bitter, main liebe Mutter,
אַ פײגעלע אָהן אַ נעסט, —	A Veigele ohn a Nest, —
אַזוי איז ביטער, מײן ליבע מוטער,	Asei is bitter, main liebe mutter,
שװער אונ שװיגערס קעסט !	Schwer un Schwieger's Kest!
װי עס איז ביטער, מײן ליבע מוטער,	Wie es is bitter, main liebe Mutter,
אַ שטוב אָהן אַ װאַנט, —	A Stub ohn a Wand,—
אַזוי איז ביטער, מײן ליבע מוטער,	Asei is bitter, main liebe Mutter,
אַז מע קומט אָן אָן שװער אונ שװיגערס האַנד !	As me kummt on on Schwer un Schwieger's Hand!
װי עס איז ביטער, מײן ליבע מוטער,	Wie es is bitter, main liebe Mutter,
אַ שטוב אָהן אַ טהיר, —	A Stub ohn a Thir,—
אַזוי איז ביטער, מײן ליבע מוטער,	Asei is bitter, main liebe Mutter,
מיר אָהן דיר !	Mir ohn dir!

Е. Нурокъ (Туккумъ, Курляндск. губ.).

№ 266*).

שטעה איך אויף פריה, (bis)	Stei ich auf frih, (bis)
זאָגט מײן בײזע שװיגער :	Sogt main beise Schwieger:
איך קײ װי די צאָבאָנסקע קיה !	Ich kai wie die zobonske kih!
אָי װעה, מײן לעבען,	Oj weih, main Leben,
אַז איך װײס ניט, װי די בײזע שװיגער	As ich weiss nit, wie die beise Schwieger
דעם כבוד אָפּצוגעבען !	Dem Kowed opzugeben!
שטעה איך אויף שפעט, (bis)	Steih ich auf spät, (bis)
זאָגט מײן בײזע שװיגער :	Sogt main beise Schwieger:
איך ליג װי אַ נבֵלה ביז האַלבען טאָג אין בעט !	Ich lieg wie a Nweile bis halben Tog in Bett!
אָי װעה, מײן לעבען א. ז. װ.	Oi weih, main Leben etc.
באַק איך גרויסע חלות, (bis)	Back ich greisse Chales, (bis)
זאָגט מײן בײזע שװיגער,	Sogt main beise Schwieger,
אַז איך שטעל איהר גאָר בדלות.	As ich stell ihr gor b'dales.
אָי װעה, מײן לעבען א. ז. װ.	Oi, weih, main Leben etc.

*) См. отрывокъ этой пѣсни, напеч. г. І. Лернеромъ (въ ст. „די יודישע מוזע", въ „הויזפריינד", т. II стр. 186).

Back ich kleine Chales, (bis)	בַּאק אִיךְ קְלֵיינֶע חַלּוֹת, (bis)
Sogt main beise Schwieger,	זָאגְט מַיין בֵּייזֶע שְׁוִויגֶער,
As ich zieh auf ihr dem dales.	אַז אִיךְ צִיה אוֹיף אִיהְר דֶעם דַלּוּת;
Oi weih, main Leben etc.	אָי וֵועה, מַיין לֶעבֶּען א. ז. וו.
Geih ich ongethon schein, (bis)	גֵעה אִיךְ אָנְגֶעטָאן שֵׁיין, (bis)
Sogt main beise Schwieger,	זָאגְט מַיין בֵּייזֶע שְׁוִויגֶער,
As ich mach ihr gor gemein.	אַז אִיךְ מַאךְ אִיהְר גָאר גֶעמֵיין.
Oi weih, main Leben etc.	אָי וֵועה. מַיין לֶעבֶּען א. ז. וו.
Geih ich ongethon mies, (bis)	גֵעה אִיךְ אָנְגֶעטָאן מִאוּס, (bis)
Sogt main beise Schwieger,	זָאגְט מַיין בֵּייזֶע שְׁוִויגֶער,
As ich thu ir on a Biesch.	אַז אִיךְ טְהוּ אִיהְר אָן אַבִּיוּשׁ.
Oi weih main Leben etc.	אָי וֵועה, מַיין לֶעבֶּען א. ז. וו.
Gei ich die Bett varbetten, (bis)	גֵעה אִיךְ דִי בֶּעט פַארְבֶּעטֶען, (bis)
Sogt main beise Schwieger:	זָאגְט מַיין בֵּייזֶע שְׁוִויגֶער:
Ich soll schoin mehr die Erd nit treten,	אִיךְ זָאל שׁוֹין מֶעהְר דִי עֶרְד נִיט טְרֶעטֶען!
Oi weih, main Leben etc.	אָי וֵועה, מַיין לֶעבֶּען א. ז. וו.
Varbett ich nit die Bett, (bis)	פַארְבֶּעט אִיךְ נִיט דִי בֶּעט, (bis)
Heist main beise Schwieger	הֵייסְט מַיין בֵּייזֶע שְׁוִויגֶער
Dem Suhn schoin geben Get.	דֶעם זוּהְן שׁוֹין גֶעבֶּען גֶט.
Oi weih, main Leben etc.	אָי וֵועה, מַיין לֶעבֶּען א. ז. וו.
Wasch ich Tisch un Beink, (bis)	וַואשׁ אִיךְ טִישׁ אוּנ בֵּיינְק, (bis)
Sogt main beise Schwieger:	זָאגְט מַיין בֵּייזֶע שְׁוִויגֶער:
Schoin Zait 'ch soll arainfallen in a Kreink.	שׁוֹין צַייט כְּ'זָאל אַרַיינְפַאלֶען אִין אַ קְרֵיינְק!
Oi weih, main Leben etc.	אָי וֵועה, מַיין לֶעבֶּען א. ז. וו.
Thu ich Tisch un Beink nit waschen, (bis)	טְהוּ אִיךְ טִישׁ אוּנ בֵּיינְק נִיט וַואשֶׁען, (bis)
Geiht main beise Schwieger	גֵעהְט מַיין בֵּייזֶע שְׁוִויגֶער
Un baredt mich in alle Gassen.	אוּנ בַּארֶעט מִיךְ אִין אַלֶע גַאסֶען.
Oi weih, main Leben etc.	אָי וֵועה, מַיין לֶעבֶּען א. ז. וו.
Thu ich auskehren die Stub, (bis)	טְהוּ אִיךְ אוֹיסְקֶעהְרֶען דִי שְׁטוּבּ, (bis)
Sogt main beise Schwieger,	זָאגְט מַיין בֵּייזֶע שְׁוִויגֶער,
's soll sich effenen var mir a Grub.	סְ'זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען פַאר מִיר אַ גְרוּבּ.
Oi weih, main Leben etc.	אָי וֵועה, מַיין לֶעבֶּען א. ז. וו.

טְהוּ אִיךְ דִי שְׁטוּבּ נִיט קֶעהְרֶען, (bis)	Thu ich die Stub nit kehren, (bis)
זָאגְט מַיין בֵּייזֶע שְׁווִיגֶער,	Sogt main beise Schwieger,
כְ'זָאל אוּיפְהֶערֶען אוּיף בֵּיידֶע אוּיעֶרֶען צוּ הֶערֶען.	'ch soll ufheren auf beide Eihern zu heren.
אָי וֵועה, מַיין לֶעבֶּען א. ז. וו.	Oi weih, main Leben etc.
גֵעה אִיךְ מִיטְ'ן מַאנְן שְׁפַּאצִירֶען, (bis)	Geih ich mit'n Mann spazieren, (bis)
זָאגְט מַיין בֵּייזֶע שְׁווִיגֶער,	Sogt main beise Schwieger,
עֶס זָאל זִיךְ מִיר שְׁטֶעלֶען אוּיף דִי פִּיס גֶעשְׁווִירֶען.	Es soll sich mir stellen auf die Fiss Geschwiren.
אָי וֵועה, מַיין לֶעבֶּען א. ז. וו.	Oi weih, main Leben etc.
זִיץ אִיךְ אִין שְׁטוּבּ וְוי אַ קְרוּק,	Sitz ich in Stub wie a Kruk, (bis)
זָאגְט מַיין בֵּייזֶע שְׁווִיגֶער:	Sogt main beise Schwieger:
זִי הַאלְט שוֹין פַארְדְרֵייט דֶעם שְׁנוּק!	Sie halt schoin vardreiht dem Schnuk!
אָי וֵועה מַיין לֶעבֶּען,	Oi weih, main Leben,
אַז אִיךְ וֵויים נִיט, וְוי דִי בֵּייזֶע שְׁווִיגֶער	As ich weis nit, wie die beise Schwieger
דֶעם כָּבוֹד אָפְּצוּגֶעבֶּען!	Dem Kowed opzugeben!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 267).*

— טָאכְטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין,	—Tochter du liebste, du main,
וְוי הַאלְט דִיר דִי שְׁווִיגֶער?	Wie halt dir die Schwieger?
— דִי שְׁווִיגֶער רַק בֵּייז, וְוי אַ טִיגֶער,	—Die Schwieger rak beis wie a Tiger,
מוּטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין!	Mutter du liebste, du main!
— טָאכְטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין,	—Tochter du liebste, du main,
וְוי הַאלְט דִיר דֶער שְׁוֶוער?	Wie halt dir der Schwer?
— דֶער שְׁוֶוער בְּרוּמְט שְׁטֶענְדִיג, וְוי אַ בֶּער,	— Der Schwer brummt ständig wie a Bär,
מוּטֶער, דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין!	Mutter du liebste, du main!
— טָאכְטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין,	—Tochter du liebste, du main,
וְוי הַאלְט דִיר דֶער מַאנְן?	Wie halt dir der Mann?
— בַּיין מַאנְן דֶער לֶעבֶּען, וְוי אַ שְׁפַּאנְן,	—Bai'n Mann der leben, wie a Spann,
מוּטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין!	Mutter du liebste, du main!

*) См. варіантъ настоящей пѣсни, напеч. г. Л. Винеромъ, въ ст. „Popular Poetry of the Russian Jews" (Americana Germanica, 1898, vol. II № 2.).

– טָאכְטֶער, דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין,
וָואס עֶסְטוּ דָארְטֶען ?
– אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט, לִיבֶּערְסְט דֶער טוֹיט,
מוּטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין !

—Tochter du liebste, du main,
Wos estu dorten?
—A Stickel Breit, lieberst der Teit,
Mutter du liebste, du main!

– טָאכְטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין,
וָואס טְרִינְקְסְטוּ דָארְטֶען ?
– אַגְלֶעזֶעלֶע וַויין – שַׁאנְד אִין פָּנִים אַרַיין,
מוּטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין !

—Tochter du liebste, du main,
Wos trinkstu dorten?
—A Gläsele Wain—Schand in Ponim arain,
Mutter du liebste, du main!

– טָאכְטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין,
אִין וָואס גֵעהְסְטוּ אָנְגֶעטָאן ?
– אִין אַקַארְטוּנֶענֶע קְלֵייד, מִיט צָרוֹת גֶענֵעהְט,
מוּטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין !

—Tochter du liebste, du main,
In wos geihstu ongethon?
—In a kartunene Kleid, mit Zores geneiht,
Mutter du liebste, du main!

– טָאכְטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין,
וָואסֶערֶע שִׁיךְ גֵעהְסְטוּ ?
– אַזֶעלְכֶע שִׁיךְ, וָואס וֶוערְט צוּרִיסֶען אוֹיף גִיךְ,
מוּטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין !

—Tochter du liebste, du main,
Wossere Schich geihstu?
—Aselche Schich wos wert zurissen auf gich,
Mutter du liebste, du main!

– טָאכְטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין,
וִוי שְׁלָאפְסְטוּ דָארְטֶען ?
– אוֹיף אַקִיסֶען, נוּר לַייט זָאלֶען וִויסֶען,
מוּטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין !

—Tochter du liebste, du main,
Wie schlofstu dorten?
—Auf a Kissen, nur Lait sollen wissen,
Mutter du liebste, du main!

– טָאכְטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין,
אַוְואוּ לִיגְסְטוּ דָארְטֶען ?
– אוֹיפְ'ן הַארְטֶען בַּאנְק, טוֹיט קְרַאנְק,
מוּטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין !

—Tochter du liebste, du main,
Awu liegstu dorten?
—Auf'n harten Bank, teit-krank,
Mutter du liebste, du main!

– טָאכְטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין,
גֵעהְט צוּ גֶעוָואהְר וֶוערֶען דֶער מַאנְן ?
– עֶר גֵעהְט נִיט צוּ, עֶר הָאט שֵׂכֶל וִוי אַ קוּה,
מוּטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין !

—Tochter du liebste, du main,
Geiht zu gewohr weren der Mann?
—Er geiht nit zu, er hot Sseichel wie a Kuh,
Mutter du liebste, du main!

– טָאכְטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין,
וְואוּ הָאט מֶען דִיר אַרָאפְּגֶעהוֹיבֶּען ?
– אוֹיף אַזֶעלְכֶע עֶרְד, וָואס קֵיין מָאל נִיט גֶעקֶעהְרְט,
מוּטֶער דוּ לִיבְּסְטֶע, דוּ מַיין !

—Tochter du liebste, du main,
Wu hot men dir aropgeheiben?
—Auf aselche Erd, wos keinmol nit gekehrt,
Mutter du liebste, du main!

– טאכטער דו ליבסטע, דו מיין,
וואס האט מען דיר אונטערגעבעט?
–דריי שטרייה, ווינד און וועה,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

—Tochter du liebste, du main,
Wos hot men dir untergebett?
—Drai Streih, wind un weih,
Mutter du liebste, du main!

– טאכטער דו ליבסטע, דו מיין,
אין וואס האט מען דיר אנגעטאן?
– ניט די שמש'טע צו רייסען, ניט הינט צו בייסען,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

— Tochter du liebste, du main,
In wos hot men dir ongethon?
—Nit die Schameste zu raissen, nit Hind zu baissen,
Mutter du liebste, du main!

– טאכטער דו ליבסטע, דו מיין,
וואו האט מען דיך אוועקגעפיהרט?
– אין א שווארצען וואגען, לייט זאלען קלאגען,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

— Tochter du liebste, du main,
Wu hot men dir awek gefihrt?
—In a schwarzen Wogen, Lait sollen klogen,
Mutter du liebste, du main!

– טאכטער דו ליבסטע, דו מיין,
וואס'טן דיר געלייגט צו קאפען?
– א זעקעלע ערד, די קאפ צום פערד,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

— Tochter du liebste, du main,
Wos't'n dir geleigt zu-kopen?
—A Säckele Erd, die Kop zum Ferd,
Mutter du liebste, du main!

– טאכטער דו ליבסטע, דו מיין,
ווי האט מען דיר אוועק געפיהרט?
– מיט א ווייסען פערד, יונגער הייט אין ד'רערד, –
מסתמא בין איך אזוי ווערט,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

— Tochter du liebste, du main,
Wie hot men dir awekgefihrt?
—Mit a waissem Ferd, junger-heit in der Erd,—
Mistome bin ich asei wert,
Mutter du liebste, du main!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 268.

Варіантъ:

– וואו ביסטו געוועזען, (bis)
טאכטער דו ליבסטע, דו מיין?
– ביי שוויגער אונד שווער, –
געברומט ווי א בער,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

—Wu bistu gewesen, (bis)
Tochter du liebste, du main?
—Bai Schwieger und Schwer,—
Gebrummt wie a Bär,
Mutter du liebste, du main!

— וואס האט מען דיר דארט צו עסען
גענעבען, (bis)
טאכטער דו ליבסטע, דו מיין?
— פיש — געפאנגען
מיט אייזערנע צוואנגען,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

— וואס האט מען דיר דארט צו טרינקען
געגעבען, (bis)
טאכטער דו ליבסטע, דו מיין?
— מעד אונ וויין —
סם דעריין,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

— וואו האט מען דיר אהין געלייגט, (bis)
טאכטער דו ליבסטע, דו מיין?
— ביין אויבען אויף דעם באנק,
דארט בין איך געלעגען טויט קראנק,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

— וואו האט מען דיר אראפגעהויבען, (bis)
טאכטער דו ליבסטע, דו מיין?
— אויף דער ערד,
די שטוב ניט געקערט,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

— וואס האט מען דיר אונטער געלייגט, (bis)
טאכטער דו ליבסטע, דו מיין!
— א זעקעלע מיט ערד,
מסתמא בין איך מעהר ניט ווערט,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

— ווי האט מען דיר הינגעלייגט, (bis)
טאכטער דו ליבסטע, דו מיין?
— מיט די פיס צום טהיר,
ניט ווייט פון דיר,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!

—Wos hot men dir dort zu essen
gegeben, (bis)
Tochter du liebste, du main?
—Fisch-gefangen
Mit aiserne zwangen,
Mutter du liebste du main!

— Wos hot men dir dort zu trinken
gegeben, (bis)
Tochter du liebste, du main?
— Med und Wain —
Ssam derain,
Mutter du liebste, du main!

—Wu hot men dich ahingeleigt, (bis)
Tochter du liebste, du main?
—Bai'n Eiwen auf dem Bank,
Dort bin ich gelegen teit-krank,
Mutter du liebste, du main!

—Wu hot men dich aropgeheiben, (bis)
Tochter du liebste, du main?
—Auf der Erd,
Die Stub nit gekehrt,
Mutter du liebste, du main!

—Wos hot men dir untergeleigt, (bis)
Tochter du liebste, du main?
—A Säckele mit Erd,
Mistome bin ich mehr nit wert,
Mutter du liebste du main!

—Wie hot men dir hingeleigt, (bis)
Tochter du liebste, du main?
—Mit die Fiss zum Thir,
Nit wait vun dir,
Mutter du liebste, du main!

Е. Нурокъ (Туккумъ, Курляндск. губ.).

№ 269.

– טָאכְטֶערְ׳ל דוּ לִיבְּסְטֶע,
טָאכְטֶערְ׳ל דוּ מַיין,
אִיךְ װֶעל דִיר לֶערְנֶען,
װִי אַ שְׁנוּר צוּ זַיין:

— Tochter'l du liebste,
Tochter'l du main,
Ich wel dir lernen,
Wie a Schnur zu sain:

בְּשַׁעַת דִי שְׁװִיגֶערְ׳ל
װֶעט גֵעהְן פוּן שׁוּל,
אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוּנְטֶערְטְרָאגֶען
דֶעם גִילְדֶערְנֶעם שְׁטוּל.

Bisch'as die Schwieger'l
Wet geihn vun Schul,
Asei sollstu untertogen
Dem gildernem Stuhl.

װִי דִי שְׁװִיגֶערְ׳ל
אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן שׁוּל,
אַזוֹי הָאט זִי נִיט אוּנְטֶערְגֶעטְרָאגֶען
דֶעם גִילְדֶערְנֶעם שְׁטוּל.

Wie die Schwieger'l
Is gegangen vun Schul,
Asei hot sie nit untergetrogen
Dem gildernem Stuhl.

– בְּשַׁעַת דוּ װֶעסְט דַארְפֶען
אַ קִינְד גֶעװִינֶען,
אַזוֹי װֶעט זִיךְ פַאר דִיר
קֵיין בָּאבֶּע נִיט גֶעפִינֶען.

— Bisch'as du west darfen
A Kind gewinen,
Asei wet sich far dir
Kein Bobe nit gefinen.

װִי זִי הָאט גֶעדַארְפְט
אַ קִינְד גֶעװִינֶען,
אַזוֹי הָאט זִיךְ פַאר אִיהְר –
קֵיין בָּאבֶּע נִיט גֶעפוּנֶען.

— Wie sie hot gedarft
A Kind gewinen,
Asei hot sich far ihr —
Kein Bobe nit gefunen.

– שְׁװִיגֶערְ׳ל דוּ לִיבְּסְטֶע,
שְׁװִיגֶערְ׳ל דוּ מַיין,
שְׁטֶעל זִיךְ אַרַיין אִין פֶענְסְטֶער, –
אֶפְשַׁר װֶעט מִיר גְרִינְגֶער זַיין!

— Schwieger'l du liebste,
Schwieger'l du main,
Stell sich arain in Fenster, —
Efscher wet mir gringer sain!

– נִיט אִיךְ װֶעל זִיךְ שְׁטֶעלֶען
אִין פֶענְסְטֶער אַרַיין,
נִיט עֶס װֶעט דִיר
גְרִינְגֶער זַיין!

— Nit ich wel sich stellen
In Fenster arain,
Nit es wet dir
Gringer sain!

– שְׁװִיגֶערְ׳ל דוּ לִיבְּסְטֶע,
שְׁװִיגֶערְ׳ל דוּ מַיין,
שְׁטֶעל זִיךְ אַרַיין אִין װַיינְגָארְטֶען,
אֶפְשַׁר װֶעט מִיר גְרִינְגֶער זַיין!

— Schwieger'l du liebste,
Schwieger'l du main,
Stell sich arain in Waingorten,
Efscher wet mir gringer sain!

– נִיט אִיךְ װֶעל זִיךְ שְׁטֶעלֶען
אִין װַיינְגָארְטֶען אַרַיין,
אוּנ נִיט עֶס װֶעט דִיר
גְרִינְגֶער זַיין!

— Nit ich wel sich stellen
In Waingorten arain,
Un nit es wet dir
Gringer sain!

– װֶער עֶס אִיז מַיין גֶעלִיבְּטֶער
אוּנ װֶער עֶס אִיז דֶער מַאן מַיין,
װֶער װֶעט לױפֶּען פֶּערְצִיג מַייל
צוּ מַיין מוּטֶער אִין שְׁטוּבּ אַרַיין?

— Wer es is main Geliebter
Un wer es is der Mann main,
Wer wet leifen verzig Mail
Zu main Mutter in Stub arain?

– אִיךְ בִּין דַיין גֶעלִיבְּטֶער
אוּנ אִיךְ בִּין דֶער מַאנְן דַיין,
אוּנ אִיךְ װֶעל לױפֶּען פֶּערְצִיג מַייל
צוּ דַיין מוּטֶער אִין שְׁטוּבּ אַרַיין!

— Ich bin dain Geliebter
Un ich bin der Mann dain,
Un ich wel leifen verzig Mail
Zu dain Mutter in Stub arain!

– גוּט מָארְגֶען, שְׁװִיגֶערְ׳ל!
– גוּט יָאהְר, מַיין קִינְד!
– אַייֶער אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער
גֵעהְט שְׁװֶער צוּ קִינְד!

— Gut morgen Schwieger'l!
— Gut Johr, main Kind!
— Aier einzige Tochter
Geiht schwer zu Kind!

װִי זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען
שְׁפַּאנֶען דֶעם פֶּערְד,
אַזױ הָאט זִי זִיךְ גֶעװוּאוּנְשֶׁען
צוּ לִיגֶען אִין דֶער עֶרְד.

Wie sie is gegangen
Spannen dem Ferd,
Asei hot sie sich gewunschen
Zu liegen in der Erd.

װִי זִי אִיז אַרִיבֶּער
דֶעם אַייזֶערְנֶעם בְּרִיק,
אַזױ הָאט זִי בַּאגֶעגֶענְט
דִי שַׁמָשִׁים גֵעהֶען צוּרִיק.

Wie sie is ariber
Dem aisernem Brick,
Asei hot sie begegent
Die Schamossim geihen zurick.

װִי זִי אִיז אַרַיין
אִין אִיהְר טָאכְטֶערְס שְׁטוּבּ,
אַזױ אִיז זִי אַרַיין
אִין פִינְסְטֶערֶע גְרוּבּ.

Wie sie is arain
In ihr Tochters Stub,
Asei is sie arain
In finstere Grub.

װִי זִי הָאט גֶעהַאלְטֶען
דֶעם מֶעסֶערְ׳ל אִין שױס,
אַזױ הָאט זִי זִיךְ דֶערְלַאנְגְט,
אַז דִי נְשָׁמָה אִיז אִיהְר אַרױס.

Wie sie hot gehalten
Dem Messer'l in Scheiss,
Asei hot sie sich derlangt,
As die Nschome is ihr araus.

אָי אָי אָי, אָי אָי אָי,
אַ קְלָאג, אַ קְלָאג, אַ קְלָאג
צְװֵיי נְפָשׁוֹת, צְװֵיי נְפָשׁוֹת
אִין אֵיינְצִיגֶען טָאג!

Oi oi oi, oi oi oi,
A Klog, a Klog, a Klog!
Zwei Nfasches, Zwei Nfasches
In ein einzigen Tog!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

Варіантъ:

—טָאכְטֶער דו לִיבְּסְטֶע, טָאכְטֶער דו מַיין,	— Tochter du liebste, Tochter du main,
כְ'וֶועל דִיר לֶערְנֶען וְוי בַּא אַ שְׁוִויגֶער צו זַיין:	'ch wel dirlernen, wie ba a Schwieger zu sain:
אַז דִי שְׁוִויגֶער וֶועט גֵעהְן פון וַוייטֶען,	As die Schwieger wet geihn vun waiten,
זָאלְסְטו נִיט טְהֵיילֶען קֵיין אָרֶעמֶע לַייטֶען.	Sollstu nit theilen kein oreme Laiten.
טָאכְטֶער דו לִיבְּסְטֶע, טָאכְטֶער דו מַיין,	Tochter du liebste, Tochter du main,
כְ'וֶועל דִיר לֶערְנֶען וְוי בַּא אַ שְׁוִויגֶער צו זַיין:	'ch wel dir lernen, wie ba a Schwiegr zu sain:
אַז דִי שְׁוִויגֶער וֶועט גֵעהְן פון שׁול,	As die Schwieger wet geihn vun Schul,
זָאלְסְטו אִיהְר טְרָאגֶען אַנְטְקֶעגֶען אַ שְׁטוּהְל.	Sollstu ihr trogen antkegen a Stuhl.
טָאכְטֶער דו לִיבְּסְטֶע א. ז. וו.	Tochter du liebste etc.
אַז דִי שְׁוִויגֶער וֶועט גֵעהְן צום טִישׁ,	As die Schwieger wet geihn zum Tisch,
זָאלְסְטו אִיהְר אונְטֶערְטְרָאגֶען אַ בֵּיינְקֶעלֶע צו דִי פִּיס.	Sollstu ihr untertrogen a Beinkele zu die Fiss.
טָאכְטֶער דו לִיבְּסְטֶע א. ז. וו.	Tochter du liebste etc.
אַז דִי שְׁוִויגֶער וֶועט גֵעהְן צום טִישׁ,	As die Schwieger wet geihn zum Tisch,
זָאלְסְטו אִיהְר גֶעבֶּען דִי בֶּעסְטֶע שְׁטִיק פִּישׁ.	Sollstu ihr geben die beste Stick Fisch.
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
— שְׁוִויגֶער לִיבֶּע, שְׁוִויגֶער מַיין,	— Schwieger liebe, Schwieger main,
עֶפֶענְט אָפֶען אַ פָארְטְקֶעלֶע,	Effent offen a Fortkele,
אֶפְשַׁר וֶועט אַ פֵייגֶעלֶע שְׁפִּיעלֶען	Efscher wet a Veigele spielen
און אֶפְשַׁר וֶועט מִיר גְרִינְגֶער זַיין!	Un efscher wet mir gringer sain!
שְׁוִויגֶער לִיבֶּע, שְׁוִויגֶער מַיין,	Schwieger liebe, Schwieger main,
עֶפֶענְט אויף אַ פֶענְסְטֶערְ'ל,	Effent auf a Fenster'l,
אֶפְשַׁר וֶועט אַ ווינְטֶעלֶע בְּלָאזֶען	Efscher wet a Wintele blosen
און אֶפְשַׁר וֶועט מִיר גְרִינְגֶער זַיין!	Un efscher wet mir gringer sain!
שְׁוִויגֶער לִיבֶּע, שְׁוִויגֶער זִיסֶע,	Schwieger liebe, Schwieger sisse,
עֶפֶענְט אויף דִי טִירֶעלֶע,	Effent uf die Thirele,
אֶפְשַׁר וֶועט מַיין מַאנְן אַרַיין	Efscher wet main Mann arain
און אֶפְשַׁר וֶועט מִיר גְרִינְגֶער זַיין!	Un efscher wet mir gringer sain!

– שְׁנור לִיבֶּע, שְׁנור מַיין,	— Schnur liebe, Schnur main,
כ'װֶעל נִיט עֶפֶענֶען דִי טִירֶעלֶע,	'ch well nit effenen die Thirele,
דַיין מַאנְן װֶעט קֵיין מָאל נִיט אַרַיין	Dain Mann wet keinmol nit arain
אונ דִיר װֶעט נִיט גְרִינְגֶער זַיין!	Un dir wet nit gringer sain!
– מַאנְן לִיבֶּער, מַאנְן מַיין,	— Mann lieber, Mann main,
גֵעה אִין שְׁטַאל אַרַיין,	Geih in Stall arain,
קְלַייב אוים דִי בֶּעסְטֶע פָּאר פֶּערְד,	Klaib aus die beste Por Ferd,
װָאס זַיינֶען דְרַיי הונְדֶערְט טָאלֶער װֶערְט!	Wos sainen drai hundert Tholer wert!
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
– טְרִינְק אוים, מַיין טָאכְטֶער, דִי גְלֶעזֶעלֶע װַיין,	— Trink aus, main Tochter die Gläsele Wain,
אֶפְשַׁר װֶעט דִיר גְרִינְגֶער זַיין.	Efscher wet dir gringer sain!
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
מְחֻתֶּנֶת'טֶע לִיבֶּע, מְחֻתֶּנֶת'טֶע מַיין,	Mchuteneste liebe, Mchuteneste main!
מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאל אויך אַזוי זַיין!	Mit aiere Kinder soll auch asei sain!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 271.

עֶס הָאט זִיך גֶעטְרָאפֶען אַזוי אונ אַזוי –	Es hot sich getroffen asei un asei—
אַמַאנְן הָאט אַװֶעק גֶעװָארְפֶען אַ יונְגֶע פְרוי;	A Mann hot awekgeworfen a junge Frau;
עֶר אִיז אַװֶעק אִין אַ װַייטֶע מְדִינָה,	Er is awek in a waite Medine,
דִי יונְגֶע חַנָה'לֶע אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַנְ־עֲגונָה;	Die junge Chanele is geblieben a-n-Agune.
צְװֶעלְף אַ זֵייגֶער נָאך הַאלְבֶּע נַאכְט	Zwelf a Seiger noch halber Nacht
הָאט מֶען דִי יונְגֶע חַנָה'לֶען אַבְּרִיף גֶע־בְּרַאכְט.	Hot men die junge Chanele'n a Brief gebracht.
װִי זִי הָאט גֶענומֶען דֶעם בְּרִיף אִין הַאנְט,	Wie sie hot genummen dem Brief in Hand,
הָאט זִי זִיך גֶענומֶען קְלַאפֶּען קָאפּ אָן װַאנְט.	Hot sie sich genummn klappen Kop on Wand.

– צִי הָאסְטוּ בֶּעטְגֶעוַואנְד׳ צִי הָאסְטוּ גְרֶעט ?
צִי לֵייגְסְט זִיךְ פְרִיה, צִי שְׁטֵעהְסְט אוֹיף שְׁפֶּעט ?
– נִיט כְ׳הָאבּ קֵיין בֶּעטְגֶעוַואנְד, נִיט כְ׳הָאבּ קֵיין גְרֶעט,
נִיט אִיךְ לֵייג זִיךְ פְרִיה, נִיט אִיךְ שְׁטֵעה אוֹיף שְׁפֶּעט !

— Zi hostu Bettgewand, zi hostu Gret?
Zi leigst sich frih, zi steihst auf spät?
— Nit ’ch hob kein Bettgewand, nit ’ch hob kein Gret,
Nit ich leig sich frih, nit ich steih auf spät!

– צִי הָאסְטוּ טֶעפּ, צִי הָאסְטוּ פַאנֶען ?
צִי הָאסְטוּ קִינְדֶערְלֶעךְ פוּן פְרֶעמְדֶע מַאנֶען ?
– נִיט כְ׳הָאבּ קֵיין טֶעפּ׳ נִיט כְ׳הָאבּ קֵיין פַאנֶען !
נִיט אִיךְ הָאבּ קֵיין קִינְדֶערְלֶעךְ פוּן פְרֶעמְדֶע מַאנֶען,

— Zi hostu Tep, zi hostu Fannen?
Zi hostu Kinderlech vun Fremde Mannen?
— Nit ’ch hob kein Tep, nit ’ch hob Kein Fannen,
Nit ich hob kein Kinderlech vun fremde Mannen!

– צִי הָאסְטוּ קְלֵיידֶער, צִי הָאסְטוּ בְּלוּמֶען ?
צִי הָאסְטוּ לוּסְט צוּ מִיר צוּקוּמֶען ?
– נִיט כְ׳הָאבּ קֵיין קְלֵיידֶער׳ נִיט כְ׳הָאבּ קֵיין בְּלוּמֶען !
נִיט אִיךְ הָאבּ קֵיין לוּסְט צוּ אַייךְ צוּ קוּמֶען,

— Zi hostu Kleider, zi hostu Blumen?
Zi hostu lust zu mir zu kummen?
— Nit ’ch hob kein Kleider, nit ’ch hob kein Blumen,
Nit ich hob kein Lust zu aich zu kummen!

– צִי הָאסְטוּ ווֵייץ׳ צִי הָאסְטוּ קָארְן ?
צִי הָאסְטוּ גֶעצֵיילְט דַיינֶע פַארְשְׁנִיטֶענֶע יָאהְרְן ?
– נִיט אִיךְ הָאבּ קֵיין ווֵייץ׳ נִיט אִיךְ הָאבּ קֵיין קָארְן,
אַבִּי אִיךְ צֵייל מַיינֶע פַארְשְׁנִיטֶענֶע יָאהְרְן !

— Zi hostu Weiz, zi hostu Korn?
Zi hostu gezeilt daine varschnittene Johrn?
— Nit ich hob kein Weiz, nit ich hob kein Korn,
Abi ich zeil maine varschnittene Johrn!

– אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבֶּען אַ טִיכֶעלֶע,
וָואס זָאל זִיךְ וַואשֶׁען הַאלְבֶּער־וַויים ;
דִי טִיכֶעלֶע וֶועל אִיךְ דִיר שֵׁיינְקֶען,
אַז נָאךְ דַיין מַאנְן זָאלְסְטוּ נִיט בֵּיינְקֶען !

— Ich wel dir geben a Tichele,
Wos soll sich waschen halber-waiss;
Die Tichele wel ich dir scheinken,
As noch dain Mann sollstu nit beinken!

– מֶעגְסְט מִיר גֶעבֶּען אַ טִיכֶעלֶע,
וָואס זָאל זִיךְ וַואשֶׁען הַאלְבֶּער־וַויים ;
דִי טִיכֶעלֶע וֶועסְטוּ מִיר שֵׁיינְקֶען,
אוּנ נָאךְ מַיין מַאנְן וֶועל אִיךְ בֵּיינְקֶען !

— Megst mir geben a Tichele,
Wos soll sich waschen halber-waiss;
Die Tichele westu mir scheinken,
Un noch main Mann wel ich beinken.

—אִיךְ װֶעל דִיר גֶעבֶּען אַ רִינְגֶעלֶע,	—Ich wel dir geben a Ringele,
װָאס װֶעט װֶעגֶען פֶערְצִיג לַײט;	Wos wet wegen verzig Leit;
דֶעם רִינְגֶעלֶע װֶעל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען,	Dem Ringele wel ich dir geben,
אוּנ מִיט דַײן מַאנְן זָאלְסְטוּ נִיט לֶעבֶּען!	Un mit dain Mann sollstu nit leben!
—מֶעגְסְט מִיר גֶעבֶּען אַ רִינְגֶעלֶע,	—Megst mir geben a Ringele,
װָאס זָאל װֶעגֶען פֶערְצִיג לַײט!	Wos soll wegen verzig Leit;
דֶעם רִינְגֶעלֶע װֶעסְטוּ מִיר גֶעבֶּען,	Dem Ringele westu mir geben,
אוּנ מִיט מַײן מַאנְן װֶעל אִיךְ לֶעבֶּען!	Un mit main Mann mus ich leben!
פְּלוּצְלוּנְג הָאט מֶען גֶעגֶעבֶּען אַ קְלַאפּ אִין טְהִיר:	Plutzlug hot men gegeben a klap in Thir:
„זֶעה חַנָה'לֶע, עֶפֶען מִיר!"	„Seh, Chanele, effen mir!"
װִי חַנָה'לֶע הָאט דָאס דֶערְהֶערְט,	Wie Chanele hot dos derhert,
אִיז זִי גֶעפַאלֶען מִיטְ'ן פָּנִים צוּ דְ'רְ־עֶרְד.	Is sie gefallen mit dem Ponim zu d'r Erd.
—װַארְף אַרָאפּ דִי שְׁמוּטְץ פוּן דַײן לַײבּ,—	—Warf arop die Schmutz vun dain Laib,—
אִיךְ בִּין דַײן מַאנְן, דוּ בִּינְסְט מַײן װַײבּ!	Ich bin dain Mann, du binst main Waib!
—אִיךְ װַארְף אַרָאפּ דִי שְׁמוּטְץ פוּן מַײן לַײבּ,—	—Ich varf arop die Schmutz vun main Laib,—
דוּ בִּינְסְט מַײן מַאנְן, אִיךְ בִּין דַײן װַײבּ!	Du binst main Mann, ich bin dain Waib!
אִיךְ דַאנְק דִיר, זוּנְן, אִיךְ דַאנְק דִיר, לְבָנָה,	Ich dank dir, Sunn, ich dank dir, Lwone,
אִיךְ דַאנְק דִיר, לִיעבֶּער גָאט, פַאר דַײן מַתָּנָה!	Ich dank Dir, lieber Gott, far dain Matone!
אִיךְ דַאנְק דִיר, זוּנְן, אִיךְ דַאנְק דִיר, שְׁטֶערְן,	Ich dank dir, Sunn, ich dank dir, Stern,
אִיךְ דַאנְק דִיר, לִיבֶּער גָאט, פַאר מַײן יוּנְגֶען הֶערְרְן!	Ich dank Dir, lieber Gott, far main jungen Herrn!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ. (Ковенск. губ.).

№ 272.

Варіантъ:

אֵײנְמָאל אִיז גֶעװֶען אַ גֶעשִׁיכְטֶע אַזוֹי,	Einmol is gewen a Geschichte asei,
װִי אֵײן מַאנְן הָאט אַװֶעקְגֶעװָארְפֶען אַ יוּנְגֶע פְרוֹי;	Wie ein Mann hot awekgeworfen a junge Frau;
אַ יוּנְגֶע פְרוֹי אִיבֶּער דֶער װֶעלְט,	A junge Frau iber der Welt,
אוּנ נִיט קֵײן בְּרִיעף אוּנ נִיט קֵײן גֶעלְד.	Un nit kein Brief un nit kein Geld.

מֶען מוּז אַריין אִין וַויינְגָארְטֶען נֵעהֶען,	Men mus arain in Waingorten neihen,
אֶפְשַׁר וֶועט דֶער לִיבֶּער אִיהְר הֶערְץ עֶרְ־פְרֵייעֶן	Efscher wet der Lieber ihr Harz erfreien.
גֵעהְט פֶערְבַּיי אַיין אַלְטֶער אִיד	Geiht varbai ain alter Jid
אוּנ פְרֶעגְט בַּיי אִיהְר: „וָואס טְהוּסְטוּ הִיער?“	Un frägt bai ihr: „Wos thustu hier?“
— אִיךְ וֵויין אוּנ קְלָאג נָאךְ מַיין אַלְטֶע לִיעבֶּע,	— Ich wein un klog noch main alte Liebe,
וָואס עֶר הָאט אִיהְר אַזוֹי גִיךְ פֶערְטְרִיבֶּען!	Wos er hot ihr asei gich vartrieben!
נֶעהְמְט עֶר אַרוֹיס אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד לַאנְג בִּיז דֶער עֶרְד,	Nehmt er araus a scheine Kleid, lang bis ber Erd,
אוּנ הוּנְדֶערְט טָאלֶער אִיז זִי וֶוערְט.	Un hundert Tholer is sie wert.
— צִי וִוילְסְטוּ דָאס פַאר אַיין מַתָּנָה הָאבֶּען,	— Zi willstu dos far ain Matone hoben,
אוּנ נָאךְ דַיין מַאנְן זָאלְסְטוּ נִיט וֵויינֶען אוּנ קְלָאגֶען!	Un noch dain Mann sollstu nit weinen un klogen?
— אִיךְ וִויל דָאס נִיט פַאר אַיין מַתָּנָה הָאבֶּען,	— Ich will dos nit far ain Matone hoben,
אוּנ נָאךְ מַיין מַאנְן וֶועל אִיךְ וֵויינֶען אוּנ קְלָאגֶען!	Un noch main Mann wel ich weinen un klogen!
— צִי הָאסְטוּ קְלֵיידֶער, צִי הָאסְטוּ נַדַּן,	— Zi hostu Kleider, zi hostu Nadan,
צִי הָאסְטוּ לוּסְט צוּ אַיין פְרֶעמְדֶען מַאנְן?	Zi hostu Lust zu ain fremden Mann?
— אִיךְ הָאבּ קְלֵיידֶער, אִיךְ הָאבּ נַדַּן,	— Ich hob Kleider, ich hob Nadan,
אָבֶּער אִיךְ הָאבּ קֵיין לוּסְט צוּ אַיין פְרֶעמְדֶען מַאנְן!	Ober ich hob kein Lust zu ain fremden Mann!
נֶעהְמְט עֶר אִיהְר פַארְ'ן הַאנְד	Nehmt er ihr far'n Hand
אוּנ פִיהְרְט אִיהְר אַריין אִין וִוילְדֶען וַואלְד,	Un fihrt ihr arain in wilden Wald,
אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְר: „אַז וֵוייל אִיז צוּ דִיר,	Un sogt zu ihr: „As weihl is zu dir,
אַז וֵוייל אִיז צוּ דַיין לַייבּ,	as weihl is zu dain Laib,
אַז אִיךְ בִּין דַיין מַאנְן אוּנ דוּ בִּיסְט מַיין וַוייבּ!“	As ich bin dain Mann un du bist main Waib!“
— עֶפֶענְט דִי טְהִיר, אוּנְזֶערֶע שֵׁיינֶע בְּלוּמֶען,	— Effent die Thir, unsere scheine Blumen,
אוּנְזֶער פָאטֶער אִיז צוּ אוּנְז גֶעקוּמֶען!	Unser Voter is zu uns gekummen!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 273*).

וָואס בִּיסְט דוּ אַף מִיר בְּרוֹגֶז ?	Wos bist du af mir breiges?
אִיךְ וֵויים דָאךְ נִיט, פַאר וָואס	Ich weiss doch nit, far wos
דוּ גֵעהְסְט דֶעם גַאנְצֶען טָאג	Du geihst dem ganzen Tog
אַרָאבְּגֶעלָאזֶען דֶעם נָאז !	Arobgelosen dem Nos!
אֶפְשַׁר ווִילְסְט נִיט גְלוֹיבֶּען,	Efscher willst nit gleiben,
אַז אִיךְ הָאבּ דִיר לִיעבּ ?	As ich hob dir lieb?
לָאמִיר פָאהְרֶען בֵּיידֶע	Lomir fohren beide
צוּ דֶעם גוּטֶען אִיד !	Zu dem guten Jid!
דֶעם גוּטֶען אִידֶען	Dem guten Jiden
וֶועלֶען מִיר פִּדְיוֹן גֶעבֶּען,	Welen mir Pidjen geben,
אַז עֶר זָאל מַאכֶען	As er soll machen
צְווִישֶׁען אוּנְז אַ גוּט לֶעבֶּען.	Zwischen uns a gut Leben.
אוּנ אַז מִיר וֶועלֶען פָאהְרֶען	Un as mir welen fohren
צוּרִיק פוּן גוּטֶען אִיד,	Zurick vun guten Jid,
וֶועל אִיךְ מִיט דִיר פַארְפָארֶען	Wel ich mit dir varfohren
אִין זֶעלְוֶוע אַפְ'ן יְרִיד.	In Selwe af'n Jrid.
דָארְט וֶועל אִיךְ דִיר קוֹיפֶען	Dort wel ich dir keifen
אַ זֵייגֶער אוּנ אַ קֵייט,	A Seiger un a Keit,
אוּנ אַ שֵׁיינֶע שְׁטִיק	Un a scheine Stick
זַיידֶענְס אוֹיף אַ קְלֵייד.	Saiden's auf a Kleid.
טוּ זַיי־זְשֶׁע מֶעהְר נִיט בְּרוֹגֶז	Tu sai-że mehr nit breiges
אוּנ גְרֵייט אַף גִיךְ צוּם טִישׁ,	Un greit af gich zum Tisch,
אוּנ זֶעטְ'ן זַאךְ מִיט מִיר עֶסֶען,	Un setz sach mit mir essen,
וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען אַ קִישׁ !	Wel ich dir geben a Kysch!

А. С. Таненбаумъ (Гродненск. губ.).

№ 274.

אוּנ אוֹיבּ דוּ גְלוֹיבְּסְט מִיר נִיט,	Un eib du gleibst mir nit,
אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, —	As ich hob dich lieb, —
טָא לָאמִיר בֵּיידֶע פָאהְרֶען	To lomir beide fohren
צוּ דֶעם גוּטֶען אִיד !	Zu dem guten Jid!
וָואס וֶועט אוּנְז	Wos wet uns
דֶער גוּטֶער אִיד גֶעבֶּען ?	Der guter Jid geben?
עֶר וֶועט דָאךְ מִתְפַּלֵל זַיין	Er wet doch mispalel sain
אוֹיף אַ גוּטֶען לֶעבֶּען !	Auf a guten Leben!
פוּן דֶעם גוּטֶען אִידֶען	Vun dem guten Jiden
גֶעקוּמֶען צוּ פָאהְרֶן ;	Gekummen zu fohren;

*) См. отрывокъ этой пѣсни, напеч. г. І. Лернеромъ (въ ст. "די יודישע מיזע", loc. cit.).

אַז מִי הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶען לֶעבֶּען,	As mi hot a schlechten Leben,
הָאט מֶען קוּרְצֶע יָאהְרֶן.	Hot men kurze Johren.
פוּן דֶעם גוּטֶען אִידֶען	Vun dem guten Jiden
גֶעקוּמֶען צוּרִיק, —	Gekummen zurick,—
וָואס טְ'מֶען מִיר גֶעגֶעבֶּען?	Wos 't men mir gegeben?
אַ מַאנְן וִוי אַ בִּיק!	A Mann wie a Byk!
גֶעהְט מִיט אַלְל' דִי קְרַאנְקַייט	Geiht mit all' die Krankait
אוּנ נֶעהְמְט אִיהְם צוּ צוּרִיק!	Un nehmt ihm zu zurick!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 275*).

אָי, אִיךְ וָואלְט שׁוֹין וֶועלֶען,	Oi, ich wollt schoin wellen,
אָי, אִיךְ וָואלְט שׁוֹין וֶועלֶען,	Oi, ich wollt schoin wellen,
אָי, אִיךְ וָואלְט שׁוֹין וֶועלֶען,	Oi, ich wollt schoin wellen,
אָי, אַ כַּלָּה וֶוערֶען!	Oi, a Kale weren!
שְׁרַייבּ אִיךְ מִיר אַ בְּרִיעפֶעלֶע	Schraib ich mir a Briefele
מִיט אֵיינֶע צֶעהֶען וֶוערְטֶער, —	Mit eine zehn Werter,—
אִיךְ וָואלְט וֶועלֶען וִויסֶען,	Ich wollt wellen wissen,
וֶוער אִיז מַיין בֶּעשֶׁערְטֶער.	Wer is main bescherter.
פִיהְרְט מֶען מִיךְ צוּ דֶער חֻפָּה,	Fihrt men mich zu der Chupe
פִיהְרְט מֶען מִיךְ צוּרִיק,	Fihrt men mich zurick,
שְׁטֵעהֶען מַיינֶע טָאוַוארִישְׁקֶעס	Steihen maine Towarischkes
אוּנ פֶערְגִינֶען מִיר נִיט דֶעם גְלִיק.	Un ferginen mir nit dem Glick.
אוֹיף מָארְגֶען נָאךְ דֶער חֲתֻנָּה,	Auf morgen noch der Chassene
דִי שִׂמְחָה אִיז אִין גַאנְצֶען;	Die Ssimche is in ganzen,
דֶער חָתָן אִיז אַ מֶלֶךְ,	Der Choss'n iz a Meilech;
דִי כַּלָּה גֵעהְט נָאךְ טַאנְצֶען.	Die Kale geiht noch tanzen.
דְרַיי טֶעג נָאךְ דֶער חֲתֻנָּה,	Drai Täg noch der Chassene,
דִי שִׂמְחָה אִיז אַרָאפּ;	Die Ssimche is arop;
בַּיי דָאס יוּנְגֶע וַוייבֶּעלֶע	Bai dos junge Waibele
דְרֵעהְט זִיךְ שׁוֹין דֶער קָאפּ.	Dreiht sich schoin der Kop.
דְרַיי וָואכֶען נָאךְ דֶער חֲתֻנָּה,	Drai Wochen noch der Chassene
קוּמְט זִי צוּם טַאטֶען קְלָאגֶען;	Kummt sie zum Taten klogen:
— טַאטֶע דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען אַ שַׁאר־לַאטַאן אַ מַאנְן,	— Tate, du host mir gegeben a Scharlatan a Mann,
עֶר חַאפְּט זִיךְ צוּ מִיר שְׁלָאגֶען!	Er chapt sich zu mir schlogen!

*) См. пѣсню аналогичнаго содержанія, напеч. г. Л. Перецомъ въ „Urquell", т. II вып. I—II, стр. 27 (1898 г.).

קְלֵיידֶער אוּנ נַדַן —	— Kleider un Nadan
הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעגֶעבֶּען,	Hob ich dir gegeben,
אוּנ אַ שַׁארְלַאטַאן אַ מַאנְן, —	Un a Scharlatan a Mann, —
דוּ מוּזְט דָאךְ מִיט אִיהְם לֶעבֶּען!	Du musst doch mit ihm leben!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 276.

אַ חָתָן מִיט אַ כַּלָּה	A Choss'n mit a Kale
הָאבְּן חֲתֻנָּה גֶעהַאט;	Hobn Chassene gehat;
גֶעהוּלְיֶעט הָאבֶּען זֵיי,	Gehulet hoben sei,
גֶעפְרֵייט זִיךְ צוּ זַאט.	Gefreit sich zu satt.
אוֹיף מָארְגֶען נָאךְ דֶער חֲתֻנָּה	Auf morgen noch der Chassene
הָאט זִי גֶענוּמֶען פִיהְלֶען, —	Hot sie genummen fihlen, —
אַ גוּטֶע מַעֲרָכָה	A gute Maaroche
הָאט זִי גֶענוּמֶען נָאךְ אִיהְר ווִילֶען:	Hot sie genummen noch ihr Willen:
דֶער מַאנְן שְׁפִּילְט אִין קָארְטֶען,	Der Mann spielt in Korten,
עֶר שִׁכּוֹר'ט אָהְן אַ גְרוּנְט,	Er schikert ohn a Grund;
עֶר לִיגְט שְׁטֶענְדִיג דָארְטֶען,	Er liegt ständig dorten,
עֶר הֶערְט אִיהְר ווִי אַ הוּנְט.	Er hert ihr wie a Hund.
פָאהְרְט עֶר אַ וֶועק,	Fohrt er awek,
זֶעהְט זִי אִיהְם נִיט אִין דִי אוֹיגֶען;	Seht sie ihm nit in die Eigen;
קוּמְט עֶר צוּ פָאהְרֶען, —	Kummt er zufohren, —
דִי מַעֲרָכָה טְהוּט נִיט טוֹיגֶען!	Die Maaroche thut nit teigen!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 277.

כָּל זְמַן אִיךְ בִּין אַ מֵיידֶעל,	Kol-sman ich bin a Meidel,
בִּין אִיךְ שֵׁיין אוּנ אֵיידֶעל;	Bin ich schein un eidel;
אוּנ ווִי אִיךְ וֶוער אַ ווַייבֶּעל,	Un wie ich wer a Waibel,
וֶוער אִיךְ ווִי אַ אָרֶעמֶע טַייבֶּעל.	Wer ich wie a oreme Taibel.
דֶער מַאנְן גֵעהְט זִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ	Der Mann geiht in Beiss-hamedresch,
אוּנ לֵייעֶנְט זִיךְ דִי סֶדְרוֹת;	Un leient sich die Sedres;
אִין דַאוְוענֶען זִינְגְט עֶר אוּנְטֶער,	In Dawnen singt er unter,
אִין „קָדוֹשׁ" שְׁפְּרִינְגְט עֶר אוּנְטֶער.	In „Kodeisch" springt er unter.
הָאלְץ דַארְף אִיךְ אַלֵיין הַאקֶען,	Holz darf ich allein hacken,
אוּנ בְּרוֹיט אִיז נִיטָא פוּן ווַאנֶען צוּ בַּאקֶען.	Un Breit is nito vun wannen zu backen.
דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער —	Dem Cheschb'n vun die Kinder —
אִיז יֶעטְווִידֶערֶען בַּאזוּנְדֶער:	Is jetwideren basynder:

אֵיינֶעם שְׁלָאפֶען לֵייגֶען,	Einem schlofen leigen,
דֶעם אַנְדֶערֶען צוּ מַאכֶען דִי אוֹיגֶען,	Dem anderen zumachen die Eigen,
דֶעם דְרִיטֶען אַף דְרוֹיסֶען פִיהְרֶען,	Dem dritten auf draussen fihren,
דֶעם פֶערְטֶען דִי קָאפּ אוֹיסְשְׁמִירֶען.	Dem verten die Kop ausschmiren.
אוּנ דָאס אִיז נָאךְ נִיט גָאר, —	Un dos is noch nit gor,—
אַ בְּרִית אַלֶע יָאהְר!	A Bris alle Johr!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 278.

— אִיךְ לוֹיף אִין בֵּית־מֶדְרָשׁ,	—Ich leif in Beiss-medresch,
אִיךְ לֵייעֶן אוֹיס דִי סֶדְרוֹת,	Ich leien aus die Sedres,
אִיךְ שְׁרַייבּ אוֹיס קַמֵעוֹת,	Ich schraib aus Kameies,
אִיךְ גְרַייזֶעל אוֹיס דִי פֵּאוֹת!	Ich graisel aus die Peies!
— אִין מַארְק דַארְף מֶען לוֹיפֶען,	—In mark darf men leifen,
הָאלְץ דַארְף מֶען קוֹיפֶען;	Holz darf men keifen;
בְּרוֹיט דַארְף אִיךְ בַּאקֶען,	Breit darf ich backen,
הָאלְץ דַארְף אִיךְ הַאקֶען,	Holz darf ich hacken,
דִי קִינְדֶער דַארְף אִיךְ נְיַאנְטְשֶׁען:	Die Kinder darf ich njautschen:
אֵיינֶע לֵייגֶען שְׁלָאפֶען,	Eine leigen schlofen,
דִי אַנְדֶערֶע אַרוֹיס פִיהְרֶען,	Die andere araus fihren,
דִי דְרִיטֶע בֶּעשְׁמִירֶען, —	Die dritte beschmieren, —
דָאס אִיז נָאךְ נִיט גָאר:	Dos is noch nit gor:
אַ קִינְד אַלֶע יָאהְר!	A Kind alle Johr!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 279.

שַׁדְכָן, שַׁדְכָן אַ קְלָאג צוּ דִיר!	Schadchon, Schadchon, a klog zu dir!
אָי, וָואס הָאסְטוּ גֶעהַאט צוּ מִיר?	Oi, wos hostu gehat zu mir?
דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי שַׁדְכָנוּת	Du host genummen die Schadchones
אוּנ הָאסְט גֶעקוֹילֶעט אָהְן רַחֲמָנוּת,	Un host gekeilet ohn Rachmones,
אַ קְלָאג צוּ דִיר, אַ קְלָאג צוּ דִיר!	a Klog zu dir, a klog zu dir!
אוֹיף וָואס הָאסְטוּ מִיר גֶעגֶעבֶּען אַ מַאנְן אַ פֶערְד,	Auf wos hostu mir gegeben a Mann a Ferd,
קְרֵיינֶעלֶעךְ, הַארְצֶעלֶעךְ, נֶעהְם אִיהְם צוּ אִין דֶער עֶרְד!	Kreinelech, Harzelech, nehm ihm zu in der Erd!
אוֹיף וָואס הָאסְטוּ מִיר גֶעגֶעבֶּען אַ מַאנְן אַ בִּיק,	Auf wos hostu mir gegeben a Mann a Byk,
קְרֵיינֶעלֶעךְ, הַארְצֶעלֶעךְ, נֶעהְם אִיהם צוּ צוּרִיק!	Kreinelech, Harzelech, nehm ihm zu zurick!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 280.

Варіантъ:

שַׁדְכָן, שַׁדְכָן, אַ קְלָאג צוּ דִיר!	Schadchon, Schadchon, a Klog zu dir!
וָואס הָאסטוּ גֶעוָועלְט פוּן מִיר?	Wos hostu gewollt vun mir!
צִי הָאבּ אִיךְ דִיר נִיט בַּאצָאהְלְט	Zi hob ich dir nit bazohlt
דַיינֶע שַׁדְכָנוּת?	Daine Schadchones?
דוּ הָאסְט מִיר גֶעקוֹילֶעט	Du host mir gekeilet
אָהְן רַחְמָנוּת!	Ohn Rachmones!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 281.

— שְׁטֵעה אוֹיף, מַיין וַוייבּ, גִיבּ דִי קִינְדֶער עֶסֶען,	—Steih auf, main waib, gieb die Kinder essen,
אוּנ דוּ דֶערְגִיבּ זִיךְ נִיט!	Un du dergib sich nit!
— שְׁטֵעה אוֹיף מַיין וַוייבּ, פַארְבֶּעט דִי בֶּעט,	— Steih auf, main Waib, varbett die Bett,
אוּנ דוּ דֶערְגִיבּ זִיךְ נִיט!	Un du dergib sich nit!
— שְׁטֵעה אוֹיף מַיין וַוייבּ, קֶעהְר אוֹיס דִי שְׁטוּבּ,	— Steih auf, main Waib, kehr aus die Stub,
אוּנ דוּ דֶערְגִיבּ זִיךְ נִיט!	Un du dergib sich nit!
— שְׁטֵעה אוֹיף מַיין וַוייבּ, מֶעלְק אוֹיס דִי קוּה,	— Steih auf main Waib, melk aus die Kuh,
אוּנ דוּ דֶערְגִיבּ זִיךְ נִיט!	Un du dergib sich nit!
דִי וַוייבּ מַאטֶערְט זִיךְ, זִי שְׁטַארְבְּט שׁוֹין אַוֶועק;	Die Waib mattert sich, sie starbt schoin awek;
דֶער מַאנְן גְלוֹיבְּט נָאךְ נִיט.	Der Mann gleibt noch nit.
מֶע הֵייבְּט שׁוֹין דִי וַוייבּ אַרָאפּ אַף דֶ'רְעֶרְד,	Me heibt schoin die Waib arop af der Erd,
אוּנ דֶער מַאנְן גְלוֹיבְּט נָאךְ נִיט.	Un der Mann gleibt noch nit.
מֶע הָאט שׁוֹין דֶעם אָרוֹן גֶעבְּרַאכְט,	Me hot schoin dem Or'n gebracht,
דֶער מַאנְן גְלוֹיבְּט נָאךְ נִיט.	Der Mann gleibt noch nit.
מֶע הָאט שׁוֹין דִי וַוייבּ אַף דֶער מִטָה גֶעלֵייגְט,	Me hot schoin die Waib auf der Mite geleigt,
אוּנ דֶער מַאנְן גְלוֹיבְּט נָאךְ נִיט.	Un der Mann gleibt noch nit.
מֶע טְרָאגְט שׁוֹין אַוֶועק דִי וַוייבּ פוּן שְׁטוּבּ,	Me trogt schoin awek die Waib vun Stub,
דֶער מַאנְן גְלוֹיבְּט נָאךְ נִיט.	Der Mann gleibt noch nit.
מֶע הָאט שׁוֹין דִי וַוייבּ גֶעלֵייגְט אִין גְרוּבּ,	Me hot schoin die Waib geleigt in Grub,
דֶער מַאנְן גְלוֹיבְּט נָאךְ נִיט.	Der Mann gleibt noch nit.

מֶע הָאט שׁוֹין אַרוּפְגֶעשָׁאטֶען דִי עֶרְסְטֶע לָאפֶּעטֶע,	Me hot schoin araufgeschotten die erste Lopete,
אוּנ דֶער מַאנְן גְלוֹיבְּט נָאךְ נִיט;	Un der Mann gleibt noch nit.
מֶע הָאט שׁוֹין אַרוּפְגֶעשָׁאטֶען דִי צְוֵוייטֶע לָאפֶּעטֶע,	Me hot schoin araufgeschotten die zweite Lopete,
אוּנ דֶער מַאנְן גְלוֹיבְּט נָאךְ נִיט!	Un der Mann gleibt noch nit.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 282.

אַךְ בֵּיילֶעלֶע, אָי פֶּערֶעלֶע,	Ach Beilele, Oi Perele,
וְואוּ אִיז עֶר דָארְטֶען,	Wu is er dorten,
טָאמְדֶעדֶערָאמְדֶע (?) דֶער מְשֻׁמָּד, דֶער רֶעקְרוּט,	Tomdederomde (?) der Meschumed, der Rekrut,
דֶער שְׁוַוארְצֶער צִיגַיינֶער?	Der schwarzer Zigainer?
הִירְשְׁקֶע מִיט יָאסְקֶען, גֶעהְט רוּפְט דִי בָּאבֶּען:	Hirschke mit Joschken, geiht ruft die Boben:
אֶפְשַׁר וֶועט זִי בַּאלְד וָואס הָאבֶּען!	Efscher wet sie bald wos hoben!
— אַךְ, בָּאבֶּע,	— Ach, Bobe,
עֶס טְהוּט מִיר וֵועה מַיין בּוֹיךְ!	Es thut mir weih main Bauch!
— שַׁא, שַׁא, מַיין לֶעבֶּען,	— Scha, scha, main Leben,
וֶועסְט שׁוֹין בַּאלְד זוּפֶּען אַבִּיסֶעלֶע יָאיךְ!	West schoin bald suppen a bissele Joich!
— אַךְ, בָּאבֶּע,	— Ach, Bobe,
סְ' טְהוּט מִיר וֵועה מַיין קָאפּ!	's thut mir weih main Kop!
— שַׁא, שַׁא, מַיין לִיבּ לֶעבֶּען,	— Scha, scha, main lieb Leben,
וֶועסְט שׁוֹין בַּאלְד פוּן וֵועהְטָאג אַרָאפּ!	West schoin bald vun Weihtog arop!
— אַךְ, בָּאבֶּע,	— Ach, Bobe,
סְ' צִיהְט מִיר מַיינֶע פִּיס!	's zieht mir maine Fiss!
— שַׁא, שַׁא, מַיין זִיס לֶעבֶּען,	— Scha, scha, main siss leben,
סְ' וֶועט שׁוֹין בַּאלְד זַיין צוּקֶער־זִיס!	's wet schoin bald sain zucker-siss!
— אַךְ, בָּאבֶּע,	— Ach, Bobe,
סְ' צִיהְט מִיר מַיינֶע פִּינְגֶער!	's zieht mir maine Finger!
— שַׁא, שַׁא, מַיין לִיבּ לֶעבֶּען,	— Scha, scha, main lieb Leben,
סְ' וֶועט שׁוֹין בַּאלְד זַיין אַבִּיסֶעלֶע גְרִינְגֶער!	's wet schoin bald sain a bissele gringer!
— אַךְ, בָּאבֶּע, בָּאבֶּע,	— Ach, Bobe, Bobe,
סְ' טְהוּט מִיר וֵועה דֶער רוּקֶען!	's thut mir weih der Rucken!
— שַׁא, שַׁא, מַיין זִיס לֶעבֶּען,	Scha, scha, main siss Leben,
סְ' וֶועט בַּאלְד זַיין וָואס צוּקוּקֶען!	's wet bald sain wos zu kucken!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

אזוי שיין בין איך, אזוי פיין בין איך,	Asei schein bin ich, fain bin ich,
אזוי שיין איז מיין נאמען.	Asei schein is main Nomen.
געוועזען זיינען אף דער חתונה	Gewesen sainen af der Chassene
שיינע מחתנים.	Scheine Mchutonim.
אז די מיידעל נעמט דעם אלמן,	As die Meidel nehmt dem Almen,
קריגט זי גרויסע שונאים.	Kriegt sie greise Sson'im.
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
קיין אלמן ניט צו נעהמען, —	Kein Almen nit zu nehmen,—
קיין דעה קען מען ניט זאגען;	Kein Deie kenn men nit sogen;
ווי די מיידעל נעהמט דעם אלמן,	Wie die Meidel nehmt dem Almen,
האט זי וואס צו קלאגען.	Hot sie wos zu klogen.
צעהן העמדער ליגען אין קאסטען	Zehn Hemder liegen in Kasten
מיט די ברייטע קרוינען;	Mit die breite Kreinen;
אז די מיידעל נעהמט דעם אלמן,	As die Meidel nehmt dem Almen,
פארברייינגט זי איהר לעבען אין וויינען.	Varbreingt sie ihr Leben in Weinen.
גרויסע פיש אונ קליינע פיש	Greisse Fisch un kleine Fisch
זיינען אין די טייכען;	Sainen in die Taichen;
אז די מיידעל נעהמט דעם אלמן,	As die Meidel nehmt dem Almen,
קען זי זיך צו קיינעם ניט גלייכען.	Kenn sie sich zu keinem nit glaichen.
פיקסען פעל אונ בערישע פעל	Fichsen-fell un bärische Fell
איז דאך גוט אף פוטער;	Is doch gut af Futter;
אז די מיידעל נעהמט דעם אלמן,	As die Meidel nehmt dem Almen,
האט וואס צו קלאגען פאטער אונ מוטער.	Hot wos zu klogen Voter un Mutter.
גוטע ביר אין א שלעכטע טון	Gute Bier in a schlechte Tunn
הייבט דאך אן צו זויערן;	Heibt doch on zu sauern;
אז די מיידעל נעהמט דעם אלמן,	As die Meidel nehmt dem Almen,
פארברייינגט זי איהר לעבען אין טרויערן.	Varbreingt sie ihr Leben in Trauern.
מיט שטיפקינדער אויסצוקומען	Mit Stiefkinder auszukummen
איז דאך א שווערע הלכה:	Is doch a schwere Haloche:
אז מ'רעט זיי אויס א ווארט	As m' redt sei aus a Wort
לויפען זיי אוועק צו די מוטערס משפחה.	Leifen sei awek zu der Mutter's Mischpoche.
מיט שטיפקינדער אויסצוקומען	Mit Stiefkinder auszukummen
איז דאך א שווערע הלכה:	Is doch a schwere Haloche:
קומען זיי צו געהן צו קאכט	Kummen sei zugein zukocht
אונ זיי בענטשען איהר מיט המנ'ס ברכה.	Un sei bentschen ihr mit Homon's Broche.

דֶער מַאנְן נֶעהְמְט זִיךְ אָן
אוּנ מַאכְט זֵיי אַבִּיסֶעל לֶעבְּלֶעךְ ;
וֶוען דֶער מַאנְן וָואלְט זִיךְ נִיט אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט ,
וָואלְטֶען זֵיי אִיהְר בַּאקְלַאפְּט מִיט אַלֶערְלֵיי
הָמָן-קְלֶעפְּלֶעךְ .

מַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד צוּ פַארְזָאגֶען
קֵיין אַלְמָן נִיט צוּ נֶעהְמֶען :
מְ'קֶען קֵיין מָאל אַ פְרַיי מוּט נִיט וַוייזֶען ,
דִי הַארְץ טְהוּט רַק פוּן צָרוֹת קְלֶעמֶען !

Der Mann nehmt sich on
Un macht sei a bissele leblech;
Wenn der Mann wollt sich nit araingesteckt,
Wollten sei ihr baklappt mit allerlei Homon-kläpplech.

Maine gute Fraind zu varsogen
Kein Almen nit zu nehmen:
Men kenn keinmol a frai Muth nit waisen,
Die Harz thut rak vun Zores klemmen!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ. (Ковенск. губ.).

№ 284.

Варіантъ:

ווִי שֵׁיין בִּין אִיךְ , ווִי פַיין בִּין אִיךְ ,
ווִי שֵׁיין אִיז מַיין נָאמֶען !
אִיךְ וֶועל אַ שִׁדּוּךְ טָאן פוּן אֵייטְל רַבָּנִים .

קֵיין אַלְמָן נִיט צוּ נֶעהְמֶען ,
קֵיין דֵעָה נִיט צוּ זָאגֶען .
וֶועלְכֶע מֵיידֶעל עֶס נֶעהְמְט אַנְ-אַלְמָן ,
הָאט זִי וָואס צוּ קְלָאגֶען .
ווִי דֶער עֶפֶּעלֶע אִיז שֵׁיין אוּנ פַיין ,
אִיז אַ וָוארְם אִינְדֶערִינֶען ;
וֶועלְכֶע מֵיידֶעלֶע עֶס נֶעהְמְט אַנְ-אַלְמָן
הָאט זִי אַ פַאלְשֶׁען זִינֶען .

Wie schein bin ich, wie fain bin ich,
Wie schein is main nomen!
Ich wel a Schiduch thon vun eitel Rabonim.

Kein Almen nit zu nehmen,
Kein Deie nit zu sogen.
Welche Meidel es nehmt a-n-Almen,
Hot sie wos zu klogen.
Wie der Epele is schein un fain,
Is a Worm in derinnen;
Welche Meidele es nehmt a-n-Almen,
Hot sie a falschen Sinnen.

Д. Г. Гальпернъ (Вильна),

№ 285.

אִיךְ גֶעדֵיינְק דֶעם טָאג דֶעם שְׁלֶעכְטֶען ,
וָואס מִי הָאט מִיר גֶעפִיהְרְט צוּ דִי חֻפָּה שֶׁעכְטֶען .

דַאנְן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען ,
דִי צוּרָה פַאר הַאנְגֶען .

אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט ,
אַז מַיינֶע יָאהְרֶען זַיינֶען שׁוֹין פַאר-שְׁטֶערְט ;
אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט —
ווִי אַף אַ ווִיסְפֶּע אִין אַ פִינְסְטֶערֶע נַאכְט .

Ich gedeink dem Tog dem schlechten,
Wos mi hot mir gefihrt zu der Chupe schächten.
Dann bin ich gegangen,
Die Zure varhangen.

Ich hob geklärt,
As maine Johren sainen schoin varstert;
Ich hob getracht —
Wie af a Wispe in a finstere Nacht.

איך האב געקלערט: וועה אונד ווינד,	Ich hob geklärt: Weih und wind,
פון דאס שחיטה האט מען געבראכט אייער קינד!	Vun dos Schchite hot men gebracht aier Kind!
דער טבעת קדושין, דער געלדערנער רינג, —	Der Tabaas-kiduschin, der gelderner Ring, —
דער שארפער חלף, ער שנייט טיף אונ גרינג!	Der scharfer Chalef, er schnait tief un gring!
דער טבעת קדושין, די אייזערנע קייט,	Der Tabaas-kiduschin, — die aiserne Keit,
מי האט מיר געצוואונגען אונ גענייט!	Mi hot mir gezwungen un geneith!
צוועלף פינסטערע יאהרען נאך מיין חתונה היינט,	Zwelf finstere Iohren noch main Chassene haint,
איך האב אפגעלעבט מיט מיין מאנן,	Ich hob opgelebt mit main Mann
וואס איך האב פיינט!	wos ich hob faint!
די יאהרען לויפען שנעל פארביי, —	Die Johren leifen schnell varbai, —
עס איז שוין דא אקינד, אונ צוויי, אונ דריי,	Es is schoin do a Kind, un zwei, un drai.
ביי די ליבע קינדער וועל איך זיך געהן באראטען:	Bai die liebe Kinder wel ich sich geihn barathen:
צי זאל איך זיך שיידען מיט אייער טאטען,	Zi soll ich sich scheiden mit aier Taten?
מיינע ליבע קינדער, עס איז שוין שפעט,	Maine liebe Kinder, es is schoin spät,
צי זאל איך געהן מיט אייער טאטען צום גט?	Zi soll ich geihn mit aier Taten zum Get?

М. З. Левинъ (Новоалександровскъ, Ковенск. губ.).

№ 286.

די ראזע וואקסט [1]) אין גארטען,	Die Rose wachst [1]) in Gorten,
דער רעגען גיסט [2]) אויף איהר;	Der Regen giesst [2]) auf ihr;
ווי דער רעגען גיסט אויף איהר, [3])	Wie der Regen giesst auf ihr, [3])
פארלירט זי דעם קאליר. [4])	Varliert sie dem Kolir, [4])

Варiанты:

[1]) א בלום ליגט.	A Blum liegt.
[2]) שמייסט.	Schmaisst.
[3]) אונ ווי נאר א האר.	Un wie nor a Hor
[4]) אראפ פון קאליר.	Arop vun Kolir.

ניט ווי איהר קאליר, [1])	Nit wie ihr kolir,[1])
ווי איהר שיינע פארבען, — [2])	Wie ihr scheine Farben, — [2])
איידער אזא לעבען,	Eider asa Leben,
בעסער צו שטארבען!	Besser zu starben!
א יונגע צו שטארבען	A junge zu starben
איז ניט קיין סכנה,	Is nit kein Ssakone,
איידער צו בלייבען	Eider zu blaiben
א יונגע אלמנה!	A junge Almone!
וואס הייסט אנ־אלמנה?	Wos heist a-n-Almone?
אז דער מאנן שטארבט אוועק;	As der Mann starbt awek;
וואס הייסט אנ־עגונה?	Wos heist a-n-Agune?
אז דער מאנןווארפט אוועק!	As der mann warft awek!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

М. З. Левинъ (Новоалександровскъ, Ковенск. губ.).

№ 287.

Варіантъ:

צו וויינען און צו קלאגען	Zu weinen un zu klogen
אויף מיין יונגער וועלט:	Auf main junger Welt:
געבליעבען בין איך עלענד,	Geblieben bin ich elend,
ווי א שעפעלע אין פעלד,	Wie a Schäfele in Feld,
ווי א שעפעלע אין פעלד!	Wie a Schäfele in Feld,
הייב איך זיך אהן צו באדיינקען,	Heib ich sich on zu badeinken,
פאל איך אריין אין אללערליי קריינקען.	Fall ich arain in allerlei Kreinken.
אי, אללערליי קריינקען קאנן א דאקטער היילען,	Oi, allerlei Kreinken a Dockter heilen,
און די צרות פון מיין הארצען	Un die Zores vun main Harzen
נישטא פאר וועמען צו דער ציילען!	Nischto var wemen zu derzeilen!
צרות מיינע, מיט גרויסע מכות באדעקט,	Zores maine, mit greisse Makes badeckt,
איך זאל זיי וועלען אויפשרייבען,	Ich soll sei wellen aufschraiben,
וואלט קיין פאפיר ניט געקלעקט;	Wollt kein Papier nit geklekt;
פאפיר וואלט אפשר געקלעקט,	Papier wollt efscher geklekt,
נאר די האנד וואלט דאס נישט פארטראגען.	Nor die Hand wollt dos nischt vartrogen.
אי, די צרות פון מיינעם הארצען	Oi, die Zores vun main Harzen
נישטא פאר וועמען צו זאגען,	Nischto var wemen zu sogen,
נישטא פאר וועמען צו זאגען!	Nischto var wemen zu sogen!

Варіанты:

[1]) ניט אזוי פון קאליר. — Nit asoi vun Kolir.

[2]) ווי פון שיינע פארבען. — Wie vun scheine Farben.

אַז דִי בְּלוּם בְּלִיהְט אִין גָארְטֶען	As die Bluhm bliht in Gorten
אוּנ דֶער רֶעגֶען גֵעהְט אוֹיף אִיהְר,	Un der Regn geiht auf ihr,
אוּנ אַז דֶער רֶעגֶען הֶערְט אוֹיף צוּ גֵעהְן,	Un as der Regen hert uf zu geihn,
וֶוערְט זִי אָן דֶעם קָאלִיר.	Wert sie on dem Kolir.
נִישְׁט אַזוֹי דֶעם קָאלִיר,	Nischt asei dem Kolir,
וִוי דִי שֵׁיינֶע פַארְבֶּען;	Wie die scheine Farben;
אֵיידֶער אַזַא לֶעבֶּען,	Eider asa Leben,
בֶּעסֶער יוּנְג צוּ שְׁטַארְבֶּען!	Besser jung zu starben!
יוּנְגֶערְהֵייט שְׁטַארְבֶּען	Junger-heit starben
אִיז דָאךְ נִיט קֵיין גְרוֹיסֶע סַכָּנָה,	Is doch nit kein greisse Ssakone,
גְלַייכֶער וִוי צוּ בְּלַייבֶּען אַ יוּנְגֶע אַלְמָנָה!	Glaicher wie zu blaiben a junge Almone!
וֶועט אִיהְר מֵיינֶען, — אַנְ־אַלְמָנָה,	Wet ihr meinen,—a-n-Almone,
וָואס דֶער מַאנְן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען?	Wos der Mann is gestorben?
אָי נֵיין, נֵיין, — אַנְ־אַלְמָנָה,	Oi nein, nein,—a-n-Almone,
דֶער מַאנְן אִיז פַארְטְרִיבֶּען גֶעוָוארֶען!	Der Mann is vartrieben geworen!

М. А Зонъ (Старая Синява, Подольск. губ.).

№ 288*).

קוּם אִיךְ צוּ מַיין שְׁטַאל אַרַיין, —	Kumm ich zu main Stall arain,—
אַךְ אוּנ ווִינְד אוּנ וֵועה!	Ach un wind un weih!
פֶערְד שְׁטֵעהֶען, אֵיינְס אוּנ צְוֵויי, אוּנ דְרַיי,	Ferd steihen, eins un zwei, un drai,
פְרֶעג אִיךְ מַיין לִיבְּסְטֶע פְרוֹי:	Fräg ich main liebste Frau:
וָואס פַאר פֶערְד זַיינֶען דָא?	Wos far Ferd sainen do?
זָאגְט זִי: מִילְךְ־קִיה זַיינֶען דָא,	Sogt sie: Milch-kih sainen do,
מַיין מוּטֶער שִׁיקְט דָאס מִיר!	Main Mutter schickt dos mir!
— אַךְ — אַךְ — אַךְ, ווִינְד — ווִינְד — ווִינְד,	Ach—ach—ach, wind—winp—wind,
מִילְךְ־קִיה מִיט הוֹיכֶע זָאטְלֶען!	Milcb-kih mit heiche sottlen!
אִיךְ בִּין דֶער מַאנְן, אִיךְ בִּין דֶער מַאנְן,	Ich bin der Mann, ich bin der Mann,
שֶׁענֶער אוּנ בֶּעסֶער קֶען שׁוֹין נִיט זַיין!	Schener un besser kenn schoin nit sain!
קוּם אִיךְ צוּ מַיין קִיךְ אַרַיין, —	Kumm ich zu main Kich arain,—
אַךְ אוּנ ווִינְד אוּנד וֵועה!	Ach un wind un weih!
סַאבְּלֶען הֵיינְגֶען, אֵיינְס אוּנ צְוֵויי, אוּנ דְרַיי.	Ssablen heingen, eins un zwei, un drai,
פְרֶעג אִיךְ מַיין לִיבְּסְטֶע פְרוֹי:	Fräg ich main liebste Frau:
וָואס פַאר סַאבְּלֶען זַיינֶען דָא?	Wos far Ssablen sainen do?

*) Повидимому заимствована изъ нѣмецкаго источника, что отчасти подтверждается обиліемъ исковерканныхъ нѣмецкихъ словъ, попадающихся въ варіантахъ этой пѣсни; тотъ-же сюжетъ, впрочемъ, встрѣчается и въ русской народной пѣснѣ.

זאגט זי: בראט־שפיזען זיינען דא ,	Sogt sie: Brot-spiesen sainen do,
מיין מוטער שיקט עס מיר !	Main Mutter schickt es mir!
אך – אך – אך , ווינד – ווינד – ווינד ,	Ach—ach—ach, wind—wind—wind,
בראט־שפיזען מיט בלאנקע הענד !	Brot-spiesen mit blanke Händ!
איך בין דער מאנן , איך בין דער מאנן ,	Ich bin der Mann, ich bin der Mann,
שענער אונ בעסער קען שוין ניט זיין !	Schener un besser kenn schoin nit sain!
קום איך צו מיין טיש אריין , –	Kumm ich zu main Tisch arain, —
אך אונ ווינד אונ וועה !	Ach un wind un weih!
היטלען ליגען , איינם אונ צוויי , אונ דריי ,	Hitlen, eins un zwei, un drai,
פרעג איך מיין ליבסטע פרוי :	Fräg ich main liebsto Frau:
וואס פאר היטלען זיינען דא ?	Wos far Hitlen sainen do?
זאגט זי : שמאנד־קריג זיינען דא ,	Sogt sie: Schmant-krig sainen do,
מיין מוטער שיקט דאס מיר !	Main Mutter schickt dos mir!
אך – אך – אך , ווינד – ווינד – ווינד ,	Ach—ach—ach, wind—wind—wind,
שמאנד־קריג מיט בלאנקע קאזראקען !	Schmant-krig mit lange Kosroken!
איך בין דער מאנן , איך בין דער מאנן ,	Ich bin der Mann, ich bin der Mann,
שענער אונ בעסער קען שוין ניט זיין !	Schener un besser kenn schoin nit sain!
קום איך צו מיין שאף אריין , –	Kumm ich zu main Schaf arain, —
אך אונ ווינד אונ וועה !	Ach un wind un weih!
מאנטלען הייגען , איינם אונ צוויי , אונ דריי ,	Mantlen heingen, eins un zwei, un drai
פרעג איך מיין ליבסטע פרוי :	Fräg ich main liebste Frau:
וואס פאר מאנטלען זיינען דא ?	Wos far Mantlen sainen do?
זאגט זי : בעט־דעקעס זיינען דא ,	Sogt sie: Bett-deckes sainen do,
מיין מוטער שיקט דאס מיר !	Main Mutter schickt dos mir!
אך – אך – אך , ווינד – ווינד – ווינד ,	Ach—ach—ach, wind—wind--wind,
בעט־דעקעס מיט רויטע קאלנערס !	Bett-deckes mit reithe Kolners!
איך בין דער מאנן , איך בין דער מאנן ,	Ich bin der Mann, ich bin der Mann,
שענער אונ בעסער קען שוין ניט זיין !	Schener un besser kenn schoin nit sain!
קום איך צו מיין בעט אריין , –	Kumm ich zu main Bett arain, —
אך אונ ווינד אונ וועה !	Ach un wind un weih!
מענער ליגען , איינם אונ צוויי , אונ דריי ,	Männer liegen, eins un zwei, un drai,
פרעג איך מיין ליבסטע פרוי :	Fräg ich main liebste Frau:
וואס פאר מענער ליגען דא ?	Wos far Männer liegen do?
זאגט זי : בעט־מאנארען (?) ליגען דא ,	Sogt sie: Bett-manaren (?) liegen do,
מיין מוטער שיקט דאס מיר !	Main Mutter schickt dos mir!

אַךְ – אַךְ – אַךְ , ווִינְד – ווִינְד – ווִינְד ,	Ach—ach—ach, wind—wind—wind,
בֶּעט־מַאנַארֶען מִיט לַאנְגֶע וָואנְצֶען !	Bett-manaren mit lange Wonzen !
אִיךְ בִּין דֶער מַאנְן, אִיךְ בִּין דֶער מַאנְן ,	Ich bin der Mann, ich din der Mann,
שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער קֶען שׁוֹין נִיט זַיין !	Schener un besser kenn schoin nit sain!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 289.

בִּין אִיךְ מִיר אַ בַּעַל הַבֶּיתְ׳ל ,	Bin ich mir a Bal-habes'l
טְרָאג אִיךְ מִיר שׁוֹין אַ טַלִית ,	Trog ich mir schoin a Tales,
אוּן דֶעם שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער גֶעבְּרַאכְט	Un dem Schwer un Schwieger gebracht
צוּ דֶעם גְרוֹיסֶען דַלוּת .	Zu dem gressten Dales.
דֶערְפַאר הָאבֶּען זֵיי ,	Derfar hoben sei
אַ לַייט פַאר אַנְ־אֵיידֶעם :	A Lait far a-n-Eidem:
לֶערְנֶען קֶען אִיךְ גוּט גְמָרָא ,	Lernen kenn ich gut Gemore,
כְ׳קֶען אוֹיסְמִישֶׁען פָּאלִיצֶע מִיט בּוֹידֶעם !	'ch kenn ausmischen Polize mit Beidem !
פִינְף יָאהְר קֶעסְט הָאבּ אִיךְ גֶעווִיס , –	Finf Johr Kest hob ich gewiss,—
זָאל זִיךְ שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער בְּלָאזֶען ;	Soll sich Schwer un Swieger blosen;
אוּן דֶער נָאךְ – זַיי גֶעזוּנְד , מַיין וַוייבּ ,	Un dernoch — sai gesund, main Waib,
אַ „וַיִבְרַח“ קֵיין וַואלָאזִין !	A „wajiwrach“ kain Wolosin !

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 290.

אֵשֶׁת חַיִל מִי יִמְצָא , –	Eisches Chajil mi jmzo, —
אַזאַ וַוייבּ גֶעפִינְט מֶען בְּנִמְצָא :	Asa Waib gefint men b'nimzo:
פוּן נָאז רִינְט , פוּן דִי אוֹיגֶען טְרֶעהְרְט ,	Vun Nos rinnt, vun die Eigen thrärt,
בִּיסְקֶען הַאלְבֶּען טָאג דִי שְׁטוּבּ נִיט גֶעקֶערְט .	Bis'kn halben Tog die Stub nit gekehrt.
גֵעהְט זִי קֶערֶען , לָאזְט זִי גָאר דִי מִיסְט ,	Geiht sie kehren, lost sie gor die Mist,
אִין שְׁטוּבּ אִיז אָנְגֶע	In Stub is onge....
קוּמְט צוּ גֵעהְן דֶער מַאנְן ,	Kummt zugeihn der Mann,
הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שְׁטְרָאפֶען , –	Heibt er on zu strofen, —
גֵעהְט זִי אִין בֶּעט	Geiht sie in Bett
אוּן לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפֶען .	Un leigt sich schlofen.
שְׁלָאפְט זִי אַ טָאג מִיט אַ נַאכְט ,	Schloft sie a Tog mit a Nacht,
שְׁטֵעהְט זִי אוֹיף פֶערְטְרַאכְט .	Steiht sie auf vertracht.

געהט זי זוכען איהר שלייער,	Geiht sie suchen ihr Schleier,
צו ברעכט זי א טאפ מיט אייער.	Zubrecht sie a Top mit Eier.
. . . .	. . . .
זי איז א גרויסער גולם!	Si is a greiser Geilem!
. . . .	. . . .
צרות איהרע גרויסע!	Zores ihre greisse!
. . . .	. . . .
מען זאל איהר שלעפען אפ'ן בית החיים!	Men soll ihr schleppen af'n Beisshachajim!

Д. Г. Гальпернъ (Кликолы, Ковенск. губ.).

№ 291.

אז איך בין געוועזען א מאל א קליינער,	As ich bin gewen a mol a kleiner'
בין איך געוועזען זעהר א שיינער.	Bin ich gewen seiher a scheiner.
היינט אז איך בין עלטער געווארען,	Haint as ich bin älter geworen,
איז מיין מזל פארפינסטערט [1]) געווארען.	Is main Mas'l varfinstert [1]) geworen.
צי זאל איך וויינען, צי זאל איך לאכען, [2])	Zi soll ich weinen, zi soll ich lachen, [2])
אז מיין ווייב קען קיין קוגעל ניט מאכען?	As main Waib kenn kein Kugel nit machen?
האט זי אנגעהויבען מאנטיג פארנאכט	Hot sie ongeheiben Montig var-Nacht
אונ האט אויסגעלאזען פרייטיג צו נאכט.	Un hot ausgelosen Fratig zu Nacht,
האט מען אנגעהויבען דעם צאלנט עסען,	Hot men ongeheiben dem Zolent essen,
האט די קאטץ דעם קוגעל אויפגעגעסען. [3])	Hot die Katz dem Kugel auf gegessen, [3])
האב איך געחאפט א שטעקען מיט צוויי עקען	Hob ich gechapt a Stecken mit zwei Ecken
אונ האב אנגעהויבען די ווייב צו דעקען.	Un hob ongeheiben die Waib zu decken.
האט זי געחאפט די שיך מיט די שקראבעס	Hott sie gechapt die Schich mit die Schkrabes
אונ איז אנגקלאפען צו דעם טאטען אויף שבת;	Un is anklofen zu dem Taten auf Schabes;

Варіанты:

[1]) ערגער.	Ärger.
[2]) האט מען פון מיר אנגעהויבען שפאטען אונ לאכען.	Hot men vun mir ongeheiben spotten un lachen.
или:	
וואס טויג מיר צו שפאטען אונ וואס טויג מיר צו לאכען.	Wos teig mir zu spotten un wos teig mir zu lachen.
[3]) אויף מארגען—מי זעצט זיך עסען,	Auf Morgen — mi setzt sich essen,
האט די ווייב דעם קוגעל פארגעסען.	Hot die Waib dem Kugel vargessen.

איז זי אנקלאפען צו דעם טאטען אויף צוויי וואכען ,	Is sie anklofen zu dem Taten auf zwei Wochen,
האב איך ניט געהאט ווער זאל מירווארמעס קאכען .	Hob ich nit gehat wer soll mir Warmes kochen.
האב איך אנגעהויבען מיט די שכנים שטודירען , [1]	Hob ich ongeheiben mit die Sch'cheinim studieren, [1]
מי זאל מיין ווייב קריק ברייינגען צופיהרען .	Mi soll main Waib k'rick breingen zufihren.
— אי מיין מאנן , מעגסט זיך בעגראבען ,	—Oi main Mann, megst sich begroben,
אז איבער דעם קוגעל האסטו די ווייב געשלאגען !	As iber dem Kugel hostu die Waib geschlogen!
— אי מיין ווייב, אזוי פיל דיר מכות,	—Oi main Waib, asei viel dir Makes,
ווי פיל דער קוגעל קאסט מיך פיאטאקעס !	Wie viel der Kugel kost mich Pjatakes!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).
І. Л. Раввинскій (Гадячъ, Полтавск. губ.).
Т. В. Ротенбергъ (Ромны, Полт. губ.).
Ш. Финкельштейнъ (Жлобинъ, Могилевск. губ.).

№ 292.

Варіантъ: *)

אז איך בין געוועזן א קליינינקער ,	As ich bin gewen a kleininker,
בין איך מיר געוועזן א שיינינקער .	Bin ich mir gewen a scheininker.
ווי איך בין נאר גרעסער געווארען ,	Wie ich bin nor gresser geworen,
אזוי האט מען מיך חתנה געמאכט .	Asei hot men mich Chassene gemacht.
אונ ווי מען האט מיך חתנה געמאכט ,	Un wie men hot mich Chassene gemacht,
אזוי האט מען פון מיר אנגעהויבען	Asei hot men vun mir ongeheiben
צו שפאטען אונ צו לאכען .	Zu spotten un zu lachen.
וואס איז געוועזן דאס שפאטען אונ לאכען ?	Wos is gewen dos Spotten un Lachen?
וואס מיין ווייב קען קיין קוגעל ניט מאכען .	Wos main Waib kenn kein Kugel nit machen.
זי האט דעם קוגעל געמאכט	Sie hot dem Kugel gemacht
פון מיטוואך פריה ביז פרייטיג ביי נאכט ;	Vun Mittwoch frih bis Fraitig bai Nacht;

Варіанты:

[1] ... די שכנים צו מולירען . ... Die Sch'cheinim zu muliren.

*) См. варіантъ той же пѣсни, напеч. Д-ромъ С. Вейнбергомъ въ журн. „Globus" 1900 г., т. LXXVII, № 8 (стр. 131).

שַׁבָּת אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם קוּגֶעל עֶסֶען,	Schabes is gekummen dem Kugel essen,
אַזוֹי הָאט זִי זִיךְ דֶערמָאנְט, אַז זִי הָאט אִיהְם	Asei hot sie sich dermont, as sie hot ihm
אוּנְטֶער פְּרִיפֶּעטְשִׁיק פֶערְגֶעסֶען.	Unter Pripetschik vergessen.
אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען אַגְרוֹיסֶען שְׁטֶעקֶען	Asei hob ich genummen a greissen Stecken
אוּנ הָאבּ גֶענוּמֶען אִיהְרֶע בֵּיינְדֶעלֶעךְ דֶעקֶען.	Un hob genummen ihre Beindelech decken.
אִיךְ הָאבּ זִי אַזוֹי גֶעדֶעקְט אוּנ גֶעדֶעקְט,	Ich hob sie asei gedeckt un gedeckt,
בִּיז וַואנֶען זִי אִיז פוּן מִיר אִין מִיטְ'ן וָואךְ אַוֶועק.	Bis wannen sie is vun mir in Mitt'n Woch awek.
הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט מַיינֶע שְׁכֵנִים צוּ שְׁטוּדִירֶען,	Hob ich ongeheiben mit maine Schcheinim zu studieren,
זֵיי זָאלֶען מִיר דִי אֲרוּרָה אִין שְׁטוּבּ אַרַיין פִיהְרֶען.	Sei sollen mir die Arure in Stub arainfihren.
— זָאג־זְשֶׁע מִיר, מַיין לֶעבֶּען, וָואס אִיז דַיין מֵיין,	—Sog-że mir, main Leben, wos is dain Mein,
וָואס דוּ צִיהְסְט דִי דְרַאטְוֶוע אִין דִי צֵיין?	Wos du ziehst die Dratwe in die Zeihn?
זָאג אִיךְ אִיהְר: דָאס אִיז מַיין מֵיין,	Sog ich ihr: Dos is main Mein,
דוּ זָאלְסְט הַיינְט אִין מִקְוֶה גֵעהְן!	Du sollst haint in Mikwe geihn!
— זָאלְסְטוּ אַזוֹי הָאבֶּען יֶענֶע וֶועלְט,	—Sollstu asei hoben jene Welt,
וִוי אִיךְ הָאבּ דָאךְ מִקְוֶה־גֶעלְד!	Wie ich hob doch Mikwe-geld!
— זָאלְסְטוּ אַזוֹי הָאבֶּען אִין מוֹיל דִי צֵיין,	—Sollstu asei hoben in Maul die Zeihn,
וִוי אִיךְ וֶועל הַיינְט אִין מִקְוֶה גֵעהְן!	Wie ich wel haint in Mikwe geihn!
— גֵעה־זְשֶׁע יֶע, גֵעה־זְשֶׁע נִיט, —	—Geih-że je, geih-że nit,—
וֶוער דֶער שְׁטִיקְט מִיט דֶער מִיט!	Wer derstickt mit dermit!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 293.

גַאנְץ וֶועלְט וַוייבֶּערְלַעךְ	Ganz Welt Waiberlech
הָאבֶּען זִיךְ אִין מֵיינְ'ג, —	Hoben sich in Mein'g,—
וִויפִיעל דֶער־מַאנְן גִיט זֵיי גֶעלְט,	Wieviel der Mann git sei Geld,
אִיז זֵיי רַק וֵויינִיג.	Is sei rak weinig.
גֶעפִינְט זִיךְ אַיין, אַקְלוּגֶער יוּנְג,	Gefint sich ain, a kluger Jung,
אוּנ גִיט זִיךְ עֶךְ אַנְ־עֵצָה:	Un git sich ech a-n-Eize:
עֶר דְרֵעהְט צוּנוֹיף דִי גְרָאבֶּע שְׁטְרִיק	Er dreiht zuneif die grobe Strick
אוּנ גִיט אִיהְר אִיבֶּערְ'ן פְּלֵייצֶע!	Un git ihr iber'n Pleize!

– אַךְ, דו לָאטְרֶע און דו פְּיַאנִיצֶע,
זָאלְסְטוּ אַזוֹי לֶעבֶּען!
צִי דֶען אַז מִיר אוֹיף דִי הוֹצָאָה וֵוייְנִיג,
דַארְפְסְטוּ מִיר אִיבֶּערְ'ן פְּלֵייצֶע גֶעבֶּען?!

טָאמֶער פַארְדִינְסְטוּ אַ גְרִיוְונֶעקְ'ל,
טְרָאגְסְטוּ אַוֶועק אִין שֵׁיינְק!
דו גִיסְט אַרַיין אִין דַיין הֶעלְדְזֶעלֶע,
און אַהֵיים בְּרֵיינְגְסְטוּ אַ קְרֵיינְק!

—Ach, du Lotre un du Pjanize,
Sollstu asai leben!
Zi denn as mir auf die Heizoe weinig,
Darfstu mir iber'n Pleize geben?!

Tomer vardienstu a Griwnek'l,
Trogstu awek in Scheink!
Du giesst arain in dain Hälsele,
Un aheim breingstu a Kreink!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 294.

הָאבּ אִיךְ אַ שְׁווִיגֶער,
הָאט זִי אַנְ־אֵיידֶעם;
שְׁלָאגְט עֶר דִי וַייבּ, –
צִיטֶערְט דֶער בֵּיידֶעם.

– וָואס בִּינְסְטוּ בְּרוֹגֶז,
וָואס טְהוּסְטוּ מִיר צוּ לְהָכְעִיס?
וִוישׁ אָפּ דִי וָואנְצֶעס
און קוּשׁ.......!

Hob ich a Schwieger,
Hot sie a-n-Eidem;
Schlogt er die Waib,—
Zittert der Beidem.

Wos binstu breiges,
Wos thustu mir zu l'hoches?
Wisch op die Wonzes
Un kusch......!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 295.

דִי שָׂרָה'קֶה, דִי רִבְקָה, דִי רַבִּינְקֶעס (?),
לֶעבֶּען אַ וַואסֶערִיל שְׁטֵעהֶען זֵיי;
הָאבֶּען זֵיי גֶערֶעדְט, הָאבֶּען זֵיי גֶעשְׁפֶּעט:
דָוִד'ל מִיט רֵיינֶעלֶען לִיגֶען אִין בֶּעט.

– הֶער, מַאמֶעלֶע, וָואס דָוִד'ל רֶעדְט:
דָוִד'ל וִויל גֶעבֶּען רֵיינֶעלֶען אַ גֶּט!
אַ בְּלוֹיֶע הִיטֶעל, אַ בְּלוֹיזֶער שְׁוֶוערְד – [1])
אַ שֵׁיינֶע מֵיידֶעל אִיז דָוִד'ל נִיט וֶוערְט!

Die Ssorke, die Riwke, die Rabinkes (?),
Leben a Wasser'l steihen sei;
Hoben sei geredt, hoben sei gespet't:
Dowid'l mit Rainelen liegen in Bett.

— Her, Mamele, wos Dowid'l redt:
Dowid'l wil geben Rainelen a Get!
A blaue Hitel, a bleiser Schwert—[1])
A scheine Meidel is Dowid'l nit wert!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

---

[1]) Повидимому, смыслъ таковъ: его слѣдуетъ сдать въ солдаты.

№ 296.

אִיהְר מֶעגְט דָאךְ אַלֶע הֶערֶען,	Ihr megt doch alle heren,
וָואס אִיצְטִיגֶע מֵיידְלֶעךְ בֶּעגֶעהְרֶען:	Wos itztige Meidlech begehren:
צוּרַאטְקֶענֶע קְלֵיידְלֶעךְ מִיט שְׁמָאלֶע פַּאסֶען,	Zuratkene Kleidlech mit schmole Passen,
סַאמֶעטֶענֶע בָּאצִיקֶעס מִיט גוּמֶענֶע קַאלַאשֶׁען.	Ssammetene Bozikes mit gummene Kalaschen.
— גִיךְ, מַיין טָאכְטֶער, לוֹיף	— Gich, main Tochter, leif
אַ קָאסְפֶּענִיק קוֹיף!	A Kospenik keif!
וְואוּ הָאסְטוּ, מַיין טָאכְטֶער, אַ קַאסְפֶּענִיק גֶענוּמֶען?	Wu hostu, main Tochter, a Kospenik genummen?
— אִיךְ הָאבּ אִיהְם אוֹיפְ'ן גַאס גֶעפוּנֶען!	— Ich hob ihm auf'n Gass gefunen!
— אַ גֶעפוּנֶענֶע זַאךְ הָאט נִיט קַיין קִיוּם,	— A gefunene Sach hot nit kain Kijum,
דֶער טַאטֶע וֶועט דִיר מַאכֶען אוֹיפְ'ן רוּקֶען אַ סִיוּם!	Der Tate wet dir machen auf'n Rucken a Ssijum!
שַׁבָּת'דִיגֶען טָאג דֶעם גַאנְצֶען	Schabes-digen Tog dem ganzen
אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען בַּיי גְדַלְיֶה'ן טַאנְצֶען;	Is men gegangen bai Gdalje'n tanzen;
בַּיי גְדַלְיֶה'ן טַאנְצֶען דַאמֶען מִיט הֶערֶען,	Bai Gdalje'n tanzen Damen mit Herren,
טָאמֶער וֶועט דֶער שִׁדוּךְ וֶוערֶען.	Tomer wet der Schidach weren.
— דֶער טַאטֶע וֶועט קוּמֶען אִין כַּעס,	— Der Tate wet kummen in kās,
וֶועט זִיךְ הֶערֶען דִי שְׁמִיטְץ אִין גַאס!	Wet sich heren die Schmitz in Gass!
דֶער טַאטֶע וֶועט קוּמֶען אִין הִיטְץ,	Der Tate wet kummen in Hitz,
וֶועט זִיךְ הֶערֶען אִין דְרוֹיסֶען דִי שְׁמִיץ.	Wet sich heren in draussen die Schmitz!

В. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 297.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַיין טַייעֶרְן קִינְד,	Ich hob gehat ain thairn Kind,
עֶר אִיז מִיר אַוֶועק גִיךְ אוּנ גֶעשְׁווִינְד.	Er is mir awek gich un geschwind.
עֶר אִיז מִיר אַוֶועק, וִוי אַיין פַייל פוּן בּוֹיגֶען,	Er is mir awek, wie ain Fail vun Beigen,
עֶס אִיז מִיר גֶעוָוארֶען לִיכְטִיג אִין דִי אוֹיגֶען.	Es is mir geworen lichtig in die Eigen.
אִיךְ פְלֶעג אַמָאל אִיהְם טְהָאן פְרֶעגֶען: „מַיין קִינְד,	Ich fleg amol ihm thon frägen „Main Kind,
וְואוּ נֶעהְמְסְטוּ אַזוֹי פִיל גֶעלְד?" —	Wu nehmstu asieviel Geld?“ —
פְלֶעגְט עֶר מִיר עֶנְטְפֶערְן: „אִיז דֶען	Flegt er mir entfern: „Is denn
וֵויינִיג קְלֵייטֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט?"	Weinig Kleiten auf der Welt?“

אִיךְ פְּלֶעג טְהָאן אַמָאל נָאךְ אִיהְם בֵּיינְקֶען,	Ich fleg thon amol noch ihm bein-ken,
וְואוּ פְּלֶעג אִיךְ אִיהְם גֶעפִינֶען? אִין אַלֶע שֵׁיינְקֶען!	Wu flegt ich ihm gefinen? —in alle Scheinken!

Д. Г. Гальпернъ (Газенпотъ, Курляндск. губ.).

№ 298.

אַמָאל הָאט גֶעדִינְט אַמַאד בַּיי אַרֶבִּיצִין זִיבֶּען יָאהְר,	Amol hot gedient a Mad bai a Rebezin sieben Johr,
אִיז זִי דָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען אוֹיף אַיין אַכְטֶען יָאהְר,	Is sie doch geblieben auf ain achten Johr,
הָאט זִי דָאךְ גֶענוּמֶען אַכְט טָאלֶער גָאר.	Hot sie doch genummen acht Tholer gor.
אִיז דִי רֶבִּיצִין אָבְּגֶעשְׁטָארְבֶּען,	Is die Rebezin obgestorben,
הָאט דֶער רֶבִּי גֶענוּמֶען דִי מַאד פַאר אַ וַוייבּ.	Hot der Rebe genummen die Mad far a Waib,
הָאט זִי אָנְגֶעהֵייבֶּען דִי קִינְדֶער שְׁלֶעכְט צוּ הַאלְטֶען	Hot sie ongeheiben die Kinder schlecht zu halten
אוּנ דִי בְּרוֹיט פוּן זֵיי פַארְשְׁלִיסֶען אוּנ בַּא-הַאלְטֶען.	Un die Breit vun sei varschliessen un bahalten.
זַיינֶען זֵיי אַרוֹיף גֶעלָאפֶען מִיט אַגֶעשְׁרֵיי אוֹיף דִי מוּטֶערְ'ס קֶבֶר:	Sainen sei araufgelofen mit a Ge-schrei auf die Mutter's Keiwer:
„הֶער-זְשֶׁע צוּ, מוּטֶער, מוּטֶער! אוּנְזֶער בִּיטֶערְן גֶעשְׁרֵיי,	„Her-że zu, Mutter, Mutter! unser bittern Geschrei,
בַּיי דִי דִינְסְט-מַאד אִיז אוּנְז שׁוֹין וִוינְד אוּנ וֵועה!"	Bai die Dienstmad is uns schoin wind un weih!"
אִיז זִי אַמָאל גֶעגַאנְגֶען דִי בֶּעטֶעלֶע פַארְ-בֶּעטֶען,	Is sie amol gegangen die Bettele varbetten,
הָאט עֶס אִיהְר אָנְגֶענוּמֶען אַזִיסֶער שְׁלָאף;	Hot es ihr ongenummen a sisser Schlof;
הָאט זִי אָבְּגֶעשְׁלָאפֶען אַטָאג מִיט אַנַאכְט,	Hot sie obgeschlofen a Tog mit a Nacht,
אִיז אִיהְר גֶעוָוארֶען דִי לִיפֶּען פַארְחַלֶעשְׁט אוּנ פַארְשְׁמַאכְט.	Is ihr geworen die Lippen var-chalescht un varschmacht.
קוּמְט צוּגֵעהְן דִי לִיבֶּע רֶבִּיצִין אוּנ זָאגְט:	Kummt zugeihn die liebe Rebezin un sogt:
— גוּט מָארְגֶען דִיר, מַיין קִינְד!	— Gut Morgen dir, main Kind!
וָואס בִּינְסְטוּ אַזוֹי פַארְיָאמֶערְט אוּנ פַארְ-צָאגְט?	Wos binstu asei varjommert un var-zogt?

–ווִי זָאל אִיךְ נִיט זַיין פַארְיָאמֶערְט אוּנ פַארְצָאגְט ,
אַז אִיךְ הָאבּ דִי לִיבֶּע רֶבִּיצִין קַיין „גוּט מָארְגֶען“ נִיט גֶעזָאגְט ?

–הֶער־זְשֶׁע צוּ, מַיין לִיבֶּע קְרוֹין, וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען :
דִי זוּנְן מִיט דִי לְבָנָה אִיז זֶעהְר רוֹיט ,
אוּנ דָאס בַּאטַייט דָאךְ, אַז דִי לִיבֶּע רֶבִּיצִין אִיז טוֹיט .

הֶער־זְשֶׁע צוּ, מַיין לִיבֶּע קְרוֹין, וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען :
אַ רָב פַאר אַ מַאנְן הָאסְטוּ דָאךְ נִיט גֶעטְרַאכְט צוּ הָאבֶּען .

הֶער־זְשֶׁע צוּ, מַיין לִיבֶּע קְרוֹין, וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען :
דוּ מִיטְ'ן רָב עֶסֶען דָאךְ אַלֶערְלֵיי גֶערִיכְטֶען ,

אוּנ מַיינֶע קִינְדֶער זְשַׁאלֶעוֶועסְטוּ אַ שְׁטִיקֶעלֶע בְּרוֹיט , –
וֶועלְן זֵיי זִיךְ דֶערְמָאהְנֶען, אַז דִי יוּנְגֶע מַאמֶע אִיז טוֹיט !

הֶער־זְשֶׁע צוּ, מַיין לִיבֶּע קְרוֹין, וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען :
דוּ מִיטְ'ן רָב טְרִינְקֶען קַאוֶוע מִיט טְהֵיי ,
אוּנ מַיינֶע קִינְדֶער אִיז בַּיי דִיר ווִינְד אוּנְד וֵועה !

הֶער־זְשֶׁע צוּ, מַיין לִיבֶּע קְרוֹין, וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען :
דוּ מִיטְ'ן רָב עֶסֶען דָאךְ אַלֶערְלֵיי פִישֶׁען ,

אוּנ מַיינֶע קִינְדֶער טְרַייבְּסְטוּ צוּ פְרֶעמְדֶע טִישֶׁען !

הֶער־זְשֶׁע צוּ, מַיין לִיבֶּע קְרוֹין, וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען :
דוּ מִיטְ'ן רָב טְהוּעֶן אָן אַלֶע רְגָלִים נַייֶע קְלֵיידֶער ,
אוּנ מַיינֶע קִינְדֶער פִיהְרְסְטוּ נַאקֶעט אוּנ בָּארְוֶועס
אוּנ דוּ הָאסְט זֵיי שׁוֹין אָבְּגֶעְרִיסֶען פוּן חֵדֶר !

—Wie soll ich nit sain varjommert un varzogt,
As ich hob die liebe Rebezin kein „gut-Morgen“ nit gesogt?

—Her-że zu, main liebe Krein, wos ich wel dir sogen:
Die Sunn mit der Lwone is seiher reith
Un dos batait doch, as die Rebezin is teit.

Her-że zu, main liebe Krein, wos ich wel dir sogen:
A Row far a Mann hostu doch nit getracht zu hoben.

Her-że zu, main liebe Krein, wos ich wel dir sogen:
Du mit'n Row essen doch allerlei Gerichten,

Un maine Kinder żalewestu a Stickele Breit, —
Welen sei sich dermohnen, as die junge Mame is teit!

Her-że zu, main liebe Krein, wos ich wel dir sogen:
Du mit'n Row trinken Kawe mit Thei,
Un maine Kinder is bai dir wind un weih!

Her-że zu, main liebe Krein, wos ich wel dir sogen:
Du mit'n Row essen doch allerlei Fischen,

Un maine Kinder traibstu zu fremde Tischen!

Her-że zu, main liebe Krein, wos ich wel dir sogen:
Du mit'n Row thuen on alle Rgolim naie Kleider,
Un maine Kinder fihrstu nacket un borwess
Un du host sei schoin obgerissen vun Cheider!

32.

הֶער־זְשֶׁע צוּ, מַיין לִיבֶּע קְרֹויִן וָואס אִיךְ
וֶועל דִיר זָאגֶען:
דוּ מִיט׳ן רָב שְׁלָאפֶּען אוֹיף פּוּכָאוֶוע קִיסֶען,

אוּנ מַיינֶע קִינְדֶער זְשַׁאלֶעוֶועסְטוּ צוּ קָאפֶּען
אַ בִּיסְל הֵיי, —
וֶועלֶען זֵיי זִיךְ דֶערְמָאהְנֶען, אַז אָהְן אַ מַאמֶען
אִיז וִוינְד אוּנ וֵועה!

Her-że zu, main liebe Krein, wos ich wel dir sogen;
Du mit'n Row schlofen auf puchowe Kissen,
Un maine Kinder żalewestu zu- Kopen a bissel Hei, —
Welen sei sich dermohnen, as ohn a Mamen is wind un weih!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 299.

עֶס פְלִיהְט אַ פֵייגֶעלֶע פוּן זֵעהֶער וַוייט
אוּנ קוּמְט דָאךְ צוּפְלִיהֶען צוּ רֶעכְטֶער צַייט.

עֶס שְׁטֵעהְט אַ בֵּיימֶעלֶע אַ נַאסֶער,
גָאר נִיט וַוייט פוּן וַואסֶער.

Es flieht a Veigele vun seiher wait
Un kummt doch zufliehen zu rech- ter Zait.

Es steiht a Beimele a nasser,
Gor nit wait vun Wasser.

דֶער וַואסֶערְ׳ל הָאט זִיךְ פַארְנַאנְדֶער גֶע-
גָאסֶען,
הָאט עֶר דָאךְ אִיהְר נֶעסְט אָנְגֶעטְרָאפֶען.
זָאגְט זִי: „גוּטֶער בְּרוּדֶער, דוּ לִיבֶּער,
אִיךְ לָאז בֵּיי דִיר צוּרִיק מַיינֶע קִינְדֶער!״

Der Wasser'l hot sich varnander gegossen,
Hot er doch ihr Nest ongetroffen.
Sogt Sie: „Guter Bruder, du lieber,
Ich los bai dir zurick maine Kinder!"

אִין אַ יָאהְר אַרוּם אִין דִיזֶער צַייט
קוּמְט זִי גֶעפְלוֹיגֶען פוּן זֵעהֶער וַוייט;
זָאגְט זִי: „גוּטֶער בְּרוּדֶער, דוּ לִיבֶּער,
גִיבּ מִיר שׁוֹין אַוֶועק מַיינֶע קִינְדֶער!״

In a Johr arum in dieser Zait
Kummt sie gefleigen vun seiher wait;
Sogt sie: „Guter Bruder, du lieber,
Gib mir schoin awek maine Kinder!"

— „דַיינֶע קִינְדֶער וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען אִין
אַ יָאהְר אַרוּם
אַז זֵיי וֶועלֶען וֶוערֶען גוּט אוּנ פְרוּם!״
אִין אַ יָאהְר אַרוּם אִין דִיזֶער צַייט
קוּמְט זִי גֶעפְלוֹיגֶען פוּן זֵעהֶער וַוייט.

—„Daine Kinder wel ich dir geben in a Johr arum,
As sei welen weren gut un frumm!"
In a Johr arum in dieser Zait
Kummt sie gefleigen vun seiher wait.

עֶס שְׁטֵעהְט אַ בֵּיימֶעלֶע אַ נַאסֶער,
עֶר אִיז דָאךְ נִיט וַוייט פוּן וַואסֶער.
דֶער וַואסֶערְ׳ל הָאט זִיךְ פַארְנַאנְדֶער גֶע-
גָאסֶען,
הָאט עֶר גַאנְץ אִיהְר נֶעסְט אִיבֶּערְפְלָאסֶען.

Es steiht a Beimele a nasser,
Er is doch nit wait vun Wasser.
Der Wasser'l hot sich varnander gegossen,
Hot er ganz ihr Nest iberflossen.

טְהוּט זִי אַ פַאל מִיט אַ מָאל	Thut sie a fall mit amol
אוּנ הוֹיבְּט אָן צוּ שְׁרַייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערֶען קוֹל :	Un heibt on zu schraien mit a bitteren Kol:
„גָאט, גָאט דוּ גוּטֶער !	„Gott, Gott, du guter!
נִיט עֶנְטְפֶער אִיבֶּער מַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַ פְרֶעמְדֶע מוּטֶער !	Nit entfer iber maine Kinder zu a fremde Mutter!
מִיט דִי הֶענְט טְהוּט זִי זַיי בְּרוֹיט בְּרֶעכֶען, —	Mit die Händ thut sie sei Breit brechen,—
מִיט דִי אוֹיגֶען טְהוּט זִי זַיי שְׁטֶעכֶען !"	Mit die Eigen thut sie sei stechen!"

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 300.

. . . .	. . . .
פַארְדָארְבֶּען אַלֶלע בֵּיימֶער,	Vardorben alle Beimer,
אַלֶלע טְהַייעֶרֶע בְּלוּמֶען, —	Alle thaiere Blumen, —
צוּ אַ שְׁלַאנְג אַ שְׁטִיפְמוּטֶער	Zu a Schlang a Stiefmutter
בִּין אִיךְ אָן גֶעקוּמֶען !	Bin ich ongekummen!
אָי, הָאבּ אִיךְ צָרוֹת,	Oi, hob ich Zores,
אָי, הָאבּ אִיךְ פַּיין !	Oi, hob ich Pain!
אַךְ, גָאט, דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט,	Ach, Gott, du bist gerecht,
מִסְתָּמָא דַארְף אַזוֹי זַיין !	Mistome darf asei sain!
וִוי עֶס פַאנְגְט זִיךְ אָן דֶער פְרִיה־מָארְגֶען,	Wie es fangt sich on der frih-Morgen,
אַזוֹי פַאנְגְט אָן מַיינֶע צָרוֹת צוּ גִילְטֶען ;	Asei fangt on maine Zores zu gilten
אוּנ וִוי עֶס פַאנְגְט זִיךְ אָן דֶער פְרִיה־מָארְגֶען,	Un wie es fangt sich on der frih-Morgen,
אַזוֹי פַאנְגְט זִי מִיר אָן צוּ שִׁילְטֶען !	Asei fangt sie mir on zu schilten.
אַךְ, מוּטֶער גֶעטְרַייעֶ,	Ach, Mutter getraie,
נֶעהְם אָן מַיין שְׁמֶערְץ אוּנ פַּיין,	Nehm on main Schmerz un Pain,
אוּנ נֶעהְם מִיר אַרוּף	Un nehm mir aruf
בַּיי דִיר צוּ זַיין !	Bai dir zu sain!
יֶעצְט אִיז פַאר מִיר מַיין אֵיינְצִיגֶער גְלִיק,	Jetzt is far mir main einziger Glick,
אַז אִיךְ וָואלְט גֶעהְן תִּשְׁעָה בְּאָב	As ich wollt geihn tische-b'Ow
בַּיי דִיר צוּ גַאסְט	Bai dir zu Gast
אוּנ נִיט קוּמֶען צוּרִיק !	Un nit kummen zurick!

г-жа А. Гофштейнъ (Свенцяны, Виленск. губ.).

№ 301.

אין פעלד וואקסט א ביימעלע	In Feld wackst a Beimele
גאר א גרינינקע,	Gor a grininke,
האט זיך אפגעשטעלט א יתומה׳לע	Hot sich opgestelt a Jsseimele
גאר א קליינינקע.	Gor a kleininke.
ביטער, ביטער, ביטערלעך	Bitter, bitter, bitterlech
א יתומה׳לע צו בלייבען —	A Isseimele zu blaiben —
ניטא וועמען בריוועלעך,	Nito wemen Briewelech,
בריוועלעך צו שרייבען!	Briewelech zu schraiben!
ביטער, וואס איך בין אין א פרעמדער לאנד,	Bitter, wos ich bin in a fremder Land,
וואס איך האב קיין מזל ניט,	Wos ich hob kein Mas'l nit,
ביטער וואס איך האב קיין טאטען ניט!	Bitter, wos ich hob kein Taten nit!
דאס וואס איך האב קיין מזל ניט,	Dos wos ich hob kein Mas'l nit,
וועל איך איהם געפינען;	Wel ich ihm gefinen;
דאס וואס איך בין אין א פרעמדער לאנד,	Dos wos ich bin in a fremder Land,
וועל איך געוואינט ווערען —	Wel ich gewoihnt weren —
דאס וואס איך האב קיין טאטען ניט,	Dos wos ich hob kein Taten nit,
וועל איך נאך איהם אייביג קלאגען!	Wel ich noch ihm eibig klogen!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 302.

זינד איך בין איין יתומה׳לע געבליבען,	Sind ich bin ain Jsseimele geblieben,
אזוי האב איך געקראגען פארשטאנד.	Asei hob ich gekrogen Varstand.
אי, פארשטאנד!	Oi, Varstand!
מי האט שוין פאר מיר דעם תכלית געפונען,	Mi hot schoin far mir dem Tachles gefunen,
צו געבען די מלאכה אין דער האנד.	Zu geben die Mloche in der Hand.
אין דער האנד!	In der Hand!
די מלאכה איז פאר מיר צו שווער,	Die Mloche is far mir zu schwer,
אונ איך בין צו קליין.	Un ich bin zu klein.
אי, צו קליין!	Oi, zu klein!
אונ היינט בין איך איין ביטערע יתומה׳לע,	Un haint bin ich ain bittere Jsseimele,
דערצו נאך עלענט ווי איין שטיין.	Derzu noch elnd wie ain Stein!
ווי איין שטיין!	Wie ain Stein!
א גאנצען טאג הארעווע איך זיך אן	A ganzen Tog horewe ich sich on
אונ ביי נאכט לייג איך זיך שלאפען.	Un bai Nacht leig ich sich schlofen.
שלאפען צו!	Schlofen zu!
איך פאספייע זיך ניט איבערצוקערען אויפ׳ן אנדערען זייטעלע,	Ich pospeie sich nit iberzukehren auf'n anderen Saitele,
מי שרייט שוין: יתומה׳לע שטעה אויף, עס איז ניט פריה!	Mi schrait schoin: Jsseimele, steih auf, es is nit frih!
ניט פריה!	Nit frih!

אויף מאָרגֶען אִין דֶער פְרִיה שְׁטֵעה אִיךְ מִיר אויפְ'עֶט	Auf Morgen in der-frih steih ich mir auf'et
אוּנ אִיךְ הֵייבּ זִיךְ מִיר אָן צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען .	Un ich heib sich mir on zu betrachten.
אָי, צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען !	Oi, zu betrachten!
אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ אויף יוֹם־טוֹב קַיין קְלֵיי־ דֶעלֶע נִיט	As ich hob noch auf Jom-tew kein Kleidele nit
אוּנ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִיט, וֶוער עֶס זָאל מִיר מַאכֶען .	Un ich hob schoin nit, wer es soll mir machen.
אָי, צוּ מַאכֶען !	Oi, zu machen!
—פָאטֶער, דוּ מַיין פָאטֶער, דוּ טְהַייעֶרֶער,	—Voter, du main Voter, du thaierer,
וָואס טְהוּסְטוּ מַיינֶע קוֹלוֹת נִיט דֶערְהֶערֶען ?	Wos thustu maine Keiles nit derheren?
אָי, דֶערְהֶערֶען !	Oi, derheren!
הַיינְט בִּין אִיךְ אַיין עֶלֶענְט אוּנ אַיין בִּיטֶער יְתוֹמָה'לֶע	Haint bin ich ain elend un ain bitter Jsseimele
אוּנ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִיט, וֶוער עֶס זָאל מִיר דֶערְנֶעהֶרֶען .	Un ich hob schoin nit, wer es soll mir dernähren.
אָי, דֶערְנֶעהֶרֶען !	Oi, dernähren!
— טָאכְטֶער, דוּ מַיין טָאכְטֶער, דוּ טְהַייעֶרֶע,	— Tochter, du main Tochter, du thaiere,
אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דַיינֶע קוֹלוֹת, אָי, לַאנְג, לַאנְג דֶערְהֶערְט,	Ich hob schoin daine Keiles, oi, lang, lang derhert,
אָי, דֶערְהֶערְט !	Oi, derhert!
אוּנ בִּינְסְטוּ אַיין עֶלֶענְטֶע אוּנ בִּיטֶערֶע יְתוֹמָה'לֶע,	Un binstu ain elente un bittere Jsseimele,
מִסְתָּמָא אִיז פוּן גָאטְט אַזוֹי בַּאשֶׁערְט !	Mistome is vun Gott asei baschert!
אָי, בַּאשֶׁערְט !	Oi, baschert!

М. З. Левинъ (Двинскъ, Витебск. губ.).

IX.

Бытовыя пѣсни.

№ 303.

אַ וָואלָאכְ׳ל לָאמִיר זִינְגֶען,
אַ וָואלָאכְ׳ל לָאמִיר שְׁרַייֶען;
אַ גַאנְצֶע וָואךְ הָארֶעוֶועט מֶען דָאךְ, –
אַף שַׁבָּת מוּז מֶען לַייהֶען!
. . . .

A Woloch'l lomir singen,
A Woloch'l lomir schraien;
A ganze Woch horewet men doch,—
Af Schabes mus men laihen!
. . . .

N. N. (Минск. губ.)

№ 304.

הַמַבְדִיל בֵּין קֹדֶשׁ לְחוֹל –
וָואס טְהוּט מֶען, עֶס גֵעהְט גָאר נִיט וָואיהל?
זַרְעֵנוּ – פַּארַאן, וְכַסְפֵּנוּ – אַ נִי,
דֶער שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט קוּמְט אָן מִיט מִיה!
יוֹם פָּנָה, דֶער שַׁבָּת אַוֶועק,
אַזוֹי וִוי אַשָּׁאטֶען פוּן בּוֹים;
פוּן אַלֶע שְׁפַּייזֶען נִיט גֶעבְּלִיבֶּען קֵיין זוֹים,
אוּנ בַּאלְד, אָי וֵועה אוּנ אָךְ,
מָארְגֶען קוּמְט דִי גְלִיקְלִיכֶע וָואךְ.
מָארְגֶען דַארְף מֶען גֵעהְן אִין קְלֵייט –
בִּיטֶער, בִּיטֶער וִוי דֶער. טוֹיט
זִיטְצֶען אוֹיפְ׳ן גַאנִיק וִוי אַ צוּגֶעבּוּנְדֶענֶער הוּנְט
אוּנ שְׁרַייֶען: טַאם מַאלִי פוּנְט!

Hamawdil bein keidesch l'cheil—
Wos thut men, es geiht gor nit weihl!
Sar'einu—varan, w'Kaspeinu—a ni,
Der Stickel Breit kummt on mit Mih!
Jeim pono, der Schabes awek,
Asei wie a Schotten vun Beim;
Vun alle Spaisen nit geblieben kein Seim,
Un bald, oi weih un och,
Morgen kummt die glickliche Woch,
Morgen darf men geihn in Kleit—
Bitter, bitter wie der Teit
Sitzen auf'n Ganik, wie a zugebundener Hund,
Un schraien: Tam maly Funt!

А. Рейзинъ (Минск. губ.)

№ 305.

– אָי, סֶענְדֶערְקֶע, מַיין מַאנְן,
וְואוּ נֶעהְמְט מֶען, וְואוּ נֶעהְמְט מֶען גֶעלְטֶעלֶע
אָי, סֶענְדֶערְקֶע, מַיין מַאנְן?

—Oi, Ssenderke, main Mann,
Wu Nehmt men, wu nehmt men Geltele,
Oi, Senderke, main Mann?

– בַּיין פָּרִיצְ'ל, בַּיין פָּרִיצְ'ל, מַיין וַוייבֶּעלֶע,

בַּיין פָּרִיצְ'ל, בַּיין פָּרִיצְ'ל, מַיין טַייבֶּעלֶע,

בַּיין פָּרִיצְ'ל, בַּיין פָּרִיצְ'ל, מַיין קְרוֹין,

אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין גָאר אַלֵיין!

– אָי, סֶענְדֶערְקֶע, מַיין מַאנְן,
וְואוּ גֶעהְמְט מֶען, וְואוּ גֶעהְמְט מֶען בְּרוֹיטֶעלֶע,

אָי, סֶענְדֶערְקֶע, מַיין מַאנְן?
– בַּיין פָּרִיצְ'ל, בַּיין פָּרִיצְ'ל, מַיין וַוייבֶּעלֶע,

בַּיין פָּרִיצְ'ל, בַּיין פָּרִיצְ'ל, מַיין טַייבֶּעלֶע,

בַּיין פָּרִיצְ'ל, בַּיין פָּרִיצְ'ל, מַיין קְרוֹין,

אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין גָאר אַלֵיין!

– אָי, סֶענְדֶערְקֶע, מַיין מַאנְן,
וְואוּ גֶעהְמְט מֶען, וְואוּ גֶעהְמְט מֶען אוֹיף מִילְכֶעלֶע,
אָי, סֶענְדֶערְקֶע, מַיין מַאנְן?
– בַּיין פָּרִיצְ'ל, בַּיין פָּרִיצְ'ל, מַיין וַוייבֶּעלֶע,

בַּיין פָּרִיצְ'ל, בַּיין פָּרִיצְ'ל, מַיין טַייבֶּעלֶע,

בַּיין פָּרִיצְ'ל, בַּיין פָּרִיצְ'ל, מַיין קְרוֹין,

אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין גָאר אַלֵיין!

—Bai'n Poriz'l, bai'n Poriz'l,
main Waibele,
Bai'n Poriz'l, bai'n Poriz'l,
main Taibele
Bai'n Poriz'l, bai'n Poriz'l,
main Krein,
Ich blaib schoin gor allein!

—Oi, Ssenderke, main Mann,
Wu nehmt men, wu nehmt men
Breitele,
Oi, Ssenderke, main Mann?
—Bai'n Poriz'l, bai'n Poriz'l,
main Waibele,
Bai'n Poriz'l, bai'n Poriz'l,
main Taibele,
Bai'n Poriz'l, bai'n Poriz'l,
main Krein,
Ich blaib schoin gor allein!

—Oi, Ssenderke, main Mann,
Wu nehmt men, wu nehmt men
auf Milchele,
Oi, Ssenderke, main Mann?
—Bai'n Poriz'l, bai'n Poriz'l,
main Waibele,
Bai'n Poriz'l, bai'n Poriz'l,
main Tajbele,
Bai'n Poriz'l, bai'n Poriz'l,
main Krein,
Ich blaib schoin gor allein!

А. Рейзинъ (Минск. губ.)

№ 306.

– וְואוּ וֶועסְטוּ מִיר לָאזֶען,
סֶענְדֶערְ'ל, מַיין מַאנְן?
– אִין אַ שְׁטִיבֶּעלֶע, מַיין לִיבְּסְטֶע וַוייבֶּעלֶע,

אִין אַ שְׁטִיבֶּעלֶע, מַיין לִיבְּסְטֶע טַייבֶּעלֶע,

אִין אַ שְׁטִיבֶּעלֶע, מַיין לִיבְּסְטֶע קְרוֹין,

דוּ בְּלַייבְּסְט דָאךְ שׁוֹין גָאר אַלֵיין!

—Wu westu mir losen,
Ssender'l, main Mann?
—In a Stibele, main liebste
Waibele,
In a Stibele, main liebste
Taibele,
In a stibele, main liebste
Krein,
Du blaibst doch schoin gor
allein!

– וָואס וֶועל אִיך מִיט דִי קִינְדֶער עֶסֶען,
סֶענְדֶערְ׳ל מַיין מַאנְן ?
– בְּרוֹיט, מַיין לִיבֶּע וַוייבֶּעלֶע,
בְּרוֹיט, מַיין לִיבֶּע טַייבֶּעלֶע,
בְּרוֹיט, מַיין לִיבֶּע קְרוֹין,
דוּ בְּלַייבְּסְט שׁוֹין גָאר אַלֵיין !

—Wos wel ich mit die Kinder essen,
Ssender'l, main Mann?
—Breit, main liebe Waibele,
Breit, main liebe Taibele,
Breit, main liebe Krein,
Du blaibst schoin gor allein!

– וְואוּ וֶועל אִיך בְּרוֹיט גֶעהֶמֶען,
סֶענְדֶערְ׳ל, מַיין מַאנְן ?
– אִין סֶעמֶערִיל (?) א. ז. וו.

—Wu wel ich Breit nehmen,
Ssender'l main Mann?
—In Ssemeril (?) etc.

– וְואוּ זָאל אִיך גֶעלְט גֶעהֶמֶען,
סֶענְדֶערְ׳ל, מַיין מַאנְן ?
– בַּיין פָּרִיצְ׳ל א. ז. וו.

—Wu soll ich Geld nehmen,
Ssender'l main mann?
—Bai'n Poriz'l etc.

בַּיין פָּרִיצְ׳ל אִי׳ דָא אַ הִינְטֶעלֶע,
סֶענְדֶערְ׳ל, מַיין מַאנְן !
– גֶעם אַ שְׁטֶעקֶעלֶע א. ז. וו.

—Bai'n Poriz'l i' do a Hintele,
Ssender'l, main Mann!
—Nehm a Steckele etc.

וְואוּ זָאל אִיך גֶעהֶמֶען אַ שְׁטֶעקֶעלֶע,
סֶענְדֶערְ׳ל, מַיין מַאנְן ?
– אִין וַואלְד, א. ז. וו.

—Wu soll ich nehmen a Steckele,
Ssender'l, main Mann?
—In Wald etc.

– אִין וואלְד אִיז דָא אַ בֶּערֶעלֶע,
אָי סֶענְדֶערְ׳ל, מַיין מַאנְן !
– מִיט אַ שְׁטֵיינְדֶעלֶע א. ז. וו.

—In Wald is do a Bärele,
Oi Ssender'l, main Mann!
—Mit a Steindele etc.

– וְואוּ זָאל אִיך אַ שְׁטֵיינְדֶעלֶע גֶעהֶמֶען,
סֶענְדֶערְ׳ל, מַיין מַאנְן ?
– אִין בְּרוּק, מַיין לִיבְּסְטֶע וַוייבֶּעלֶע,

אִין בְּרוּק, מַיין לִיבְּסְטֶע טַייבֶּעלֶע,
אִין בְּרוּק, מַיין לִיבְּסְטֶע קְרוֹין,
דוּ בְּלַייבְּסְט דָאך שׁוֹין גָאר אַלֵיין !

—Wu soll ich a steindele nehmen,
Ssender'l, main Mann?
—In Bruck, main liebste Waibele
In Bruck, main liebste Taibele,
In Bruck, main liebste Krein,
Du blaibst doch schoin gor allein!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.)

№ 307.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס הָאסְטוּ פוּן מִיר גֶעוֶועלְט

וָואס הָאסְטוּ בַּאשַׁאפֶען אַ קַבְּצָן אוֹיף דֶער וֶועלְט,
אַף אַ זֶעלְכֶענֶע צָרוֹת, אַף אַ זֶעלְכֶען נוֹיט ?

מִיר וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען לִיבֶּער דֶער טוֹיט !

Ribeinei schel Eilom, wos hostu vun mir gewellt,
Wos hostu baschaffen a Kabzon auf der Welt,
Auf a selche Zores, auf a selche Neith?
Mir wollt schoin gewen lieber der Teit!

וָואס הָאסְטוּ דֶעם נָגִיד אַלְץ גֶעגֶעבֶּען ,
כְּדֵי עֶר זָאל הָאבֶּען — אַפְ'ן גַאנְצֶען לֶעבֶּען , —
אוּנ מִיר הָאסְטוּ גֶעזְשַאלֶעוֶועט דַיינֶע רַחֲמָנוּת ,
אַז אִיךְ מִיט מַיין לֶעבֶּען שְׁטֵעה מִיר אִין סַכָּנוּת ?

Wos hostu dem Nogid allz gegeben,
Kdei er soll hoben—af'n ganzen Leben,—
Un mir hostu geżalewet daine Rachmones,
As ich mit main Leben steih mir in Ssakones?

אִין שְׁטוּבּ אִיז נַאס , נִיטָא וְואוּ צוּ לִיגֶען ,
אִיךְ גֵעה מִיר אַרוֹיס אִין גַאס עֶטְוַואס צוּ קְרִיגֶען ;
אִין גַאס אִיז לִיכְטִיג , מֶענְטְשֶׁען וִוי שְׁטֶערְ'ן , —
בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז פִינְסְטֶער , נִיטָא וְואוּ צוּ קֶערְ'ן .

In Stub is nass, nito wu zu liegen,
Ich geih mir araus in Gass etwos zu Kriegen;
In Gass is lichtig, Mentschen wie Stern,—
Bai mir in Stub is finster, nito wu zu kehrn.

פוּן אֵיינֶענֶע פַאמִילְיֶע בִּין אִיךְ גֶעוָוארֶען פַארְשֶׁעמְט ;
פוּן אֵיינֶענֶעם בְּרוּדֶער בִּין אִיךְ גֶעוָוארֶען פַארְפְרֶעמְט , —
עֶר טְהוּט פוּן מִיר פַארְמַיידֶען אַלֶע זַיינֶע וֶועגֶען ,
עֶר הָאט זִיךְ פַארְגֶעסֶען , אַז מִיר זַיינֶען אוּנְטֶער אֵיין הַארְצֶען גֶעלֶעגֶען !

Vun eigene Familje bin ich geworen varschämt,
Vun eigenem Bruder bin ich geworen varvremdt,—
Er thut vun mir varmaiden alle saine Wegen,
Er hot sich vargessn, as mir sainen unter ein Harzen gelegen!

М. З. Левинъ (Новоалександровскъ, Ковенск. губ.)

№ 308.

גָאט , דוּ גָאט דֶערְבַּארֶעמְדִיקֶער ,
וָואס בִּין אִיךְ נִיט קֵיין מַזָלְ'דִיקֶער ?
וִוי מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעבָּארֶען ,
אִיז שוֹין מַיין מַזָל בַּאלְד פַארְלָארֶען ;
אוּנ וִוי דִי בָּאבֶּע הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען ,
הָאט זִי שוֹין מַיין מַזָל נִיט גֶעפוּנֶען .
לַייטִישֶׁע מַזָלוֹת טְהוּעֶן אוֹיף דִי וַואסֶערְ'ן שְׁווִימֶען
אוּנ אִיךְ טְהוּ זוּכְ'ן אוּנ טְהוּ נִיט גֶעפִינֶען .
אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בִּין אִיךְ אַרוּמְגֶעלָאפְ'ן
אוּנ אִיךְ הָאבּ מַיין מַזָל נִיט גֶעטְרָאפְ'ן .

Gott, du gott derbaremdiker,
Wos bin ich nit kein mas'ldiker?
Wie main Mame hot mir geboren!
Is schoin main Mas'l bald varloren;
Un wie die Bobe hot mir zugenummen,
Hot sie schoin main Mas'l nit gefunen.
Laitische Masoles thuen auf die Wassern schwimmen,
Un ich thu suchen un thu nit gefinen·
In die ganze Welt bin ich arumgelofn
Un ich hob main Mas'l nit getroffn

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.)

№ 309.

שלעכטע יאהרען אונ ביטערע צייטען
האבען מיר זיך, יודעלעך, דא אין רומעניע
פערדינט; 1)
עס פאלט אונז צו פון אלע זייטען
אלע טאג א נייע וואונד!

נייע— געבוירענע קבצנים,
זיי וואקסען, ווי גראז אין פעלד;
זיי פאלען, נעביך, אויף דעם פנים
פון דארשט אונ פון קעלט.

פון צרות ווערט דאס הארץ צוריססען
די לעצטע כחות געהען אויס;
זעהנדיג דעם לעצטען ביסען,
רייסט מען איהם פון דעם מויל ארויס.

אין דארף זענען מיר געזעסען,
אונ פלוצלונג האט מען אונז פערייאגט;
היינט זיצען די קינדער אומגעגעסען,
די אומגליקליכע מוטער וויינט אונ קלאגט.

דארט שטעהט א שטיבעלע גאר בעזונדער
אין שטאדט, ניט ווייט פון דעם טייך;
דארט זיצט איין אלמנה מיט אכט קינדער
אויסגעמוטשעט, בלויז אונ שוואך.

פון די דערפער האט מען אונז פערטריבען,
פון די שיינקען מיט א ווילדען כעס;
היינט לויף, כאטשע הייננ זיך,
כאטשע פאל אויף דעם פנים אין מיט'ן גאס! 2)

Schlechte Johren un bittere Zaiten
Hoben mir sich, Jidelech, do in Rumänien verdient; 1)
Es fallt uns zu vun alle Saiten
Alle Tog a naie Wynd!

Nai—geboirene Kabzonim,
Sei wachsen, wie Gros in Feld;
Sei fallen, nebach, auf dem Ponim
Vun dorst un vun Kält.

Vun Zores wert dos Harz zurissen,
Die letzte Keiches geihen aus;
Sehendig dem letzten Bissen,
Raisst men ihm vun dem Maul araus.

In dorf senen mir gesessen,
Un plutzlung hot men uns verjogt;
Haint sitzen die Kinder umgegessen,
Die unglickliche Mutter weint un klogt.

Dort steiht a Stibele gor besynder,
In Stodt, nit wait vun dem Tach;
Dort sitzt ain Almone mit acht Kinder,
Ausgemutschet, bleis un schwach.

Vun die Derfer hot men uns vertrieben,
Vun die Scheinken mit a wilden Kas;
Haint leif, chotsche heing sich,
Chotsche fall auf dem Ponim in Mittn Gass! 2)

1) לײדען מיר אצונד.
2) זי איז אויך א מאל אין דארף געזעסען,
אונ פלוצלונג האט מען זי פערייאגט;
אצונד האבען זיי ניט וואס צו עסען,
די מוטער זיצט נעביך, וויינט אונ קלאגט.

— „וואס לײדען מיר אזוי פיל, מאמע?"
פרעגט איהר וויינענדיג דאס עלטערע קינד.
— פרעג ניט שאלות, כן הסתמא
האבען מיר אזוי פערדינט;

1) Laiden mir azynd.
2) Sie is auch amol in Dorf gesossen,
Un plutzlung hot men sie verjogt;
Azynd hoben sei nit wos zu essen,
Die Mutter sitzt, nebach, weint un Klogt.

—„Wos laiden mir asei viel, Mame?"
Frägt ihr weinendig dos ältere Kind.
—Fräg nit Schailes, min hastame,
Hoben mir asei verdient!

עס איז שוין צו לעבן גאר אונמעגליך,
זעהענדיג די שווערע, ביטערע נויט;
פרנסה ווערט געמינערט טעגליך,
מ׳געהט אויס פאר א שטיק׳ל ברויט!

Es is schoin zu leben gor unmeglic
Sehendig die schwere, bittere Neith
Parnosse wetr geminert täglich,
M‘geiht aus far a Stiek‘l Breit!

№ 310.

איך געה ארום אין די גאסען איינער אליין,
איך האב ניט מיט וועמען צו ריידען, נאר צו זיך אליין·
אין איין פרעמדער מדינה בין איך פאר־טריבען געווארן,
פון גאט אליין איז געקומען דער צארן!

Ich geih arum in die Gassen einer allein,
Ich hob nit mit wemen zu reiden, nor zu sich allein,
In ain fremder Mdine bin ich vartrieben geworn,
Vun Gott allein is gekummen der Zorn!

ברכות אונ קללות איז ביי גאט אין די הענט
הגם אלצעס־דינג איז פון גאט געוועען
מיט זיין גוטען ווילען האט ער מיך אין זיין בוך פארשריבען.
אונ אין איין פרעמדער מדינה בין איך פאר־טריבען געווארן,
פון גאט אליין איז געקומען דער צארן!

Broches un Kloles is bai Gott in die Händ.
Hagam allzes-ding is vun Gott gewen,
Mit Sain guten Willen hot Er mich in sain Buch varschrieben.
Un in ain fremder Mdine bin ich vartrieben geworn,
Vun Gott allein is gekummen der Zorn!

ווי גרויס ווייזען אויס די טעג, אבער נאך גרעסער די נעכט!
אויף אזא ביטערן אומגליק האב איך זיך גאר ניט גערעכט,
ווי גרויס איך האב אויס געזעהן,
אין די גרעסטע געשעפטען בין איך געוועען!
אין איין פרעמדער מדינה בין איך פארטריבען געווארן
פון גאט אליין איז געקומען דער צארן!

Wie greiss waisen aus die Täg, ober noch gresser die Nächt!
Auf asa bittern Umglick hob ich sich gor nit gericht.
Wie greiss ich hob ausgesehn,
In die gresste Geschäften bin ich gewen!
In ain fremde Mdine bin ich vartrieben geworn,
Vun Gott allein is gekummen der Zorn!

דער מענטש איז א נאר, ער קען דאס גאר ניט פארשטעהן,
ווי טהייער און געשעצט ביי עם דארף זיין די היים;
דער מענטש איז א נאר, ער קען דאס ניט באקלערען
אויף די געוויינגענע שבתים און יום־טובים,
וואס ער טהוט אין דער פרעמד פארשטערען.

אין איין פרעמדער מדינה בין איך פארטריבען געוואָרן,
פון גאט אליין איז געקומען דער צארן!

הימל און ערד האט גאט פאר עדות געשטעלט,

איך זאל זיין פארוואגעלט פון דער גאנצער וועלט.
אין איין פרעמדער מדינה בין איך פארטריבען געוואָרן,
פון גאט אליין איז געקומען דער צארן!

ווער זיינען מיינע פריינד, ווענעמס בין איך?

איך געה ארום אין די גאסען אונד איך ווייס ניט, ווענען איך זוך.
צום קלענסטען מוז איך זאגען, ער וויל מיט מיר
ניט ריידען, ער שעמט זיך מיט מיר;
אין איין פרעמדער מדינה בין איך פארטריבען געוואָרן,
פון גאט אליין איז געקומען דער צארן!

זיסע וועלט, דו זיסע וועלט,
אויף'ן פונדאמענט פון געלט ביסטו געשטעלט!

זיסער גאט, העלף מיר נאר ווידער
און קעהר מיך אום צו מיינע שוועסטער און ברידער!
אין איין פרעמדער מדינה בין איך פארטריבען געוואָרן,
פון גאט אליין איז געקומען דער צארן!

Der Mentsch is a Narr, er kenn dos gor nit versteihn,
Wie thaier un geschätzt bai ihm darf sain die Heim;
Der Mentsch is a Narr, er kenn dos nit baklären.
Auf die geweigene Schabossim un Jom-teiwim, wos er thut in der Fremd versteren.
In ain fremde Mdine bin ich vartrieben geworn,
Vun Gott allein is gekummen der Zorn!

Himmel un Erd hot Gott far Eidus gestellt,
Ich soll sain varwogelt vun der ganzer Welt.
In ain fremder Mdine bin ich vartrieben geworn,
Vun Gott allein is gekummen der Zorn!

Wer sainen maine Fraind, wemens bin ich?
Ich geih arum in die Gassen und ich weiss nit wemen ich sych.
Zum klensten mus ich sogen, er will mit mir
Nit reiden, er schämt sich mit mir.
In ain fremder Mdine bin ich vartrieben geworn,
Vun Gott allein is gekummen der Zorn!

Sisse Wellt, du sisse Welt,
Auf'n Fundament vun Geld bistu Gestellt!
Sisser Gott, helf mir nor wieder
Un kehr mich um zu maine Schwester un Brider!
In ain fremder Mdine bin ich vartrieben geworn,
Vun Gott allein is gekummen der Zorn!

חרטה האב איך, נאר איך קען בעסער ניט מאכען, פון מיר, עלענטען מענטשען, טהוט יעדערער לאכען חרטה האב איך אוף מיין ביטערע זינד,	Charote hob ich, nor ich kenn besser nit machen, Vun mir, elenten Mentschen, tuht Jederer lachen; Charote hob ich auf main bittere Sind,
דענן איך בין פארטריבען געווארען פון מיין ווייב אונ קינד. און איין פרעמדער מדינה בין איך פארטריבען געווארן, פון גאט אליין איז געקומען דער צארן!	Denn ich bin vartrieben geworen vun main Waib un Kind. In ain fremder Mdine bin ich vartrieben geworn, Von Gott allein is gekummen der Zorn!
אדון, אדון, נעהמט אייך אין רעיון, מיך, עלענטען מענטשען, זייט מיך מחיה!	Adoin, Adoin, nehmt aich in Rajem Mich, elenten Mentschen, sait mich mchaje!
אדון, אדון, ישראל עם קדושים,—	Adoin, Adoin, Jissroel Amkdeischim,—
„ואהבת את הגר" שטעהט אין תורת משה!	„W'ohawto es ha-Geir" steiht in Teiras-Meische!
און איין פרעמדער מדינה, בין איך פארטריבען געווארן פון גאט אליין איז געקומען דער צארן!	In ain fremder Mdine bin ich vartrieben geworn, Vun Gott allein is gekummen der Zorn!

А. Я. Портной (Глускъ, Минск. губ.).

№ 311.

צי ווייסט איהר, ווער איך בין די שקלאווער רביצין! צי ווייסט איהר, וואו איך ווין? אויפ'ן שול-הייף.	Zi weisst ihr, wer ich bin? Die Schklower Rebezin! Zi weisst ihr, wu ich weihn? Auf'n Schul-heif.
ווי מי גיט א קלאפ, גיב איך מיר א חאפ; חאטש די קאפ איז דול, לויף איך מיר אין שול.	Wie mi git a klap, Gib ich mir a chap; Chotsch die Kop is dul, Leif ich mir in Schul.
איך קום אין שול צו געהן, פאלט אויף מיר דער חן; אלע זאגען „שקאצל קומט"[1] נאר צו מיר אליין.	Ich kumm in Schul zugeihn, Fallt auf mir der Chein; Alle sogen „Skozl kummt"[1] Nor zu mir allein.
שטעל איך מיר ביין וואנד אונ וואש מיר די האנד; שטעלען זיך אלע ווייבער ארום אונ זעהען, ווי איך בין פרום!	Stell ich mir bai'n Wand Un wasch mir die Hand; Stellen sich alle Waiber arum Un sehen, wie ich bin frumm!

Г-жа Б. Б. Гинзбургъ (Могилевск. губ.)

---

1) „Skozl kummt"—привѣтствіе, приблизительно соотвѣтствующее русскому „добро пожаловить."

מִיר הָאבֶּען גֶעהֶערְט, מִיר הָאבֶּען גֶעזֶעהְן,	Mir hoben gehert, mir hoben gesehn,
אַ שׁוּסְטֶער אַ מַאנְן נִיט צוּ גֶעהְמֶען:	A Schuster a Mann nit zu nehmen:
אַ שׁוּכְטֶער אַ מַאנְן – אַ שַׁארְלַאטַאן,	A Schuster a Mann—a Scharlatan,
דֶער טַייוְועל וָאל אִיהְם גֶעהְמֶען!	Der Taiwel soll ihm nehmen!
שׁוּסְטֶערְשֶׁע וַוייבֶּער הָאבֶּען גֶעזָאגְט:	Schustersche Waiber hoben gesogt:
מִיר דַארְפֶען דְרַאטְוֶועס מַאכֶען;	Mir darfen Drotwes machen;
בֶּעסֶער צוּ נֶעהְמֶען אַ שְׁנַיידֶער אַ מַאנְן,	Besser zu nehmen a Schnaider a Mann,
וֶועלֶען מִיר הָאבֶּען אַלֶע זַאכֶען.	Welen mir hoben alle Sachen.
שְׁנַיידֶערְשֶׁע וַוייבֶּער הָאבֶּען גֶעזָאגְט:	Schnaidersche Waiber hoben gesogt:
מִיר דַארְפֶען שְׁפֶּעט זִיצֶען;	Mir darfen spät sitzen;
בֶּעסֶער צוּ גֶעהְמֶען אַ סָאלְדַאט אַ מַאנְן,	Besser zu nehmen a Soldat a Mann,
וֶועלֶען מִיר הָאבֶּען גָאלְדֶערְנֶע שְׁפִּיצֶען.	Welen mir hoben golderne Spitzen.
סָאלְדַאטִישֶׁע וַוייבֶּער הָאבֶּען גֶעזָאגְט:	Soldatische Waiber hoben gesogt:
מִיר דַארְפֶען דִי רַאנְצֶעס טְרָאגֶען;	Mir darfen die Ranzes trogen;
בֶּעסֶער צוּ גֶעהְמֶען אַפוּהְרְמַאנְן אַ מַאנְן,	Besser zu nehmen a Fuhrmann a Mann,
וֶועלֶען מִיר הָאבֶּען פֶערְד אוּנ וָאגֶען.	Welen mir hoben Ferd un Wogen.
פוּהְרְמַאנִישֶׁע וַוייבֶּער הָאבֶּן גֶעזָאגְט:	Fnhrmannische Waiber hoben gesogt:
מִיר דַארְפֶען דִי רֶעדֶער שְׁמִירֶען;	Mir darfen die Räder smieren;
בֶּעסֶער צוּ גֶעהְמֶען אַ־סְטוּדֶענְט אַ מַאנְן,	Besser zu nehmen a Student a Mann,
וֶועלֶען מִיר גֶעהְן אָפְט שְׁפַּאצִירֶען.	Welen Mir geihn oft spazieren.
סְטוּדֶענְטִישֶׁע וַוייבֶּער הָאבֶּען גֶעזָאגְט:	Studentische Waiber hoben gesogt:
מִיר בארְפֶען הָאבֶּען אָפְטֶע קִינְדֶער;	Mir darfen hoben ofte Kinder;
בֶּעסֶער צוּ גֶעהְמֶען אַ שׁוֹחֵט אַ מַאנְן,	Besser zu nehmen a Scheichet a Mann,
וֶועלֶען מִיר הָאבֶּען שָׁאף אוּנ רִינְדֶער.	Welen mir hoben Schof un Rinder.
שׁוֹחֵטְ'שֶׁע וַוייבֶּער הָאבֶּען גֶעזָאגְט:	Scheichetsche Waiber hoben gesogt:
מִיר דַארְפֶען דִי בְּלוּט וַואשֶׁען;	Mir darfen die Blut waschen;
בֶּעסֶער צוּ גֶעהְמֶען אַ שֵׁיינְקֶער אַ מַאנְן,	Besser zu nehmen a Scheinker a Mann,
וֶועלֶען מִיר הָאבֶּען וָואס צוּ נַאשֶׁען.	Welen mir hoben wos zu naschen.

שײנקערשע װײבער האָבען געזאָגט:

מיר דאַרפען די פלעשלעך שװײנקען;
בעסער צו זיצען אַן-אַלטע מאד,
װעלען מיר האָבען, װאָס צו געדײנקען!

Scheinkersche Waiber hoben gesogt:
Mir darfen die Fläschlech schweinken
Besser zu sitzen a-n-alte Mad,
Welen mir hoben, wos zu gedeinken!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
І. Л. Раввинскій (Гадячъ, Полтавск. губ.).

№ 313.

Варіантъ:

א שוסטער א מאנן – א שאַרלאַטאן,
א פײער זאל איהם פערברענען!
די שוסטערסקע װײבער, זײ האָבען געמײנט,
אז זײ װעלען דאַרפען די דראַטװע מאַכען;
בעסער צו נעהמען א שנײדער א מאנן,
װעל איך האָבען נײע זאַכען. (bis)

A Schuster a Mann—a Scharlatan,
A Faier soll ihm verbrennen!
Die schusterske Waiber, sei hoben gemeint,
As sei welen darfen die Dratwe machen;
Besser zu nehmen a Schnaider a Mann,
Wel ich hoben naie Sachen, (bis)

די שנײדערסקע װײבער, זײ האָבען געמײנט,
אז זײ װעלען דאַרפען ביז שפּעט זיצען;
בעסער צו נעהמען א פוהרמאן א מאנן,
װעט ער אונז קענען דערשטיצען! (bis)

Die schnaiderske Waiber, sei hoben gemaint,
As sei welen darfen bis spät sitzen;
Besser zu nehmen a Fuhrmann a Mann,
Wet er uns kennen derstitzen. (bis)

די פוהרמאנישע װײבער, זײ האָבען געמײנט,
אז זײ װעלען דאַרפען די אַקסען שמירען;
בעסער צו נעהמען א סטודענט א מאנן,
װעל איך געהן מיט איהם שפּאַציערען. (bis)

Die fuhrmannische Waiber sei hoben gemeint,
As sei welen darfen die Achsen schmieren;
Besser zu nehmen a Student a Mann.
Wel ich geihn mit ihm spazieren. (bis)

די סטודענטסקע װײבער, זײ האָבען געמײנט,
אז זײ װעלען האָבען גיכע קינדער;
בעסער צו נעהמען א קצב א מאנן,
װעל איך האָבען עוף און רינדער. (bis)

Die studentske Waiber, sei hoben gemeint,
As sei welen hoben giche Kinder;
Besser zu nehmen a Kazew a Mann,
Wel ich hoben of un Rinder (bis)

די קַצָבִישֶׁע וַוייבֶּער, זֵיי הָאבֶּען גֶעמֵיינְט,
אַז זֵיי וֶועלֶען דַארְפֶען די פְלֵיישׁ טְרָאגֶען;
בֶּעסֶער צוּ נֶעהְמֶען אַמַגִיד אַ מַאנְן,
וֶועט עֶר דְרָשׁוֹת אַפְ'ן בִּימָה זָאגֶען. (bis)

די מַגִיד'סְקֶע וַוייבֶּער, זֵיי הָאבֶּען גֶעמֵיינְט,
אַז זֵיי וֶועלֶען פוּן זַיין פֶערְדִינְסְט נִיט הָאבֶּען וָואס צוּ עֶסֶען;
בֶּעסֶער צוּ נֶעהְמֶען אַ צַדִיק אַ מַאנְן,
וֶועל אִיךְ זִיךְ אָן גָאטְט נִיט פֶערְגֶעסֶען. (bis)

די צַדִיקְסְקֶע וַוייבֶּער, זֵיי הָאבֶּען גֶעמֵיינְט,
אַז זֵיי וֶועלֶען נִיט קֶענֶען פוּן פְרוּמְקֵייט אַלֵיין לֶעבֶּען;
בֶּעסֶער צוּ נֶעהְמֶען אַ וֶועבֶּער פַאר אַ מַאנְן,
וֶועט עֶר מִיר קְלֵיידֶער אוֹיסְוֶועבֶּען. (bis)

די וֶועבֶּערְשֶׁע וַוייבֶּער, זֵיי הָאבֶּען גֶעמֵיינְט,
אַז זֵיי וֶועלֶען דַארְפֶען די שְׁפִּינְדֶעל וַוארְפֶען;
בֶּעסֶער צוּ נֶעהְמֶען אַ שְׁלֵייפֶער אַ מַאנְן,
וֶועט עֶר מִיר מַיין מֶעסֶער אָן שַׁארְפֶען, (bis)

די שְׁלֵייפֶערְסְקֶע וַוייבֶּער, זֵיי הָאבֶּען גֶעמֵיינְט,
אַז זֵיי וֶועלֶען דַארְפֶען דֶעם רֶעדֶעל דְרֵייעֶן;
בֶּעסֶער צוּ נֶעהְמֶען אַ יִשׁוּבְ'נִיק אַ מַאנְן,
וֶועט עֶר די פֶעלְדֶער פַארְזֵייעֶן. bis

די יִשׁוּבְ'נִיקְשֶׁע וַוייבֶּער, זֵיי הָאבֶּען גֶעמֵיינְט,
אַז זֵיי וֶועלֶען דַארְפֶען נָאךְ אַלְץ אִין שְׁטָאדְט פָאהְרֶען;
בֶּעסֶער צוּ נֶעהְמֶען אַ חַזָן אַ מַאנְן,
וֶועט עֶר זִינְגֶען אִין כָארֶען. (bis)

Die kazowische Waiber, sei hoben gemeint,
As sei welen darfen die Fleisch trogen;
Besser zu nehmen a Magid a Mann,
Wet er Droschess af'n Bime sogen. (bis)

Die magidske Waiber, sei hoben gemeint,
As sei welen vun sain Verdienst nit hoben wos zu essen;
Besser zu nehmen a Zadik a Mann,
Wel ich sich on Gott nit vergessen. (bis)

Die zadikske Waiber, sei hoben gemeint,
As sei welen nit kennen von Frummkait allein leben;
Besser zu nehmen a Weber a Mann,
Wet er mir kleider ausweben. (bis)

Die webersche Waiber, sei hoben gemeint,
As sei welen darfen die Spindel warfen;
Besser zu nehmen a Schleifer a Mann,
Wet er mir main Messer onscharfen. (bis)

Die schleiferske Waiber, sei hoben gemeint,
As sei welen darfen dem Rädel dreihen;
Besser zu nehmen a Jischuwnik a Mann,
Wet er die Felder varseihen (bis)

Die jischuwnikske Waiber, sei hoben gemeint,
As sei welen darfen noch Allz in Stodt fohren
Besser zu nehmen a Chas'n a Mann,
Wet er singen in Choren. (bis)

די חַזָנ'סְקע װײבֶּער, זַײ הָאבֶּען גֶעמֵיינְט,
אַז זַײ װֶעלֶען דאַרְפֶען מִיט עֶם דִי גַאל רַײסֶען;
בֶּעסֶער צוּ נֶעהְמֶען אַ פַארְבֶּער אַ מַאנְן,
װֶעט עֶר מִיר מַיין הױז אױסְװַײסֶען. (bis)

די פַארְבֶּערסְקֶע װײבֶּער, זַײ הָאבֶּען גֶעמֵיינְט
אַז זַײ װֶעלֶען דאַרְפֶען דִי פַארְבּ מִישֶׁען,
בֶּעסֶער צוּ נֶעהְמֶען אַ סְטָאלְיֶער אַ מַאנְן,
װֶעט עֶר מִיר מַאכֶען טִישֶׁען. (bis)

די סְטָאלְיֶערְשֶׁע װײבֶּער, זַײ הָאבֶּען גֶעמֵיינְט
אַז זַײ װֶעלֶען דאַרְפֶען דִי בְּרֶעטֶער זֶעגֶען;
בֶּעסֶער צוּ נֶעהְמֶען אַ קְרֶעמֶער אַ מַאנְן,
װֶעט עֶר מִיר אַלְץ אָבּ װֶעגֶען. (bis)

די קְרֶעמֶערְשֶׁע װײבֶּער, זַײ הָאבֶּען גֶעמֵיינְט,
אַז זַײ װֶעלֶען דאַרְפֶען אַלֶעמֶען בָּארְגֶען;
בֶּעסֶער צוּ נֶעהְמֶען אַ רָב אַ מַאנְן,
װֶעלֶען מִיר װֶעגֶען חִיּוּת נִיט זָארְגֶען. (bis)

די רַבָּנוּת'קֶע װײבֶּער, זַײ װײסֶען גַאנְץ רִיכְטִיג,
אַז צוּ זַיין אַ רֶבִּיצִין אִיז גַאנְץ װִיכְטִיג;
װָארוּם דֶער רָב פַּסְקֶענְט שְׁאֵלוֹת,
הָאט עֶר דָאךְ אַ סַך מַעֲלוֹת! (bis)

Die chasonske Waiber. sei hoben gemeint,
As sei welen darfen mit ehm die Gal raissen;
Besser zu nehmen a Farber a Mann,
Wet er mir main Haus auswaissen. (bis)

Die farberske Waiber, sei hoben gemeint,
As sei welen darfen die Farb mischen;
Besser zu nehmen a Stoljer a Mann,
Wet er mir machen Tischen. (bis)

Die stoljersche Waiber, sei hoben gemeint,
As sei welen darfen die Bretter sägen;
Besser zu nehmen a Krämer a Mann,
Wet er mir Allz obwegen (bis)

Die krämersche Waiber, sei hoben gemeint,
As sei welen darfen allemen borgen;
Besser zu nehmen a Row a Mann,
Welen mir wegen Chies nit sorgen. (bis)

Die raboneske Waiber, sei waisn ganz richtig,
As zu sain a Rebezin is ganz wichtig;
Worum der Row paskent Schailes,
Hot er doch a ssach Mailes!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.)

34.

אין וואס פאר א מדרגה
טהוען מיר האלטען:
אז מיר זעהען די בעל הבית'טע,
מוזען מיר זיך באהאלטען!
אי וועה, ארעם־בחורים,
אי וועה, ארעם־בחורים!

ביי'ן טהיר, ביין טהיר
מוזען מיר זיך שטעלען,
אזוי ווי ארעמע לייט 1)
ביי די שוועלען.
אי וועה א. ז. וו.

גוט צי שלעכט —
אבילע אפגעגעסען,
די בעל הבית'טע טהוט זאגען:
„ווי א יון אפגעפרעסען!"
אי וועה א. ז. וו.

דער גבאי טהוט זאגען:
„דו אינגעלע יונגאץ!"
און אז ער האט נאך חשק,
גיט ער א פייערדיגען פאץ.
אי וועה א. ז. וו.

הוי, וועה איז
צו אונזערע יאהרען
אז מיר דארפען פון דער היים
אזוי יונג אפפאהרען!
אי וועה א. ז. וו.

וואס טויג שוין
אונזער לעבען,
אז מיר דארפען דעם קלענסטען 2) קינד
זיין טיטעל אפגעבען!
אי וועה א. ז. וו.

זייערע מחשבות
מוזען מיר פארשטעהן,
די צייט ווען מיר דארפען
עסען געהן.
אי וועה א. ז. וו.

1) דיא בעל־הבית'טע טהוט זאגען:
„א טאג טוהט דיר פעהלען?"
2) יעטוועדער

In wos far a Madreige
Thuen mir halten:
As mir sehen die Bal-haboste,
Musen mir sich bahalten!
Oi weih, orem-Bochurim,
Oi weih, orem-Bochurim;

Bai'n Thir, bai'n Thir
Musen mir sich stellen,
Asei wie oreme Lait 1)
Bai die Schwellen.
Oi weih etc.

Gut zi schlecht—
Abile obgegessen,
Die Bal-haboste thut sogen:
„Wie a Jown opgefressen!"
Oi weih etc.

Der Gabbe thut sogen:
„Du Jingele Jungaz!"
Un as er hot noch Cheischek,
Git er a faierdigen Patz.
Oi weih etc.

Hoi, weih is
Zu unsere Johren,
As mir darfen vun der-heim
Asei jung opfohren!
Oi weih etc.

Wos teig schoin
Unser Leben,
As mir darfen dem klenste 2) Kind
Sain Titel opgeben!
Oi weih etc.

Seiere Machschowes
Musen mir varsteihn,
Die Zait wenn mir darfen
Essen geihn.
Oi weih etc.

1) Die Bal-haboste thut sogen:
A Tog thut dir fehlen?
2) jetwider.

חָלָיִים – קְרַאנְקְהַייט
טְהוּעֶן מִיר קְרֵיינְקֶען
פוּן אַלֶע טֶעלֶער 1) טְהוּט מֶען אוּנְז
צוּ זַאמֶען שְׁוֵוינְקֶען.
אָי וֵויעה א. ז. וו.

טַייכֶען טְרֶערֶען
טְהוּעֶן מִיר פַארְגִיסֶען,
אַז מִיר דַארְפֶען שַׁבָּתִים אוּנ יוֹם טוֹבִים
עֶסֶען בַּיי פְרֶעמְדֶע טִישֶׁען.
אָי וֵויעה א. ז. וו.

יָהּ – גָאט!
קוּק פוּן אוֹיבֶען אַרָאפּ,
זֶעה, וָואס מִיט דַיינֶע אָרְמֶע בָּחוּרִים
טְהוּט זִיךְ אָפּ!
אָי וֵויעה א. ז. וו

כְּלוֹמֶרְ'סְט טְהוּט דִי בַּעַל הַבָּיִת'טֶע זָאגֶען:

„אָרֶעם-בָּחוּרְ'ל 2), נִיט שֶׁעם זִיךְ",

אִין הַארְצֶען טְהוּט זִי טְרַאכְטֶען:
„צוּם אָקְרֵייצִיקְ'ל נִיט נֶעהְם זִיךְ!"
אָי וֵויעה א. ז. וו.

לֶעפֶעל אוּנ גָאפֶּעל
טְהוּט מֶען צוּ דֶערלַאנְגֶען פַארְגֶעסֶען
כְּדֵי דֶער אָרֶעם-בָּחוּר
זָאל בְּלַייבֶּען נִיט גֶעגֶעסֶען 3).
אָי וֵויעה א. ז. וו.

מִיר מוּזֶען גֶעהְן
אִין לַאנְגֶע קַאפָּאטֶעס
ס'מֶעג אֲפִילוּ זַיין
דִי גְרֶעסְטֶע בְּלָאטֶעס.
אָי וֵויעה א. ז. וו.

1) יֶעטְוֵוידֶער שִׁיסֶעל
2) קְלוֹיזְנִיקְ'ל
3) לֶעפְלֶען צוּם טִישׁ
מַאכְט זִי זִיךְ פַארְגֶעסֶען,
אָבֶער וָואס אִיז אִיהְר כַּוָּנָה?
כְּדֵי דֶער קְלוֹיזְנִיקְ'ל זָאל בְּלֵייבֶּען נִיט גֶעגֶעסֶען!

Chalojim—Krankhait
Thuen mir kreinken,
Vun alle Teller 1) thut men uns
Zusammen schweinken.
Oi weih etc.

Taichen Thrären
Thuen mir vargiessen,
As mir darfen Schabosim un Jomteiwim
Essen ba fremde Tischen.
Oi weih etc.

Joh—Gott!
Kuck vun eiben arop,
Seh, wos mit daine orme Bochurim
Thut sich op!
Oi weih etc.

Kleimer'st thut die Bal-haboste sogen:
„Orem-Bochur'l 2) nit schäm sich!",
In Harzen thut sie trachten:
„Zum Okraizik'l nit nehm sich!"
Oi weih etc.

Leffel un Gopel
Thut men zu derlangen vargessen,
Kdei der orem-Bochur
Soll blaiben nit gegessen.3)
Oi weih etc.

Mir musen geihn
In lange Kapotes,
's meg afile sain
Die gresste Blotes.
Oi weih etc.

1) jetwider Schissel
2) Klausnik'l
3) Leffeln zum Tisch
Macht sie sich vargessen,
Ober wos is ihr Kawenc?
Kdei der Klausnik'l soll bleiben nit gegesen!

נִיט גֶעהְן 1) עֶסֶען —
טְהוּט דִי הַארְץ קְלֶעמֶען ,
יֶע גֶעהְן עֶסֶען —
טְהוּעֶן מִיר זִיךְ שֶׁעמֶען .
אָי וְועה א. ז. וו.

סְ'רָב אָרֶעם-בָּחוּרִים 2)
זַייגֶען רַבָּנִים אוּנ סוֹפְרִים , —
דִי בַּעַל הַבָּיִת'טֶע טְהוּט זָאגֶען ,
אַז זֵיי זַייגֶען כּוֹפְרִים .
אָי וְועה א. ז. וו.

עֶרְטֶער צוּ שְׁלָאפֶען
מוּזֶען מִיר זִיךְ אַלֵיין מַאכֶען ,
צוּ קָאפֶּען מוּזֶען מִיר אוּנְטֶערְלֵייגֶען
אוּנְזֶערֶע אֵייגֶענֶע זַאכֶען .
אָי וְועה א. ז. וו.

„פַּאטְרָאנֶעס" אִיז אוּנְזֶער נָאמֶען ,
מִי טְהוּט אוּנְז צוּ שְׁטֶעקֶען
מִיר קֶענֶען זִיךְ קֵיין מָאל נִיט
פוּן דֶעם נָאמֶען אוֹיסְמֶעקֶען . 3)
אָי וְועה א. ז. וו.

צָרוֹת לַיידֶען מִיר
גָאר אָהְן אַ שִׁיעוּר ,
אוּנ אַז דִי בַּעַל הַבָּיִת'טֶע אִיז אִין כַּעַס ,
טְרִינְקֶען מ י ר אוֹיס דִי בִּיר .
אָי וְועה א. ז. וו.

קוֹים וָואס מִיר פַאסְטֶען אוֹיס
דֶעם תַּעֲנִית , —
מִיר קוּמֶען , שְׁוָוערְט דִי בַּעַל-הַבָּיִת'טֶע ;
„סְ'אִי נִיט פַארְטִיג , בְּנֶאֱמָנוּת" .
אָי וְועה א. ז. וו.

1) בֶּעטֶען .
2) סוֹף פוּן אָרֶעם-בָּחוּר
אִיז לוֹמְדִים אוּנ סוֹפְרִים
3) „פַּאטְרָאנֶעס" , „פַּאטְרָאנֶעס"
טְהוּט מֶען אוּנְז צוּ שְׁטֶעקֶען ,
אוּנ דֶעם אֵייגֶענֶעם נָאמֶען
טְהוּט מֶען גָאר אוֹיסְמֶעקֶען .

Nit geihn 1) essen—
Thut die Harz klemmen,
Ie geihn essen—
Thuen mir sich schämen.
Oi weih etc.

's-row orem-Bochurim 2)
Sainen Rabonim un Ssofrim,—
Die Bal-haboste thut sogen,
As sei sainen Kofrim.—
Oi weih etc.

Erter zu schlofen
Musen mir sich allein machen,
Zu—Kopen musen mir unterleigen
Unsere eigene Sachen.
Oi weih etc.

„Patrones" is unser Nomen,
Mi thut uns zu stecken,
Mir kennen sich keinmol nit
Vun dem Nomen ausmeken. 3)
Oi weih etc.

Zores laiden mir
Gor ohn a Schi'r,
Un as die Bal-haboste is in Kaas,
Trinken *mir* aus die Bier.
Oi weih etc.

Kaum wos mir fasten aus
Dem Tones,—
Mir kummen, schwert die Bal-haboste:
„'s is nit fartig, b'nemones!"
Oi weih etc.

1) beten
2) Ssof vnn orem-Bochur
Is Lomdim un Ssofrim
3) „Patrones," „Patrones"
Thut men uns zustecken,
Un dem eigenem Nomen
Thut men gor ausmeken.

ראֹשׁ – דִי קָאפּ
טְהוּט אוּנְז שְׁפַּאלְטֶען,
מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִיט
פוּן צָרוֹת אוֹיסְהַאלְטֶען.
אָי וֶועה א. ז. וו.

שַׁבָּתִים אוּנ יוֹם־טוֹבִים
טְהוּעֶן מִיר פַארְשְׁטֶערְן;
מִיר קוּמֶען, זָאגְט דִי בַּעַל הַבָּיִת'טֶע:

„אִינְגֶעלֶע, גֶעה לֶערְן!" 1)
אָי וֶועה א. ז. וו.

תַּם וְנִשְׁלַם
פוּן אוּנְזֶער צָרוֹת,
מִיר דַארְפֶען שׁוֹין דִי בַּעַל הַבָּיִת'טֶע
אַף צֶעהְן כַּפָּרוֹת!
תַּם וְנִשְׁלַם
פוּן אוּנְזֶער פַּיין,
דִי בַּעַל הַבָּיִת'טֶע וֶועט נָאךְ אַ מָאל
בַּיי אוּנְז אַ מַאד זַיין! 2)
אָי וֶועה, אָרֶעם-בָּחוּרִים,
אָי וֶועה, אָרֶעם-בָּחוּרִים!

Reisch, die Kop,
Thut uns spalten,
Mir kennen schoin nit
Vun Zores aushalten
Oi weih etc.

Schabossim un Jom-teiwim
Thuen mir varsteren;
Mir kummen, sogt die Bal-haboste:
„Jingele, geih lern!" 1)
Oi weih etc.

Tam w'nischlam
Vun unser Zores,
Mir darfen schoin die Bal-haboste
Af zehn Kapores!
Tam w'nischlam
Vun unser Pain,
Die Bal-haboste wet noch a mol
Bai uns a Mad sain! 2)
Oi weih, orem-Bochurim,
Oi weih, orem Bochurim!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.)
М. З. Левинъ (Новоалександровскъ, Ковенск. губ.)

№ 315.

Варіантъ:

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעהָארֶעוֶועט
אוֹיף קֶעז אוּנ אוֹיף פּוּטֶער,
אִיצְטֶער בִּין אִיךְ גֶעוָוארֶען
אַיין פַּאטְרָאן אַ גוּטֶער.
אָךְ אוּנ וֶועה
אִיז צוּ מַיינֶע יָאהְרֶען,
זִינְד אִיךְ בִּין
אַיין פַּאטְרָאן גֶעוָוארֶען!

Ich hob sich gehodewet
Auf Käs un auf Putter,
Itzter bin ich geworen
Ain Patron a guter.
Och un weih
Is zu maine Johren,
Sind ich bin
Ain Patron geworen!

---

1) שַׁבָּתִים אוּנ יוֹם־טוֹבִים
אִיז בַּיי אוּנְז פַארְשְׁטֶערְט;
מִיר הָאפֶען צוּ גָאט,
אַז ס'וֶועט זַיין פַארְקֶערְט.
2) מִיר וֶועלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶען,
ווי מִי וֶועט פִיהְרֶען דִי בַּעַל הַבָּיִת'טֶע
אִין הֶקְדֶשׁ אַרַיין.

1) Schabossim un Jom-teivim
Is bai uns varstert;
Mir hoffen zu Gott,
As'swet sain varkehrt.
2) Mir welen seiche sain zu sehen,
Wie mi wet fihren die Balhaboste in Hekdesch arain.

בֶּעסֶער צוּ קְלַייבֶּען
דִי בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן אַהָאן,
וִוידֶער צוּ הָאבֶּען
דֶעם נָאמֶען „פַּאטְרָאן“.
אָךְ אוּנ וֶועה
אִיז צוּ מַיינֶע יָאהְרֶען,
זִינְד אִיךְ בִּין
אַיין פַּאטְרָאן גֶעוָוארֶען!

גַאנְץ וֶועלְט טְהוּעֶן
רֵיידֶען אוּנ זָאגֶען,
אַז פוּן דִי פַּאטְרָאנֶעס
אִיז גָאר נִיט צוּ טְרָאגֶען.
אָךְ אוּנ וֶועה א. ז. וו.

דִי בַּעַל הַבָּיִת'טֶעצְקֶע
הָאט קִינְדֶערְלֶעךְ אַבִּיסֶעל,—
זַיי זַיינֶען אַלֶע
מִיט דִי הֶענְטֶעלֶעךְ אִין שִׁיסֶעל.
אָךְ אוּנ וֶועה א. ז. וו.

הֵויבּ אִיךְ מִיר אָן
צוּ טְרַאכְטֶען גֵעהְן אוֹיפְ'ן טָאג,
חַאפְּט מִיךְ אָן
אַ יָאמֶער מִיט אַיין קְלָאג.
אָךְ אוּנ וֶועה א. ז. וו.

וִוי אִיךְ טְהוּ
עֶפֶענֶען דִי טְהִיר,
זָאגְט דִי בַּעַל הַבָּיִת'טֶעצְקֶע:
„אִיךְ הָאבּ גָאר פַארְגֶעסֶען אוֹיף דִיר!“
אָךְ אוּנ וֶועה א. ז. וו.

זִיבֶּען – אַכְט וָואכֶען
טְהוּ אִיךְ אִין אַיין הֶעמְד גֵעהְן,
בִּיז וַואנֶען אִיךְ וַואשׁ
זִי אוֹיס אַלֵיין.
אָךְ אוּנ וֶועה א. ז. וו.

חָאץ דִי תּוֹרָה
אִיז זֵעהֶער גוּט,
נָאר זִי צַאפְּט אַרוֹיס
דִי בִּיסֶעלֶע בְּלוּט.
אָךְ אוּנ וֶועה א. ז. וו.

Besser zu klaiben
Die Brecklech vun a Hohn,
Wieder zu hoben
Dem Nomen „Patron“
Och un weih
Is maine Johren,
Sind ich bin
Ain Patron geworen!

Ganz Welt thuen
Reiden un zogen,
As vun die Patrones
Is gor nit zu trogen.
Och un weih etc.

Die Bal-habosstezke
Hot Kinderlech a bissel,—
Sei sainen alle
Mit die Häntelech in Schissel.
Och un weih etc.

Heib ich mir on
Zu trachten geihn ouf'n Tog,
Chapt mir on
A Jommer mit ain Klog.
Och un weih etc.

Wie ich thu
Effenen die Thir,
Sogt die Bal-habosstezke:
„Ich hob gor vargessen auf dir!“
Och un weih etc.

Sieben—acht Wochen
Thu ich in ein Hemd geihn,
Bis wannen ich wasch
Sie aus allein.
Och un weih etc.

Chotz die Teire
Is seiher gut,
Nor sie zapt araus
Die bissele Blut.
Och un weih etc.

טייכען טרעהרען	Taichen Thrären
טהוען פון מיר גיסען,	Thuen vun mir giessen,
ביז וואנען איך טהו	Bis wannen ich thu
דעם שיעור וויסען	Dem Schiur wissen.
אך אונ וועה א. ז. וו.	Och un weih etc.
יה-גאט!	Joh-Gott!
קוק אראפ,	Keick arop,
ווי די פאטראנעס	Wie die Patrones
קומען אפ!	Kummen op!
אך אונ וועה א. ז. וו.	Och un weih etc.
כלומר'שט די בעל הבית'טע	Kleimerst die Bal-haboste
זאגט: „אינגעלע, ניט שעם זיך!"—	Sogt: „Jingele, nit schäm sich!"—
אונ אין הארצען טראכט זי:	Un in Harzen tracht sie:
„צום ברויט ניט נעהם זיך!"	„Zum Breit nit nehm sich!"
אך אונ וועה א. ז. וו.	Och un weih etc.
לייג איך מיר שלאפען	Leig ich mir schlofen
אויפ'ן הוילען באנק,	Auf'n heilen Bank,
שטעה איך מיר אויף	Steih ich mir auf
טוידט אונ קראנק	Teit un krank.
אך אונ וועה א. ז. וו.	Och un weih etc.
מוטער אונ פאטער האבען מיך	Mutter un Voter hoben mich
געהאדעוועט אויף פוטער,	Gehodewet auf Putter,
אונ יעצט דארף איך זיין	Un jetzt darf ich sain
איין פאטראן א גוטער.	Ain Patron a guter.
אך אונ וועה א. ז. וו.	Och un weih etc.
ניין, ניין,	Nein, nein,
איך וויל אהיים,	Ich will aheim,
אבער דער רבי	Ober der Rebe
לאזט ניט געהן.	Lost nit geihn.
אך אונ וועה א. ז. וו.	Och un weih etc.
סוסטער אונ שניידער	Schuster un Schnaider
טהוען פון מיר לאכען,	Thuen vun mir lachen,
אז איך טהו	As ich thu
מיט די הענט אום-מאכען.	Mit die Händ Ummachen.
אך אונ וועה א. ז. וו.	Och un weih etc.
עסען טהו איך עסען	Essen thu ich essen
ניט אין דער צייט,	Nit in der Zait,
אלע פאסקודניקעס	Alle Paskudnikes
זיינען אויף מיר לייט.	Sainen auf mir Lait
אך אונ וועה א. ז. וו.	Och un weih etc,

פֶּסַח אונ שָׁבוּעוֹת	Peissach un Schwues
טְהוּ אִיךְ מִיר פַארְשְׁטֶעֲרְן,	Thu ich mir varsteren,
אַז אִיךְ טְהוּ	As ich thu
וֶועגֶען דֶער הֵיים צוּקְלֶערֶען.	Wegen der Heim zu klären.
אָךְ אונ וֵויעה א. ז. וו.	Och un weih etc.

צִיגַארֶעטְקֶעס אונ פַּאפִּירָאסְקֶעס	Zigaretkes un Papiroskes
זַיינֶען זֶעהְר גֶעשְׁמַאק,	Sainen seiher geschmack,
אונ אַז דֶער רֶבִּי דֶער זֶעהְט	Un as der rebe derseht,
גִיט עֶר אִין בַּאק.	Git er in Back.
אָךְ אונ וֵויעה א. ז. וו.	Och un weih etc.

קְלֵיינֶע אונ גְרוֹיסֶע	Kleine un greisse
טְהוּעֶן רֵיידֶען אונ זָאגֶען:	Thuen reiden un sogen:
„וָואס הָאבֶּען דִיךְ שֵׁדִים	„Wos hoben dich Scheidim
גֶעבְּרַאכְט צוּטְרָאגֶען!"	Gebracht zutrogen!“
אָךְ אונ וֵויעה א. ז. וו.	Och un weih etc.

רַייכֶע אונ אָרֶעמֶע	Raiche un oreme
טְהוּעֶן רֵיידֶען אונ זָאגֶען:	Thuen reiden un sogen;
„פוּן וַואנֶען הָאבֶּען דִיךְ שֵׁדִים	„Vun wannen hoben dich
גֶעבְּרַאכְט צוּטְרָאגֶען?"	Scheidim gebracht zutrogen?“
אָךְ אונ וֵויעה א. ז. וו.	Och un weich etc.

שְׁנַיידֶער אונ שׁוּסְטֶער	Schnaider un Schuster
טְהוּעֶן פוּן מִיר לַאכֶען,	Thuen vun mir lachen,
אַז אִיךְ טְהוּ	As ich thu
מִיט דִי הֶענְט אוּם מַאכֶען.	Mit die Händ ummachen.
אָךְ אונ וֵויעה א. ז. וו.	Och un weih etc.

תַּם וְנִשְׁלַם	Tam w'nischlam
אוּנְזֶערֶע צָרוֹת, —	Unsere Zoress,—
אוֹיף אִיבֶּער אַ יָאהְר	Auf iber a Johr
וֶועלֶען מִיר דַארְפֶען	Welen mir darfen
דִי בַּעַל-הַבָּיְתְטֶע אוֹיף כַּפָּרוֹת!	Die Bal-habosste auf Kapores!

М. Шалыть (Орша, Могил. губ.).

№ 316.

בִּין אִיךְ מִיר אַ מְלַמֵּד'ל,	Bin ich mir a Melamed'l
קְנֶעל אִיךְ אוֹיפְ'ן דָארְף אַ זְמַן;	Knel ich auf'n Dorf a Sman;
נֶעהְם אִיךְ דָארְטֶען מְלַמְדוּת גֶעלְט	Nem ich dorten Melamdes-geld
אַנ-אַכְטֶעל קַארְטָאפֶּעל פוּן דֶעם פַּאן.	A-n-Achtel Kartoffel vun dem Pan.

לֶערְן אִיךְ דָארְטֶען עִבְרִי
מִיט דִי פּויעֶרְשֶׁע קֶעפּ
אוּנ אִיךְ רַייס דִי מֵיידֶעלֶעךְ
פַאר דִי גְרויסֶע צֶעפּ.

קָאנְטְשֶׁע אִיךְ בִּיז פֶּסַח
דֶעם גְרויסֶען זְמַן,
פָאהְר אִיךְ צוּ מַיין ווַייבּ אַהֵיים
מִיט אַ פּוּסְטֶען קַארְמַאן.

דָאךְ אִיז זִי אַ מַלְכָּה,
אוּנ אִיךְ בִּין אַ קֵיסַר,
אוּנ מִיר דֶערְצֵיילֶען נִסִּים,
וָואס טְהוּט גָאט דֶער גְרויסֶער.

Lern ich dorten Iwre
Mit die pauersche Kep
Un ich raiss die Meidelech
Far die greisse Zep.

Kontsche ich bis Peissach
Dem greissen Sman,
Fohr ich zu main Waib aheim
Mit a pusten Karman.

Doch is sie a Malke,
Un ich bin a Keisser,
Un mir derzeilen Nissim,
Wos thut Gott der greisser.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 317.

אָי צוּ דֶעם מְלַמֵּד'ס יָאהְרֶען,
וָואס עֶר אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען!
עֶס קוּמְט פְרַייטִיג צוּ נַאכְט,
קֵיין שַׁבָּת אִיז נִיט גֶעמַאכְט,
זִיצְט עֶר מִיט דֶער ווַייבּ אוּנ טְרַאכְט:
עֶס אִיז שׁוֹין סוֹף הַזְּמַן,
אוּנ צוּם לֶעבֶּען אִיז נִיטָא קֵיין פְּלַאן!
טְרָאגְט מֶען אַוֶועק דִי פַאן,
הֵייבֶּען זִיךְ אַלֶע אָן צוּ מִיסֶען, —
מוּז מֶען אַוֶועק טְרָאגֶען דִי קִיסֶען.
דִי קִיסֶען אִיז דָאךְ אָבֶּער צוּרִיסֶען
אוּנ עֶס אִיז נִיט וֶוערְט מֶען זָאל אוֹיף אִיהְר....

Oi zu dem Melamed's Johren,
Wos er is geboren geworen!
Es kummt Fraitig zu Nacht,
Kein Schabes is nit gemacht,
Sitzt er mit der Waib un tracht;
Es is schoin Ssof ha-Sman,
Un zum Leben is nito kein Plan!
Trogt men awek die Fann,
Heiben sich alle on zu missen,—
Mus men awektrogen die Kissen.
Die Kissen is doch ober zurissen
Un es is nit wert soll auf ihr....

М. Д. Рывкинъ (Витебск. губ.)

№ 318.

שׁוּסְטֶער, שְׁנַיידֶער, בַּעַל מְלָאכוֹת —
אַלֶע אַף אֵיין שְׁטֵייגֶער:
חַאפְּט זֵיי אָן אַ מִין קַדָּחַת
בִּיז הַאלְבּ דְרַיי אַ זֵייגֶער
. . . . . .
. . . . . .

Schuster, Schnaider, Bal-mloches—
Alle af ein Steiger:
Chapt sei on a min Kadoches
Bis halb drai a Seiger
. . . . . .
. . . . . .

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

בעת איך זעץ זיך מיר אוועק
צו זינגען דאס ליעד,
האב איך שוין קיין הארץ פון וועהטאג, —
ווי איך בין א איד!

אך מיינע שמערצען
קען איך פאר קיינעם ניט דערציילען,
מיין וועהטאג פון מיין הערצען
קען מיר קיין דאקטער ניט היילען!

וואו נעהמט מען די צייט,
וואס איך בין אלט געוועזען דריי יאהר,
ביי מיין פאטער אונ מוטער א לייט,
קיינער ניט געאנטיקירט אויף א האר!

אונ היינט טהוט זיך יעדער איינציגער
גיסען מיט מיין בלוט,
איך שריי שוין מיט געוואלדען:
אָי וועה, עס איז ניט גוט!

ווי גוט קען מיר זיין,
אז איך דארף עסען פון א פרעמדע האנד?
צו דער פריהשטיק קומט ארויס פריה אדער
שפעט
שווייגען מוז איך ווי דער וואנד!

אונ ווי ביטער איז דעם ארמען ארבייטער

צו זיין גלייכען ניט געפינען, —
איהם איז צעהן מאל ערגער
ווי פאר א יונן צו דינען!

אז מע דינט זיך אויס דעם קיסר,
קומט מען פריש אונ געזונד;
ביי די בעל-הביתטע ווערט מען אויסגע
מוטשעט
מ'האט א ווערדע ווי דער הונט!

B'eis ich setz sich mir awek
Zu singen das Lied,
Hob ich schoin kein Harz vun
Weihtog,—
Wie ich bin a Jid!

Ach, maine Schmerzen
Kenn ich var Keinem nit der-
zeilen,
Main Weihtog vun main Herzen
Kenn mir kein Dokter nit heilen!

Wu nehmt men die Zait,
Wos ich bin alt gewen drai Johr,
Bai main Voter un Mutter a Lait,
Keiner nit geantikirt auf a Hor!

Un haint thut sich jeder einziger
Giessen mit main Blut,
Ich schrai schoin mit Gewalden:
Oi weih, es is nit gut!

Wie gut kenn mir sain,
As ich darf essen vun a fremde
Hand?
Zi der Frihstick kummt araus frih
oder spät,
Schwaigen mus ich, wie der Wand!

Un wie bitter is dem ormen
Arbaiter
Zu sain glaichen nit gefinen,—
Ihm is zehn mol ärger
Wie far a Jown zu dienen!

As me dient sich aus dem Keisser,
Kummt men frisch un gesund;
Bai die Bal-haboste wert men
ausgemutschet,
M'hot a Werde wie der Hund!

אז מ'בארף בעטען ביין בעל הבית געלד,

בארף מען זיך שטעלען ווי פארן גרעסטען
יענעראל,
ער ענטפערט: „האסט זיך נאך איצטער
געשטעלט!
צי דען איז ביי מיר פון געלד א קוואל?

פארדיען פריהער דיין עסען,
געלד וועסטו קריגען מיט א מאל!" —
ער האט שוין פארגעסען,
אז איך בין שוין באלד אבגעוועזען א יאהר.

אז מ'זעצט זיך עסען,
הייבט אן די בעל-הבית'טע מיט איהר תפלה:

„דער זייגער איז נאך פאר צעהן, —
וואס איילסט זיך צו דער אכילה?"

א דא בלייבט מען ווי אבגעשמיסען

אונ מע בלייבט שוין שטעהן,
מ' מוז די וואנצעס אבוויסען
אונ צו דער ארבעט געהן.

אז ס'מאכט זיך א פאטשינקע,
א קאפ'קע צו פארדינען,
דא מוז מען דאס באהאלטען, —
דער בעל-הבית זאל דאס ניט געפינען.

דער בעל-הבית טהוט ניט קוקען,
וואס איך בין אזוי ארעם, —
איך מוז דאס באהאלטען
בחדרי חדרים.

אז דער בעל-הבית געפינט,
פרעגט ער: „וואס איז דאס?"
טו וואס ענטפערט מען איהם? —
ער איז דאך פארט א בעל-הבית!

As men darf beten bain Bal-habos Geld,
Darf men sich stellen wie var'n gressten Jeneral.
Er entfert: „Host sich noch itzter gestellt!
Zi denn is bai mir vun Geld a Quall?

Vardien friher dain Essen,
Geld west du kriegen mit amol!"—
Er hot schoin vargessen,
As ich bin schoin bald ubgewen a Johr:

As m'setzt sich essen,
Heibt on die Bal-haboste mit ihr Tfile:

„Der Seiger is noch var zehn,—
Wos ailst sich zu der Achile?"

O do blaibt men wie obgeschmissen

Un me blaibt schoin steihn,
M'mus die Wonzes obwischen
Un zu der Arbet geihn.

As es macht sich a Potschinke,
A Kop'ke zu vardienen,
Do mus men dos bahalten,—
Der Bal-habos soll dos nit gefinen.

Der Bal-habos thut nit kucken,
Wos ich bin asei orem,—
Ich mus dos bahalten
B'chadrei Chadorim.

As der Bal-habos gefint,
Frägt er: „Wos is dos?"
Tu wos entfert men ihm?—
Er is doch fort a Bal-habos!

דא וויל איך זיך מיך אויסכשר'ן,
איך זאל בלייבען א ריינער,
ענטפערט ער: „איך וועל נאך א מאל געפינען
וועל איך דיר אויסהאקען די ציינער!"

אז דער בעל-הבית שטעהט אויף אין דער פריה,
הייבט ער אן צו שרייען: „דער זייגער איז שוין ניין!
איהר שטעהט אויף צי ניט?
א חליבע זאל אין אייך אריין!"

דא הייבט ער אן שרייען:
„איהר'ט שוין געהן באלד איבערבייסען?"

דער ארבייטער וואלט קענען,
וואלט ער זיך פאר צרות צו רייסען!

פאר'ן בעל-הבית ווי מע טהוט,
איז איהם אלס ניט געפעלען;
מארקיר אלס וואס גוט, —
צופרידען קען מען איהם ניט שטעלען!

מארקיר אלס וואס בעסער,
פאר איהם איז אלס שלעכט;
ער מאכט קולות וואס גרעסער
אונ ער בלייבט אלס גערעכט!

אז מ' זעצט זיך ביי דער ארבעט,
דעם רוקען איינגעבויגען,
מ' שפירט שוין ניט פון קיין פיס,
מ' האט שוין ניט קיין אויגען.

אונ דא שלעפט צו די בעל-הבית'טע
די שטיקעלע ברויט,
זאגט זי נאך א קללה:
„מ' זאל דיר געפינען דערווארגענער-הייט!

Do will ich sich mich auskaschern,
Ich soll blaiben a reiner,
Entfert er: „Ich wel noch a mol gefinen,
Wel ich dir aushacken die Zeihner!“

As der Bal-habos steiht auf in der-frih,
Heibt er on zu schraien: „Der Seiger is schoin nain!
Ihr steiht auf, zi nit?
A Choljere soll in aich arain!“

Do heibt er on schraien:
„Ihr't schoin geihn bald iberbaissen?“

Der Arbaiter wollt kennen,
Wollt er sich var Zores zuraissen!

Far'n Bal-habos wie me thut,
Is ihm alls nit gefällen;
Markir alls wos gut,—
Zufrieden kenn men ihm nit stellen!

Markir alls wos besser,
Far ihm is alls schlecht;
Er macht Keiles wos gresser
Un er blaibt alls gerecht!

As m' setzt sich bai der Arbet
Dem Rucken aingebeigen,
M' spirt schoin nit vun kein Fiss,
M'hot schoin nit kein Eigen.

Un do schleppt zu die Bal-haboste
Die Stickele Breit,
Sogt sie noch a Klole:
„M'soll dir gefinen derworgener-heit!“

אַז מְ׳ זֶעצְט זִיךְ בַּיי דֶער אַרְבֶּעט,
הֵייבְּט אָן דִי הַאַרְץ צוּ צוּפֶּען אוּנ צוּ רַייסֶען,

אַז מְ׳ זֶעהְט דִי בַּעַל־הַבָּיִת׳טֶע שְׁלֶעפְּט אַנְ־עֶק
הֶערִינְג:
דָאס וֶועט זַיין דֶער גַאנְצֶער אִיבֶּערְבַּייסֶען.

אוּנ דָא דַארְף זִי נָאךְ גֶעהְן קוֹיפֶען אַפְ׳ן וָואג

דֶעם פוּנְטֶעלֶע בְּרוֹיט, —
דָא דַארְף מֶען זִיצֶען בִּיז הַאלְבֶּען טָאג
נִיט גֶעגֶעסֶענֶער־הֵייט.

. . . .
. . . .
. . . .
. . . .

—„אִיךְ וֶועל דִיר חַאפֶּען וְואוּ דוּ גֶעהְסְט,

וֶועל אִיךְ דִיר פוּן שְׁטוּבּ אַרוֹיסְיָאגֶען;
אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזֶען וָואס דָאס הֵייסְט,
פַאר אַ בַּעַל־הַבַּיִת קֵיין זַאךְ נִיט צוּ זָאגֶען!"

דָא נֶעהְמְט שׁוֹין נִיט קֵיין פְרַיימוּט
אַרוֹיס צוּ גֶעהֶן דוּרְכְ׳ן טְהִיר;
אִיךְ מוּז אָנְנֶעהְמֶען פַאר גוּט,
וִוי עֶס מַאכְט זִיךְ מִיט מִיר.

אִין דֶער הֵיים בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אֵיידֶעל,
אָי וֵועה אִיז צוּ מִיר;
אוּנ אִיצְט אַז אִיךְ רֵייד אוֹיס אַ וָוארְט מִיט
אַ מֵיידֶעל.
לָאזְט עֶר שׁוֹין נִיט לֶעבֶּען נִיט אִיהְר, נִיט מִיר

עֶר הָאט גָאר נִיט קֵיין רַחְמָנוּת
אוֹיף מַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען;
אִיךְ וָואלְט וֶועלֶען פָּטוּר וֶוערֶען פוּן מַיינֶע
צָרוֹת
אוּנ אִין דֶער הֵיים אַוֶועק פָאהְרֶען!

As m'setzt sich bai der Arbet,
Heibt on die Harz zu zupen un
zu raissen,
As m'seht die Bal-haboste schleppt
a-n-Eck Hering:
Dos wet sain der ganzer Iber-
baissen.

Un do darf sie noch geihn keifen
af'n Wog
Dem Funtele Breit,—
Do darf men sitzen bis halben Tog
Nit gigessener-heit.

. . . . . .
. . . . . .
. . . . . .
. . . . . .

—„Ich wel dir chapen wu du
geihst,
Wel ich dir vun Stub arausjogen;
Ich wel dir waisen, wos dos heisst,
Var a Bal-habos kein Sach nit zu
sogen!"

Do nehmt schoin nit kein frai Muth
Arauszugeihn durch'n Thir;
Ich mus onnehmen far gut,
Wie es macht sich mit mir.

In der-heim bin ich gewen eidel,
Oi weih is zu mir;
Un itzt as es reid aus a Wort
mit a Meidel,
Lost er schoin nit leben nit ihr,
nit mir.

Er hot gor nit kein Rachmones
Auf maine junge Johren;
Ich wollt welen potur weren vun
maine Zores
Un in der-heim awekfohren!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 320.

. . . .

זיצט אַ שְׁנַיידֶער, נֶעהְט און נֶעהְט
הָאט קַדָחַת, נִיט קַיין בְּרוֹיט;
זיצט אַ שְׁנַיידֶער, הַאלְט אַ נָאדֶעל
און פַארְדִינְט קַיין גְרָאשֶׁען נָדוֹל.

. . . .

. . . . . .

Sitzt a Schnaider, neiht un neiht
Hot Kadoches, nit kain Breit;
Sitzt a Schnaider, halt a Nodel
Un verdient kain Groschen godeil.

. . . .

Д. Г. Гальпернъ (Вильна).

№ 321.

זיץ אִיךְ מִיךְ, אַ פִיסֶעלֶע אִיבֶּער אַ פִּיס,
און זִינְג מִיר אַ לִיעדֶעלֶע צוּקֶער-זִים.
אַ שְׁנַיידֶער צוּ זַיין אִיז גָאר אוֹיס דִי וֶועלְט, —

ווּאוּהִין עֶר קוּמְט פַארדִינְט עֶר גֶעלְט!
אַז דִי יְלָדִ'ן וָואלְטֶען זִיךְ וֶועלֶען בֶּעקְלֶערֶען,

וָואלְטֶען זַיי אַלֶע שְׁנַיידֶערְס וֶוערֶען.
וֶוער קֶען רֵיידֶען חַנְפֶדִיגֶע רֵייד
און וֶוער קֶען נֶעהֶען שֵׁיין אַ קְלֵייד,

און וֶוער אִיז טַאקֶע אַ פַיינֶער יוּנְג?
טַאקֶע אִיךְ — מֹשֶׁה קְלִינְג!

Sitz ich mich, a Fissele iber a Fiss,
Un sing mir a Liedele zucker-siss.
A Schnaider zu sain is gor aus
die Welt,—
Wuhin er kummt, vardient er Geld!
As die Jolden wollten sich welen
beklären,
Wollten sei alle Schnaiders weren.
Wer kenn reiden chanfedige Reid
Un wer kenn neihen schein a
Kleid,
Un wer is take a fainer Jung?
Take ich—Meische Kling!

Ю. М. Нейфахъ (Минскъ).

№ 322.

זיצט אַ שוּסְטֶער און נֶעהְט און נֶעהְט,
הָאט עֶר קַדָחַת, נִיט קַיין בְּרוֹיט.
לֵייגְט עֶר אַ לַאטֶע אַף אַ לַאטֶע,
קְרִיגְט עֶר אַ ווַייבּ אַפַּארְכֶעוַואטֶע.

. . . .

Sitzt a Schuster un neiht un neiht,
Hot Er Kadoches, nit kain Breit.
Leigt er a Late af a Late,
Kriegt er a Waib a parchewate.

. . . . . .

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

323.

הָאבּ אִיךְ מִיר אַ בּוֹיד
הָאבּ אִיךְ מִיר אַ בּוֹיד
מִיט קָאוַואנֶע רֶעדֶער,
און דֶערְצוּ צוּגֶעדֶעקְט
מִיט אַ שְׁוַוארְצֶען לֶעדֶער.

Hob ich mir a Baud,
Hob ich mir a Baud
Mit kowane Räder,
Un derzu zugedeckt
Mit a Schwarzen Leder.

אַז דִי רֶעדֶער דְרֵעהֶען נִיט,
אוּנ דִי אַקְסֶען בְּרֶענֶען,
שִׁילְט אִיךְ דַאמָאלְס דֶעם פֶּערְד:

„דֶער טַייוֶועל זָאל אִיהְם נֶעהְמֶען!“
אַז קֵיין הֵיי הָאבּ אִיךְ נִיט
אוּנ קֵיין הָאבֶּער קוֹיף אִיךְ נִיט,
אַז דֶער פֶּערְד ווִיל נִיט גֵעהְן,
זֶעץ אִיךְ זִיךְ אוּנ ווַיין, אוּנ ווֵיין.

ווִיל אִיךְ זַיין אַ חַזָן,
הָאבּ אִיךְ נִיט קֵיין קוֹל;
ווִיל אִיךְ זַיין אַ שׁוּסְטֶער,
הָאבּ אִיךְ נִיט קֵיין נְ'אָל.
אַז דִי רֶעדֶער דְרֵעהֶען נִיט א. ז. ו.

ווִיל אִיךְ זַיין אַ שְׁמִיד,
הָאבּ אִיךְ נִיט קֵיין קָאוַואדְלֶע
ווִיל אִיךְ זַיין אַ שֵׁיינְקֶער,
אִיז מַיין ווַייבּ אַ פַּאדְלֶע.
אַז דִי רֶעדֶער דְרֵעהֶען נִיט א. ז. ו.

As die Räder dreihen nit,
Un die Achsen brennen,
Schilt ich damols dem Ferd:
„Der Taiwel soll ihm neh-
men!“
As kein Hei hob ich nit
Un kein Hober keif ich nit,
Un der Ferd will nit geihn,
Setz ich sich un wein.

Will ich sain a Chas'n,
Hob ich nit kein Kol;
Will ich sain a Schuster,
Hob ich nit kein n-Ohl.
As die Räder dreihen nit etc.

Will ich sain a Schmied,
Hob ich nit kein Kowadle;
Will ich sain a Scheinker,
Is main Waib a Padle.
As die Räder dreihen nit etc.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
А. Рейзинъ (Минск. губ.).

324.

אוּנ דִי פֶּערְד גֵעהֶען נִיט,
אוּנ דִי רֶעדֶער דְרֵעהֶען נִיט,
אַ טְרוּנְק בְּרַאנְפֶּען ווִילְט זִיךְ,
אוּנ דִי ווַייבּ שִׁילְט זִיךְ, —
זֶעה אִיךְ מִיר אַ שְׁטֵיין
זֶעץ אִיךְ מִיר אוּנ ווֵיין.

זָאל אִיךְ ווֶערְן אַ רָב,
קֶען אִיךְ נִיט קֵיין תּוֹרָה;
זָאל אִיךְ זַיין אַ סוֹחֵר,
הָאבּ אִיךְ נִיט קֵיין סְחוֹרָה.
אוּנ דִי פֶּערְד גֵעהֶען נִיט א. ז. ו.

זָאל אִיךְ זַיין אַ שׁוֹחֵט,
הַאלְט אִיךְ נִיט קֵיין חַלֶף;
זָאל אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵד,
קֶען אִיךְ נִיט קֵיין אַלֶף.
אוּנ דִי פֶּערְד גֵעהֶען נִיט א. ז. ו.

Un die Ferd geihen nit,
Un die Räder dreihen nit,
A Trunk Branfen willt sich,
Un die Waib schilt sich,—
Seh ich a Stein,
Setz ich mir un wein.

Soll ich wern a Row,
Kenn ich nit kein Teire;
Soll ich sain a Sseicher,
Hob ich nit kein S'cheire.
Un die Ferd geihen nit etc.

Soll ich sain a Scheichet,
Halt ich nit kein Chalef;
Soll ich sain a Melamed,
Kenn ich nit kein Alef.
Un die Ferd geihen nit etc.

N. N. (Екатеринославск. губ.).

№ 325.

אַ שְׁנֵעה גֵעהְט,	A Schnei geiht,
דִי וֶועג פַארְוֵועהְט,	Die Weg varweiht,
קוֹים אַהֵיים גֶעקוּמֶען.	Kaum aheim gekummen.
—בַּעַל-הַבָּיִת'טֶע, זָאלְט אִיהְר לֶעבֶּען,	—Bal-haboste, sollt ihr leben,
אַ טְרוּנְק בְּרַאנְפֶען זָאלְט אִיהְר גֶעבֶּען!	A Trunk Branfen sollt ihr geben
. . . .	. . . .

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 326.

וֶוער הָאט דָאס גֶעזֶעהְן	Wer hot dos gesehn
אוּנ וֶוער הָאט דָאס גֶעהֶערְט,	Un wer hot dos gehert,
אַז פַייֶער מִיט וַואסֶער	As Faier mit Wasser
זָאלֶען פִיהְרֶען וִוי אַ פֶערְד?	Sollen fihren wie a Ferd?
אָי, הָאט עֶר אַ פַייפֶער	Oi, hot er a Faifer
מִיט אַיין אַייזֶערְנֶעם כֹּחַ,	Mit ain aisernem Keiach,
פוּן אוּנְטֶען גִיסְט זִיךְ וַואסֶער	Vun unten giesst sich Wasser,
פוּן אוֹיבֶּען שְׁפַּארְט אַ רוֹיךְ!	Vun eiben spart a Reich!
הֵייסֶע קוֹיהְלֶען	Heisse Keihlen
אִיז בַּיי אִיהְם אַ מַאְכָל,	Is bai ihm a Maich'l,
קַאלְטֶע וַואסֶער	Kalte Wasser
אִיז בַּיי אִיהְם אַ יַאיכְ'ל!	Is bai ihm a Jaich'l!
אָי, הָאט עֶר אַ פַייפֶער א. ז. וו.	Oi, hot er a Faifer etc.
גְוַואלְד, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם,	Gwald, Ribeinei schel Eilom,
גֶעהְם אָפּ בַּא אִיהְם דִי יָאהְרֶען, —	Nehm op bai ihm die Johren,—
עֶר זָאל נִיט קֶענֶען פַייפֶען	Er soll nit kennen faifen
אוּנ זָאל נִיט קֶענֶען פָאהְרֶען!	Un soll nit kennen fohren!

г-жа М. Я. Лившицъ (Минск. губ.).

№ 327.

הָאבּ אִיךְ אִין יַאסְוֶוען [1] אַ פֶערְד'ל גֶעדוּנְגֶען,	Hob ich in Jaswen [1] a Ferd'l gedungen,
הָאט עֶר גֶעהִירְזֶעט אוּנ גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען,	Hot er gehirset un gesprungen,
הָאט מִיט אִיהְם דִי וֶועלְט גֶעקְלוּנְגֶען.	Hot mit ihm die Welt geklungen.

1) Ясвоины, мѣстечко Ковенской губ.

געהן געהט ער ניט פון פלעק, ווערט איז ער טאבאק א שמעק, א סמן האט ער – א קורצען עק.	Geihn geiht er nit vun Fleck, Wert is er Tabak a Schmeck, A Ssimen hot er—a kurzen Eck.
געשמידט איז ער אויף אלע פיער, ער מיינט – ער איז א גרויסער גביר, ער שטעלט זיך אפ ביי יעדער טהיר.	Geschmiedt is er auf alle vier, Er meint—er is a greisser Gwir, Er stellt sich op bai jeder Thir.
בשעת מע שפאנט איהם איין אין וואגען,	Bisch'as me spannt ihm ain in Wogen,
בעט ער זיך, מ'זאל איהם פון הינטען ניט שלאגען עס מעג איהם חאפען אלע קלאגען!	Bet er sich, m'soll ihm vun hinten nit schlogen, Es meg ihm chapen alle Klogen! . . . .

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 328.

פאהר איך מיר ארויס מיט צוויי פערד מיט געזונטע פיס כ'טהו א פייף און א שמיץ – איז דאך צוקער זיס	Fohr ich mir araus mit zwei Ferd mit gesunte Fiss, Ich thu a faif un a schmitz—is doch zucker—siss.
א פאר-פערד איז אכוויצעט געווארען, אי וועה איז צו מיינע יאהרען!	A Por Ferd is ochwitzet geworen. Oi weih is zu maine Johren!
נאך א פאר פערד זיינען חלי'דיג געווארען,	Noch a Por Ferd sainen choljedig geworen,
איז דאך ניטא מיט וואס צו פאהרען.	Is doch nito mit wos zu fohren.
פאהר איך מיר ארויף אפ'ן מארק, הייגגען זיך אן ווייבער אויף מיין קארק.	Fohr ich mir aruf af'n Mark, Heingen sich on Waiber auf main Kark.
דאס וויסען אלע דעם חסרון – מיט ווייבער צו פאהרען איז קורצע יאהרן.	Dos weissen alle dem Chissor'n— Mit Waiber zu fohren is kurze Johrn.
איך נעהם שוין געהן צוריק, פארקויף איך די לעצטע שטריק.	Ich nehm schoin geihn zurick, Varkeif ich die letzte Strick.

אז אך און ווער איז צו מיינע יאהרען, –
איך האב ניט מיט וואס אהיים צו פאהרען!

As och un weih is zu maine Johren, –
Ich hob nit mit wos aheim zu fohren!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 329.

סלושאי! ווער אי' דא?
איך נעבעך ארעמער שומר!
פארוואגעלט איז פון מיר די נאכט,
דער שלאף ברעכט מיר מיינע ביינער;

צי דען בין איך פון אייזען געמאכט?

אלע בעלי-בתים טהוען אין די בעטען ליגען

און פארברייגגען זיך אין פארגעניגען,
נאר איך בין איינער אליין,
מיין קיסען איז א שטיין[1]!
. . . .

Sluschai! Wer i'do?
Ich, nebach, oremer Scheimer!
Varwogelt is vun mir die Nacht,
Der Schlof brecht mir maine Beiner,
Zi denn bin ich vun Aisen gemacht?

Alle Bale-batim thuen in die Betten liegen
Un varbreingen sich in Vargenigen,
Nor ich bin einer allein,
Main Kissen is a Stein![1]
. . . . . .

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 330.

שיינקט א נדבה'לע אן-עלענד קינד,
וואס איהר מוטער איז געשטארבען!
עלענד איז זיא און בלינד,
שיינקט א נדבה, שיינקט עטוואס געלד,

אן-ארעמע יתומה וואס זעהט ניט די וועלט!

Scheinkt a Ndowele a-n-elend Kind,
Wos ihr Mutter is gestorben!
Elend is sie un blind,
Scheinkt a Ndowe, scheinkt etwos Geld,
A-n-oreme Jsseime, wos seht nit die Welt!

г-жа А. Гофштейнъ (Свенцяны, (Виленск. губ.).

1) אלע בעלי-בתים טהוען אין די בעטען ליגען,
און די קינדער אין די וויגען,
נאר איך בין אליין
עלענד ווי א שטיין.

1) Alle Bale-batim thuen in die Betten liegen,
Un die Kinder in die Wiegen;
Nor ich bin allein.
Elend wie a Stein!

X.

Солдатскія пѣсни.

№ 331

—זָאג דוּ מִיר, סָאלְדַאט,	—Sog du mir, Soldat,
אַף מַיין פְרַאגֶע עֶנְטְפֶער מִיר —	Af main Frage entfer mir —
סְ'אִיז עֶפֶּעס נִיט גְלַאט,	's is epes nit glatt,
סְ'מוּז עֶפֶּעס פֶעהְלֶען דִיר!	's mus epes fehlen dir!
דַיין גֶעזִיכְט אִיז דִיר פַארְעֶנְדֶערְט	Dain Gesicht is dir farändert
פַאר דִי צְוֵויי יָאהְר, —	Far die zwei Johr, —
וְואוּ הָאסְטוּ אַזוֹי גֶעוַואנְדֶערְט?	Wu hostu asei gewandert?
סְ'אִי' דִיר נִיט צוּ דֶערְקֶענֶען גָאר!	's i' dir nit zu derkennen gor!
— וְואוּ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען,	— Wu ich bin gewen,
דָארְט בִּינְסְטוּ נִיט גֶעוֶוען;	Dort binstu nit gewen;
אוּנ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן,	Un wos ich hob gesehn,
דָאס הָאסְטוּ נִיט גֶעזֶעהְן.	Dos hostu nit gesehn.
בַּיי פְּלֶעוְונֶע אוּנ בַּיי בַּאלְקַאנֶעס	Bai Plewne un bai Balkanes
זַיינֶען מִיר אוֹיךְ גֶעוֶוען;	Sainen mir auch gewen;
פִיעל שְרֶעק אוּנ פִיעל צָרוֹת	Viel Schrek un viel Zores
הָאבֶּען מִיר צוּגֶעזֶעהְן.	Hoben mir zugesehn.
דוּנַאי זַיינֶען מִיר אַרִיבֶּער, —	Dunai sainen mir ariber, —
נִיט פַאר אִיצְטֶער גֶעדַאכְט;	Nit far itzter gedacht;
פוּן אוּנְזֶערֶע קֶערְפֶּער	Vun unsere Kerper
אִיז אַ תֵּל גֶעמַאכְט.	Is a Tel gemacht.
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 332.

נִישְׁט קֵיין שְׁטוּבּ, נִיט קֵיין בַּאלְקֶען,	Nischt kain Stub nit kain Balken,
נִיט קֵיין מַאמֶען, נִיט קֵיין טַאטֶען;	Nit kain Mamen, nit kain Taten;
נֶעהְמְט מִיךְ אָן אַ גֶעוֵויין, —	Nehmt mich on a Gewein, —
אִין סָאלְדַאטֶען מוּז מֶען גֵעהְן!	In Soldaten mus men geihn!

ניט קיין דאך, ניט קיין פענסטער,	Nit kain Dach, nit kain Fenster,
ניט קיין ברידער, ניט קיין שוועסטער;	Nit kain Brider, nit kain Schwester;
נעהמט מיך אן א געוויין, —	Nehmt mich on a Gewein, —
אין סאלדאטען מוז מען געהן!	In Soldaten mus men geihn!
ניט קיין טהיר, ניט קיין ברעטער,	Nit kain Thir, nit kain Bretter,
ניט קיין מומען, ניט קיין פעטער;	Nit kain Muhmen, nit kain Vetter;
נעהמט מיך אן א געוויין, —	Nehmt mich on a Gewein, —
אין סאלדאטען מוז מען געהן!	In Soldaten mus men geihn!

А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 333.

. . . .	. . . .
אך, איין בחור איין און צוואנציג יאהר,	Ach, ain Bochur ein un zwanzig Johr,
ער האט יעצט אנגעהויבען צו בליהען,	Er hot jetzt ongeheiben zu blihen,
אך, אי, אי, אך סיי ארם, סיי רייך,	Ach, oi, oi, ach ssai orm, ssai raich,
אלעמען צו גלייך —	Allemen zu glaich —
מיר מוזען דעם זשערעביע ציהען!	Mir musen dem Żerebje ziehen!
סיי ארם, סיי רייך א. ז. וו.	Ssai orm, ssai raich etc.
חס וחלילה, עס איז איין מלחמה,	Chass w'cholilo, es is ein Milchome,
גיט מען א קלאפ אין באראבאן,	Git men a klap in Baraban,
אך, אי, אי מי טהוט אונז בעגלייטען,	Ach, oi, oi, mi thut uns begleiten,
ריכטיג ווי איין טויטען,	Richtig wie ain Teiten,
און מען שרייט: מיין זוהן, מיין מאנן!	Un men schrait: main Suhn ,main Mann!
מי טהוט אונז בעגלייטען א. ז. וו.	Mi thut uns begleiten etc.
ניין חדשים האט מיר מיין מוטער געטהאן טראגען	Nain Chodoschim hot mir main Mutter gethon trogen
און מיט גרויס מיה האט זי מיר געהאט;	Un mit greiss Mih hot sie mir gehat;
אך, אי, אי, מיט גרויסע שמערצען	Ach, oi, oi, mit greiss Schmerzen
האט זי מיר דער צויגען, —	Hot sie mir derzeigen, —
און יעצט מוז איך זיין איין סאלדאט! [1]	Un jetzt mus ich sain ain Soldat! [1]
מיט גרויסע שמערצען א. ז. וו.	Mit greiss Schmerzen etc.

М. З. Левинъ (Двинскъ, Витебск. губ.).

Л. М. Шрайбштейнъ (Новоградволынскъ,Волынск. губ.).

---

[1] אז ס' קומט פרייטאג פארנאכט,	As 'skummt Fraitag var Nacht,
ליג איך מיר און טראכט:	Lieg ich mir un tracht:
אי, איך וואלט געגאנגען צו קבלת־השבת, —	Oi, ich wollt gegangen zu Kabolas-ha'Schabes,—
האט דער פעלדפעבעל א פאווערקע געמאכט.	Hot der Feldfebel a Powierke gemacht.

№ 334.

אָך אונד וועה איז מיר געשעהן, איך האָב מיר ניט ארום געזעהן! (¹	Och un weih is mir geschehn, Ich hob mir nit arum gesehn! (¹
פיהרט מען מיר אריין אין ערסטען חדר, טהוט מען מיר אויס מיין מוטערס קליידער! (²	Fihrt men mir arain in ersten Cheider, Thut men mir aus main Mutter's Kleider.²)
אָך אונד וועה איז מיר געשעהן א. ז. וו.	Och und weih is mir geschehn etc.
שטעלט מען מיר ארונטער אונטער'ן מאָס, אונ מען גיט א געשריי „סאָלדאט חאָראָש!"	Stellt men mir arunter unter'n Moss, Un men git a geschrei: „Soldat chorosch!"
אָך אונד וועה איז מיר געשעהן א. ז. וו.	Och und weih is mir geschehn etc.
פיהרט מען מיר אריין אין דריטען חדר, זאָ טהוט מען מיר אָן ³) סאָלדאטסקע קליידער. אָך אונד וועה איז מיר געשעהן א. ז. וו.	Fihrt men mir arain in dritten Cheider, So thut men mir on³) soldatske Kleider. Och und weih is mir geschehn etc.
פיהרט מען מיר אריין אין שול שווערען, זאָ גיסט זיך פון מיינע אויגען טייכען טרערען. (⁴ אָך אונד וועה איז מיר געשעהן א. ז. וו.	Fihrt men mir arain in Schul schweren, So giesst sich vun maine Eigen Taichen Thrären.⁴) Och und weih is mir geschehn etc.
אדיע, אדיע, מיינע ליבע לייט, איהר בלייבט דאָ, איך מוז אוועק ווייט! (⁵ אָך אונד וועה איז מיר געשעהן א. ז. וו.	Adje, adje, maine liebe Lait, Ihr bleibt do, ich mus awek wait!⁵) Och und weih is mir geschehn etc.

Д. Г. Гальпернъ (Шкуды, Ковенск. губ.).
Ю. М. Нейфахъ (Минскъ).

№ 335.

פיהרט מען מיר אריין אין דעם ערסטען חדר, הייסט'ן מיר דאָרטען אויסטהאָן מיינע אייגענע קליידער.	Fihrt men mir arain In dem ersten Cheider, Heisst'n mir dorten austhon Maine eigene Kleider.

---

¹) ווי גרויס איז מיין פיין, ווי קענן מיר ערגער זיין! ווי גרויס איז מיין פיין, א סאָלדאט מוז איך זיין!	Wie greiss is main Pain, Wie kenn mir ärger sain! Wie greiss is main Pain, A Soldat mus ich sain!
²) ווארפט מען פון מיר אראפ די יודישע קליידער.	Warft men vun mir arop die jidische Kleider.
³) גיט מען אויף מיר א וואָרף.	Git men auf mir a worf.
⁴) פיהרט מען מיר ארויף אויף די לעצטע טרעפ, באווייזט מען מיר סאָלדאטסקע קנעפ.	Fihrt men mir aruf auf die letzte Trepp, Bawaist men mir soldatske Knep.
⁵) פיהרט מען מיר ארויף אויף די לעצטע שוועל, גיט מען אויף מיר א וואָרף א סאָלדאטסקען שינעל	Fihrt men mir aruf auf die letzte Schwell, Git men auf mir a worf a soldatsken Schinjel,

אונ אָי וֵוְעה, אונ אָי וֵוְעה	Un oi weih, un oi weih
אִיז צוּ מִיר גָאר,	Is zu mir gor,
וָואס אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוָוארֶען	Wos ich bin alt geworen
אֵיין אונ צְוַואנְצִיג יָאהְר!	Ein un zwanzig Johr!
אונ אָי וֵוְעה, אונ אָי וֵוְעה	Un oi weih, un oi weih
אִיז צוּ מַיין וֶועלְט,	Is zu main Welt,
וָואס אִיךְ דַארְף..... דִינֶען	Wos ich darf...... dienen
גָאר אָהְן אַ גְרָאשֶׁען גֶעלְט! [1]	Gor ohn a Groschen Geld![1]
פִיהְרְט מֶען מִיר אַרַיין	Fihrt men mir arain
אִין צְווֵייטֶען חֵדֶר,	In zweiten Cheider,
הֵייסְט מֶען מִיר אָנְטְהָאן	Heisst men mir onthon
יְוָנִישֶׁע קְלֵיידֶער.	Iwonische Kleider.
אונ אָי וֵוְעה, אונ אָי וֵוְעה א. ז. וו.	Un oi weih, un oi weih etc.
פִיהְרְט מֶען מִיךְ אַרוּף	Fihrt men mich aruf
אַף דִי הוֹיכֶע טְרֶעפּ,	Af die heiche Trepp,
זִיצֶען דָארְט קָאמִיסְיֶע [2]	Sitzen dort Kommissje[2]
מִיט דִי הֵיילֶע [3] קֶעפּ.	Mit die heile[3] kep.
אונ אָי וֵוְעה, אונ אָי וֵוְעה א. ז. וו.	Un oi weih, un oi weih etc.
שְׁטֶעלְטְ'ן מִיר אַרוּנְטֶער	Stellt'n mir arunter
אוּנְטֶערְ'ן מָאס,	Unter'n Moss,
דֶערְלַאנְגְטְ'ן אַ גֶעשְׁרֵיי:	Derlangt'n a geschrei:
„סָאלְדַאט חָארָאשׁ!" [4]	„Soldat chorosch!"[4]
אונ אָי וֵוְעה, אונ אָי וֵוְעה א. ז. וו.	Un oi weih, un oi weih etc.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

Варіанты:

1) אָךְ אונְד וֵוְעה	Och un weih
אִיז צוּ מִיר גֶעשֶׁעהְן,	Is zu mir geschehn,
וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ	Wos ich hob sich
נִיט אַרוּמְגֶעזֶעהֶען!	Nit arumgesehn!

или

אָךְ אונ וֵוְעה אִיז מִיר גֶעשֶׁעהְן,	Och un weih is mir geschehn,
וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיין שִׁיפְסְקַארְטֶע נִיט גֶעזֶעהְן;	Wos ich hob kain Schiffskarte nit gesehn;
אָךְ אונ וֵוְעה אִיז מִיר גֶעשֶׁעהְן,	Och un weih is mir geschehn,
וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פְרִיהֶער נִיט אַרוּמְגֶעזֶעהְן!	Wos ich hob sich friher nit arumgesehn!
2) זֶעה אִיךְ מֶענְשֶׁען.	Seh ich Menschen.
3) בְּלוֹיזֶע.	Bleise.
4) מִי פִיהְרְט מִיר אַרַיין	Mi fihrt mir arain
אִין פַּאלַאטֶע, —	In Palate,—
זֵיי ווִילֶען נָאךְ ווִיסֶען,	Sei willen noch wissen,
וֶוער אִיז מַיין טַאטֶע.	Wer is main Tate.

№ 336.

זִיץ אִיךְ מִיר שַׁבָּת בַּיי'ם טִישׁ אוּנ אִיךְ עֶס,
אַזוֹי טְרָאגְט מֶען מִיר אַרַיין אַ שְׁוַוארְצֶען דֶעפֶּעש.
אָי וֵויעה אוּנ אָי וֵויעה אִיז צוּ מִיר גָאר,
וָואס אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוָוארֶען אֵיין אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהְר!
אָי וֵויעה אוּנ אָי וֵויעה צוּ מַיין וֶועלְט,
וָואס אִיךְ דַארְף פִיער יָאהְר דִינֶען אָהְן אַ גְרָאשֶׁען גֶעלְד!

פִיהְרְט מֶען מִיר אַרוּף אוֹיף דִי הוֹיכֶע טְרֶעפּ,
זֶעה אִיךְ, אַז גַאנְץ קָאמִיסְיֶע זִיצְט מִיט דִי בְּלוֹיזֶע קֶעפּ
אָי וֵויעה אוּנ אָי וֵויעה אִיז צוּ מִיר גָאר
א. ז. וו.

פִיהְרְט מֶען מִיר אַרַיין אִין דֶעם עֶרְסְטֶען צִימֶער,
צִיה אִיךְ אַרוֹיס דֶעם קְלֶענְסְטֶען נוּמֶער.
אָי וֵויעה אוּנ אָי וֵויעה אִיז צוּ מִיר גָאר
א. ז. וו.

פִיהְרְט מֶען מִיר אַרוּנְטֶער אוּנְטֶער דֶער מָאס,
גִיט קָאמִיסְיֶע אַ גֶעשְׁרֵיי: „סָאלְדַאט חָארָאשׁ!"
אָי וֵויעה אוּנ אָי וֵויעה אִיז צוּ מִיר גָאר
א. ז. וו.

פִיהְרְט מֶען מִיר אַרָאפּ פוּן דִי הוֹיכֶע טְרֶעפּ,
זֶעה אִיךְ: מַיינֶע עֶלְטֶערְן שְׁטֵעהֶען אַרָאפּ־גֶעלָאזֶען דִי קֶעפּ.
אָי וֵויעה אוּנ אָי וֵויעה אִיז צוּ מִיר גָאר
א. ז. וו.

פִיהְרְט מֶען מִיר אַוֶועק אִין שׁוּל שְׁוֶוערֶען,
זֶעה אִיךְ אַז פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן גִיסֶען זִיךְ טְרֶערֶען.
אָי וֵויעה אוּנ אָי וֵויעה אִיז צוּ מִיר גָאר
א. ז. וו.

Sitz ich mir Schabes bai'm Tisch un ich ess,
Asei trogt men mir arain a schwarzen Depesch.
Oi weih un oi weih is zu mir gor,
Wos ich bin alt geworen ein un zwanzig Johr!
Oi weih un oi weih is zu main Welt,
Wos ich darf vier Johr dienen ohn a Groschen Geld!

Fihrt men mich aruf auf die heiche Trepp,
Seh ich, as ganz Kommissje sitzt mit die bleise Kep.
Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.

Fihrt men mir arain in dem erstem Zimmer,
Zieh ich araus dem klensten Nummer.
Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.

Fihrt men mir arunter unter der Moss,
Git Kommissje a geschrei „Soldat chorosch!"
Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.

Fihrt men mir arop vun die heiche Trepp,
Seh ich: maine Eltern steihen arop-gelosen die Kep.
Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.

Fihrt men mir awek in Schul schweren,
Seh ich, as vun maine Eltern gissen sich Thrären.
Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.

פִיהְרְט מֶען מִיר אִין דֶעם עֶרְסְטֶען חֵדֶר , הֵייסְט מֶען מִיר אוֹיסְטְהָאן דִי אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער · אָי וֵועה אוּנ אָי וֵועה אִיז צוּ מִיר גָאר א. ז. וו.	Fihrt men mir in dem ersten Cheider, Heisst men mir austhon die jidische Kleider. Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.
פִיהְרְט מֶען מִיר אַרַיין אִין דֶעם צְוֵויטֶען חֵדֶר , הֵייסְט מֶען מִיר אָנְטְהָאן סָאלְדַאטְסְקֶע קְלֵיידֶער · אָי וֵועה אוּנ אָי וֵועה אִיז צוּ מִיר גָאר א. ז. וו.	Fihrt men mir arain in dem zweiten Cheider, Heisst men mir onthon soldatske Kleider. Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.
זַיי־זְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְד , מַיין טְהַייעֶרֶער פָאטֶער , אִין גִיבֶען וֶוערְסְטוּ פוּן מִיר פָּטוּר ! אָי וֵועה אוּנ אָי וֵועה אִיז צוּ מִיר גָאר א. ז. וו.	Sai-że mir gesund, main thaierer Voter, In gichen werstu vun mir potur! Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.
זַיי־זְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְד , מַיין טְהַייעֶרֶע מוּטֶער , מִיר אִיז דָאךְ שְׁלֶעכְט , אוּנ דִיר אִיז בִּיטֶער ! אָי וֵועה אוּנ אָי וֵועה אִיז צוּ מִיר גָאר א. ז. וו.	Sai-że mir gesund, main thaiere Mutter, Mir is doch schlecht, un dir is bitter! Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.
זַייט־זְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְד מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּנ בְּרִידֶער , גָאט וֵויים , צִי וֶועלֶען מִיר זִיךְ זֶעהֶען וִוידֶער ! אָי וֵועה אוּנ אָי וֵועה אִיז צוּ מִיר גָאר א. ז. וו.	Sait-że mir gesund, maine Schwester un Brider, Gott weiss, zi wellen mir sich sehen wieder! Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.
זַייט־זְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְד , מַיינֶע שְׁכֵנִים אַלֶע , אִיךְ וַוארְף אַייךְ אַוֶועק אוּנ נֶעהְם דֶעם בִּיקְס פַאר אַ כַּלָּה ! אָי וֵועה אוּנ אָי וֵועה אִיז צוּ מִיר גָאר א. ז. וו.	Sait-że mir gesund, maine Schcheinim alle, Ich warf aich awek un nehm dem Bichs far a Kale! Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.
זַייט־זְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְד , מַיינֶע בֶּעסְטֶע פְרַיינְד , גָאט וֵויים , וָואס פוּן מִיר וֶועט וֶוערֶען הַיינְט ! אָי וֵועה אוּנ אָי וֵועה אִיז צוּ מִיר גָאר א. ז. וו.	Sait-że mir gesund, maine beste Fraind, Gott weiss, wos vun mir wet weren haint! Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.

זיי־זשע מיר געזונד, מיין טהייערע כלה,
נאך דיר וועל איך בייבקען מעהר ווי נאך אלע!

אי וועה און אי וועה איז צו מיר גאר
א. ז. וו.

Sai-że mir gesund, main thaiere Kale,
Noch dir wel ich beinken, mehr wie noch alle!

Oi weih un oi weih is zu mir gor etc.

М. З Левинъ (Пинскъ, Минск. губ.).

№ 337.

. . . .
. . . .

נייען חדשים טהוט די מוטער דאס קינד טראגען,
טייכען מיט טרערען טהוען פון איהרע אויגען רינען,
איידער זי טהוט איהם געווינען,
איידער זי טהוט איהם אויסהאדעוועו.
און אז זי האט איהם אויסגעהאדעוועט ביז איין און צוואנציג יאהר,
דארף ער, נעבאך, אזוי ווייט אנטרינען!
יעדער פאטער טהוט צו זיין קינד זאגען:
„בעסער וואלסטו ניט געבוירען,
איידער דו ביסט אלט געווארען איין און צוואנציג יאהר,
יעצט דארפסטו אזוי ווייט פארפליגען!"
ווען בעסאראביע איז געוועזן פריי,
איז געוועזן פאר דער קויל א רפואה;
היינט, אז בעסאראביע איז דערביי,
איז ניטא קיין שום ישועה!
אי וועה, יודען, מיר זיינען אין גרויסע סכנות,

מיר זיינען אין גרויסע אחריות;
די קינדער וועלן דארפן פאר סאלדאטן געהן,

וועלן פאטער און מוטער בלייבן אהן חיות!

. . . .
. . . .

Naien Chadoschim thut die Mutter dos Kind trogen,
Taichen mit Thrären thuen vun ihre Eigen rinnen,
Eider sie thut ihm gewinnen,
Eider sie thut ihm aushodewen.
Un as sie hot ihm ausgehodewet bis ein un zwanzig Johr,
Darf er, nebach, asei wait antrinnen!
Jeder Voter thut zu sain Kind sogen:
„Besser wollstu nit gebeiren,
Eider du bist alt geworen ein un zwanzig Johr,
Jetzt darfstu asei wait varfleigen!"
Wenn Bessarabje is gewen frai,
Is gewen far der Koil a Rfue;
Haint, as Bessarabje is derbai,
Is nito kain schum Jschue!
Oi weih, Jiden, mir sainen in greisse Ssakones,
Mir sainen in greisse Achrajes;
Die Kinder weln darfn far Soldatn geihn,
Weln Voter un Mutter blaibn ohn Chajus!

И. І. Глахенгаузъ (Братолюбовка, Херсонск. губ.).

№ 338*).

איך בין א יונגערמאנן פון צוואנציג יאהר,

איך נעהם זיך ערסט צום לעבען, —
קומט מיר אן די גוטע בשורה,
אז מי דארף מיר אין יונים אפגעבען.

Ich bin a junger Mann vun zwanzig Johr,
Ich nehm sich erst zum Leben, —
Kummt mir on die gute Bsure,
As mi darf mir in Jwonim opgeben.

*) См. примѣч. на стр. 42.

בִּיטֶער אִיז מִיר אוּנ שְׁלֶעכְט אִיז מִיר,	Bitter is mir un schlecht is mir,
אִיךְ קֶען אַייךְ נִיט אָפְּמֶעלֶען;	Ich kenn aich nit opmählen;
מַיין מַאמֶע וָואלְט מִיר קְלֵיינֶערְהֵייט בֶּעגְרָאבֶען,	Main Mame wollt mir kleiner-heit begroben,
אֵיידֶער אִיךְ דַארְף זִיךְ צוּם פְּרִיזִיוו שְׁטֶעלֶען!	Eider ich darf sich zum Prisyw stellen!
גָאט פוּן הִימֶעל אוּנ גָאט פוּן דֶער עֶרְד,	Gott vun Himmel un Gott vun der Erd,
קוּק אָן אִידֶעשֶׁע טְרֶערֶען:	Kuck on die jidesche Thrären:
דָא וֵויינְט אַ מַאמֶע מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער,	Do weint a Mame mit kleine Kinder,
וִוי קֶענְסְטוּ דָאס גָאר צוּהֶערֶען!	Wie kennstu dos gor zuheren!
דָא וֵויינְט אַ פָאטֶער, דָא שְׁרַייט אַ מוּטֶער,	Do weint a Voter, do schrait a Mutter,
דָא שְׁרַייט אַ וַוייבּ מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער;	Do schrait a Waib mit Kleine Kinder;
אָי, מַיין הַארְץ, זִי גֵעהְט מִיר אוֹיס,	Oi, main Harz, sie geiht mir aus,
מַיין טוֹיט וָואלְט מִיר גֶעוֶוען גְרִינְגֶער!	Main Teit wollt mir gewen gringer,
הוֹיבְּט מֶען מִיר אָן צוּ פִיהְרֶען אַף דִי טְרֶעפּ,	Heibt men mir on zu fihren af die Trepp,
בְּלַייבּ אִיךְ דָאךְ אָהְן זִינֶען;	Blaib ich doch ohn Sinnen;
אִיךְ פֶערְשְׁטֵעה מַיין גְרוֹיסֶען שְׁלַאק,	Ich versteih main greissen Schlak,
אַז אִיךְ וֶועל פַאר אַ יָוָן דַארְפֶען דִינֶען!	As ich wel far a Jown darfen dienen!
וִוי מִי פִיהְרְט מִיר אַרַיין צוּם נַארוּזְנֶעם וִויד,	Wie mi fihrt mir arain zum naruźnem Wid,
הוֹיבְּט מֶען מִיר אָן צוּ קְלֶערֶען:	Heibt men mir on zu klären:
דֶער זָאגְט – צְוַואנְצִיג, דֶער זָאגְט – אֵיין אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהְר,	Der sogt—zwanzig, der sogt—ein un zwanzig Johr,
אוּנ מֶען הוֹיבְּט דָאךְ מִיר אָפְּשֶׁערֶען.	Un men heibt doch mir opscheren.
זִיבֶּען יָאהְר נָאךְ מַיין חֲתֻנָּה,	Sieben Johr noch main Chassene,
אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דֶערְלֶעבְּט אַ דוֹר, –	Ich hob schoin derlebt a Dor,—
הָאט זִיךְ קָהָל פְּרִיסְטַאראַיֶעט,	Hot sich Kohol pristarajet,
אוּנ מֶען הָאט מִיר גֶעשְׁטֶעלְט אֵיין אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהְר!	Un men hot mir gestellt ein un zwanzig Johr!
חַאפּ אִיךְ זִיךְ צוּ מַיין גְרוֹיסֶען שְׁלַאק,	Chap ich sich zu main greissen Schlak,
וֶוערְט מִיר פוּן יְסוּרִים גֶעשְׁוָואלֶען דִי בַּאק;	Wert mir vun Jssurim geschwollen die Back;
אִיךְ פֶערְשְׁטֵעה גוּט מַיין גְזַר דִין –	Ich versteih gut main Gsar-din—
בַּאלְד זָאגְט מֶען מִיר: „פַאר אַ יָוָן דִין"	Bald sogt men mir „Far a Jown dien"

טַאטֶע, מַאמֶע, זַייט גֶעזוּנְד!	Tate, Mame, sait gesund!
אִיךְ גֵעה פַאר אַיָוָן דִינֶען;	Ich geih far a Jown dienen;
אִיהְר וֶועט מִיר בְּוַדַּאי זוּכֶען, —	Ihr wet mir b'wadai suchen,—
גָאט וֵוייס, צִי וֶועט אִיהְר מִיר גֶעפִינֶען!	Gott weiss, zi wet ihr mir gefinnen!
יָהּ, גָאט! קוּק אַרָאפּ	Joh, Gott! kuck arop
אוֹיף מַיין גְרוֹיסֶען פַייֶער, וָואס הָאט מִיר פֶערְבְּרֶענְט;	Auf main greissen Faier, wos hot mir verbrennt;
מֶע נֶעהְמְט מִיר צוּ פוּן מַיין אַלְטֶען טַאטֶען	Me nehmt mir zu vun main alten Taten
אוּנ מֶען עֶנְטְפֶערְט מִיר אִיבֶּער אִין פְרֶעמְדֶע הֶענְט!	Un men entfert mir iber in fremde Händ!
כִּמְעַט וָואלְט גֶעוֶוען מַיין מַאמֶען לִיבֶּער,	Kim'at wollt gewen main Mamen lieber,
אַז זִי וָואלְט מִיר נִיט גֶעוִוינֶען;	As sie wollt mir nit gewinnen;
אִין טְרֶעהְרֶען הָאט זִי מִיר גֶעבָּאדֶען,	In Thrären hot sie mir geboden,
צוּם סוֹף דַארְף אִיךְ פַאר אַסָאלְדַאט דִינֶען.	Zum Ssof darf ich far a Soldat dienen.
לוֹיפֶען מַאמֶעס אַפְ'ן בֵּית־עַלְמִין,	Leifen Mames af'n Beiss-almen,
קְלָאגֶען, וֵויינֶען, וִוי זֵיי אִיז צוּגֶעקוּמֶען;	Klogen, weinen, wie sei is zugekummen;
דֶעם לֶעצְטֶען קַדִּיש פוּן אַטַאטֶען	Dem letzten Kadisch vun a Taten
הָאט מֶען אִין יְוָנִים צוּגֶענוּמֶען.	Hot men in Jwonim zugenummen.
מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת פוּן הִימֶעל,	Mal'achei-haschoreis vun Himmel,
וִוי קֶענְט אִיהְר גָאר פֶערְלַיידֶען:	Wie kennt ihr gor verlaiden:
מֶע נֶעהְמְט מִיר צוּ פוּן דֶער גְּמָרָא	Me nehmt mir zu vun der Gemore
אוּנ מֶען טְהוּט מִיר פוּן גָאטְ'ס דִינְסְט פֶערְמַיידֶען!	Un men thut mir vun Gott's Dienst vermaiden!
נָאךְ מַיין טַאטֶען אוּנ נָאךְ מַיין מַאמֶען	Noch main Taten un noch main Mamen
בִּין אִיךְ אֵיין קַדִּיש גֶעבְּלִיבֶּען, —	Bin ich ein Kadisch geblieben,—
הָאט זִיךְ קָהָל אִיבֶּער מִיר דֶערְבַּארֶעמְט,	Hot sich Kohol iber mir derbaremt,
אוּנ מֶען הָאט מִיךְ פַאר אַסָאלְדַאט פֶערְשְׁרִיבֶּען.	Un men hot mich far a Soldat verschrieben.
סוּסְטֶער אוּנ שְׁנַיידֶער זַייעֶן בַּיי אוּנְז גֶעזֶועסֶען	Schuster un Schnaider saien bai uns gesessen
אוּנ הָאבֶּען חַתְנָה־קְלֵיידֶער גֶענֶעהְט, —	Un hoben Chassene-kleider geneiht, —
צוּם סוֹף דַארְף אִיךְ אָנְטְהָאן דֶעם יְוָנִי'שֶׁען פְּלַאשְׁץ,	Zum Ssof darf ich onthon dem jwonischen Plaschtsch,
פוּן שַׁעטְנֵז גֶענֶעהְט, — אָי גָאט, וְואוּ אִיז מַיין טוֹיט!	Vun Schatnes geneiht,—oi Gott, wu is main Teit!

עס װאָלט זיך אָפּגֶעעֶפֶענְט דִי גְרוּב,
װאָלְט אִיךְ לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אַרַיין, —
אַז אִיךְ נֶעהְם זִיךְ נָאר בֶּעקְלֶערֶען,
אַז אִיךְ דַארְף אַ סָאלְדַאט זַיין!

פֶערְלָארֶען הָאט גֶעזָאלְט װֶערְ'ן יֶענֶער טָאג,
װָאס מַיין מַאמֶע הָאט זִיךְ מִיט מִיר פֶערְנוּמֶען!

צִי פַארְשְׁטֶעהְט נָאר װֶער מַיין גְרוֹיסֶען שְׁלַאק,

צוּ װָאס פַאר אַ מַדְרֵגָה אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען!

צִי װֵיינִיג צָרוֹת הָאט מַיין מַאמֶע אוֹיס־גֶעלִיטֶען,
בִּשְׁעַת זִי הָאט מִיר גֶעװוּאוּנֶען?
זֶעהְט נָאר מַיין גְרוֹיסֶען קְלָאג,
צוּ װָאס אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען!

קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע —
מֶען פֶערְמַיידְט אִידֶען פוּן דֶער תּוֹרָה;
גָאט װָאלְט אִיבֶּער קֶערֶען אוּנְזֶערֶע סְטַא־רָאסְטֶעס, דִי רִשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל,
כְּמַהְפֵּכַת סְדוֹם וַעֲמוֹרָה!

רַחֲמָנוּת הָאבּ, גָאט, אוֹיף אוּנְזֶער בִּיסֶעל בְּלוּט,
װָאס װֶערְט פוּן אוּנְז פֶערְגָאסֶען!
אָי, גָאט, װִי קֶענְסְטוּ גָאר צוּזֶעהְן דִי שְׁפִיכוּת דָמִים,
אַז מִי שֵׁיידְט פֶערְנַאנְדֶער אַ כַּלָּה פוּן אַ חָתָן!

שׁוֹין צַייט גֶעװֶען, אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען,
װָאלְט גֶעװֶען אַ נֵס מִן הַשָּׁמַיִם!
מֶען הָאט אוּנְז דֶערְבִּיטֶערְט אוּנְזֶער לֶעבֶּען,
נָאךְ מֶעהְר אֵיידֶער אִין מִצְרַיִם.

תּוֹרָה פוּן דִי אִידֶען װֶערְט פֶערְגֶעסֶען,
מֶען פֶערְמַיידְט אוּנְז פוּן צוּ דִינֶען גָאט;
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לֵייז אוּנְז אוֹיס פוּן גָלוּת
אוּנ בְּרֵיינְג אוּנְז אַרַיין מִיט כָּבוֹד אִין יְרוּשָׁלַיִם, דַיין שְׁטָאדְט!

Es wollt sich opgeeffent die Grub,
Wollt ich lebediger-heit arain,—
As ich nehm sich nor beklären,
As ich darf a Soldat sain!

Verloren hot gesollt wern jener Tog,
Wos main Mame hot sich mit mir vernummen!

Zi varsteiht gor wer main greissen Schlak,

Zu wos far a Madreige ich bin gekummen!

Zi weinig Zores hot main Mame ausgelitten,
Bisch'as sie hot mir gewunnen?
Seht nor main greissen Klog,
Zu wos ich bin gekummen!

Keil bo-Romo nischmo —
Men vermaidt Jiden vun der Teire;
Gott wollt iberkehren unsere Starostes, die Risch'ei-Jissroel,
K'mahpeichas Sdeim wa-Ameiro!

Rachmones hob, Gott, auf unser Blut,
Wos wert vun uns vergossen!
Oi, Gott, wie kennstu gor zusehn die Schfichus-domim,
As mi scheidt vernander a Kale vun a Choss'n!

Schoin Zait gewen, as Moschiach soll kummen,
Wollt gewen a Nes min ha-Schomaïm!
Men hot uns derbittert unser Leben,
Noch mehr eider in Mizraïm.

Teire vun die Jiden wert vergessen,
Men vermaidt uns vun zu dienen Gott;
Ribeinei schel Eilom, leis uns aus vun Golus
Un breing uns arain mit Kowed in Jruscholaïm, Dain Stodt!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 339.

אֵיידֶער מַיין מוּטֶער הָאט מִיר עֶרְצוֹיגֶען,
הָאט אִיהְר נִיט גֶעטְרִיקֶענְט אִיהְרֶע אוֹיגֶען.
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר,
אוּנ מַיין הַארְץ וֵויים גָאט אַלֵיין;
דִי מַאמֶע חַלֶשׁ'ט, אָי, אִיךְ מִינְטֶער אִיהְר.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִיט קַיין צַייט, אִיךְ מוּז שׁוֹין גֵעהְן!

Eider main Mutter hot mir erzeigen,
Hott ihr nit getrickent ihre Eigen.
Der Tate weint kuckendig auf mir,
Un main harz weiss Gott allein;
Die Mame chalescht, oi, ich, minter ihr,
Ich hob schoin nit kain Zait, ich mus schoin geihn!

וִוי מֶען הָאט מִיר אַרַיין גֶעפִיהְרְט אִין פְּרִיָאם,
הָאט מֶען אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטְהָאן, אַז מִי גִיט מִיר אָפּ עַל פִּי זַאקָאן.
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר א. ז. וו.

Wie men hot mir araingefihrt in Prijom,
Hot men a Geschrei gethon, as mi git mir op al-pi Sakon.
Der Tate weint kuckendig auf mir etc.

וִוי מֶען הָאט מִיר צוּ גֶעפִיהְרְט צוּם טִישׁ,
הָאט מִיר אָפּ גֶעהַאקְט דִי הֶענְט מִיט דִי פִּים.
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר א. ז. וו.

Wie men hot mir zugefihrt zum Tisch,
Hot mir opgehackt die Händ mit die Fiss.
Der Tate weint kuckendig auf mir, etc.

וִוי מֶען הָאט מִיר אַרוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶערְ'ן מָאם,
הָאבּ אִיךְ אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטְהָאן: מַאמִינְקֶע, וָואס אִיז דָאם?
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר א. ז. וו.

Wie men hot mir aruntergestellt unter'n Moss,
Hob ich a Geschrei gethon: Maminke, wos is dos?
Der Tate weint kuckendig auf mir etc.

בִּיז דְרַיי יָאהְר הָאט מֶען מִיר נִיט גֶעטְהָאן שֶׁערֶען,
אוּנ אִיצְט פִיהְרְט מֶען מִיר אִין שׁוּל שְׁוֶוערֶען.
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר א. ז. וו.

Bis drai Johr hot men mir nit gethon scheren,
Un itzt fihrt men mir in Schul schwern.
Der Tate weint kuckendig auf mir etc.

אֵיידֶער אִיךְ בִּין גֶעוָוארֶען אַ חָתָן,
הָאט מֶען מִיר מִיט אַ קוֹיל דֶער שָׁאסֶען.
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר א. ז. וו.

Eider ich bin geworen a Choss'n,
Hot men mir mit a Koil derschossen.
Der Tate weint kuckendig auf mir etc.

גֶענוּג, מַאמִינְקֶע, צוּ וֵויינֶען אוּנ צוּ קְלָאגֶען,
גְלַייכֶער וָואלְט גֶעוֶועןָ, אַז דוּ וָואלְסְט מִיר אַ קְלֵיינֶעם בַּאגְרָאבֶּען!
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר א. ז. וו.

Genug, Maminke, zu weinen un zu klogen,
Glaicher wollt gewen, as du wollst mir a kleinem bagroben!
Der Tate weint kuckendig auf mir etc.

זֶעהְט, בְּרִידֶער, מִיט מִיר אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ נִיט גוּט,	Seht, Brider, mit mir is schrecklich nit gut,
אוּנ אִיצְט קוּקְט אַלֶע, וִוי עֶס גִיסְט זִיךְ מַיין בְּלוּט!	Un itzt kuckt alle, wie es giesst sich main Blut!
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר א. ז. וו.	Der Tate weint kuckendig auf mir etc.
זַיי שׁוֹין גֶעזוּנְד, מַיין גֶעטְרַייֶער פָאטֶער,	Sai schoin gesund, main getraier Voter,
אִיצְטֶער וֶוערְסְטוּ אוֹיף אֵייבִּיג פוּן מִיר פָּטוּר!	Itzter werstu auf eibig vun mir potur!
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר א. ז. וו.	Der Tate weint kuckendig auf mir etc.
וָואס אִיז אוֹיף מִיר אַזָא קְלָאג,	Wos is auf mir asa Klog,
וָואס אִיז מִיר גֶעשֶׁעהְן הַיינְטִיגֶען טָאג?	Wos is mir geschehen haintigen Tog?
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר א. ז. וו.	Der Tate weint kuckendig auf mir etc.
זַיי שׁוֹין גֶעזוּנְד, מַיין גֶעטְרַייֶע מוּטֶער,	Sai schoin gesund main getraie Mutter,
מִיר אִיז דָא אַלֵיין שְׁרֶעקְלִיךְ בִּיטֶער!	Mir is do allein schrecklich bitter!
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר א. ז. וו.	Der Tate weint kuckendig auf mir etc.
זַייט גֶעזוּנְד, מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּנ בְּרִידֶער,	Sait gesund, maine Schwester un Brider,
גָאט וֵויס, צִי מִיר וֶועלֶען זִיךְ שׁוֹין זֶעהְן וִוידֶער!	Gott weis, zi mir wellen sich schoin sehn wieder!
דֶער טַאטֶע וֵויינְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר א. ז. וו.	Der Tate weint kuckendig auf mir etc.

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 340.

. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
אָי וֵועה, מוּטֶער, עֶס אִיז מִיר בִּיטֶער	Oi, weih, Mutter, es is mir bitter
צוּ שְׁטֵיעהְן אִין פְּרִיָאם אוֹיפְ'ן בְּלַאט!	Zu steihn in Prijom auf'n Blatt!
פַאר אַ יָאהְרֶען וֶוער וָואלְט זִיךְ רִיכְטֶען,	Var a Johren wer wollt sich richten,
אַז אִיךְ זָאל זַיין אַ סָאלְדַאט?	As ich soll sain a Soldat?

נַיין חָדָשִׁים הָאט מִיךְ מַיין מוּטֶער גֶעטְרָאגֶען,
בִּיז וַואנֶען זִי הָאט מִיךְ גֶעוְוינֶען;
אוּנ הַיינְט, אַז זִי הָאט שׁוֹין דֶעם נַחַת דֶערְלֶעבְּט,
מוּז אִיךְ פַאר אַ סָאלְדַאט דִינֶען!

דָארְט שְׁטֵעהְט אַ פָאטֶער אוּנ גִיסְט מִיט טְרֶערְן,
דִי מוּטֶער חַלֶשְׁ'ט אַצוּנְד;
דָארְט שְׁטֵעהֶען צְוַויי שְׁוֶועסְטֶער: „אָי, אוּנְזֶער בְּרוּדֶער!
עֶנְטְפֶער אוּנְז זַיי גֶעזוּנְד!"

דָארְט שְׁטֵעהְט אַ וַוייבְּל אוּנ גִיסְט מִיט טְרֶעהְרֶען
אוּנ רַייסְט אוֹיף זִיךְ דִי הָאר:
„צְוַויי חָדָשִׁים נָאךְ מַיין חֲתֻנָּה,
וֶוערְט מַיין מַאנְן עֶרְשְׁט צְוַאנְצִיג יָאהְר!"

דָארְט שְׁטֵעהְט נָאךְ אַ וַוייבְּל
אוּנ גִיסְט אוֹיךְ מִיט טְרֶעהְרֶען,
אוּנ שְׁרַייט: „אָי וֵועה, אָי וֵועה!
וֶוער וֶועט יֶעצְט מִיךְ דֶערְנֶערִין
מִיט מַיינֶע קִינְדֶערְלַאךְ דִי צְוַויי?"

אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען, אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען,
גֶעבְּלִיבֶּען בִּין אִיךְ אַלֵיין:
נִיטָא מִיט וֶועמֶען אַ וָוארְט אוֹיסְצוּרֵיידֶען,
עֶלִינְט וִוי פוּן אַ שְׁטֵיין!

מַיינֶע שַׁבָּתִים אוּנ מַיינֶע יוֹם־טוֹבִים
טְהוּ אִיךְ אִין דֶער פְרֶעמְד פֶערְשְׁטֶערֶען;
אַז אִיךְ דֶערְמָאהְן זִיךְ אוֹיף מַיין הוֹיזְגֶעזִינְד,
טְהוּ אִיךְ גִיסֶען טַייכֶען טְרֶעהְרֶען.

Nain Chadoschim hot mich main Mutter getrogen,
Bis wannen sie hot mich gewynen;
Un haint, as sie hot schoin dem Naches derlebt,
Mus ich var a Soldat dienen!

Dort steiht a Voter un giesst mit Thrären,
Die Mutter Chalescht azund;
Dort steihen zwei Schwester: „Oi, unser Bruder,
Entfer uns, sai gesund!"

Dort steiht a Waib'l un giesst mit Thrären
Un raisst auf sich die Hor:
„Zwei Chadoschim noch main Chassene,
Wert main Mann erst zwanzig Johr!"

Dort steiht noch a Waib'l
Un giesst auch mit Thrären,
Un schrait: „Oi weih, oi weih!
Wer wet jetzt mich dernähren
Mit maine Kinderlach die zwei?"

Awekgefhoren, awekgefohren,
Geblieben bin ich allein:
Nito mit wemen a Wort auszureiden,
Elend wie vun a Stein!

Maine Schabossim un maine Jomteiwim
Thu ich in der Fremd versteren;
As ich dermohn sich auf main Hausgesind,
Thu ich giessen Taichen Thrären.

I. Л. Раввинскій (Гадячъ, Полтавск. губ.).

. . . .
. . . .
. . . .
. . . .

אי, פרייטיג, אי, פרייטיג פארנאכט
זיינען מיר געזעסען אלע פארטראכט;
מיר וואלטען געגאנגען צו א אידען אויף
שבת, —
האט דער פעלדפעבעל א פאוויערקע גע-
מאכט.

אי, שבת, אי, שבת גאנץ פריה
האט מען געגעבען א געשריי: „נא אוטשעניע
וויחאדי!"
צי האט מען געגעסען, צי האט מען גע-
טרונקען? —
א פאטש חאפט מען דערצו!

אי, ברידער, אי, ברידער,
מיר זיינען סאלדאטען, מיר זיינען אין פרעמדע
הענט;
אי, ברידער, אי, ברידער,
מיר האבען פארשפיעלט אונזער וועלט!

. . . .
. . . .
. . . .
. . . .

Oi, Fraitig, oi, Fraitig var-nacht
Sainen mir gesessen alle vartracht;
Mir wollten gegangen zu a Jiden auf
Schabes,—
Hot der Feldfebel a Powjerke ge-
macht.

Oi, Schabes, oi, Schabes ganz frih
Hot men gegeben a Geschrei: „Na
utschenje wychodi!"
Zi hot men gegessen, zi hot men ge-
trunken?—
A Patsch chapt men derzy!

Oi, Brider, oi, Brider,
Mir sainen Soldaten, mir sainen in
fremde Händ;
Oi, Brider, oi Brider,
Mir hoben varspielt unser Welt!

М. А. Зонъ (Старая-Синява, Подольск. губ.).

№ 342.

א סאלדאט טאר זיך ניט שעמען,
ער מוז ניט אראפלאזען די אויגען;
ער מוז אלעס צונעהמען,
וואס פאר איהם טהוט נאר טויגען.

א שיינע, פיינע מיידעל,
קיין סאלדאט וויל איהר ניט קענען —
א מאוסע, א פראקליאטע,
דער טייוועל זאל איהר נעהמען!

א אינגעלע פון זיבעצען יאהר,
טהוען זיך אלע מיט איהם שעמען;
ווי ער קומט צו איין-און-צוואנציג יאהר,
טהוט עם דער קיסר צונעהמען.

A Soldat tor sich nit schämen,
Er mus nit aroplosen die Eigen;
Er mus alles zunehmen,
Wos far ihm thut nor teigen.

A scheine, faine Meidel,
Kein Soldat will ihr nit kennen—
A miesse, a prokljate,
Der Taiwel soll ihr nehmen!

A Jingele vun siebezehn Johr,
Thuen sich alle mit ihm schämen;
Wie er kummt zu ein un zwanzig
Johr,
Thut ihm der Keisser zunehmen.

אַז עֶר מֶעכְט װֶערֶען גְרֶעסֶער,
דֶען מֶעכְט דָאךְ זַיין בֶּעסֶער;
נָאר עֶר הָאט אַזאַ זִכָּרוֹן,
אַז עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי קָאפּ אִין שְׁנָארְ'ן.

As er mecht weren gresser,
Denn mecht doch sain besser;
Nor er hot asa Sikor'n
As er hot araingeleigt die Kop ia Schnorrn.

Д. Г. Гальпернъ (Юрбургъ, Ковенск. губ.).

№ 343.

אַרוֹיס גֶעצוֹיגֶען אַ גְרוֹיסֶען נוּמֶער,
גֶעחַאפְּט אַ אִיזְװָאזְצִיק, גֶעלָאפֶען אַ הֵיים –

אָי, אָפְּגֶעגֶעבֶּען אַ פֶּערְװִי-לְגָאטְנִיק,
פַאר אַיָוָן דִינֶען מוּז מֶען גֵעהְן!

אִיךְ גֵעה אַרוֹיס אוֹיפְ'ן גַאס,
אִיךְ זֶעה –, דִי זוּהְן שַׁיינְט;
אִיךְ גִיבּ זִיךְ מִיר אַזָאג צוּ אַלֶע מַיינֶע פְרַיינְד,
אַז מֶעהְר װֶעלֶען מִיר זִיךְ נִיט זֶעהְן הַיינְט!

אוֹיפְ'ן יַם בְּלָאזְט אַ װִינְד,
דִי שִׁיף טְהוּעֶן דִי װַאלֶען שְׁלָאגֶען;
אִין מַיין הַארְצֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער זִינְד,
אִיךְ קֶען פַאר קֵיינֶעם נִיט אוֹיסְזָאגֶען!

אַפְ'ן פְּרִיפֶּעצִיק בְּרֶענְט אַ פַייעֶר,
אוּנ פוּן קוֹימֶען גֵעהְט אַרוֹיךְ אִין אֵיין שְׁטִיק;
פִינְף יָאהְר מוּז מֶען דִינֶען,
אוֹיפְ'ן זֶעקְסְטֶען קוּמֶען צוּרִיק!

Arausgezeigen a greissen Nummer,
Gechapt a Iswostschik, gelofen a heim—
Oi, opgegeben a perwy-ljgotnik,
Far a Jown dienen mus men geihn!

Ich geih araus auf'n Gass,
Ich seh,—die Sunn Schaint;
Ich gib sich mir a sog zu alle maine Fraind,
As mehr welen mir sich nit sehn haint!

Auf'n Iam blost a Wind,
Die Schiff thuen die Wallen schlogen;
In main Harzen is a greisser Sind,
Ich kenn var keinem nit aussogen!

Af'n Pripezik brennt a Faier,
Un vun keimen geiht a Reich in ein Stick;
Finf Johr mus men dienen,
Auf'n sechsten kummen zurick!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 344.

דָאס יָאהְר הָאט זִיךְ נָאר אַװֶעק גֶערוּקְט
אוּנ דָאס יָאהְר הָאט נָאר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ גֵעהְן, –
אַזוֹי הָאט מֶען מִיר אַ פָּאװְיֶעסְטְקֶע אַרַיינְגֶעשִׁיקְט,
אַז אִיךְ דַארְף הַיינְטִיגְס יָאהְר צוּם פְּרִיזִיװ שְׁטֵעהְן.

Dos Johr hot sich nor awekgeryckt
Un Dos Johr hot nor ongeheiben zu geihn, —
Asei hot men mir a Powiestke araingeschickt,
As ich darf haintig's Johr zum Prisyw steihn.

דער טאטע מיט דער מאמאן גייהען נאך בא די זייטען	Der Tate mit der Mamen geihen ba die Saiten
אונ קלאגען: „צום פריזיוו פיהרט מען דיך א צונד!“	Un klogen: „Znm Prisyw fihrt men dich azynd!“
ביטערע געשרייען, אי, הער איך פון ווייטען:	Bittere Geschreien, oi, her ich vun waiten:
בעט א גוט קוויטעל פאר מיין קינד!	Bet a gut Quittel far main Kind!
איידער איך האב נאך דעם נומער „זיבעצעהן“ ארויסגעצויגען,	Eider ich hob noch dem Nummer „siebezehn“ arausgezeigen,
אזוי איז מיר פינסטער געווארען אין מיינע אויגען;	Asei is mir finster geworen in maine Eigen;
די טהיר אויף ארויס צו געהן,	Die Thir auf arauszugeihn,
אי, האב איך שוין נישט געפונען,	Oi, hob ich schoin nit gefunen,
אז איך האב געהערט פון די עלטערן	As ich hob gehert vun die Eltern
דאס וויינען אונ ברומען!	Dos Weinen un Brummen!

М. А. Зонъ (Старая-Синява, Подольск. губ.).

№ 345.

זיי־זשע מיר געזונד, מיין ליבער פאטער,	Sai-że mir gesund, main lieber Voter,
איך פאהר זיך שוין פון דיר אוועק;	Ich fohr sich schoin vun dir awek;
איין אונ צוואנציג יאהר האסטו מיך געהאדעוועט,	Ein un zwanzig Johr hostu mich gehodewet,
אונ היינט וואַרף איך דיך אוועק!	Un haint warf ich dich awek!
זיי־זשע מיר געזונד, מיין ליבע מוטער,	Sai-że mir gesund, main liebe Mutter,
איך פאהר זיך שוין פון דיר אוועק;	Ich fohr sich schoin vun dir awek;
אונטער דיינעם הארצען בין איך געלעגען,	Unter dainem Harzen bin ich gelegen,
אונ היינט וואַרף איך דיך אוועק!	Un haint warf ich dich awek!
זיי־זשע מיר געזונד, מיין ליבער ברודער,	Sai-że mir gesund, main lieber Bruder,
איך פאהר שוין פון דיר אוועק;	Ich fohr schoin vun dir awek;
אונטער איין הארצען זיינען מיר געלעגען,	Unter ein Harzen sainen mir gelegen,
אונ היינט וואַרף איך דיך אוועק!	Un haint warf ich dich awek!
זיי־זשע מיר געזונד, מיין ליבע שוועסטער,	Sai-że mir gesund, main liebe Schwester,
איך פאהר דאך שוין פון דיר אוועק;	Ich fohr doch schoin vun dir awek,
אויף דיינע הענט האסטו מיך געטראגען,	Auf daine Händ hostu mich getrogen,
אונ היינט וואַרף איך דיך אוועק!	Un haint warf ich dich awek!

זַייט־זְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְד, מַיינֶע לִיבֶּע פְרַיינְד,	Sait-że mir gesund maine liebe Fraind,
אֵיינֶער הָאט מִיךְ לִיעבּ, דֶער צְוֵוייטֶער הָאט מִיךְ פַיינְד;	Einer hot mich lieb, der zweiter hot mich faint;
זַייט־זְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְד, מַיינֶע לִיבֶּע שְׁכֵנִים,	Sait-że mir gesund, maine liebe Sch'cheinim,
אַ טְהֵייל וֶועלֶען לַאכֶען אוּנ אַ טְהֵייל וֶועלֶען וֵויינֶען.	A Theil welen lachen un a Theil welen weïnen.
זַיי־זְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְד, מַיין לִיבֶּע כַּלָּה, —	Sai-że mir gesund, main liebe Kale,—
נָאךְ דִיר וֶועל אִיךְ בֵּיינְקֶען,	Noch dir wel ich beinken,
בֶּעסֶער וְוי נָאךְ אַלֶע!	Besser wie noch Alle!

М. А. Зонъ (Старая-Синява, Подольск. губ.).

№ 346.

אַיין אוּנְגְלִיק הָאט אוּנְז, בְּרִידֶער, גֶעטְרָאפֶען	Ain Unglick hot uns, Brider, getroffen
גָאר וְוי פוּן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה;	Gor wie vun Bess-din schel mailo;
מִיר הָאבֶּען אוּנְזֶער גְלִיק פֶערְשְׁלָאפֶען	Mir hoben unser Glick verschlofen
גָאר אִין אַ קוּרְצֶע וַויילֶע.	Gor in a kurze waile.
בְּרִידֶער, בֶּעטְרַאכְט אוּנְזֶער לֶעבֶּען,	Brider, betracht unser Leben,
אַזַא קְלָאג צוּ אוּנְזֶערֶע יָאהְרֶען, —	Asa Klog zu unsere Johren,—
וָואהִין מִיר זַיינֶען צוּפְלוֹיגֶען,	Wohin mir sainen zufleigen,
וָואהִין מִיר זַיינֶען צוּפָאהְרֶען!	Wohin mir sainen zufohren!
גֶעלָאזֶען אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער,	Gelosen a Waib mit Kinder,
פֶערְפְלוֹיגֶען וְוי אַ פֵייגֶעלֶע פוּן נֶעסְט;	Verfleigen, wie a Veigele vun Nest;
גָאט, בָּרוּךְ הוּא, בַּאוַוייז דַיין וְואוּנְדֶער	Gott, boruch hu, bawais dain Wunder
אוּנ בְּרֵיינְג אוּנְז אַהֵיים פַאר גֶעסְט!	Un breing uns aheim far Gäst!
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶער וָואלְנֶער,	Glicklich is der Woljner,
דֶער וָואס וֵויים נִיט פוּן אַזַא צָרָה;	Der wos weiss nit vun asa Zore,
עֶר מֶעג זַיין רַייךְ אָדֶער אָרֶם, —	Er meg sain raich oder orm,—
עֶר אִיז גָאר בַּיי זִיךְ אַ שְׂרָרָה.	Er is gor bai sich a Srore,
אָבֶּער אוּנְז אִיז יֶעדֶער דַן,	Ober uns is Jeder dan,
מִיר שְׁרֶעקֶען זִיךְ אֲפִילוּ פַאר אַ פְלִיג;	Mir schrecken sich afile var a Flieg;
אַז מֶע גִיט נָאר אַ קְלַאפּ אִין בַּארַאבַּאן,	As men git nor a klap in Baraban,
זָא מוּזְן מִיר זִיךְ שְׁטֶעלֶען צוּם קְרִיג.	So musen mir Sich stellen zum Krieg.

דִי בַּעֲלֵי־בָּתִּים, אַז זֵיי לֵייגֶען זִיךְ שְׁלָאפֶען,	Die Bale-batim, as sei leigen sich schlofen,
טְהוּעֶן זֵיי גָאר אַנְדֶערְש דֶענְקֶען, —	Thuen sei gor anders deinken, —
טְהוּעֶן צוּ גָאט, בָּרוּךְ־הוּא, הָאפֶען,	Thuen zu Gott, boruch hu, hoffen,
אַז עֶר זָאל זֵיי דִי פַּרְנָסָה שֶׁענְקֶען.	As Er soll sei die Parnosse schein-ken.
אוּנְז אִיז דִי קָאפּ נִיט דֶערְבַּיי,	Uns is die Kop nit derbai,
מִיר זַיינֶען בַּיי קֵיינֶעם גֶעאַכְט;	Mir sainen bai keinem geacht;
אַבִּי מִיר זַיינֶען דֶעם קֵיסָר גֶעטְרַיי,	Abi mir sainen dem Keisser getrai,
. . . .	. . . .
הִימֶעל אוּנ עֶרְד הָאט גֶעשְׁוָוארֶען,	Himmel un Erd hot geschworen,
אַז קֵיין פֶערְבָּארְגֶענֶע זַאכֶען טָאר נִיט זַיין;	As kain verborgene Sachen tor nit sain;
ווִי מֶען הָאט אוּנְז אָפְּגֶעשָׁארֶען,	Wie men hot uns opgeschoren,
זָא זַיינֶען מִיר אִין קַאזַארְמֶע אַרַיין.	So sainen mir in Kasarme arain.
מִיר מוּזֶען זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן פְרַיינְד,	Mir musen sich gesegenen vun Fraind,
עֶס הֶעלְפְט דָאךְ קֵיין יָאמֶער, קֵיין גֶעלְט;	Es helft doch kain Jommer, kain Geld;
אִיךְ זָאג, בְּרִידֶערְלַאךְ, הַיינְט —	Ich sog, Briderlach, haint —
מִיר פַארְשְׁפִּילֶען אוּנְזֶער ווֶעלְט!	Mir varspielen unser Welt!

Д. Г. Гальпернъ (Газенпотъ, Курляндск. губ.).

№ 347.

נַיין חֳדָשִׁים הָאט מִיר מַיין מוּטֶער גֶעטְרָאגֶען	Nain Chadoschim hot mich main Mutter getrogen,
בִּיסְטְוַואנֶען זִי הָאט מִיר גֶעווּאוּנֶען;	Bistwannen sie hot mich gewynnen;
טַייכֶען בְּלוּט הָאט זִיךְ פוּן אִיהְר גֶענָאסֶען,	Taichen Blut hot sich vun ihr ge-gossen,
אוּנ יֶעצְט הָאט מֶען מִיר פַאר אַ סָאלְדַאט צוּגֶענוּמֶען.	Un jetzt hot men mich var a Soldat zugenummen.
אֵי ווֵעה, מַאמֶע, מִיר זַיינֶען פֶערְלָארֶען,	Oi weih, Mame, mir sainen verloren,
מִיר הָאבֶען פֶערְשְׁפִּילְט אוּנְזֶער ווֶעלְט;	Mir hoben verspielt unser Welt;
אֵי ווֵעה, בְּרִידֶער, מִיר זַיינֶען סָאלְדַאטֶען,	Oi weih, Brider, Mir sainen Soldaten,
מִיר זַיינֶען אִין..... הֶענְט!	Mir sainen in . . . . . Händ!
אֵי זֶעהְט, לִיעבְּסְטֶע בְּרִידֶער,	Oi seht, liebste Brider,
אַ קְלָאג אִיז צוּ אוּנְזֶערֶע יָאהְרֶען:	A Klog is zu unsere Johren:
מִיר לָאזֶען אִין דֶער הֵיים פָאטֶער אוּנ מוּטֶער,	Mir losen in der-heim Voter un Mutter,
ווֶער ווֵייס אוֹיבּ מִיר ווֶעלֶען זֵיי אִין דִי פִיער יָאהְר מֶעהְר הָאבֶען!	Wer weiss, eib mir welen sei in die vier Johr mehr hoben!

מֶען אִיז אוּנְז אַלֶע טָאג דַן,	Men is uns alle Tog dan,
מִיר מוּזֶען צִיטֶערְן פַאר אַ פְלִיג;	Mir musen zittern var a Flieg;
וִוי מֶע דֶערְלַאנְגְט אַ קְלַאפּ אַפְ'ן בַּארַאבַּאן,	Wie me derlangt a klap in Baraban,
אַזוֹי מוּזֶען מִיר שְׁטֵעהְן צוּם קְרִיעג.	Asei musen mir steihn zum Krieg.
דֶער לִיבֶּער שַׁבָּת קֹדֶשׁ, —	Der lieber Schabos-keidesch,—
אִיךְ מֶעכְט וֶועלֶען גֵעהְן אִין שׁוּל אִין דֶער פְּרִיה,	Ich mecht wellen geihn in Schul in der-frih,
קוּמְט צוּ גֵעהְן דֶער פֶעלְדְפֶעבֶּעל, דֶער רֶבִּי,	Kummt zugeihn der Feldfebel der Rebe,
אוּנ שְׁרַייט אוּף: „נַא אוּטְשֶׁענְיֶע חָאדִי!"	Un schrait uf: „Na utschenje chodi!"

Д. Г. Гальпернъ (Россіены, Ковенск. губ.).

№ 348.

אִיךְ הֵייבּ נָאר אָן צוּ בַּאקְלֶערֶען:	Ich heib nor on zu baklären:
וָואס פַאר אַ תַּכְלִית קֶענְן פוּן מִיר וֶוערֶען,	Wos far a Tachles kenn vun mir weren,
אַז צוּ מַיינֶע בֶּעסְטֶע יוּנְגֶע יָאהְר	As zu maine beste Junge Johr
נֶעהְמְט מֶען מִיךְ צוּ פַאר אַ סָאלְדַאט גָאר!	Nehmt men mich zu far a Soldat gor!
הֶערְט, מַיינֶע לִיבֶּע עֶלְטֶערְן,	Hert, maine liebe Eltern,
אִיהְר מֶעגְט קְלָאגֶען אַ סַךְ:	Ihr megt klogen a ssach:
מֶען טְרַייבְּט מִיךְ אַוֶועק	Men traibt mich awek
אָי, פוּן אַייךְ!	Oi, vun aich!
מֶען טְרַייבְּט מִיךְ אַוֶועק	Men traibt mich awek
אִין אַ וַוייט פְרֶעמְד לַאנְד,	In a wait-fremd Land,
וָואס דָארְטֶען בִּין אִיךְ עֶלֶענְט,	Wos dorten bin ich elend,
מִיט קֵיינֶעם נִיט בַּאקַאנְט.	Mit keinem nit bakannt.
אִין לַאנְד בִּין אִיךְ פְרֶעמְד,	In Land bin ich fremd,
עֶלֶענְד וִוי אַ שְׁטֵיין.	Elnd wie a stein.
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
מִיט וִויפִיעל שְׁמֶערְצֶען [1]	Mit wie viel Schmerzen [1]
זֶעטִיג [2] אִיךְ מִיךְ אָן,	Sättig [2] ich mich on,
בִּיז דִי פִינְסְטֶערֶע נַאכְט	Bis die finstere Nacht
קוּמְט מִיר שׁוֹין אָן!	Kummt mir schoin on!

1) קְרֶעכְצֶען. Krächzen.

2) זַאטְט. Sätt.

אִיךְ הֵייבּ נָאר אָן	Ich heib nor on
אַ דְרֶעמְל צוּ טְהָאן,	A dreml zu thon,
קוּמְט דֶער סָאלְדַאט	Kummt der Soldat
אוּנ קְלַאפְּט מִיךְ שׁוֹין אָן.	Un klappt mich schoin on.
„שְׁטֵעה אוֹיף, דוּ פָּרִיץ, —	„Steih auf, du Porez,—
טְהוּט עֶר אוֹיף מִיר אַ גֶעשְׁרֵיי, —	Thut er auf mir a Geschrei,—
דוּ בִּיסְט נִישְׁט אִין דֶער הֵיים, [1]	Du bist nischt in der—heim, [1]
זָאלְסְט שְׁלָאפֶען בִּיז זֵייגֶער צְוֵויי!"	Sollst schloffen bis Seiger zwei!"
דֶער שְׁלֶעכְטֶער סָאלְדַאט	Der schlechter Soldat
הָאט דָאס גָאר נִיט בַּאטְרַאכְט,	Hot dos gor nit batracht,
וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ פַארְבְּרַאכְט	Wie asei ich hob varbracht
דִי פִינְסְטֶערֶע נַאכְט!	Die finstere Nacht!
אִיךְ וָואלְט מִיךְ גֶעקֶענְט	Ich wollt mich gekont
בִּיז טָאג גוּט אוֹיסְרוּהֶען,	Bis Tog gut ausruhen,
אִין וַואךְ אוֹיף מַיינֶע עֶלְטֶערְן	In wach auf maine Eltern
אִין חָלוֹם אַ קוּק טְהוּעֶן! [2]	In Cholem a kuck thuen! [2]
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .
אַז מַיינֶע עֶלְטָערְן זַיינֶען	As maine Eltern sainen
נֶעבֶּען מִיר נִישְׁטָא,	Neben mir nischto,
אוּנ קֵיין הַארְץ־פְרַיינְד	Un kain Harz-fraind
אִיז אוֹיךְ נִישְׁטָא!	Is auch nischto!

Н. І. Глахенгаузъ (Братолюбовка, Херсонск. губ.).
М. А. Зонъ (Старая-Синява, Подольск. губ.).



---

[1] בַּיי דֶער מַאמֶען.	Bai der Mameń.
[2] אִיךְ וָואלְט נָאךְ גֶעקָאנְט	Ich wollt noch gekonnt
אֵיין שָׁעָה רוּהֶען,	Ein Scho ruhen,
וֶוען אִיךְ זָאל אוֹיף מַיין לִיבּ־מוּטֶער	Wenn ich soll auf main lieb Mutter
גֶעקָאנְט אַ קוּק טְהוּעֶן.	Gekonnt a kuk thuen.

XI.

Разныя пѣсни.

№ 349.

— קראנק, קראנק בין איך געוואָרען,
— כ'שפּיר שוין ניט קיין לעבען, קיין גליד, קיין אבר.
אָי, אין אַנ-אַנדער דירה טהו איך, ברידער, אַריבער פאָהרען,
זי איז דאָך אַלעמען באַקאַנט, — מרופט איהר קבר.
וואָס איז געוואָרען מיט מיינע אויגען?
זיי זיינען מיר געוואָרען פארצויגען,
כ'דערקענן שוין ניט קיין מענטשען, ווער ס'געהט בא מיר אריין!
אָי גאָט, טהו מיט מיר וואונדער,
לאָז מיר לעבען בא מיין ווייב אונ מיינע קינדער,
בא מיין ווייב אונ מיינע קינדער לאָז מיר זיין!

— זעה, מיין מאנן געטרייער,
וואָס ברענט בא אונז אזא פייער,
אָי וועה וואָס איז מיט דיר געוואָרען!
דו געהסט אַוועק פון דער וועלט אָהן אטאָלק אונ אָהן אלאד,
דו לאָזט דיין ווייב מיט דיינע קינדער אף אייביג נע ונד,
דו בינסט נאָך דיין וועלט ניט דורכגעפאָהרען!

—Krank, krank bin ich geworen,
'ch spir schoin nit kein Leben, kein Glied, kein Eiwer.
Oi, in a-n-ander Dire thu ich, Brider, ariberfohren,
Sie is doch allemen bekannt,—men ruft ihr Keiwer.
Wos is geworen mit maine Eigen?
Sei sainen mir geworen varzeigen,
'ch derkenn schoin kein Mentschen wer 's geiht ba mir arain!
Oi, Gott thu mit mir Wynder,
Los mir leben ba main Waib un Kinder,
Ba main Waib un maine Kinder los mir sain!

—Seh, main Mann getraier,
Wos brennt ba uns asa Faier,
Oi weih, wos is mit dir geworen!
Du geihst awek vun der Welt ohn a tolk un ohn a lad,
Du lost dain Waib mit daine Kinder af eibig no wo-nad,
Du binst noch dain Welt nit durchgefohren!

— דו האסט מיר צו געזאגט פאר מענטשען , — אז דו וועסט מיר אונטער מיין חפה בענטשען , — אז דו וועסט זיך אונטער מיין חפה צירען , —	—Du host mir zugesogt var Mentschen, As du west mir unter main Chupe bentschen, As du west sich unter main Chupe zieren,—
היינט, פאטערל, וואס טהוסטו פון מיר אוועק שוועבען ! טהו חאטשבע , טהו חאטשבע מיין חפה דער לעבען , אי וועה דו זאלסט מיר אונטער מיין חפה פיהרען !	Haint, Voter'l, wos thustu vun mir awekschweben! Thu chotschbe, thu chotschbe main Chupe derleben, Oi, weih, du sollst mir unter main Chupe fihren!
— קינדער, קינדער איך קען שוין דאס ניט דערטראגען אייער וויינען אונ אייער קלאגען , וואס איהר טהוט אזוי עלענט אף דער וועלט בלייבען , אונ דער מלאך המות טהוט לעבען מיר זיין שווערד שארפען ! עס איז מיר געוויס שלעכט אייך אוועק צו ווארפען , אונ איהר זאלט זיך אין דער וועלט ארומ־טרייבען . מלאך המות , מלאך המות , געה אוועק פון מיר , געה ארויס פון מיין טהיר ! וואס קומסטו צו געהן צו מיר יעדער מינוט ! אי , דו קומסט צו געהן פון א גאנץ ווייטען עק , דו געהמסט מיין נשמה פון מיר אוועק , וואס צאפסטו אפ פון מיר מיין בלוט !	—Kinder, Kinder, ich kenn schoin dos nit dertrogen, Aier Weinen un aier Klogen, Wos ihr thut asei elend af der Welt blaiben, Un der Mal'ach-ha-Mowes thut leben mir sain Schwert scharfen! Es is mir gewiss schlecht aich awekzuwarfen, Un ihr sollt sich in der Welt arumtraiben. Mal'ach-ha-Mowes, Mal'ach-ha-Mowes, geih awek vun mir, Geih araus vun main Thirl Wos kummstu zugeihn zu mir jeder Minut! Oi, du kummst zugeihn vun a ganz waiten Eck, Du nehmst main Nschome vun mir awek, Wos zapstu op vun mir main Blut!
— עס וועט שוין ניט העלפען דיין בעטען , איך וועל שוין פון דיר ניט אפטרעטען , אונ פארן טויט מוזטו מיט דיינע ליפען פארבייסען ; אי , פון דער וועלט מוזטו ווערען פארטריבען אונ אין בוך פון טויט בינסטו שוין איינגעשריבען , די חתימה פון טויט קען מען שוין ניט צו רייסען !	—Es wet schoin nit helfen dain Beten, Ich wel schoin vun dir nit optreten, Un var'n Teit musstu mit daine Lippen varbaissen; Oi, vun der Welt musstu weren vartrieben Un in Buch vun Teit binstu schoin aingeschrieben, Die Chssime vun Teit kenn men schoin nit zuraissen!

איך טהו דיר נאך א מאל זאגען —
עס וועט שוין ניט העלפען דיין וויינען און קלאגען,
ווארום דו בינסט געגליכען צו א גולם.
אי גרייט זיך אן דין וחשבון אפ צו געבען,

וואס דו האסט געטאהן אפ'ן גאנצען לעבען!
אי, דו געהסט דאך שוין אף יענעם עולם,

עס וועט שוין ניט העלפען דיין געוויין,
דו מוזט דאך שוין פון דער וועלט אוועק געהן!

עס וועט שוין ניט העלפען, וואס דו וועסט פארגיסען פיל טרערן,
א דו געהסט אוועק פון דער וועלט מיט א גרויסען קלאג,
מ'זאל דיר דארטען ניט רעכענען א יאהר פאר א טאג,
דו זאלסט ניט דארפען חלילה צוריק באשאפען ווערען!

— אי ברידער, ברידער האט אף מיר מיטלייד,
וואס איך נעהם פון דער וועלט אזוי גיך אבשייד,
און איך פארגים פיל טרערן א טייך!
אי עס חאפט מיר אן א גרויסער שרעק,
וואס איך געה אזוי יונג פון דער וועלט אוועק,

און דארף ליגען אין דער ערד מיט'ן ווערמ'ל צו גלייך!
ברידער, ברידער זעהט ווי פיין איז מיין שטוב,

און איך דארף פון איהר געהן אין א פינסטערע גרוב!
עס העלפט ניט מיין רייכקייט און מיין פיעל געלט,
אי, אין בוך פון טוידט בין איך שוין פאר-שריבען געווארען;
אי, עס ענדיגט זיך שוין מיינע יאהרען,
אי איך געה שוין אוועק פון דער וועלט!
קומט אהער, מיין ווייב און מיינע קינדער,

גאט זאל מיט אייך טאהן ווונדער,

Ich thu dir noch amol sogen—
Es wet schoin nit helfen dain Weinen un Klogen,
Worum du binst geglichen zu a Geilem.
Oi, greit sich on Din w' Cheschb'n opzugeben,
Wos du host gethon af'n ganzen Leben!
Oi, du geihst doch schoin af jenem Eilom,
Es wet schoin nit helfen dain Gewein,
Du musst doch schoin vun der Welt awekgeihn!
Es wet schoin nit helfen, wos du west vargiessen viel Thrären,
A du geihst awek vun der Welt mit a greissen Klog.
M'soll dir dorten nit rechenen a Johr far a Tog,
Du sollst nit darfen cholile zurick baschaffen weren!

—O, Brider, Brider, hot af mir Mitlaid,
Wos ich nehm vun der Welt asei gich Opschaid,
Un ich vargiess viel Thrären a Taich!
Oi, es chapt mir on a greisser Schreck,
Wos ich geih asei jung vun der Welt awek,
Un darf liegen in der Erd mit'n Werm'l zuglaich!
Brider, Brider, seht, wie fain is main Stub,
Un ich darf vun ihr geihn in a finstere Grub!
Es helft nit main Raichkait nn main viel Geld,
Oi, in Buch vun Teit bin ich schoin varschrieben geworen,
Oi, es endigt sich schoin maine Johren,
Oi ich geih schoin awek vun der Welt!
Kummt aher, main Waib un maine Kinder,
Gott soll mit aich thon Wynder,

וָוארום עֶר הָאט אַף יֶעדֶערְן רַחֲמָנוּת !	Worum Er hot af jedern Rachmones!
אָי, אָן אַייעֶר טַאטֶען זָאלְט אִיהר פַארְגֶעסֶען,	Oi, on aier Taten sollt ihr vargessen,
וָוארום יֶעדֶער גְלִיד אוּנ יֶעדֶער אֵבֶר וֶועלֶען וֶוערְם צוּעֶסֶען.	Worum jeder Glied un jeder Eiwer welen Werm züessen.
גָאט וֶועט אַייךְ שְׁטִיצֶען, עֶר אִיז אֲבִי יְתוֹמִים וְדַיָּן אַלְמָנוֹת !	Gott wet aish stitzen, Er is Awi-jssei-mim w' Dajan-almoneis!

B. M. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 350.

אָ, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל אֵייבִּיג לֶעבֶּען,	Oh, ich hob gemeint, as ich wel eibig leben
הַיינְט דַארְף אִיךְ דִי נְשָׁמָה פוּן גוּף אַוֶועק גֶעבֶּען !	Haint darf ich die Nschome vun Guf awekgeben!
אָי אוּנ וֵועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהֶן,	Oi un weih is mir geschehn,
וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִיט אַרום גֶעזֶעהֶן ;	Wos ich hob sich nit arumgesehn;
וָואלְט אִיךְ אוֹיפְ'ן סוֹף גֶעטְרַאכְט,	Wollt ich auf'n Ssof getracht,
וָואלְט אִיךְ מַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען אַזוֹי נִיט פֶערְבְּרַאכְט !	Wollt ich maine junge Johren asei nit verbracht!
בַּאלְד קוּמְט דָאךְ אָן דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת צוּ מִיר	Bald kummt doch on der Mal'ach-ha-Mowes zu mir
אוּנ וֶועט אָפּ נֶעהְמֶען חֶשְׁבּוֹן אוּנ חוֹב פוּן מִיר.	Un wet opnehmen Cheschb'n un Cheiw vun mir.
אָי אוּנ וֵועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהֶן א. ז. וו.	Oi un weih is mir nit geschehn etc.
גָאר דִי וֶועלְט הָאט גֶעטְהָאן וֵויינֶען,	Gor die Welt hot gethon weinen,
אָרֶעמֶע שִׂמְחוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעטְהָאן בַּאשַׁיינֶען,	Oreme Ssimches hob ich gethon ba-scheinen,
לְשֵׁם שָׁמַיִם הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעטְהָאן מֵיינֶען.	L'schem schomaïm hob ich nit gethon meinen.
אָי אוּנ וֵועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהֶן א. ז. וו.	Oi un weih is mir nit geschen etc.
דֶערפַאר וֶוער אִיךְ פוּן דֶער וֶועלְט בֶּעשְׁטַאט,	Derfar wer ich vun der Welt bestat,
אַכְזָאל אִיךְ הָאבּ הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ אִין זִינֶען נִיט גֶעהַאט.	Achsol ich hob ha-Schem-jisborach in sinen nit gehat.
וָואלְט אִיךְ הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ אִין זִינֶען הָאבֶּען,	Wollt ich Haschem-jisborach in Sinnen hoben,
וָואלְט אִיךְ נִיט וֶוערֶען אַיין יוּנְגִיקֶער בֶּעגְרַאבֶּען !	Wollt ich nit weren a junginker beg-roben!
אָי אוּנ וֵועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהֶן א. ז. וו.	Oi un weih is mir nit geschehn etc.

היינט לייגט מען מיך מיט די פיס צום טהיר ,
מי וועט אפ נעהמען חשבון אונ חוב פון מיר .
אי אונ וועה איז מיר ניט געשעהן א. ז. וו.

ווי קאן איך זאגען דעם מלאך המות „ברוך הבא" ,
אז איך וויים ניט , צי האב איך איין חלק עולם-הבא ?
אי אונ וועה איז מיר ניט געשעהן א. ז. וו.

זייט געזונד , ווייב אונ קינדערלעך !
ניט שוים אז איך וועל שטארבען וועט אייך גאט
ניט געבען איין עצה אלעמען באזונדערלעך ?
אי אונ וועה איז מיר ניט געשעהן א. ז. וו.

חברה קדישא , טהאן שפילען זאלט איהר מיר קודם המיתה ,
קודם המיתה זאלט איהר מיר טהאן שפילען ,
ביז וואנען מיינע פיס וועלען טהאן אבקיהלען !
אי אונ וועה איז מיר ניט געשעהן א. ז. וו.

טרויערט ניט , יאמערט ניט , ווייב אונ קינדערלעך !
אז איך וועל שטארבען זאל אייך געבען
השם יתברך איין עצה אלעמען באזונדערליך !
אי אונ וועה איז מיר ניט געשעהן א. ז. וו.

יע , איך האב געמיינט , אז איך וועל אייביג לעבען ,
היינט דארף איך חשבון אונ חוב אוועק געבען !
אי אונ וועה איז מיר ניט געשעהן א. ז. וו.

כוק איך זיך ארום אין אלע ווינקעלעך ,
אונ די אויגען ווערעז טינקעלער .
אי אונ וועה איז מיר ניט געשעהן א. ז. וו.

לאזט מיך איין ביסעלע שטיל שווייגען ,
טאמער וועל איך זיך פון מלאך המות אפ מיידען!
אי אונ וועה איז מיר ניט געשעהן א. ז. וו.

Haint leigt men mich mit die Fiss zum Thir,
Mi wet opnehmen Cheschb'n un Cheiw vun mir.
Oi un weih is mir nit geschehn etc.

Wie konn ich sogen dem Mal'ach-ha-Mowes „boruch habo",
As ich weiss nit, zi hob ich ain Cheilek Eilom-habo?
Oi un weih is mir nit geschehn etc.

Zait gesund, Waib un Kinderlech!
Nit scheim, as ich wel starben, wet aich Gott
Nit geben ain Eize allemen basynderlech?
Oi un weih is mir nit geschehn etc.

Chewre kadischo, thon spielen sollt ihr mir keidem ha-misso,
Keidem ha-misso sollt ihr mir thon spielen,
Bis wannen maine Fiss welen thon opkihlen!
Oi un weih is mir nit geschehn etc.

Trauert nit, jommert nit, Waib un Kinderlech!
As ich wel starben, soll aich geben
Haschem-jisborach ain Eize allemen basynderlech!
Oi un weih is mir nit geschehn etc.

Je, ich hob gemeint,—ich wel eibig leben,
Haint darf ich Cheschb'n un Cheiw awekgeben!
Oi nn weih is mir nit geschehn etc.

Kuck ich sich arum in alle Winkelech,
Un die Eigen weren bai mir tinkeler.
Oi un weih is mir nit geschehn etc.

Lost mich ain bissele still schwaigen,
Tomer wel ich sich vun Mal'ach-ha-Mowes opmaiden!
Oi un weih is mir nit geschehn etc.

מַיינֶע פְרַיינְד וֶועלֶען מִיךְ טְהָאן בּילַייטֶען .	Maine Fraind welen mich thon bileiten.
קֵיין מִצְוֹת הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעטְהָאן צוּ גְרַייטֶען .	Kein Mizwes hob ich nit gethon zugreiten.
אָי אוּנ וַועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהְן א. ז. וו.	Oi un weih is mir nit geschehn etc.
נֶעהְמְט מֶען מִיךְ צוּ פוּן אַיין לִיכְטִיגֶער שְׁטוּבּ ,	Nehmt men mich zu vun ain lichtiger Stub,
לֵייגְט מֶען מִיךְ אַריין אִין אַ פִינְסְטֶערֶער גְרוּבּ .	Leigt men mich arain in ain finsterer Grub.
אָי אוּנ וַועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהְן א. ז. וו.	Oi un weih is mir nit geschehn etc.
סַם הַמָּוֶת הָאט מֶען מִיר גֶעטְהָאן אַיינְגֶעבֶּען ,	Ssam-ha-Mowes hot men mir gethon aingeben,
אִיךְ דַארְף זִיךְ שׁוֹין זֶעגֶענֶען מִיט מַיין אַייבִּיגֶען לֶעבֶּען !	Ich darf sich schoin segenen mit main eibigen Leben!
אָי אוּנ וַועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהְן א. ז. וו.	Oi un weih is mir nit geschehn etc.
. . . .	. . . .
פְּעֻלּוֹת הָאט מֶען מִיר גֶעטְהָאן פְּרוּפֶען .	P'ules hot men mir gethon prufen.
רוֹפְאִים הָאט מֶען מִיר גֶעטְהָאן רוּפֶען .	Rof'im hot men mir gethon rufen.
אָי אוּנ וֵועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהְן א. ז. וו.	Oi un weih is mir nit geschehn etc.
צְדָקָה זָאלְט אִיהר טְהָאן גֶעבֶּען ,	Zdoke sollt ihr thon geben,
דָאס אִיז מַיין גַאנְץ פֶערְמֶעגֶען !	Dos is main ganz Vermegen!
אָי אוּנ וַועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהְן א. ז. וו.	Oi un weih is mir nit geschehn etc.
קַדִּישׁ זָאלְט אִיהר נָאךְ מִיר טְהָאן זָאגֶען ,	Kadisch sollt ihr noch mir sogen,
דָאס אִיז גָאר מַיין גַאנְץ פֶערְמָאגֶען .	Dos is gor main gans Vermogen.
אָי אוּנ וַועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהְן א. ז. וו.	Oi un weih is mir geschehn etc.
רוֹפְאִים זָאלְט אִיהר מִיר טְהָאן רוּפֶען ,	Rof'im sollt ihr mir thon rufen,
טָאמֶער וֶועט עֶר מִיךְ טְהָאן אָפּ רוּפֶען !	Tomer wet er mich thon oprufen!
אָי אוּנ וַועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהְן א. ז. וו.	Oi un weih is mir nit geschehn etc.
שַׁמָּשִׁים אוּנ תַּכְרִיכִים וֶועלֶען מִיךְ טְהָאן בֶּענַייעֶן ,	Schamossim un Tachrichim welen mich thon benaien,
«צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת» וֶועלֶען זַיי טְהָאן שְׁרַייעֶן .	„Zdoko tazil mi-Mowes“ welen sei thon schraien.
אָי אוּנ וַועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהְן א. ז. וו.	Oi un weih is mir nit geschehn etc.
תַּכְרִיכִים זָאלְט אִיהר מִיר טְהָאן גֶעבֶּען ,	Tachrichim sollt ihr mir thon geben,
וַוייל דָאס אִיז מִיר מַיין אַייבִּיגֶער לֶעבֶּען !	Wail dos is mir main eibiger Leben!
אָי אוּנ וַועה אִיז מִיר נִיט גֶעשֶׁעהְן ,	Oi un weih is mir nit geschehn,
וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִיט אַרוּם גֶעזֶעהְן ;	Wos ich hob sich nit arum gesehn;
וָואלְט אִיךְ אוֹיף אַזַא סוֹף גֶעטְרַאכְט ;	Wollt ich auf asa Ssof getracht,
וָואלְט אִיךְ מַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען אַזוֹי נִיט פֶערְבְּרַאכְט !	Wollt ich maine junge Johren asei nit verbracht!

М. Шалытъ (Орша, Могилевск. губ.).

№ 351.

עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ
בְּאוֹנֶס וּבְרָצוֹן .
פְּרָאסְטִי מְנֶיע , גָאסְפָּאדִי, פָּאמִילוּי,
טְשְׁטָא יַא סָאגְרֶעשִׁיל טֶעבְּיֶע
סְ'נוּזְדָאי אִי בֶּעז נוּזְדָאי !

Al Chet schechotonu l'fonecho
B'eíness u-w'Rozein.
Prosti mnje, Gospodi, pomilui,
Tschto ja ssogreschil Tebje
S' nuždoi i bes nuždoi!

עֶנְטְפֶערְט מֶען אִיהְם פוּן אוֹיבֶּען ,
עֶנְטְפֶערְט מֶען אִיהם פוּן אוֹיבֶּען —
דוּרַאק — דוּרַאק !
קַאק טֶעבְּיֶע נְיֶע סְטִידְנָא ,
קַאק טֶעבְּיֶע נְיֶע סְטְרַאמְנָא
סָאגְרֶעשִׁיט —
בֶּעז נוּזְדָאי !

Entfert men ihm vun eiben,
Enfert men ihm vun eiben—
Durak—durak!
Kak tebje nje stydno,
Kak tebje ue stramno
Ssogreschitj—
Bes nuždoi!

עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ
בְּיוֹדְעִים וּבְלֹא יוֹדְעִים .
פְּרָאסְטִי מְנֶיע , גָאסְפָּאדִי, פָּאמִילוּי,
טְשְׁטָא יַא סָאגְרֶעשִׁיל טֶעבְּיֶע
סְ'סָאזְנַאנְיֶעם אִי בֶּעז סָאזְנַאנְיֶעם !

Al Chet schechotonu l'fonecho
B' jeid'im u-blei jeid'im.
Prosti mnje, Gospodi, pomilui,
Tschto ja ssogreschil Tebje
S' sosnanjem i bes sosnanjem!

עֶנְטְפֶערְט מֶען אִיהם פוּן אוֹיבֶּען ,
עֶנְטְפֶערְט מֶען אִיהם פוּן אוֹיבֶּען —
דוּרַאק — דוּרַאק !
קַאק טֶעבְּיֶע נְיֶע סְטִידְנָא ,
קַאק טֶעבְּיֶע נְיֶע סְטְרַאמְנָא
סָאגְרֶעשִׁיט —
בֶּעז סָאזְנַאנְיֶעם !

Entfert men ihm vun eiben,
Entfert men ihm vun eiben—
Durak—durak!
Kak tebje nje stydno,
Kak tebje nje stramno
Ssogreschitj—
Bes sosnanjem!

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 352.

סְטַארִי אַבְרַם , סִיוִוי אַבְרַם ,
טְשְׁטָא טִי זַאזְשוּרִילְסְיַא ?
—וְויָאל סִינַא דָא עֲקֵדָה ,
דַארְמָא פָּאטְרוּדִילְסְיַא !

Stary Abram, siwy Abram,
Tschto ty sažurilsja?
—Wjol ssyna do Akeido,
Darmo potrudilsja!

אִיזַאק , אִיזַאק, נַאשׁ אָטְיֶעץ ,
בִּיל סְווְיַאזַאן , קַאק בַּארַאנְיֶעץ ;
סְטַאלִי אַנְגֶעלִי פְּלַאקַאטִיט ,
וֶועלְיֶעל בָּאג אָטְפּוּסְטִיט .

Isak, Isak, nasch otjez,
Byl swjasan, kak baranjez;
Stali angely plakatitj,
Weljel Bog otpustitj.

יַעֲקֹב , יַעֲקֹב , בַּאטְיָקָא נַאשׁ ,
טְשֶׁעטִירְנַאדְצַאט גָאדָאוו אָוְויֶעץ פַּאס ,
טְשֶׁעטִירְנַאדְצַאט גָאדָאוו אָוְויֶעץ פַּאס ;
סְיֶעם זַא רָחֵל , סְיֶעם זַא נַאס .

Jakob, Jakob, batjko nasch,
Tschetyrnadzatj godow owjez pas,
Tschetyrnadzatj godow owjez pas,
Ssjem sa Rochel, ssjem sa nas.

מָאוּשַׁא , מָאוּשַׁא , רַבִּין נַאשׁ ,	Mowscha, Mowscha, Rabin nasch,
רָאדִילְסְיַא וְו׳ סְטְשַׁאסְטְלִיוְוי טְשַׁאס ,	Rodilsja w' stschastliwy tschas,
רָאדִילְסְיַא וְו׳ סְטְשַׁאסְטְלִיוְוי טְשַׁאס —	Rodilsja w' stschastliwy tschas—
אִיז יֶעגִיפְּטַא וְוִיוְויַאל נַאס .	Is Jegipta wywjol nas.
אַרָאן , אַרָאן , קַאפְּלַאנָאק ,	Aron, Aron, kaplanok,
בִּיל אוּבְּרַאנְנִי קַאק פַּאנָאק ;	Byl ubranny kak panok;
קַאסְטְרְיוּלִי אִי קַאדְזִילַא וְו׳ רוּקַאךְ טְרֶעמַאל	Kastrjuli i kadsila w' rukach tremal
אִי סְמֶערְט זַאדְיֶערְזַשַׁאל .	I smertj sadjerżal.
עֵשָׂו , עֵשָׂו , דְיַאדְיקַא נַאשׁ ,	Eissow, Eissow, djadjka nasch,
קָארְטְשְׁמִי נְיֶע מִינַאיֶעט ,	Kortschmy nje minajet,
פְּיָאט , וָאדְקוּ נַאפְּרָאפַּאל	Pjot wodku napropal
אִי שְׁטַאנִי זַאקְלַאדַאיֶעט .	I schtany sakladajet.

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск губ.).
А. Рейзинъ (Минск. губ.).

№ 353.

—קְרַאסְנַא דְיֶעוָואטְשְׁקַא ,	—Krasna djewotschka,
אַ חְטָא טִי ?	A chto ty?
טְשִׁי פָּאִידְיָאשׁ סְ׳ רַאבִּינֶעם	Tschi poidjosch s' rabinem
טַאנְצָאוַאט ?	Tanzowatj?
—טְשְׁטָא ווִי מְנְיֶע סְפְּרַאשִׁיוַאִיטִי ,	—Tschto wy mnje spraschiwaiti,
אַ חְטָא יַא !	A chto ja!
פַּאִידְיָאט רַאבִּין ,	Poidjot rabin,
פָּאִידוּ יַא !	Poidu ja!
—פְּיֶענְקְנֶע דְזֶעוְוצִינֶע ,	—Pjenkne dsjewzina,
אַי חְטָא טִי ?	Ai chto ty?
צִי פָּאִידְזֶשֶׁעס זְ׳ רַאבִּינֶעם	Zi poidses s' rabinem
טַאנְצָאוַאץ ?	Tanzowaz?
—טְשֶׁעגָא ווִי מְנְיֶע , פִּיטַאצְיֶע ,	—Tschego wy mnje pytazje,
חְטָא יַא , יַא !	Chto ja, ja!
פּוּידְזֶשֶׁע רַאבִּין ,	Piudze rabin,
פּוּידֶע אִי יַא !	Puide i ja!
—גְרַאזֶע מַארְגַייטֶע , [1]	—Grase margaite, [1]
קַאס טוּ טוּ ?	Kas tu tu?
אַר טוּ סוּ רַאבִּינֶע	Ar tu su rabine
שַׁאקְסֶע , שַׁאקְסֶע ?	Schakse, schakse?
—קַא טוּ מַאנֶע קְלָאִישֶׁע ,	—Ka tu mane kloische,
קַאס אַס אַס !	Kas as as!
אוּישֶׁע רַאבִּינֶע ,	Uische rabine,
אוּישׁ אַס !	Uisch as!

[1] По литовски.

—שיינינק'ע מיידעלע,	—Scheininke Meidele,
ווער בינסטו אליין ?	Wer binstu allein?
צי וועסטו מיט'ן רבין ,	Zi westu mit'n Reben,
טאנצען געהן ?	Tanzen geihn?
—וואס האט איהר מיר צו פרעגען ,	—Wos hot ihr mir zu frägen,
ווער איך בין אליין !	Wer ich bin allein!
אז דער רבי וועט געהן ,	As der Rebe wet geihn,
וועל איך אך געהן !	Wel ich ech geihn!
—מארגייטע גראזע, 1)	—Margaite grase, [1])
קא נא טו ?	Ka no tu?
נע איישע ס' ראבינע	Ne eische s' rabine
טאנצאוואטו ?	Tanzowotu?
—קאטו מאנע קלוישע ,	—Katu mane kluische,
קא נו אס ?	Ka nu as?
קאד ראבנע אוישע ,	Kad rabine uische,
אוישע אס !	Uischu as!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 354.

אליה דער שיינקער	Elje der Scheinker
האט אנגעטהאן זיין חאלאט , —	Hot ongethon sain Chalat,—
אזוי האט מען איהם אנגעזאגט :	Asei hot men ihm ongesogt:
זיין טאכטער האט זיך געשמד'ט.	Sain Tochter hot sich geschmadt.
—צירעלע, פייגעלע,	—Zirele, Veigele,
קום-זשע צו מיר , —	Kumm-że zu mir,—
איך וועל דיר געבען	Ich wel dir geben
קליידער אהן א שיעור !	Kleider ohn a Schier!
איך וועל דיר געבען	Ich wel dir geben
צירונג און נדן ,	Zierung un Nadan,
און צו דערצו	Un zu derzu
א שיינעם יונגען מאנן !	A scheinem jungen Mann!

1) По жмудски.

—איך דאַרף 1) ניט דײנע קלײדער ,	—Ich darf [1]) nit daine Kleider,
איך דאַרף ניט דײן נדן :	Ich darf nit dain Nadan:
איך װיל דאָך נאָר	Ich will doch nor
דעם פּריסטאַװ 2) פאַר אַ מאַנן ! 3)	Dem Pristaw [2]) far a Mann! [3])
גאָספּאָדין פּריסטאַװ , 4)	Gospodin Pristaw, [4])
טשטאָ יאַ װאָס פּראָשו , —	Tschto ja was proschu,—
װיגאָניאַיטיע יעװרעיאַ ,	Wygonjaitje Jewreja,
טיערפּיעט ניע מאָגו !	Tjerpetj nje mogu!

А. Рейзинъ (Минск. губ.)
С. И. Савельсонъ (ibid.).

№ 355.

Варіантъ:

יאַנקעלע דער גבאי	Jankele der Gabe
האָט אָנגעטהאָן דעם זײדענעם כאַלאַט , —	Hot ongethon dem saidenem Chalat,—
פייגעלע אונזער טאָכטער	Feigele unser Tochter
האָט זיך אָפּגעשמד'ט !	Hot sich opgeschmadt!
אָי װעה , אַ יאָמער , אָי װעה , אַ קלאָג , —	Oi weih, a Jommer, oi weih, a Klog,—
איך האָב אָנגעװאָרען פייגעלען	Ich hob ongeworen Feigelen
ביז הײנטיגען טאָג !	Bis haintigen Tog!
—שׂרה'לע , מײן װײב ,	—Ssorele main Waib,
אַ קלאָג צו אונזערע יאָהרען !	A Klog zu unsere Johren!
שפּאַן אײן דעם פערד	Spann ain dem Ferd
און נאָמיר אין גיכען אַרײן פאָהרען !	Un nomir in gichen arainfohren!
אָי װעה , אַ יאָמער א. ז. װ.	Oi weih, a Jommer etc.
—פייגעלע , אונזער טאָכטער ,	—Eeigele unser Tochter,
קום צו אונז אַהײם , —	Kumm zu uns aheim,—
מיר װעלען דיר געבען	Mir welen dir geben
װאָס דו װילסט אַלײן !	Wos du willst allein!
אָי װעה , אַ יאָמער א. ז. װ.	Oi weih, a Jommer etc.

Варіанты:

1) װיל — Will
2) אוריאַדניק — Urjadnik

3) Иногда за этимъ куплетомъ поется слѣдующій:

פאָטער און מוטער ,	Voter un Mutter,
שװעסטער און ברידער ,	Schwester un Brider,
גראָבט אײך אויס גריבער	Grobt aich aus Griber
און לײגט זיך אַנידער !	Un leigt sich anider!

4) אוריאַדניק — Urjadnik

מיר ווען דיר געבען	Mir welen dir geben
קליידער מיט נדן ,	Kleider mit Nadan,
מיר וועלען דיר געבען	Mir welen dir geben
א שיינעם יונגען מאן !	A scheinem jungen Mann!
אי וועה , א יאמער א. ז. וו.	Oi weih, a Jommer etc.
—ניט איך דארף	—Nit ich darf
דיינע קליידער מיט דיינע נדן ,	Daine Kleider mit daine Nadan,
איך וויל בעסער נעהמען	Ich will besser nehmen
אלכסנדר'ן פאר א מאנן !	Alexander'n far a Mann!
אי וועה , א יאמער א. ז. וו.	Oi weih, a Jommer etc.
שוועסטער אונ ברידער ,	Schwester un Brider,
זיי פאלען אלע אין די גריבער —	Sei fallen in die Griber—
זי האט ארומגענומען אלכסנדר'ן	Sie hot arumgenummen Alexander'n
אונ צלמ'ט זיך איבער .	Un zeilemt sich iber.
אי וועה , א יאמער א. ז. וו.	Oi weih, a Jommer etc.
—וואס העלפט אייער וויינען ,	—Wos helft aier Weinen,
וואס העלפט אייער קלאגען ?	Wos helft aier Klogen?
איך האב אנגעטאן דעם צלם ,	Ich hob ongethon dem Zeilom,
מוז איך עם שוין טראגען !	Mus ich ehm schoin trogen!
אי וועה , א יאמער א. ז. וו.	Oi weih, a Jommer etc.

М. З. Левинъ (Витебск. губ.).

№ 356.

הינטער פוילען וואהנט א יוד	Hinter Poilen wohnt a Jid
מיט א וואונדער-שיינע פרוי ;	Mit a wunder-scheine Frau;
איהרע האר שיין געפלאכטען ,	Ihre Hor schein geflochten,
דערצו שיין געשאכטען ;	Derzu schein geschochten;
זי טאנצט גאר איבער-וואהל ,	Sie tanzt gor iber-woihl,
זי טאנצט גאר איבער-וואהל ,	Sie tanzt gor iber-woihl.
—מוטער ליבסטע מוטער ,	—Mutter, liebste Mutter,
די קעפעלע טהוט מיר וועה ;	Die Kepele thut mir weih;
לאז מיר איין קליינע ווילע	Los mir ain kleine Waile
אפ'ן שטראס שפאצירען געהן !	Af'n Strass spazieren geihn!
—טאכטער , ליבסטע טאכטער ,	—Tochter, liebste Tochter,
אליין קענסטו ניט געהן ;	Allein kennstu nit geihn;
נעהם דיין יינגסטע שוועסטער'ל ,	Nehm dain jingste Schwester'l,
מיט איהר קענסטו געהן !	Mit ihr kennstu geihn!

—מוטער, ליבסטע מוטער,	—Mutter, liebste Mutter,
מיין שוועסטער איז א יונג קינד;	Main Schwester is a jung Kind;
זי טהוט רייסען די בלומען.	Sie thut raissen die Blumen,
וואס אפ'ן שטראסע זינד!	Wos af'n Strasse sind!
—מוטער דו ליבסטע מוטער,	Mutter du liebste Mutter,
די קעפעלע טהוט מיר וועה;	Die Kepele thut mir weih;
לאז מיר איין קליינע ווייلע	Los mir ain kleine Waile
אפ'ן שטראס שפאצירען געהן!	Af'n Strass spazieren geihn!
—טאכטער, ליבסטע טאכטער,	—Tochter, liebste Tochter,
אליין קענסטו ניט געהן;	Allein kennstu nit geihn;
נעהם דיין יינגסטען ברודער'ל,	Nehm dain jingsten Bruder'l,
מיט איהם קענסטו געהן!	Mit ihm kennstu geihn!
—מוטער, ליבסטע מוטער,	—Mutter, liebste Mutter!
מיין ברודער'ל איז א יונג קינד;	Main Bruder'l is a jung Kind;
ער טהוט רייסען די בלומען,	Er thut raissen die Blumen,
וואס דאס איז א גרויסער זינד!	Wos dos is a greisser Sind!
די מוטער לייגט זיך שלאפען,	Die Mutter leigt sich schlofen,
די טאכטער דערלאנגט א שפרונג;	Die Tochter derlangt a Sprung;
זי שפרינגט איבער אייזערנע גראטען,	Sie springt iber aiserne Graten,
דער שרייבער טהוט אויף איהר ווארטען.	Der Schraiber thut auf ihr warten.
זי שפרינגט צום שרייבער צו,	Sie springt zum Schraiber zu,
זי שפרינגט צום שרייבער צו:	Sie springt zum Schraiber zu:
—שרייבער דו ליבסטער	—Schraiber du liebster,
שרייבער דו מיין,	Schraiber du main,
ווי קען דאס מיגליך זיין?	Wie kenn dos miglich sain?
—ווען דו וועסט זיך איבערטויפען,	—Wenn du west sich ibertaufen,
מארי מאגדאלענע וועסטו הייסען	Marie Magdalene' westu heissen
אונ מיין פרוי וועסטו זיין!	Un main Frau westu sain!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск губ.).

№ 357.

—מיידעל-לעבען, קרוין-לעבען,[1]	—Meidel-Leben, Krein-Leben,[1]
איך בין געקומען א רעטעניעס פרעגען: (bis)	Ich bin gekummen a Rathenes fragen: (bis)
וואס איז העכער פאר א הויז.	Wos is hecher far a Haus,
אונ וואס איז פלינקער פאר א מויז? (bis)	Un wos is flinker far a Maus? (bis)

1) מיידעס-לעבען, הארצעס-לעבען — Meides-Leben, Harzes-Leben

—נארישער בחור, נארישער טראפ,
דו האסט ניט קיין שכל אין דיין קאפ: (bis)

דער רויך 1) איז העכער פאר א הויז,
א קאץ איז פלינקער פאר א מויז. (bis)

—מיידעל-לעבען, קרוין-לעבען,
איך בין געקומען. א רעטענעס פרעגען: (bis)

וואס איז טיפער פאר א קוואל,
און וואס איז ביטערער פאר א גאל? (bis)
—נארישער בחור, נארישער טראפ,
דו האסט ניט קיין שכל אין דיין קאפ: (bis)

די תורה איז טיפער פאר א קוואל,
דער טויט איז ביטערער פאר א גאלל. (bis)

—מיידעל-לעבען, קרוין-לעבען,
איך בין געקומען א רעטענעס פרעגען: (bis)

וואס פאר א שטוב איז אהן א טיש,
און וואס פאר א וואסער איז אהן א פיש? (bis)

—נארישער בחור, נארישער טראפ,
דו האסט ניט קיין שכל אין דיין קאפ: (bis)

די באדשטוב איז אהן א טיש,
די מקוה-וואסער איז אהן א פיש. (bis)

—מיידעל-לעבען, קרוין-לעבען,
איך בין געקומען א רעטענעס פרעגען: (bis)

וואס פאר א וואסער איז אהן זאמד,
און וואס פאר א מלך איז אהן לאנד? (bis)

—נארישער בחור, נארישער טראפ,
דו האסט ניט קיין שכל אין דיין קאפ: (bis)

די וואסער פון אויג 2) איז אהן זאמד,
דער מלך פון קארטען איז אהן א לאנד. (bis)

—Narrischer Bochur, narrischer Trop,
Du host nit kein Sseichel in dain Kop:
(bis)

Der Reich [1]) is hecher far a Haus,
A Katz is flinker far a Maus. (bis)

—Meidel-Leben, Krein-Leben,
Ich bin gekummen a Räthenes frägen:
(bis)

Wos is tiefer far a Quall,
Wos is bitterer far a Gall? (bis)
—Narrischer Bochur, narrischer Trop,
Du host nit kein Sseichel in dain Kop:
(bis)

Die Teire is tiefer far a Quall,
Der Teit is bitterer far a Gall. (bis)

—Meidel-Leben, Krein Leben,
Ich bin gekummen a Rathenes frägen:
(bis)

Wos far a Stub is ohn a Tisch,
Un wos far a Wasser is ohn a Fisch?
(bis)

—Narrischer Bochur, narrischer Trop,
Du host nit kein Sseichel in dain Kop:
(bis)

Die Bod-stub is ohn a Tisch,
Die Mikwe-wasser is ohn a Fisch. (bis)

—Meidel-Leben, Krein-Leben,
Ich bin gekummen a Rathenes frägen:
(bis)

Wos far a Wasser is ohn Samd,
Un wos far a Meilech is ohn Land?
(bis)

—Narrischer Bochur, narrischer Trop,
Du host nit kein Sseichel in dain Kop:
(bis)

Die Wasser vun Eig [2]) is ohn Samd,
Der Meilech vun Korten is ohn a Land.
(bis)

---

1) קוימען — Keimen
2) טרערען-וואסער — Thrären-Wasser

—מיידעל-לעבען , קרוין-לעבען , איך בין געקומען א רעטענעס פרעגען : (bis)	—Meidel-Leben, Krein-Leben, Ich bin gekummen a Rathenes frägen: (bis)
וואסער מילנער איז אהן א מיהל , אונ וואסער לעפעל איז אהן א שטיל ? (bis) —נאררישער בחור , נאררישער טראפ , דו האסט ניט קיין שכל אין דיין קאפ : (bis)	Wos'er Milner is ohn a Mihl, Un wos'er Leffel is ohn a Stiel? (bis) —Narrischer Bochur, narrischer Trop, Du host nit kein Sseichel in dain Kop: (bis)
אן-אבגעברענטער מילנער איז אהן א מיהל , אן-אבגעבראכענע לעפעל איז אהן א שטיל . (bis)	A-n-obgebrennter Milner is ohn a Mihl, A-n-obgebrochene Leffel is ohn a Stiel. (bis)
—מיידעל-לעבען , קרוין-לעבען , איך בין געקומען א רעטענעס פרעגען : (bis)	—Meidel Leben, Krein Leben, Ich bin gekummen a Rathenes frägen: (bis)
וואס פאר א מלמד איז אהן קינדער , וואס פאר א קצב איז אהן רינדער ? (bis) —נאררישער בחור , נאררישער טראפ , דו האסט ניט קיין שכל אין דיין קאפ: (bis)	Wos far a Melamed is ohn Kinder, Wos far a Kazew is ohn Rinder? (bis) —Narrischer Bochur, narrischer Trop, Du host nit kein Sseichel in dain Kop: (bis)
א בלינדער מלמד איז אהן קינדער , אן-ארעמער קצב איז אהן רינדער . (bis)	A blinder Melamed is ohn Kinder, A-n-oremer Kazew is ohn Rinder. (bis)
—מיידעל-לעבען , קרוין-לעבען , איך בין געקומען א רעטענעס פרעגען: (bis)	—Meidel-Leben, Krein-Leben, Ich bin gekummen a Räthenes frägen: (bis)
וועלכער בעל-דרש'ר איז אהן תורה , וועלכער קרעמער איז אהן סחורה ? (bis)	Welcher Baal-darscher is ohn Teire, Welcher Krämer is ohn S'cheire? (bis)
—נאררישער בחור , נאררישער טראפ , דו האסט ניט קיין שכל אין דיין קאפ : (bis) א בלינדער בעל-דרש'ר איז אהן תורה , אן-ארעמער קרעמער איז אהן סחורה . (bis)	—Narrischer Bochnr, narrischer Trop, Du host nit kein Sseichel in dain Kop: A blinder Baal-darscher is ohn Teire, A-n-oremer Krämer is ohn S'cheire. (bis)

Д. Г. Гальпернъ (Туккумъ, Курляндск. губ.).
Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).
А. Рейзинъ (Минск губ.)

№ 358.

«איינס», דאס איז די שווערענעס פון ביטערן טויט.
«צוויי» קלעפ אין שול — די גזרה איז פארפול.
«דריי» ביטערע טראפען ביי מענטשען צו קאפען.
«פיער» וואכען — נאך א מענטשען שלשים.
«פינף» קלאגער, וואס באקלאגען א מענטשען.
«זעקס» ברעטער טהוט'ן א מענטשען לייגען.
«זיבען» טעג שבעה טהוט'ן נאך א מענטש'ן זיצען,
«אכט»-ערליי קליידער טהוט'ן א מענטשען אנטאהן.
«נייען» טפחים טהוט'ן א קבר גראבען.
«צעהן» מענטשען האבען א שורה געטהאן לייגען.
«עלף» חדשים טהוט'ן קדיש זאגען.
«צוועלף» חדשים ארום טהוט מען יאהר צייט האבען.

„Eins“, dos is die Schwerenes vun bittern Teit.
„Zwei“ Kläp in Schul — die Gseire is varvull.
„Drai“ bittere Tropen bai Mentschen zu-Kopen.
„Vier“ Wochen-noch a Mentschen Schleischim.
„Finf“ Kloger, wos baklogen a Mentschen.
„Sechs“ Bretter thut'n a Mentschen leigen.
„Sieben“ Täg Schiw'e thut'n noch a Mentschen sitzen.
„Acht“-erlei Kleider thut'n a Mentschen onthon.
„Naien“ Tfochim thut'n a Keiwer groben.
„Zehn“ Mentschen hoben a Schure gethon leigen.
„Elf“ Chadoschim thut'n Kadisch sogen.
„Zwelf“ Chadoschim arum thut men Johr-zait hoben.

М. З. Левинъ (Новоалександровскъ, Ковенск губ.).

№ 359.

ס' אמאל געפאהרען א הארר מיט א קנעכט,
האט ער ניט ג'וואוסט, וואו לינקם און וואו רעכט.
. . . .
. . . .
איז ער אליין אפ'ן טייטל-בוים געקראכען,
האט ער זיך די הענט מיט די פיס צובראכען.
—אך, מיין קנעכט, איך גיב דיר מיין פערד,
דו ווייסט דאך — מיין פערד איז אלע געלט ווערט!
—אך, מיין הארר, איך בין ניט צופרידען,
איך פאהר אוועק און דיר לאז איך ליגען!

's amol gefohren a Harr mit a Knecht,
Hot er nit g'wusst, wu links nn wu recht.
. . . .
. . . .
Is er allein af'n Teitlbeim gekrochen,
Hot er sich die Händ mit die Fiss zubrochen.
—Ach, main Knecht, ich gib dir main Ferd,
Du weisst doch—main Ferd is alle Geld wert!
—Ach, main Harr, ich bin nit zufrieden,
Ich fohr awek un dir los ich liegen!

—אך, מיין קנעכט, איך גיב דיר מיין וואגען,	—Ach, main Knecht, ich gib dir main Wogen,
ווייסט דאך — מיין וואגען איז מיט גאלד און זילבער באשלאגען!	Weisst doch—main Wogen is mit Gold un Silber baschlogen!
—אך, מיין הארר, איך בין ניט צופרידען,	—Ach, Main Harr, ich bin nit zufrieden,
איך פאהר אוועק און דיר לאז איך ליגען!	Ich fohr awek un dir los ich liegen!
—אך, מיין קנעכט איך גיב דיר מיין קינד,	—Ach, main Knecht, ich gib dir main Kind,
ווייסטאך — מיין קינד איז מיין גאנצע געזינט!	Weisst doch—main Kind is main ganz Gesind!
—אך, מיין הארר, איך בין ניט צופרידען,	—Ach, main Harr, ich bin nit zufrieden,
איך פאהר אוועק און דיר לאז איך ליגען!	Ich fohr awek un dir los ich liegen!
—אך, מיין קנעכט. איך גיב דיר מיין ווייב,	—Ach, main Knecht, ich gib dir main Waib,
ווייסט דאך — מיין ווייב איז א ריפּ פון מיין לייב!	Weisst doch—main Waib is a Ripp vun main Laib!
—אך, מיין הארר, איך בין ניט צופרידען,	—Ach, main Harr, ich bin nit zufrieden,
איך פאהר אוועק און דיר לאז איך ליגען!	Ich fohr awek un dir los ich liegen!
—אך, מיין גאט, צי אי'דאס אזוי רעכט,	—Ach main Gott, zi i' dos asei recht,
אז פון א הארר זאל ווערען א קנעכט?	As vun a Harr soll weren a Knecht?

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 360. *)

דאמען מיט העררען,	Damen mit Herren,
אברָאך צו אייך!	A Broch zu aich!
וואס געהט איהר ניט גיכער,	Wos geiht ihr nit gicher,
וואס אי' דא מיט אייך?	Wos i' do mit aich?
—האט ניט קיין פאראיבעל,	—Hot nit kein varibel,
וואס מיר געהען ניט גיך:	Wos mir geihen nit gich:
מיר געהען דאך נעבאך	Mir geihen doch nebach
אין צוריסענע שיך!	In zurissene Schich!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

*) На мотивъ 1-й фигуры lancier.

№ 361.*)

שיין בין איך, אונ דו ליבּסט מיר ניט,
אלט בּינסטו, אונ דו הייראטסט ניט.
איין מאל אהין אונ איין מאל אהער,
מיט דיר צו טאנצען איז מיר ניט שווער!

Schein bin ich, un du liebst mir nit
Alt binstu, un du heirathst nit.
Ein mol ahin un ein mol aher,
Mit dir zu tanzen is mir nit schwer!

שיין בין איך, אונ דו ליבּסט מיר ניט,
קלוג בּינסטו אונ פארשטעהסט מיר ניט.
איין מאל אהין אונ איין מאל אהער,
מיט דיר צוטאנצען איז מיר ניט שווער.

Schein bin ich, un du liebst mir nit,
Klug binstu un varsteihst mir nit.
Ein mol ahin un ein mol aher,
Mit dir zu tanzen is mir nit schwer!

מעדכען, פלעכט א קראנצען-רויט,
מארגען בּינסטו מיינע בּרויט.
איין מאל אהין אונ איין מאל אהער,
מיט דיר צו טאנצען איז מיר ניט שווער!

Mädchen, flecht a Kranzen roith
Morgen binstu maine Braut.
Ein mol ahin un ein mol aher,
Mit dir zu tanzen is mir nit schwer!

קיין קראנצען-רויט פלעכט איך ניט,
איך בּין יונג אונ הייראט ניט.
איין מאל אהין אונ איין מאל אהער,
מיט דיר צו טאנצען איז מיר ניט
שווער!

Kein Kranzen roith flecht ich nit,
Ich bin jung un heirath nit.
Ein mol ahin un ein mol aher,
Mit dir zu tanzen is mir nit schwer!

דו בּינסט יונג אונ הייראטסט ניט,
איך בּין שטאלץ אונ נעהם דיך ניט.
איין מאל אהין אונ איין מאל אהער,
מיט דיר צו טאנצען איז מיר ניט
שווער!

Du binst jung un heirathst nit,
Ich bin stolz un nehm dich nit.
Ein mol ahin un ein mol aher,
Mit dir zu tanzen is mir nit schwer!

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 362.

. . . .
. . . .
. . . .
—מיר וועלען בּעקומען
א שיינע נגינה,
א שיינע נגינה
וועלען מיר בּעקומען —
יקום פּורקן!
—שמעיה מיט די בּריללען,
—חנא וחסדא!
—א רוח אין דיין בּאבּען אריין!
—בּערקע איז דא?
—דא, דא! —
—שמערקע איז דא?
—דא! דא!

. . . .
. . . .
. . . .
—Mir welen bekummen
A scheine Ngine,
A scheine Ngine
Welen mir bekummen—
Jkum Purkon!
—Schmaje mit die Brillen,
—Chino w' chisdo!
—A rych in dain Boben arain!
—Berke is do?
—Do, do!
—Schmerke is do?
—Do, do!

*) на мотивъ польки.

—אָי זְשֶׁע בֶּערְל ,	—Oi że Ber'l,
נָאךְ אַ מָאל זְשֶׁע שְׁמֶערְל ,	Noch a mol że Schmer'l,
בֶּערְל , שְׁמֶערְל ,	Ber'l, Schmer'l,
חַיִים , טוֹדְרוֹס !	Chajim, Todres!
—נֶעהְם דִי קִינְדֶערְלַאךְ צוּ !	—Nehm die Kinderlach zu!
צוּ , צוּ„ צוּ !	Zu, zu, zu!
—צוּרַייס דִי קִסֶעלַאךְ	—Zurais die Kisselach
אִין טויזֶענְד שְׁטִיקֶעלַאךְ !	In tausend Stickelach!
—בֶּערְקֶע אִיז דָא א. ז. ו.	—Berke is do etc.
—וִוי הֵייסְט דִי בָּאבֶּע ?	—Wie heisst die Bobe?
—יָאפִּים !	—Jopis!
—אָי זְשֶׁע יָאפִּים ,	—Oi że Jopis,
נָאךְ אַמָאל זְשֶׁע טָאפִּים ,	Noch a mol że Topis,
יָאפִּים , טָאפִּים ,	Jopis, Topis,
חָאפִּים , לָאפִּים !	Chopis, Lopis!
—וְנֹאמַר אָמֵן !	—W'neimar omein!

Д. Г. Гальпернъ (Газенпотъ, Курляндск. губ).

№ 363. *)

אַף בְּרִי —	Af Bri—
אויף מָארְגֶען נָאךְ יוֹם טוֹב	Auf Morgen noch Jom-tew
גְלַייךְ אִין דֶער פְרִיה	Glaich in der-frih
אַפְ'ן מַארְק מוּז מֶען לויפֶען ,	Af'n Mark mus men leifen,
בּוּלְוֶועס מוּז מֶען קויפֶען , —	Bulwes mus men keifen,—
אוּנ קֵיין גֶעלְד אִיז אַלְץ נִיטָא !	Un kein Geld is allz nito!
אַתַּת —	Utas—
אִין שְׁטוּבּ אִיז קַאלְט ,	In Stub is kalt,
וִוי אַפְ'ן גַאס ,	Wie af'n Gass
דִי שויבֶּען אִיז אויסְגֶעבְּרָאכֶען	Die Schoiben is ausgebrochen
אוּנ סְ'אִי נִיטָא וָואס צוּ קָאכֶען ,	Un 's i' nito wos zu kochen,—
אוּנ קֵיין גֶעלְד אִיז אַלְץ נִיטָא !	Un kein Geld is allz nito!
דֶעם מְלַמֵד קוּמְט נָאךְ פוּן יֶענֶעם זְמַן ,	Dem Melamed kummt noch vun jenem Sman,
אוּנ דִי מֵיידֶעל הָאט נִיט אַ קָאפֵּיקֶע נַדָן ,	Un die Meidel hot nit a Kopike Nadan,
אוּנ דֶער בָּחוּר	Un der Bochur
גֵעהְט מִיט אַ צוּרִיסֶענֶעם	Geiht mit a zurissenem. . . .
אוּנ קֵיין גֶעלְט אִיז אַלְץ נִיטָא !	Un kein Geld is allz nito!

Б. М. Кассель и А. Д. Пивъ (Ковенск. губ.).

*) На мотивъ תפלת גשם

№ 364.

הַמּוֹצִיא מֵחֲבֵרוֹ	Hameizi meichaweirei
עָלָיו הָרְאָיָה, —	Olow ho-Raje,—
אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילֶען	Ich wel aich derzeilen
אַ מַעֲשֶׂה אַ נַייעֶ.	A Maisse a naie.
דִי מַעֲשֶׂה הָאט גֶעטְרָאפֶען	Die Maisse hot getroffen
אוּם הוֹשַׁעְנָא רַבָּה,	Um Heischaino-rabe,
עֶס אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָארֶען אַ בֶּעקֶעלֶע	Es is geboren geworen a Beckele
בַּיין חֲסִידִישֶׁען גַבָּאי.	Bai'n chsidischen Gabe.
דִי חֲסִידִים פַאר'ן עֶק,	Die Chsidim far'n Eck,
דֶער רֶבִּי פַאר'ן הָאר'ן, —	Der Rebe far'n Horn,—
דֶער בֶּעקֶעלֶע הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶערִיסֶען	Der Beckele hot sich arausgerissen
אוּן אַנְטְלָאפֶען גֶעוָארֶען.	Un antlofen geworen.
אוֹיף מָארְגֶען אִין דֶער פְּרִיה	Auf Morgen in der-frih
קוּמְט אַן-עַם-הָאָרֶץ	Kummt a-n-Am-hoorez
אוּן זָאגְט: דֶער בֶּעקֶעלֶע	Un sogt: Der Beckele
אִיז בַּיי'ן פָּרִיץ.	Is bai'n Porez.
דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְהָאן דֶעם בֶּעקֶעלֶע	Der Rebe hot gethon dem Beckele
בֶּעטֶען אוּן גְלֶעטֶען,	Beten un glätten,
דֶער בֶּעקֶעלֶע הָאט גֶעשְׁוָוארֶען—	Der Beckele hot geschworen—
עֶר וֶועט פוּן אָרְט נִיט אָפְּטְרֶעטֶען.	Er wet vun Ort nit optreten.
. . . .	. . . .
. . . .	. . . .

Б. М. Кассель и А. Д. Пикъ (Ковенск. губ.).

№ 365.

אַ גֶעשְׁרַיי, אַיין גֶעפִּילְדֶער,	A Geschrei, ain Gepilder,
אַיין קוֹל אַיין ווִילְדֶער	Ain Kol ain wilder
אִין שְׁטוּב פְרַייטִיג פַארְטָאג.	In Stub Fraitig var-Tog.
דִי ווַייבֶּער, דִי אֲרוּרוֹת,	Die Waiber die Arures,
מִיט פֶערְקְרִימְטֶע צוּרוֹת, —	Mit verkrimmte Zures,—
וֶוער מִיט גֶעווַיין,	Wer mit Gewein,
וֶוער מִיט קְלָאג.	Wer mit Klog.
זִיבֶּען שְׁכֵנִים, אַלֶע אִין אֵיינֶעם,	Sieben Sch'cheinim, alle in einem,
שְׁרַייעֶן קוֹלוֹת אַלֶע:	Schraien Keiles alle:
אֵיינֶע, אַ פַארְסָאפֶּעטֶע,	Eine, a varssopete,
קְלַאפְּט מִיט דֶער לָאפֶּעטֶע;	Klappt mit der Lopete:
גְוואַלְד עֶס בְּרֶענְט דִי חַלָּה!	Gwald, es brennt die Chale!

דִי מֶענֶער , זֵיי לִיגֶען שְׁטִיל;	Die Männer, sei liegen still;
אִין שְׁטוּבּ שְׁטוּרֶעמְט ,	In Stub sturemt,
ווִי אִין אַיין מִיהְל.	Wie in ain Mihl.
